STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06569

# SOTSYALE OBERGLOYBERAY UN KRITIK

Abba Gordin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבא גאָרדין

# סאָציאַלע אבערגלויבעריי און קריטיק

ארויסגעגעבן פון דער
יידיש-עטישער געזעלשאַפט
ניו-יאָרק, 1941

Copyright 1941
by
ABBA GORDIN
313 East 13th Street
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st Street
New York, N. Y.
255

# אנשטאָט אַ פאָררעדע

אָט־דאָס בוך איז איין טייל, היפּש איבערגעאַרבעט, פון א צוויי־בענדיקן ווערק וואָס איז פארפאַסט געוואָרן פון מיר אין רוסיש אין די יאָרן 1920־1918 און איז דערשינען אין 1922 אין מאָסקווע אונטערן נאָמען „אינטער־אינדיווידואַליזם”. דאָס בוך איז אויפגעזעצט און גע־דרוקט געוואָרן אין אַ טיפּאָגראַפיע, וואָס האָט געטראָגן דעם „הייליקן” נאָמען פון פעליקס דזשערדזשינסקי, דעם הויפּט פון טשעקא.

דער לייענער וועט, זיכער, פרעגן: ווי אזוי האָט א ווערק, וואָס איז אזוי אפּיקורסיש, ד. ה. אַנטי־מאַרקסיסטיש, געקענט דערשיינען אין ראַטנפאַרבאַנד?

דער ענטפער איז, אז די זאַך איז מיר ניט אָנגעקומען לייכט. דער צענזאָר האָט זיך קאַטעגאָריש אנטזאגט דורכצולאָזן מיין ווערק. איך האָב זיך געווענדט פערזענלעך צום צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פארטיי. דער גענעראַל־סעקרעטאר איז דעמאָלט געווען פּרעאָבראַזשענסקי, דער שותּף־מחבר, מיט בוכאַרינען, פון דעם „אלף־בית פון קאָמוניזם”. ער האָט מיר געגעבן א ספּעציעלע רעזאָלוציע פון צענטראַל־קאָמיטעט און מיט אָט־דעם הכשר איז מיין ווערק דערשינען.

**אבא גאָרדין**

# אינהאַלט־פאַרצייכעניש


## א. סאָציאַל־נאַאיוויזם ...... 9—165

### I מעטאַ־סאָציאָלאָגיע אָדער סאָציאַל־מעטאַפיזיק ...... 9—88

1. דער נעבעכדיקער מצב פון סאָציאָלאָגיע ...... 9—11
2. מאַרקסיזם און „אוטאָפּיע" ...... 11—17
3. ליבעראַליזם ...... 18—20
4. נאַטור־רעכט ...... 20—22
5. ראַציאָנאַליסטיק ...... 22—24
6. פון פרייהייט, אַ פאַנאַציייע, צו פרייהייט — פאַנדאָרע קעסטל ...... 24—26
7. מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף ...... 26—29
8. פאַרלאַנגבארקייט און ווירקלעכקייט ...... 29—30
9. קאָמוניזם אלס נאָכמאַכער ...... 30—33
10. די אילוזיעס פון איינפאכקייט ...... 33—36
11. יורידישע קאַטעגאָריעס ...... 36—42
12. בייזע כוונות ...... 42—43
13. היסטאָרישער המשך ...... 43—45
14. קלאַס און 'קלאַס' ...... 45—50
15. סאָציאַלער פסעוודאָ־מעסיאַניזם ...... 50—56
16. קאַטאַסטראָפעס אלס רפואות ...... 56—60
17. סטאַטיק און דינאַמיק ...... 60—66
18. קלאַסן־נאָכפאָלג ...... 66—70
19. קלאַסן־צענטריזם ...... 70—77
20. שקלאַפעריי ...... 78—82
21. לייב־אייגנטום ...... 83—86
22. געדונגענשאפט ...... 86—88

### II. פיזישע און סאָציאַלע נאַטור ...... 89—111
### III. אַקאָרדן און דיסקאָרדן ...... 112—131
### IV. פראָגרעס און רעגרעס ...... 132—157
### V. סאָציאַלער סקעפּטיציזם ...... 158—165

## ב. סאָציאַל־קריטיציזם ...... 167—285

איינלייטונג: טעאָריע פון סאָציאַל־דערקענטעניש ...... 169—171

### I. קריטיציזם אין סאָציאָלאָגיע ...... 172—180
### II. קריטיציזם אדער ניהיליזם ...... 181—187
### III. רעאַל און אידעאַל ...... 188—194
### IV. נאַאיווער רעאַליזם ...... 195—210

V. קלאַסן־קאַמף, אויפשטאנדן און רעוואָלוציע ......... 211—230
VI. קריסטנטום און ניטצשע ........................ 231—240
VII. אַריסטאָקראַטיע—דעמאָקראַטיע ................. 241—249
VIII. גלייכהייט .............................. 250—285

1. אריינפירנדיקע אָנמערקונגען ........................ 250—254
2. גלייכהייט און פאַראַלגעמיינערונג ..................... 254—256
3. גלייכהייט און טעכניק .......................... 257—260
4. גלייכהייט און נאַטור .......................... 260—264
5. גלייכהייט אין סאָציאָלאָגיע ........................ 264—267
6. גלייכהייט־אידעאל און אומגלייכהייט־רעאַל ............... 268—271
7. פריידיקער פון גלייכהייט — איינפירער פון אומגלייכהייט .... 271—273
8. אילוזיעס פון גלייכהייט ........................ 273—285

מראה־מקומות ............................... 288—304

## א

# סאָציאַל=נאאיוויזם

# I

# מעטא־סאָציאָלאָגיע
## אָדער
# סאָציאַל־מעטאַפיזיק

## 1

## דער נעבאכדיקער מצב פון סאָציאָלאָגיע

אויגוסט קאָנט שרייבט:

„יעדע איינע פון אונדזערע אָנפירנדיקע קאָנצעפּציעס... גייט אָדורך אין־נאָכפאָלג דריי פאַרשיידענע טעאָרעטישע באַדינגונגען: די טעאָלאָ־גישע, אָדער פיקטיווע; די מעטאַפיזישע, אָדער אַבסטראַקטע; און די וויסנשאַפטלעכע, אָדער פּאָזיטיווע.״ (1)

ווען מיר געגעזן פון אונדזער קינדערשער ׳נאַאיוויטעט׳, וועלכע הייסט מיטאָלאָגיע, ווערן מיר ניט גלייך אינגאַנצן פריש און געזונט. אונדזער דערהאָלונג קומט פאַר שטופנווייז, טריט ביי טריט. ווען מיר שיידן זיך מיט אונדזערע מענטאַלע וויקעלעך, וואַקסן ארויס פון אונדזער קינ־דערשן שכל, קומען מיר צו אונדזער אינגלשאַפט, דערנאָך בחור׳שאַפט. אונדזער פאַרשטאַנד־דערוואַקסנקייט, געשטעלטקייט פון אורטיילקראַפט און דורכדרינגענדיק־קריטישע באַציאונג צו דער אומגעבונג, וועלכע קומען, געוויינטלעך, מיט דעם מיטעלן עלטער, ווינקען צו אונדז פון דערווייטנס איבער אַ מרחק פון אַ היפּשער צאָל יאָרן, וואָס דאַרפן נאָך ערשט קומען.

אויף דעם שליאַך פון די „ויסער״׳ס, וועלכע פירן אונדז פון אויס־גאַנגפּונקט, פון דער געבענטשט־אומשולדיקער מיטאָלאָגיע, צום אָנקום־פּלאַץ, די וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג פון אונדזער סביבה, האָבן מיר עטלעכע „ויחנו״׳ס. מיר שטעלן זיך אָפּ. מיר רוען זיך אָפּ פון דער נסיעה. מיר לעגן אונטער דאָס האַרץ, באַנייען די צעפּאַטעלטע כוחות.

ווען מיר נעמען פילן אויסגעמאַטערט, אויסגעשעפּט און כשל־ברך׳דיק, פון דעם שווערן וועג, כאַפּן מיר זיך אריין אין דער קרעטשמע פון מעטאַפיזיק אויף אן איבערנעכטיקן, איבערבייסן...

דאָס איז איין ליניע פון אונדזער גייסטיקן מאַרשרוט, פון מיטאָ־לאָגיע דורך מעטאַפיזיק צו דער וויסנשאַפט. אָבער עס איז אויך פאַראַן אַ צווייטע ליניע, פון קונסט און אמונות־יד צו דער וויסנשאַפט.

הערבערט ספּענסער אין זיין ווערק „דערציאונג" שרייבט:

„יעטוועדע וויסנשאַפט האָט זיך ארויסגעוויקלט פון איר אנטשפּרע־כנדיקער קונסט. זי איז אַ פּועל־יוצא פון דער נויטווענדיקייט, אין וועלכער מיר געפינען זיך סיי אלס יחידים און סיי אַלס אַ ראַסע, און דאָס איז דערגרייכן דאָס אַבסטראַקטע דורך דאָס קאָנקרעטע." (2)

בכדי צו באַווייזן זיין באַהויפּטונג ברענגט ספּענסער אַ שלל איבער־צייגנדיקע ראיות. אַסטראָנאָמיע האָט געזויגן די ברוסט פון נאַוויגאַציע, די שיפן־פאַרעניש־קונסט. געאָמעטריע האָט זיך געהאָטשקעט אויף די קני פון געאָדעזיע, ערד־מעסטעניש, וועלכע האָט זי דערצויגן און מגדל געווען, געבראַכט צו איר איצטיקער גדולה. מאַטעמאַטיק, אַלגעבראַ, אַט־די קיניגן פון די אַבסטראַקטע דיסציפּלינען, האָט זיך גענערט מיט דער פּראַקטיק פון ציילן און חשבונ׳ען, און איר ווייטערדיקע אַנטוויקלונג האָט פאַרשנעלערט דער אויסטויש און מסחר.

אַט וואָס ספּענסער שרייבט אין זיינע „עסייען":

„מ׳קען קוים צווייפלען, אז די יעניקע געזעצן פון נומערישע רע־לאַציעס, וועלכע זיינען פאַרקערפּערט אין די אריטמעטישע רעגעלן, זיינען צו־ערשט דערשינען דורך דער פּראַקטיקע פון סוחר׳שן אויס־טויש. דאָס ענלעכע בנוגע געאָמעטריע. די אַפּלייטונג פון וואָרט (געאָ מיינט ערד אויף גריכיש—א. ג.) באַווייזט אונדז אז לכתחילה האָט עס אריינגענומען בלויז געוויסע מעטאָדן פון באָדן־איינטיילונג און גע־בײדעס־אויסשטעלונג." (3)

אויב די זאַך איז אזוי, אויב אַ וויסנשאַפט קען זיך אַנטוויקלען, קען אויסוואַקסן בלויז אויף אַ באָדן, וועלכער ווערט פאַר דעם צעאַקערט פון אַ פּראַקטיק, פון אַ פאַך, איז שוין גאָר אַ קליינער חידוש, אָדער גאָר קיין חידוש ניט, וואָס די סאָציאַלע אויספאָרשונגען געפינען זיך אין אזאַ קלאָגעדיקן מצב. עס איז פּשוט דערפאַר, וואָס מיר פאַרמאָגן ניט די פּרעלימינאַרע באַדינגונגען, די „סאָציאַלע פאַכן", די הלכה־למעשה׳ס, די „סאָציאַלע טעכניק", וועלכע האָבן געדאַרפט דינען אַלס אַ צוגרייטונג. און אין אַט־דעם מאַנגל ליגט דער שליסל צו דער פאַרשטענדעניש פון דער מאָדנער דערשיינונג, וואָס אויף דעם געביט

פון אָנגעווענדטער סאָציאָלאָגיע זיינען מיר נעענטער צו מאַגיק (3־א) און כישוף־מאַכעריי, שוואַרצער קונסט, „קבלה המעשית", ווי אין וועלכן אַנדערן תחום פון אָן אָנגעווענדטער וויסנשאַפט.

פּיטירים סאָראָקין שרייבט, מיט באַרעכטיקטן בטול און סאַרקאַזם, אין זיין ווערק „קאָנטעמפּאָראַרע סאָציאָלאָגישע טעאָריעס":

„אַ גרויסע צאָל פון די 'סאָציאָלאָגישע' ווערק זיינען ס'רוב ביכער מיט פאַרשריפטן וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט... וועלכע רעפאָרמען דאַרף מען מאַכן בכדי אויסצולייזן 'די וועלט' פון אירע שלעכטסן... אויף אַזאַ שטייגער האָט מען כל־המיני שטותים א נאָמען געגעבן... 'סאָציאָלאָגיע'" (4)

ווירקלעך די וויסנשאַפטלייט זיינען געווען צו גוטהאַרציק און זיכער צו אייליק, ווען זיי האָבן זיך דערלויבט צו געבן דעם גרויסן טיטל פון „סאָציאַלע פיזיק" (5) צו אַ הויפן וויסענישן, וועלכע געפינען זיך אויף דער גרעניץ־ליניע פון אַבערגלויבעריי. באמת, אין דעם תחום פון סאָציאַלער פאָרשונג שטעלט פאַר מיט זיך אפילו א מעטאַפיזישער צוגאַנג צו זאַכן, ווען געקוקט פון א היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, אַ וויכטיקן שריט פאָרויס. מחמת די פאָרמען און מעטאָדן, וועלכע ער קומט פאַר־בייטן זיינען געווען אינגאַנצן פאַרווייקט און פאַרטונקט אין דעם שמן־זית־זך פון הייליקע ווינטשענישן און בבא־מעשיות.

## 2

# מאַרקסיזם און „אוטאָפּיע"

אויגוסט קאָנט שרייבט:

„סאָציאַלע וויסנשאַפט, מיט איר גאַנצער קאָמפּלעקסיטעט, האָט שוין דורכגעמאַכט דעם טעאָלאָגישן מצב, און האָט שוין כמעט אומעטום דער־גרייכט צו דעם מעטאַפיזישן צושטאַנד; בשעת זי האָט זיך נאָך אינערגעץ ניט דערהייבן צו דעם פּאָזיטיוון." (6)

מאַרקסיזם, איבערהויפּט וואולגאַר־מאַרקסיזם, — סיי אלס אַ קאָמפּלעט פון דאָקטרינעס, סיי אלס א סומע פון פּראַקטישע פּלענער פאַר דעם סאָציאַלן איבערבוי, וועלכע זיינען אָפּגעלייט פון די יעניקע לערעס, — איז, אָן קיין ספק, אָפּן צו דער באַשולדיקונג: ער איז מעטאַפיזיש דורך און דורך הן אין דעם אופן פון זיין אַרגומענטאַציע און הן אין זיין באַנעמונג פון דעם סאָציאַלן פּראָבלעם.

אָבער ווען מ׳נעמט אין אַנבאַטראַכט דעם פאַקט, אַז די ראַדיקאַלע סיסטעמען, וועלכע דער מאַרקסיזם האָט באַקעמפט, די כלומרשט רעוואָ־לוציאָנערע אַנשויאונגען קעגן וועלכע דער מאַרקסיזם האָט בשעתו דער־קלערט אַ מלחמת־מצוה מיט אַזאַ אַנטשלאָסנקייט, זיינען געווען כמעט אַלע פון אַ נידעריקערן גראַד און זיינען געשטאַנען פיל ווייטער פון אַ וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג ווי ער, מוזן מיר זאָגן אַז מאַרקסיזם שטעלט פאָר מיט זיך אַ גרויסע דערגרייכונג אין דעם פעלד פון „רעפאָרם און רעוואָלוציע סאָציאָלאָגיע״. דער אַזוי גערופענער וויסנשאַפטלעכער סאָ־ציאַליזם, ווי מאַרקס און ענגעלס האָבן אַנגערופן זייערע סאָציאַליסטישע חקירות, שטייט מיט זיבן קעפּ העכער פון כמעט אַלע וואַריאַנטן פון סאָציאַליזם, וועלכע זיינען געווען אָדער זיינע פאָרויסגייער, אָדער זיינע מיטגייער, אָדער זיינע נאָכשלעפּער. ווען מיר שטעלן אוועק דעם מאַרק־סיזם זייט־ביי־זייט מיט די „ובא לציון גואל״־דרשות (7) פון אַ וויטלינג און זיינס גלייכן, אדער מיט די וויזיעס פון די אינספּירירטע אָראַקלען, וועלכע האָבן געהאַט גוטע כוונות און שלעכטע השגות — מוזן מיר באַ־וואונדערן און אַנטציקט ווערן פון דער הויכער קוואַליטעט פון דער מאַרקסיסטישער תורה.

וו. ג. סימקאָוויטש, אליין אַ קעגנער פון מאַרקסיזם, מוז צוגעבן, אַז „מארקסעס דאָקטרין, מיט אַלע אירע פּניות און אלע אירע חסרונות, באַצייכנט אַן אומגעוויינטלעכן פאָרטשריט פון אונדזער וויסנשאַפט.״ (8)

די אייגענע מיינונג טיילן א. שעפלע און בערטראַנד ראַסל,ביידע אויסגעשפּראָכענע אַנטי־מאַרקסיסטען:

„קאַרל מאַרקס, דער העכסט בר־סמכא׳דיקער פירער און דענקער פון דעם פּראָלעטאַריאַט.״(9)

„סאָציאַליזם אלס אַ כוח אין איראָפּע, קען מען זאָגן, הייבט זיך אָן מיט מארקסן... מארקסן, אין מיטארבעט מיט ענגעלסן, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די פאָרמולירונג פון אַ סיסטעמאַטיזירטער קערפּערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער דאָקטרין, וועלכע איז גענוג ריכטיק אדער איבערצייגנדיק צו באַהערשן די מוחות פון אַ גרויסער צאָל מענטשן.״ 10)

די לערעס פון די אַזוי־גערופענע אוטאָפּיסטן, ווי פוריע, סען־סימאַן, אָוען, זיינען אין אייניקע פּונקטן רעאַליסטישער וויסנשאַפטלעכער פון מאַרקסיזם. דאָך ווען איר נעמט זיי אַלס אַ גאַנצעס און פאַרגלייכט זיי מיט דעם מאַרקסיזם אלס א גאַנצעס סיסטעם, זעען זיי אויס נאַאיוו־קינדיש. זיי זיינען דורכגעפלאָכטן מיט ווילדע פאַנטאַזיעס, מיט אויס־טערלישע חלומות און משונה׳דיקע גלויבערייען. (11) זיי צייגן ארויס א

תהום־טיפע אומפאַרשטענדעניש פאַר די סאָציאַלע פּראָבלעמען, וועלכע קאָנפראָנטירן אונדז.

איך זאָג עס בכדי דער לייענער זאָל גלייך פון אָנהייב באַגרייפן, אז ווען מיר שיקן אָפּ דעם מאַרקסיזם צו מעטאַפיזיק, מיינט עס בשום אופן ניט אז איך מאַך אים צו קליין געלט. איך בין זייער ווייט פון מבטל־זיין די חידושים און טיפזיניקע, איבערהויפּט שאַרפזיניקע צוקלער־רונגען פון מאַרקסן. פאַרקערט, איך האַלט אז ער האָט אויפגעטאָן זייער פיל. די מאַרקסיסטישע אָנשויאונגען זיינען געווען אינסטרומענטאַל אין אָפּרייניקן און אָפּפרישן די אַטמאָספערע פון סאָציאַלער אינטעלעקטואַ־ליזאַציע פון די פאַנטאַסמאַגאָרישע לאָדונגען, מיט וועלכע זי איז געווען איבערגעזעטיקט. די היסטאָרישע פאַרדינסטן פון מאַרקסן זיינען קאָלאָ־סאַל, אָבער ניט קלענער זיינען געווען זיינע טעות׳ן און די טעות׳ן פון זיינע תלמידים, וועלכע האָבן קיינער צו אים, צו זיין טיפזיניקייט, ניט דערגרייכט. מאַרקסיזם האָט טאַקע באַפרייט דעם סאָציאַליזם פון די מיטאָלאָגישע קייטן, ער האָט אים אָבער, אין זיין ריי, געבונדן אין שטריק פון מעטאַ־פיזיק. טוגאַן באַראַנאָווסקי אין זיינע „עטיודן מכוח מאַרקסיזם" באַ־הויפּטעט, אז עס זיינען פאַראַן איבערבלייבענישן פון אוטאָפּיזם אין דעם אזוי־גערופענעם „וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם" (12) און אז פאַרקערט, עס פעלן ניט קיין וויסנשאַפטלעכע עלעמענטן אין דעם אזוי־איבערגע־רופענעם „אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם". ער איז ניט דער איינציקער, וועלכער האַלט אזוי און זאָגט עס.

ספּאַרגאָ שרייבט: „עס איז קיין צווייפל ניט, אז מאַרקס און ענגעלס פלעגן צופעליק אריינפאַלן אין אוטאָפּיזם." (13)

עדואַרד בערנשטיין שרייבט: „געוויסע רעשטלעך פון אוטאָפּיזם האָבן זיך געהאַלטן אין מאַרקסיזם און זיי זיינען עס די אורזאַך פון די ווידערשפּרוכן אין טעאָריע און פּראַקטיק, וועלכע זיינע קריטיקער האָבן אָנגעצייגט." (14)

מאַרקסיזם פאַרמאָגט זיינע אייגענע „אוטאָפּיסטישע" עלעמענטן. און עס איז טשיקאַווע ווי דער מאַרקסיזם און דער אוטאָפּיזם בייטן זיך מיט די ראָלעס, דאָרטן וואו דער אוטאָפּיזם איז רעאַליסטיש איז דווקא דער מאַרקסיזם פאַנטאַסטיש, דערפאַר אָבער איז דער מאַרקסיזם פריי פון די ווילדע פאַנטאַזיעס פון א פוריע און א אָוען, אין די פונקטן איז ער דווקא רעאַליסטיש.

טוגאַן באַראַנאָווסקי שרייבט:

„...די טיילווייז פאַרגעסענע לערעס פון דער אזוי־גערופענער אוטאָ־פּיסטישער קאַטעגאָריע, וועלכע, איך האַלט, פאַרדינען אן עכסט־ערנסטע

אויפמערקזאמקייט און וועלכע, אין אַנדערע הינזיכטן, זיינען וויסנשאפט־לעכער פון מארקסיזם". (15)

מיר וועלן נעמען דאָס קלאַסן־פּראָבלעם. בנוגע אַט־דער פראַגע איז דער „אוטאָפּיסטישער" סאָציאַליזם געווען געגוג וויסנשאַפטלעך צו באַגרייפן אַז אַזאַ אונטערנעמונג, ווי דער אָפּשאַף פון דער־דאָזיקער סאָציאָלאָגישער דיפערענציאַציע, וואָלט זיין איבער די כוחות און יכולת'ן פון וועלכער עס איז באַוועגונג. און דווקא דער „וויסנשאפטלעכער סאָציאַליזם" פון מארקסן און ענגעלסן האָט זיך פאַרמאָסטן מיט אַט־דער ימות־המשיח'דיקער אויפגאַבע. אין אַט־דעם איז דער „וויסנשאפטלעכער סאָציאַליזם" ווייטער פאַרפאַרן אין שווערמערייען און טרוימערייען, אין צעפליגלטע אויסלייזונג־פאַנטאַזיעס, ווי דער „אוטאָפּיזם".

פ. ענגעלס פאַרזיכערט אונדז מיט פולער ערנסטקייט:

„די צעטיילונג פון דער געזעלשאפט אויף פארשיידענע אנטאגאָניס־טישע קלאַסן וועט ווערן איבעריק, זיי וועלן זיך ניט פּאַסן מיט דער נייער סאָציאַלער אָרדנונג." (16)

דאָס שרייבט דער „וויסנשאפטלעכער סאָציאַליסט" ענגעלס בשעת דער אוטאָפּיסט פוריע איז געווען צו וויסנשאַפטלעך צו גלויבן אין אַזעלכע סאָציאַלע מופתים.

טשארלס זשיד שרייבט מכוח פוריען:

„ער באַצוועקט אויפצובאַוואָרן אייגנטום, ירושה־רעכט... און, איבער־אַלץ, די אומגלייכהייט צווישן רייך און אָרים." (17)

פוריע שרייבט: „דער הויפּט־אויפטו איז צו מאַכן אַז די אַנטיפּאַ־טיעס פון איין קלאַס צום צווייטן זאָלן פאַרשווינדן." (18)

ער האָט בלויז געוואָלט באַזייטיקן די רייבונגען צווישן די קלאַסן. ער האָט אָבער געוואוסט אַז ער קען ניט באַזייטיקן די קלאַסן אליין. ער איז מער באַשיידן, מער איינגעהאלטן ווי די תפסת־מרובה'ניקעס, די באַגרינדער פון דעם אזוי־גערופענעם „וויסנשאפטלעכן סאָציאַליזם".

מארקס האָט א טענה צו סען־סימאָנען.

אין „קאַפּיטאַל" שרייבט ער:

„מיר דארפן ניט פארגעסן אַז בלויז אין דעם סאמע לעצטן פון זיינע ווערק*) האָט סען־סימאָן דירעקט זיך איינגעשטעלט פאר די ארבע־טער, דערקלערנדיק אַז זייער באַפרייאונג איז דער ענד־צוועק פון זיינע באַמיאונגען. זיינע פריערדיקע שריפטן זיינען ניט מער ווי פּאַנעגי־ריקס מכוח דער היינטיקער בורזשואזער געזעלשאפט ווען אַנטקעגנגעשטעלט דער פעאָדאַלער געזעלשאפט." (19)

*) Le nouveau Christianisme, 1825.

סען־סימאָן האָט ניט געגלויבט אז מ׳קען אָפּשאַפן קלאַסן. נאָך וויניקער אמונה האָט ער געהאט אין דעם אָבערגלויבן, וועלכער איז געוואָרן אַ הייליקע דאָגמע פון דער מאַרקסיסטישער קירך, אַז מ׳קען גאָר נעמען דעם אַרבעטער־קלאַס און אים פאַרוואַנדלען אין אַ הערשנדיקן קלאַס. אַזאַ שטיק קונצנמאַכעריי שמעקט מיט סאָציאָלאָגישער אלכעמיע. דער „וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם״ אַנטהאַלט אין זיך עלעמענטן פון „סאָציאַלער אלכעמיע.״

און אַט די אָבערגלויבעריי, אַט־דעם סאָציאַל־אַלכעמישן „אַני־מאַמין״, האָט געטיילט מיט מאַרקסן און ענגעלסן אויך לאַסאַל, וועלכער האָט אין אַנדערע פונקטן אביסל „אונטערגעזינדיקט״ מיט רעאַליסטישע אָפּוויי־כונגען. אָבער אַז מ׳קען דעם אַרבעטער־קלאַס מעטאַמאָרפאָזירן אין אַ הערשער־קלאַס האָט ער געגלויבט באמונה שלמה ווי אַן אַלטמאָדישער פרומער איד אין דעם אַנקום פון אַ פּערזענלעכן משיח. „אַט דעם קלאַס איז באַשערט פון שיקזאַל צו ווערן אַ הערשנדיקער קלאַס... איר זייט דער פעלזנשטיין אויף וועלכן די צוקונפט־קירך וועט אויפגעריכט ווערן.״ (20)

אזעלכע ׳אוטאָפּיסטישע׳ זעאונגען קען מען ביי די „אוטאָפּיסטן״ ניט געפינען, אָבער זיי האָבן געגנוג פון אַט־דעם מין סחורה. עס קלעקט ביי זיי. פוריע טראַגט זיך אַרום מיטן געדאַנק צו פאַרשטוביקן די לייבן און אַלע אַנדערע חיות־רעות, ער וויל דערציען אַ „קעגנ־לייב״, אַ קעגנ־טיגער. אויך די פיש אין ים מאכט ער איבער און לערנט זיי צו דינען די מענטשן. דעם ים אליין פאַרוואַנדלט ער אין לעמאָנאַד.

און דער באמת גרויסער רעאַליסט און אויפטוער, אלס פּראַקטישער רעפאָרמער און טיכטיקער געשעפטסמאַן, ראָבערט אוען שרייבט:

„דער ביאת־הגואל (מילעניום) איז אַ רעאַליטעט... דער משיח־צושטאַנד וועט בהכרח ברענגען וויסן, רייכטום, אחדות און גוטסקייט, און ער וועט באַוואָרענען פראָגרעס און גליקלעכקייט פאר אלעמען אָן שטראָף אָדער דער עקזיסטענץ פון וועלכע עס איז צאָרן־געפילן ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער וועלט״. (21) „אין די ימות־המשיח וועלן אַלע קראַנקייטן פאַרשווינדן. טויט וועט נאָך עקזיסטירן, אָבער ער וועט מער ניט זיין יסורים׳דיק״ (22) „אַ ריכטיקע קענטעניש פון דער מענטשלעכער נאַטור וועט פאַרניכטן די גאַנצע פיינדשאַפט און כעס צווישן מענטשן.״ (23) אָן עכטע שפע פון שטאָפן און מיטלען עקזיסטירט בכדי צו שאַפן אַ שטענדיקן גן־עדן התחתון.״ (24)

וואָס, וואָס קיין חלומות און פאַנטאַזיעס האָבן ניט געפעלט ביי די אוטאָפּיסטן.

און אפילו יענע טיילן פון „אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם”, וועלכע טראָגן, ווי עס ווייזט אויס, אויף זיך דעם שטעמפּל פון רעאַליזם, זיינען וועזנטלעך פאַנטאַסטיש, מיטאָלאָגיש. און דאָס זעט מען גלייך, ווען מ׳נעמט אין אַנבאַטראַכט די דערוואַרטונגען און האָפנונגען, וועלכע עס האָבן אויף זייערע פּלענער געלייגט די פּאַטערס פון אַט־דעם מין סאָציאַליזם. אלס אילוסטראַציע קען דינען איינער פון די פּלענער, דער געזינטסטער צווישען זיי, און דאָס איז דער אויפטו פון קאָאָפּעראַציע, ווי עס האָבן זי „דערפונדן” אוען און פוריע. זיי זיינען געווען גענוג נאַאיוו צו מיינען, אז דורך דער פאַרמיטלונג פון קאָאָפּעראַציע וועלן זיי זיין בכוח צו לייזן די כמעט־אייביקע קאַפּיטאַל־ און ארבעט־פראַגע, לייזן זי צופרידנשטעלנדיק אזוי, אז ביידע צדדים זאָלן באקומען וואָס עס קומט זיי. מיט אנדערע ווערטער, זיי האָבן געגלויבט, אז זיי זיינען אימשטאנד צו היילן אלע קראנקייטן פון וועלכע דער סאָציאַלער אָרגאַניזם ליידט; און די רפואה שלמה וועט קומען במהרה בימינו פון די פאַלאַנסטערנעס אָדער קאָאָפּעראַציע.

אפילו טשארלס זשיד אומגעאכט זיין פּראַקטישקייט און אויפטועריש־קייט, אייגנשאפטן וועלכע ער האָט ארויסגעוויזן אלס קאָאָפּעראַטאָר מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלער רעפּוטאַציע, אַט דער טיכטיקער און ניכטערער קאָאָפּעראַטאָר איז באמת ניט ווייניקער סאָציאַל־מיטאָלאָגיש געגנייגט ווי דער עקסטרעמסטער מיטגליד פון דער ראַדיקאַלער משפּחה. ער איז מער א וויזיאָנער ווי דער פאַנטאַסטישער פאַנאַטיק־פאַנטאַזיאָר צווישן די באָלשעוויקעס, דער „כאָווער” מיט די רויטסטע קאָרפּוסקלעך אין זיין בלוטשטראָם. אויף וועלכן יסוד באַהויפּטן מיר עס? אויף דעם יסוד פון זיין גלויבן און באַהויפּטן אז ער איז ביכולת פאַנאַנדערצופלאַנטערן דעם קאָלטן פון קאַפּיטאַל און אַרבעט, וועלכן מ׳געפינט אין היינטצייטיקער גרויס־אינדוסטריע מיט דעם שם־המפורש פון קאָאָפּעראַציע.

וואָס איז אַזוינס קאָאָפּעראַציע? עס מיינט אָרגאַניזירן דאָס קויפן און פאַרקויפן און אפילו פּראָדוצירן אויף דעם יסוד פון א פרייוויליק אָרגאַניזירטער אַסאָציאַציע.

אַט וואָס טשארלס זשיד שרייבט:

„קאָאָפּעראַציע פאַר אונדז איז ניט בלויז אַן אינסטיטוציע צו פאַר־בעסערן די באַדינגונגען פון די לוין־אַרבעטער דורך דעם וואָס מיר וועלן פאַר זיי מעגלעך מאַכן אויסצוגעבן אַביסל ווייניקער און פאַרדינען אביסל מער; עס איז אויסגעפאַלן אויף איר גורל אָפּצושאַפן פאַמעלעך לוין־ארבעט דורך דעם וואָס זי וועט געבן די ארבעטער די פּראָדוקציע־

אינסטרומענטן און זיי וועלן פטור ווערן פון די פּאַרמיטלער, די אונטער־נעמער אריינגערעכנט... זי מאָדיפיצירט אויף א פרידלעכן אבער ראַדי־קאַלן אופן די קעגנווערטיקע עקאָנאָמישע סיסטעם דורך דעם, וואָס זי וועט מאַכן אזוי, אז די פּראָדוקציע־מיטלען און מיט זיי די עקאָנאָמישע ממשלה וועט איבערגיין פון די הענט פון די מאַנופאַקטוריסטן, וועלכע האָבן זיי איצט, אין די הענט פון די קאָנסומענטן." (25)

„אין די הענט פון די קאָנסומענטן" קענען די פּראָדוקציע מיטלען און די ווירטשאַפט־פירונג קיינמאָל ניט אריינפאַלן. אויפן בעסטן פאַל וועלן זיי אָנקומען צו די יעניקע וועלכע אָרגאַניזירן און קאָנטראָלירן די קאָנסומענטן. בדרך כלל ריידנדיק, מוז איך זאָגן, אַז די פּראַקטישע קאָאָפּעראַטאָרן זיינען זייער ווייט פון צו זיין פּראַקטיש, אויב זיי גלויבן באמת אז זיי באַזיצן אן אימוניטעט קעגן די ניסיונות פון מאַממאָן און זיי מיינען טאַקע, אז זיי זיינען בכוח צו שטיין אין אונדזערע קראָמען און מאַרקן און בלייבן אומשולדיק, ניט ווערן איבערגערעדט פון יצר־הרע פון פּראָפיטן און רייכטום. מיר האָבן דאָ פּאַר זיך צוויי אינדיווידן: איינער טענה'ט אז ער גייט אויסטריקענען דעם ים, ער וועט אים אויס־שעפּן ביז אַ טראָפּן מיט דער לעכערדיקער קוואַרט וועלכע ער פאַר־מאָגט; דער צווייטער פאַרזיכערט אייך, אַז ער וועט דערגרייכן דעם זעלביקן צוועק, אָבער ער דאַרף פּאַר דעם זיך איינשאַפן אן עמער פון אַ קאָלאָסאַלן אריינגעם. און דעריבער איז ער פאַרנומען מיט מאכן אַזאַ מין בית־הקיבול, וועלכער וואָלט זיך קענען פארהערן מיטן ים...

זיכער זיינען זיי ביידע בעלי־חלומות, זיי טראָגן זיך ארום מיט וויסטע טרוימען. דאך, דוכט מיר, דאַרף דעם ערשטן פריז פאַר תמימות קריגן דער „אָפּגעריסענער נאַר", וועלכער שווערט זיך אז מיט א פשוטער כלי, טאָפּ, קוואַרט, איז ער בכוח צו באַווייזן דעם נס, בשעת ער האלט אין איין אָפּשעפּטן פון זיין חבר: ער רופט אים „אוטאָפּיסט" דערפאַר וואָס יענער פאַרנעמט זיך מיט אַזאַ אומפּראַקטישן פּלאַן ווי אָפּגיסן א טשיגון פון גיגאַנטישע דימענזיעס...

איך האלט אז צווישן כמעט אלע סאָציאַליסטישע פּראָיעקטן און ספּעקולאַציעס איז דער מאַרקסיזם דער פּראַקטישסטער און רעאַליסטיש־סטער. ער איז דער פּרינץ צווישן די רעוואָלוציאָנערע בעטלער, אָדער דער רעלאַטיוו ניכטערער צווישן די „סאָציאַלע" שיכורים...

3

# ליבעראַליזם

דער ליבעראַליזם, מיט אַלע נייגונגען און טענדענצן פון פּאָליטישער ספּעקולאַציע, וועלכע גייען מיט אים, איז גאַנץ היפּש מעטאַפיזיש, אויב ניט לגמרי מיטאָלאָגיש.

אַט־וואָס אלעקסיס דע טאָקעוויל שרייבט וועגן ליבעראַליזם:

„עס איז א נייער מין רעליגיע. אמת, אָן אומפּולקומענע רעליגיע, אָן אַ גאָט און אָן אַ קולט, און אָן אַ יענער־וועלט, אָבער פונדעסטוועגן, ענלעך צום איסלאַמיזם, האָט זי פאַרפלייצט די וועלט מיט אירע זעלנער, אירע אַפּאָסטאָלן און אירע מאַרטירער.״ (26)

דער ליבעראַליזם האָט בפירוש צוגעזאָגט צו אַלע באַליידיקטע, באַוואוּלה׳טע, אַז ער גייט זיי געבן א גאולה שלמה. ער האָט געשוואָרן, אַז ער וועט איינפירן אַ וואוילשטאַנד־מצב פאַר אלעמען אָן אויסנאַם. מיט וועלכע מיטלען האָט ער זיך פאַרמאָסטן צו ברענגען דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן משיח־בן־דוד? די מיטלען זיינען געווען איינפאַכע. זיי זיינען געלעגן ביי דער האַנט. מ׳האָט זיי ניט געדאַרפט גיין ווייט זוכן. ער וועט אָפּשאַפן די פּריווילעגיעס. ער וועט באַזייטיקן די שטאַנדן. דעם פּלאַץ פון ערשטן און צווייטן פּריווילעגירטן שטאַנד וועלן פאַרנעמען די פּריווילעגיעלאָזע מאַסן. דער דריטער שטאַנד וועט ווערן אלץ־מיט־אַנאַנדער אין דעם סדר פון סאָציאַלע ענינים. די אומאָרדענונגען, פון וועלכע עס ליידט אונדזער ווירטשאַפטלעכער איינשטעל, וועלן באַזייטיקט ווערן. די פעלערן פון אונדזער פּאָליטישן רעזשים וועלן, כהרף־עין, פאַרריכט ווערן. דאָס קיניגרייך פון ערדישן גליק איז נאָענט, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. מחמת דער איינציקער מקור פון אַלע סאָציאַלע רשעות׳ן איז געווען די הערשאַפט פון דעם „בלויען בלוט״, דער שלעכטער מנהג פון שטעלן אָפּשטאַם, זכות־אבות, — זאַכן וועלכע געהערן צו דער פאַרגאַנגענהייט—העכער פון פערזענלעכע קוואַליפיקאַציעס, קעגנווערטיקע אַקטואַליטעטן אָדער פּאָטענציאַליטעטן. ווי נאָר אַט־די מכשולים וועלן ווערן אוועקגענומען וועט דער לעבענסשטראָם נעמען פליסן מיט זיין נאַרמאַלן טעמפּאָ, אין זיינע נאַטירלעכע ברעגעס, אומגעשטערטערהייט. מלחמות וועלן אויפהערן. שנאה־קנאה וועט פאַרשווינדן. גלייכהייט, פרייהייט און ברידערלעכקייט וועלן ווערן די יסודות פון געזעלשאַפטלעכער הנהגה.

טהאָמאס פיין שרייבט מיט זיכערקייט: „בקיצור, מאָנאַרכיע און טראָן־ירושה האָבן געלייגט ניט בלויז אָט־די אָדער יענע מלוכה, נייערט די גאַנצע וועלט אין בלוט און אַש.״ (27) „רעגירונג, לויט דעם אַלטן סיסטעם, איז אַ פאַרכאַפּ פון מאַכט, פאַר דער אייגענער גדולה; לויט דעם נייעם — אַן איבערגעב פון מאכט פאר דעם אַלגעמיינעם גוט פון דער געזעלשאַפט. די ערשטע האַלט זיך אויף דורך אַ סיסטעם פון קריג; די לעצטע דערמוטיקט א סיסטעם פון פרידן, אַלס דעם ריכטיקן מיטל ווי צו באַרייכערן די נאַציאָן.״ (28) „איך שטעל זיך איין פאַר קאָמערץ, ווייל איך בין א פריינט פון זיינע רעזולטאַטן. קאָמערץ איז אַ פרידן סיסטעם. זי ארבעט צו פאַרהאַרציקן די מענטשהייט דורך דעם וואָס זי מאַכט די פעלקער, אזוי גוט ווי די יחידים, נוצלעך איינער פאַר דעם אַנדערן.״ (29)

קאמערץ איז געווען אין די צייטן פון ליבעראַליזם־אַגיטאַציע אַזוי ׳הייליק׳ ווי אַרבעט איז היינט צו טאָג אין די צייטן פון סאָציאַליזם־פּראָפּאַגאַנדע... מסחר איז געווען פאַררעכנט פאַר דעם גרויסן בעל־טובה און רודף־שלום׳ניק. עפּעס א קלייניקייט וואָס האנדל האָט גע־דאַרפט אויפטאָן אין דעם פעלד פון מאָראַלער אויפריכטונג פון דער געפּלאָגטער מענטשהייט!

דאָס איז אַלץ געווען אַנוסטן... איצט איז מסחר טאבו. די מאַרקסיסטן פאַרזיכערן אונדז, אז אַלע צרות קומען פון אים. אַלע מלחמות נעמען זיך פון דער יאָגעניש נאָך מאַרקן, פון דער זוכעניש פון רויע מאַטעריאַלן און פלעצער וואו אָפּצוזעצן די אויסגעארבעטע פאַרדוקטן. אַזוי אַז האַנדל איז דער גרעסטער אומגליק פאַר דער מענטשהייט, און יעדער מענטשן־פריינט דאַרף אסר׳ן אָט־די שעדלעכע געפערלעכע באַשעפטיקונג באיסור ובנידוי...

דייוויד פ. בערענבערג שרייבט:

„די לעצטע מלחמה האָט מען באַשריבן אלס א געשלעג פאַר קיילן און ביימל... די ריוואַליטעט פון די גרויס־מאַכטן פאַר מאַרקן... קען אין יעדער צייט פירן צו אינטערנאַציאָנאַלע שוועריקייטן און מלחמה.״ (30) אָבער דער ליבעראַלער דענקער האָט גאַר געמיינט, אַז האַנדל פאַר־ברידערט די פעלקער, שאַפט א פרידלעכן פאַרקער צווישן זיי.

אנשטאָט דעם פעטיש פון האַנדל שטעלט דער סאָציאַליסט דעם פעטיש פון אַרבעט. די אנטווישונג וועט זיין ניט קיין קלענערע...

ווייטער, דער ליבעראַליזם האָט געלערנט, אז אַלע מענטשן ווערן געבוירן גלייך און פריי, אז יעדערער האָט אַ גלייכן רעכט צו דעם פולן באַזיץ פון זיין אייגנטום, אז דער אינדיווידואום פאַרמאָגט אומפאַרפרעמד־

באַרע און אומפּאַרלעצבאַרע זכיות. די אַנווענדונג פון אַט־די לערן, האָט מען גערעכנט, וועט זיין גענוג בכדי צו געבן אַן אַלעמען־צופרידנ־שטעלנדיקן ענטפער אויף אַלע פּראָבלעמען פון געמיינשאַפט־לעבן.

די פּאָליטישע רעפאָרמען, וועלכע מ'האָט געדאַרפט דורכפירן אום צו באַוואָרענען די נאָרמאַליזאַציע פון אַלע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, זיינען ניט געווען פילע אין צאָל. זיי זיינען אויך ניט געווען מער פאַר־וויקלט ווי די עקאָנאָמישע תיקונים. קודם כל האָט מען געדאַרפט שטירצן די אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע. דערנאָך איינפירן פאַרטרעטערשאַפט אין געזעצגעבונג אַזוי גוט ווי אין די אַדמיניסטראַטיווע אַמטן. דאָס אַלץ האָט מען געקענט דערגרייכן דורך אַ וואַלן־סיסטעם.

מיט דער הילף פון אַט־די נישטיקע ענדערונגען, מיט דעם אַפּוואַשן די צורה און צוקאָמען אַביסל די קאָפּ האָר פון סאָציאַלן לעבן, זיינען די ליבעראַלע דענקער און שטאַטסלייט פון יענער עפּאָכע געווען זיכער, און פאַרזיכערט די מענגעס פון זייערע נאָכפאָלגער, אַז זיי וועט זיך איינגעבן צו עטאַבלירן אַן אידעאַלן צושטאַנד פון וואוילטאָג און גליק, וועלכער האָט ניט געדאַרפט זיין ווייט אָפּגערוקט פון דעם גן־עדן לעבן פון דער ערשטער פּאָרל אין די ערשטע פרשות פון ספר בראשית...

## 4

# נאַטור־רעכט

לאָמיר נעמען די אַזוי־גערופענע „נאַטוררעכט־שולע" אין יוריס־פּרודענץ, אַדער וואָס איז כמעט דאָס אייגענע, די קלאַסישע שולע פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע. דער טאָן מיט וועלכן די טעאָרעטיקער פון אַט־די שולן ריידן מכוח די דיסהאַרמאָניעס, פון וועלכע עס ליידט אונדזער סאָציאַלע קערפּערשאַפט, דערמאָנט שטאַרק אָן אַ מעדיקער, ווען ער פאַרפירט אַ שמועס מכוח חולאת'ן, אָרגאַנישע און פונקציאָנעלע אָפּנייגונגען און פּערווערזיעס. הגם זיי האָבן ניט געברויכט קיין מעדי־צינישע טערמינאָלאָגיע, אָבער באמת האָבן זיי געקוקט אויף דער גע־זעלשאַפט ווי אויף אַ פּאַציענט וואָס ליידט נעבאַך פון אַ געווויסער קראַנ־קייט. זיי האָבן פּרובירט אויף זייער אייגענעם שטייגער צו שאַפן עפּעס אַ מין סאָציאָטעראַפּיע אָדער סאָציאָ־פּאַטאָלאָגיע. זיי האָבן געהיילט די קראַנקע געזעלשאַפט.

מעגלעך אַז אונדזער צווייטע אָדער דריטע אַנאַלאָגיע וועט נאָך קלערער ארויסברענגען זייער שטאַנדפּונקט.

זיי האָבן געקוקט אויף דער געזעלשאַפט ווי אויף איינעם, וועלכער האָט פאַרבלאָנדזשעט, אַראָפּ פון דרך הישר, אדער, וואָס איז נאָך ערגער, גאָר פאַרפאַלן געוואָרן אין א געדיכטן וואַלד.

זיי האָבן זיך באַמיט אָנצוצייכענען אַ קאַרטאָגראַפיע פאַר פּראָגרעס, פאַר דעם מאַרשרוט פון דער מענטשהייט אהין און צוריק. וואָס איז געווען דער מער מיט דער געזעלשאַפט, מיט דעם פּאָליטיש, עקאָנאָמיש און קולטורעל־אָרגאַניזירטן לעבן? דער מענטשהייט־צוק האָט פאַרלאָזן דעם געהעריקן טראַקט. ער איז אַראָפּ פון די רעלסן און אָפּגעווייכט פון ריכטיקן קורס. אלץ וואָס עס איז געווען נויטיק צו טאָן איז אָנ־צוצייגן די פאַרפירטע־פאַרווירטע פּאַסאַזשירן און קאָנדוקטאָרן דעם ריכטיקן וועג. מ׳איז געווען זיכער, אז ווי נאָר דער אָפּווייך וועט ווערן אויפגעדעקט, וועלן די מענטשן, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ארויפגיין צוריק אויף דעם דרך־המלך, וועלכער פירט דירעקט אין צוגעזאָגטן לאַנד פון גליק און פרייד, אין לאַנד, וואו גלייכהייט וואַקסט, ברידער־לעכקייט שפּראָצט און פרייהייט בליט ווי א רויז. — אָדער זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אז זיי זיינען גערטנער און די הויפּט־אויפגאַבע זייערע איז באַשטאַנען אין ארויסרייסן די דערנער פון ווייגגאַרטן פון דער געזעלשאַפט. מ׳האָט געדאַרפט אויסיעטן פון געמיינשאַפט־בייט די ווילדע גראָזן פון פּריווילעגיעס, וועלכע דערשטיקן די גוטע קרייטעכער און נאָר־האַפטע פלאַנצונגען.

דער אָפּשאַף פון די פּריווילעגיעס פון די העכערע שטאַנדן וועט ראַטעווען די מענטשהייט, נאָרמאַליזירן די געזעלשאַפטלעכע אָנגעלעגנ־הייטן.

אָבער די פּריווילעגיעס האָבן זיך דאָך געמוזט אויף עפּעס האַלטן! זיי האָבן זיך דאָך געמוזט שטיצן אויף עפּעס, וואָס איז געווען מער ממשות׳דיק ווי אָט־די היילע יורידישע נאָרמעס. זיי האָבן דאָך געזויגן זייער יניקה פון וועלכן עס איז סאָציאַלן קוואַל. און אויב די זאַך איז אזוי האָבן דאָך די רעפאָרמען, בכדי זיי זאָלן קענען זיין עפעקטיוו, גע־דאַרפט זיך אַראָפּלאָזן פיל טיפער, דערגראָבן זיך צום שרש־דבר פון די סאָציאַלע ענינים. מיט אַנדערע ווערטער, מ׳האָט דאָך געדאַרפט אונטערזוכן דעם סאָציאָלאָגישן פונדאַמענט אויף וועלכן די יורידישע פּריווילעגיעס האָבן זיך געהאַלטן אלס ארויפבויאונגען, אלס אויבנשטיב־לעך.

אָבער די רעפאָרמאַטאָרן און רעוואָלוציאָנערן פון יענער צייט האָבן זיך אינגאַנצן ניט־וויסנדיק געמאַכט פון אָט־דעם אומשטאַנד. זיי האָבן איגנאָרירט דעם פאַקט וואָס די פּריווילעגיעס, מיט וועלכע עס זיינען

געוועזן באַשאַנקען די העכערע שטאַנדן, האָבן געהאַט טיפע וואָרצלען אין געזעלשאַפטלעכן באָדן.

וואָס איז געוועזן דער מער מיט אָט־די פירער און דענקער פון דער ליבעראַלער עפּאָכע? איז עס געוועזן אַ פאַל פון געוויינטלעכער 'נאַטיר־לעכער' בלינדקייט? יע, זיכער, בלינדקייט, אַ קלאַסן־בלינדקייט. זיי האָבן ניט געקענט זען וואָס זיי האָבן ניט געהאַט קיין באַזונדערן חשק אָנצוקוקן, אָנבליקן. חוץ דעם קומט נאָך צו אבערגלויבעריי. הבל'דיקע אמונה איז דער בייטש, וועלכער שמייסט דעם קערפּער און גייסט פון דער מענטשהייט דורך דער גאַנצער לייַנג און ברייט פון דער געשיכטע סיי רעקאָרדירטער סיי ניט־רעקאָרדירטער.

5

## ראַציאָנאַליסטיק

ראַציאָנאַליסטיק אָדער ראַציאָנאַליזם, ווי מ'רופט עס מיט אביסל מער חשיבות, איז דעמאָלט, אין דעם פּעריאָד פון ערב און בשעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דערקלערט געוואָרן פאַר דעם איינציק ריכ־טיקן פילאָזאָפישן סיסטעם. אַלץ דאַרף זיין שכל'דיק, על־פּי חקירה און פאַרנונפט. דער שכל איז געוועזן דער כהן־גדול, דער „במקום" פון גאָט אויף דער ערד, און דער מענטשלעכער געהירן איז געוועזן זיין קדשי־קדשים, וואו ער האָט געפראַוועט די עבודה. דער פאַרשטאַנד איז געוועזן דער אויבערשטער אומפעלערהאַפטער ריכטער, ווען אויף דער פאַר'משפט'ונג־באַנק זיינען געזעסן כל־המיני סאָציאַלע פּאַרוויקלענישן און פאַרדרייעניש. דאָס ליכט פון שכל איז פאַרגליכן געוואָרן צו דער זון אין מער, ווי אין אַ פּראָסט אַלעגאָרישן מיין. די נאַכט פון אומ־וויסנהייט פאַרשווינדט, ווען געיאָגט פון זיין צאָרן, דער בין־השמשות פון אָבערגלויבערייען אַנטלויפט, די שאָטנס פון פאַראורטיילן מאַכן פליטה, ווען די פּראַכט פון זיין מאַיעסטעטישער גדולה באַווייזט זיך. דער מענטש־לעכער פאַרשטאַנד איז געוועזן דער נר־תמיד אין געטלעכן טעמפּל פון באַשטאַנד.

ראַציאָנאַליסטיק האָט געהערשט אין יוריספּרודענץ, אין פּאָליטיק, אין עקאָנאָמיק און אין קולטור, איז דאָך שוין אָפּגערעדט. ראַציאָנאַליסטיק איז געוועזן די אויבערהאַרנטע פון גאַנצן באַשאַף, ווייל זי איז געוועזן אידענטיפיצירט מיט דער נאַטור, וועלכע איז געוועזן אי גאָט אי נאַטור און אי דערפינדשאַפט.

מענטשן ווערן געבוירן פריי, פאַרוואָס געפינען מיר זיי אומעטום געשמידט אין קייטן פון רעגולאַציעס? דאָס איז די פראַגע וועלכע רוסאָ שטעלט מיט ניט־געמאַכטער ערנסטקייט. אום צו קריגן אַן ענטפער אויף זיין פראַגע האָט דער מקשן געקוקט אויף צוריקווילעכטס און דאָרטן געזוכט דעם ענטפער. מענטשן ווערן ניט נאָר געבוירן פריי, זיי האָבן אויך געלעבט פריי. ווען? אין די אַלטע צייטן, ווען דער מענטש איז געווען נאָענט צו דער נאַטור. דעריבער אויב מיר ווילן זיין גלייך און פריי, מוזן מיר זיך אומקערן צו דעם נאַטירלעכן צושטאַנד. און רוסאָ האָט גערופן אַז מיר זאָלן מאַכן דעם אנטשלאָסענעם צוריק־צוג.

לאָמיר אויספאָרשן די וועגן פון דער נאַטור, אויסשפירן אירע תהלוכות, נאָכפאָלגן דעם קורס וועלכן זי האָט אָנגעצייכנט און אונדזער שכר וועט זיין גרויס. מיר וועלן געניסן סיי אינדיווידועלע און סיי סאָציאַלע פרייהייט. מיר וועלן האָבן סיי פּאָליטישן און סיי עקאָנאָמישן גלייכגעוויכט. די פריווילעגיעס דאַרף מען אָפּמעקן פון דעם פּאָליטישן טעקסט. די רעסטריקטיווע סייגים וועלכע צוימען ארום די אינדוסטריע, פאַראייניגען קאָמערץ, פאַרשטעלן דעם וועג פאַר דער פערזענלעכער איני־ציאַטיווע — זיי אַלע דאַרף מען אָפּוואַרפן. זיי זיינען אומנאַטירלעך. די 'נאַטור' דאַרף זיך אָנגיין מיט איר ארבעט אומגעשטערט. די דאַמבעס פון רעגלאַמענטאַציע, די סליוזעס פון רעגימענטאַציע דאַרף מען אויפפראַלן נאַסטעזש און דער שטראָם פון לעבן וועט שוין געפינען פון זיך אַליין, דעם ישועה־ברענגענדיקן מאַרשרוט. ער וועט שוין דערטאַפּן דעם געזונט־ריטמישן פּולס.

מענטשן ווערן געבוירן גלייך. די גלייכהייט, וועלכע די נאַטור אַליין האָט געשאַפן, האָט דער פעאָדאַליזם אָפּגעשאַפט. ער האָט איינ־געפירט קינסטלעכע מחיצות, וועלכע טיילן אָפּ מענטש פון מענטש, שיידן גרופּע פון גרופּע. און אַ באַפעל איז ארויס: מ'זאָל ארונטעררייסן אָט־די ווענטלעך, צענעמען די טרעפּלעך און בריקלעך, מ'זאָל מאַכן גלייך מיטן גרונט אַלע סטראַטיפיקאַציעס.

וואָס איז געווען דער רוח־החיה אין די דאָזיקע וועלטלעך־יעוואַנ־געלישע דרשות און דאָקטרינעס? האָט פון זיי ארויסגערעדט בלויז ריינער נאַאיוויזם, אומשולדיקע תמימות פון „חסידים שוטים”? אָדער אפשר האָט זיך אין אָט־דער מגיד'עריי מאַניפעסטירט אַ פאַרלאַנג מצד פון די „אָנפירנדיקע גייסטער” צו באַאיינפלוסן דעם פשוטן המון־עם, צו פאַרווירן די ברייטע מאַסן, וועלכע זיינען זיך מחיה מיט פסעוודאָ־רעליגיעזע מאַכלים, און מיט אָט־דער בייזער כוונה האָבן זיי אימיטירט די פּראָפעטן, איבערגעקרימט זייערע וויזיעס?

דער ענטפער איז, אז בײדע פאַקטאָרן האָבן דאָ צוזאַמענגעאַרבעט. אָבער אַבערגלויבעריי, וועלכע איז אומגעהויער קרעפטיק און פאַרפונ־דעוועט אין דעם פעלד פון אָנגעוואַנדטער סאָציאָלאָגיע, האָט דאָ געווירקט אַמשטאַרקסטן און אַממערסטן.

די לערע מכוח פּאָליטישער פרייהייט האָט געקראָגן איר דערגאַנ־צונג אין דער עקאָנאָמישער פרייהייט, פרייהייט פון מסחר, א לערע באַאַרבעט פון קאָבדען׳ען (1865־1809).

פון אָט־דער פּראַקטיק, פּאָליטישער רעפּרעזענטאַנץ און האַנדל־פרייהייט האָט מען דערוואַרט שיער ניט ישועות ונחמות פאַר דער גאַנצער שמאַכטנדיקער מענטשהייט.

## 6

# פון פרייהייט, אַ פּאַנאַציע, צו פרייהייט — דאָס פּאַנדאָרע קעסטל . . .

טשאַרלס פוריע שרייבט:

„דאָס איז דער שיקזאַל פון ציוויליזאַציע צו זיין כסדר באַלאַנסירט צווישן צוויי עקסטרעמען״. (31)

דער אמת איז, אז ציוויליזאַציע איז קיינמאָל ניט באַלאַנסירט, נייערט זי שליידערט זיך, ווי אין קדחת, פון איין עקסטרעם צום צווייטן.

וויבאַלד אויטאָקראַטיע האָט ניט פאַרווירקלעכט די דערוואַרטונגען, האָט ניט פאַר׳אמת׳ט די האָפענונגען וועלכע מ׳האָט אויף איר געלייגט — דאַרף מען פון איר אַנטלויפן און צופאַלן צו דעמאָקראַטיע און זי קרוינען פאַר דער אויסלייזערין פון דער מענטשהייט.

וויבאַלד אָבער עס שטעלט זיך אַרויס, אז דעמאָקראַטיע וועט ניט דערלאַנגען דעם טעלערל פון הימל — ווערט מען אויף איר ברוגז און מ׳גיט זיך אַ וואָרף אין דער קעגנגעזעצטער ריכטונג, צוריק צו אויטאָקראַטיע, צו דיקטאַטור.

פּ. דזש. פּרודאָן שרייבט:

„זיי שרייבן צו צו פרייהייט אַלע אומגליקן פון דער וועלט זינט דעם מבול, און סקאַנדאַליזירן דעם פאַרשטאַנד מיט זייער נאַריש־קייט״. (32)

די סאָציאַליסטן פון אַלע קאָלירן און פאַרבן האָבן אַנגעדייט אַז פרייהייט ווען פאַרטייטשט אין עקאָנאָמישע טערמינען מיינט מער גאָר ניט דערהויבענעס און מיסטישעס ווי פרייהייט פון קאָנקורענץ, דער

פרייער ווירטשאַפטלעכער גערא‌נגל פון אלעמען קעגן אלעמען. מיט אַנדערע ווערטער, פרייהייט מיינט די סאַנקציאָנירונג פון ציווילע מלחמות, וועלכע גייען אָן צווישן פירמע און פירמע, געזעלשאפט און געזעלשאפט אויף דעם געביט פון אינדוסטריע און קאָמערץ, אדער נאָך פשוטער און נאַקעטער, פרייהייט פון עקספלואַטאַציע, אייגנטלעך, די סאמע פאַרניינונג פון פרייהייט ווי זי ווערט ריכטיק אויפגעפאסט.

אין דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט לייענען מיר:

„מיט פרייהייט מיינט מען, אונטער די איצטיקע בורזשואזע פּראָדוקציע־באַדינגונגען, פרייען האַנדל, פרייהייט צו קויפן און פארקויפן.״ (33)

קארל מארקס אין „קאַפּיטאַל״ שרייבט:

„די יחידים קאַפּיטאַליסטן, אַט־די נייע שררות, האָבן געדארפט פון זייער זייט, ניט נאָר באַזייטיקן די צעך־מייסטערס פון די געווערקשאפטן, נאָר אויך די פעאָדאַלע פריצים, די באַזיצער פון די רייכטום־רעסורסן. אין דעם פּרט זעט אויס זייער דעראָבערונג פון סאָציאלער מאַכט ווי דער פועל־יוצא פון א זיגרייכן געפעכט קעגן ביידן, סיי קעגן דעם פעאָדאלן פּריץ מיט זיינע אויפרעגנדיקע פּרעראָגאַטיוון און סיי קעגן די צעכן און די פּענטעס, מיט וועלכע זיי האָבן געבונדן די פרייע אַנטוויקלונג פון פּראָדוקציע און די פרייע עקספלואַטאַציע פון איין מענטשן דורך דעם צווייטן.״ (34)

פ. ענגעלס גיט אונדז צו פארשטיין וואָס מיינט פרייהייט אונטער דעם קאַפּיטאַליזם:

„דער איבערגאַנג פון האַנטווערק צו מאַנופאַקטור שיקט פאָרויס די עקזיסטענץ פון א געוויסער צאָל פון פרייע ארבעטער — פריי פון איין זייט, פון די צעכן־פּענטעס און פון דער צווייטער זייט, פון די מיטלען, מיט וועלכע זיי וואָלטן אליין בכוח געווען צו אוטיליזירן זייער אייגענע ארבעטסקראַפט.״ (35)

אפילו טאָלסטאָי, וועלכער איז שוין גאָרנישט אזוי איבערגעשפּיצט בנוגע סאָציאַלע ענינים, וויסט אויך גאַנץ גוט דעם אינהאַלט און פּרייז פון פרייהייט אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים. אַט־וואָס ער שרייבט:

„אין דער ווירקלעכקייט איז דער אָפּשאַף פון לייב־אייגנטום און שקלאַפעריי געווען בלויז דער אָפּשאַף פון אַן אָפּגעלעבטער, נוצלאָזער פאָרם פון שקלאַפעריי, און דאָס פארבייטן זי מיט א מער ממשות׳דיקער פאָרם פון שקלאַפעריי, וועלכע נעמט ארום א גרעסערע צאָל שקלאַפן.״...(36)

אַט־אַזוי איז פרייהייט, וועלכע אַ יאָרהונדערט צוריק איז דערקלערט געוואָרן צו זיין די געטין פון אַלדאָס גוטס, אַ פּאַנאַציע, אַ היילונג פון אַלע סאָציאַלע חולאת'ן, אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון פּיעדעסטאַל, און פאַרשריען געוואָרן פאַר אַ מכשפה, פאַר אַ פּגע רע, פאַר דעם מקור פון אַלדאָס בייז.

פאַר דעם איז פרייהייט געווען אַ פעטיש, אַן אַלמעכטיקער פאַקטאָר אין אונדזער סאָציאַלן לעבן, און איצט, ביי די קאָמוניסטן, פאַשיסטן און נאַציס, איז זי טאַקע פאַרבליבן אַ פעטיש, אַ מאַכטפולע אַגענטור, אָבער פון אַ נעגאַטיוון כאַראַקטער. פרייהייט איז איצט אַ שד'עכע מיט הערנער. נאָך אַלעמען, גאָט און שטן זיינען דאָך דאָס אייגענע וועזן, נאָר אַוועקגעשטעלט ביי קעגנגעזעצטע פּאָלוסן, איינער צו רעכטס, דער צווייטער צו לינקס.

די באָלשעוויקעס, פאַשיסטן און נאַציס האָבן איבערגעדרייט דעם ליבעראַליזם. אַלע צרות, אַלע פּורעניות, לויט זייער פאַרשטייען נאָך, האָבן זייער אויסגוס אין דער בורזשואַזער פרייהייט.

די ליבעראַלן האָבן דעאיפיצירט, פאַרגעטערט פרייהייט און די אַנטוישונג, אַלס אַ רעאַקציע, האָט אַרויסגערופן דעם סאַמע היפוך — דאָס דיאַבאָליזירן, ווילי־פיצירן פרייהייט, דערקלערן זי פאַר דער גרעסטער מרשעת, פאַר לילית'ן אַליין.

די ליבעראַל־געשטימטע דענקער האָבן איינגערעדט די מאַסן, אַז פרייהייט איז די גוטע פייע, וועלכע וועט ממלא זיין אַלע זייערע בקשות, וועט אויסהערן אַלע זייערע געבעטן און וועט אויספילן אַלע זייערע וואונטשן.

די פרייהייט האָט עס ניט באַוויזן. האָבן זיך די מאַסן אַ קער געטאָן צו דעם קעגנזאַץ. זיי זוכן זייער אויסלייזונג אין קנעכטשאַפט, אין דעם קאַזאַרמע־רעזשים. די צופיל צעהיצטע האָפענונגען, צו־וויס צעגליטע דערוואַרטונגען וועלכע האָבן זיך ניט געקענט רעאַליזירן האָבן אַריינגעשליידערט די מאַסן אין אַ פאַרפראָרענער רעאַקציע, אין אַ פּראָסטיקער רעטאָגרעסיע. . .

## 7

# מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף

די אַזוי־גערופענע „נאַטור־רעכט־שולן" אין יוריספּרודענץ, עקאָנאָמיק, געשיכטע א. אַ. וו. האָבן באַוויזן אַ טשיקאַווען קונץ. זיי האָבן גענומען סאָציאָלאָגיע און זי אַוועקגעשטעלט אויפן קאָפּ. סאָציאָלאָגיע

וואַקסט ארויס פון ביאָלאָגיע. די געזעלשאַפט אנטוויקלט זיך אויף איינעם פון די צוויי דרכים. ריכטיקער, אויף בײדע, פאַמיליע־איינהייט און האָרדע, בלוט־איבערגיסונג דורך נאָכקומענשאַפט, קינדער־יורשים, די פאַרקניפּונג וועלכע ווערט געשאַפן צווישן מוטער, פאָטער, זון און טאָכטער, אדער בלוט־פאַרגיסונג אין מלחמות, הריגות און ניצחונות. אָט די זיינען עס די כוחות, וועלכע עטאַבלירן אַ סאָציאַל־לעבן אויף אַ מער־ווייניקער ברייטער באַזע און גרויסן פאַרנעם.

אָבער די סאָציאַלע רעפאָרמער פון 18טן יאָרהונדערט האָבן איגנאָ־רירט דעם בלוט־פאַקטאָר אין זיינע ביידע וואַריאַנטן געבורט־פאַלקסטום און רציחה־מאָרד. זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אז די געזעלשאַפט אין איר מעשה־בראשית, איז געווען געגרינדעט אויף געזעץ, אויף יוריס־פּרודענץ, אַ זאַך וואָס איז צייטיק געוואָרן אויפן בוים פון געזעלשאַפט־לעכן לעבן ערשט גאָר ביים סאַמע סוף.

האָבבעס, (38־37) ספינאָזע, גראָטיוס, פופענדאָרף, (39) לאָק (40) רוסאָ (41) און אַנדערע (42) האָבן געפּריידיקט די אידייע, אז דאָס גע־מיינדע לעבן דאַרף זיך באַזירן אויף אַ סאָציאַלן קאָנטראַקט (אבא גאָרדין, אידישער וועלט־באַנעם, ז״ז. 110־109). זיי האָבן זיך כמעט ווי דער־רעדט צו דעם, אז דאָס איז טאַקע געווען דער וועג אויף וועלכן די געשיכטע איז געגאַנגען, אז די קאָנטראַקט־פאַרשטענדענישן זיינען געווען די פעלזנשטיינערנע יסודות אויף וועלכע די פּאָליטישע בנינים זיינען טאַקע געווען אויפגעריכט. דערנאָך האָט מען די טשיקאַווע אידייע פון אָפּמאַך פאַרוואָרפן. מ׳האָט זי באַטראַכט אלס צו פאַנטאַסטיש און צו גוט צו זיין אמת.

אין דער ווירקלעכקייט זיינען בלויז פּאַרטייען, אדער אַנדערע אינ־טער־אינדיווידועלע פאָרמאַציעס, געבויט אויף צושטימונג, וואָס מיינט אייגנטלעך, אויף אַן אָפּמאַך.

בלאַקסטאָון שרייבט:

„מיר גלויבן ניט, ווי אַנדערע טעאָרעטישע שרייבער, אַז... אינ־דיווידן האָבן זיך צענויפגעקליבן אויף אַ ברייטער פּלאַץ און האָבן געשלאָסן אַן ערשטן אָפּמאַך.״ (43)

ירמיה בענטאַם זאָגט:

„איך דענק אז מיר הערן איצט ניט אַזויפיל פון דעם (ערשטן קאָנ־טראַקט) ווי פאַר דעם. די אומצעשטערבאַרע פּרעראָגאַטיוון פון דער מענטשהייט נויטיקן זיך ניט אין דעם, אז מ׳זאָל זיי דאַרפן אונטער־שטיצן מיט אַזאַ מאָדנעם פונדאַמענט פון אַ פיקציע.״ (44)

אָבער אָט־די שטימען געהערן צו די יעניקע וועלכע האָבן זיך אויסגעניכטערט פון „ראַציאָנאַליסטישן״ ווייך. קורצזיכטיקע ראַציאָנאַליסטיק האָט זיך אַנדערש ניט געקענט פאָרשטעלן די געזעלשאַפט ווי בלויז אַלס א פאַרבאַנד פון יחידים, דאָס אייגנטלעך וואָס שטירנער האָט אביסל שפּעטער געפּריידיקט מיט אזא אימפּעט און ברען.

יוריספּרודענץ איז אַן ארויסשפּראָץ פון סאָציאָלאָגיע. זי ווערט געשאַפן פון דעם, וואָס גרויסע מענגעס מענטשן לעבן און פאַרקערן צוזאַמען. א קאָנטראַקט איז א דערפינדונג, אַן אויפטו פון א רייפן עלטער, א חידוש וועלכער צייגט ארויס א טיפן אריינבליק אין דעם מהות פון די אינטעראינדיווידועלע פאַרהעלטענישן און זיין אָפּשפּיגל אין יורידישע נאָרמעס.

דאָס געזעץ שטאַמט אָפּ פון מנהג. געזעץ איז א מנהג וואָס איז דערוואַקסן געוואָרן און האָט דערגרייכט צו אַ צושטאַנד פון זעלבסטבאַוואוסטזיינקייט. אלס אזעלכער איז ער דער שפּיץ פון קופּאָל, וועלכער הייבט זיך איבער דעם געזעלשאַפטלעכן בנין. און זיי, די סאָציאָל־פילאָזאָפן פון 18טן יאָרהונדערט, אין זייער תהום־טיפער תמימות, האָבן אָט־דעם שפּיץ אָנגענומען פאר דעם ווינקל־שטיין, פאר דעם עצם יסוד פון דער געזעלשאַפט.

אַ געזעלשאַפט האָט געמוזט עקזיסטירן הונדערטער־טויזנטער יאָרן בכדי אזא זאַך, ווי אַן אָפּמאַך, זאָל קענען דערפונדן ווערן.

דייוויד יוהם שרייבט:

„קיין שום קאָנטראַקט אָדער פאַרשטענדעניש, עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז ניט געשאַפן געוואָרן פאר אַן אלגעמיינעם שיעבוד; אזאַ אידייע איז ווייט איבער די באַגריפן פון די ווילדע.״ (45) „כאָטש אַלע רעגירונגען, וועלכע עקזיסטירן היינט־צו־טאָג, אָדער פון וועלכע עס איז געבליבן א רעקאָרד אין געשיכטע, זיינען לכתחילה געגרינדעט געוואָרן אָדער אויף אוזורפּאַציע אדער אויף דעראָבערונג, אָדער אויףביידן, אָן קיין שום פּרעטענזיע אויף ערלעכן צושטים און פרייוויליקן שיעבוד פון פאָלק.״ (46)

קאַנט זאָגט דאָס אייגענע:

„עס איז ניטאָ קיין רעקאָרד פון עפּעס אַזעלכעס ווי א קאָנטראַקט, וועלכן מ׳האָט פאָרגעלייגט דער געזעלשאַפט.״ (47)

8

# פאַרלאַנגבאַרקייט אוןווירקלעכקייט

„מענטשן ווערן געבוירן גלייך" איז געווען איינער פון די קרעדאָ־אַרטיקלען פון די ׳נאַאיוויסטן׳ פון 18טן יאָרהונדערט.

זיינען עופ׳עלעך גלייך? אנדערע וועגן מער, אנדערע — ווייניקער. אַנדערע זיצן אויס געדולדיק זייער פולן טערמין אין תפיסה־טראַכט, אנדערע, ווייטער, רייסן זיך ארויס פאר דער צייט. זיי מאַכן פליטה אויף דעם זיבעטן מאָנאט, אָדער נאָך פריער. אנדערע זיינען שטיל־רואיק, געלאַסן, מיושב׳דיק. אנדערע זיינען שרייער, געוואלדעווער, טומלער, און זייער סביבה איז ניט ווייניקער, ווי זיי אליין, פאַרשידנאַרטיק, דיווערסיפיצירט. די אידעאָלאָגן פון 18טן יאָרהונדערט האָבן גענומען זייערן אַ הארציקן אָדער פרומען וואונטש און זיי האָבן עס דערקלערט פאַר אַן אַקטואַליטעט. זיי האָבן כמעט ווי מיט א כיוון צענויפגעמישט די צוויי באַזונדערע קאַטעגאָריעס, דאָס פאַקטישע און דאָס פאַרלאַנגבאַרע. זיי האָבן געוואָלט אז אלע קינדער זאָלן זיין גלייך, ריכטיקער, זיי האָט זיך אויסגעוויזן, אז עס וואָלט זיין גוט, ווען אלע קינדער זאָלן געבוירן ווערן גלייך און אז אלע מענטשן זאָלן בלייבן גלייך אין משך פון זייער פולער לעבנס־קאַריערע, און זיי האָבן זיך און אנדערע איינגעשמועסט, אַז אַזוי איז עס טאַקע געווען.

טיפער פאַרשטאַנען, איז די זאך מכוח דער גלייכהייט לערע אזוי:

אין מיטן דעם טומל און געפילדער, דעם הו־האַ מכוח גלייכהייט און פרייהייט איז געווען לייכטער צו עטאבלירן א נייע טיראַניי. די פיקציע האָט צוגעדעקט דעם פאקט. די אידעאליטעט האָט פאַרשטעלט די רעאליטעט, און האָט געדינט, בשעת מעשה, אלס א סוראָגאַט פון דער לעצטער. מיט די ריידערייען וועגן פרייהייט, מיט די דרשות וועגן גלייכהייט, מיט פרייהייט און גלייכהייט געהאלטן אין פאַרשטעלונג, במחשבה, האָבן זיי באצוועקט צו לעשן דעם דאָרשט, פון די אויפגעבריצטע מאַסן, נאָך פרייהייט־גלייכהייט אין דער ווירקלעכקייט, במעשה.

די וואָרט־זאָגער און פאָנען־טרעגער פון יענעם פעריאָד האָבן געבעדט און געשריבן זייער פיל אויף דער טעמע פון פרייהייט און גלייכהייט. און דאָס רעוואָלוציאָנערע וואָרט וואָס ווערט געהערט מיט די אויערן און געזען מיט די אויגן, אָט דער קלאַנגען־שטויב, אָט־די ׳שווארצע פינטעלעך׳ האָט מען געגעבן די ברייטע שיכטן פון פאָלק און זיי באַפעלן צו נעמען עס פאַר ממשות׳דיקער ווירקלעכקייט. אויף אַזאַ אופן האָבן

זיי געטאַמעוועט דעם אויפשטאַנד־גייסט, וועלכער איז געווען אויפגעבור־רעט אין געפעכט קעגן דעם הערשנדיקן רעזשים און וועלכער וואָלט ניט דערלאָזן איינפירן די ׳נייע שקלאַפעריי׳. זיי האָבן באַשוואָרן אָט־דעם ׳געפערלעכן גייסט׳ מיט די ׳פרייהייט׳־השבעות און גלייכהייט צירופים.

9

# קאָמוניזם אַלס נאָכמאַכער

קאָמוניזם איז ניט קיין פנים חדשות אין דער וועלט פון געדאַנק און אויפפיר. ער איז שוין, אפשר, א היפש ביסל צו אלט. ער האָט געווירט אין פילע רעליגיעזע געטראנקען, קריסטלעכע אָדער היידענישע. און אָט דער היוון האָט עס געהייבן דעם טייג פון א גרויסער צאָל סעקטן און האָט געבראכט גאנץ אָפט צו שפּאַלטונגען אין די עטאַבלירטע קירכן.

מיר וועלן ברענגען די מיינונגען פון די „געצנדינער״, און דערנאָך פון די „משיח־גלויבער.״

סענעקע (נ. ק. 65־3 פ. ק.) דער רוימישער באַרימטער שריפט־שטעלער שרייבט:

„יענע גליקלעכע צייטן, ווען די מתנות פון דער נאַטור זיינען געווען אַלגעמיין, און מ׳האָט זיי געברויכט צוזאַמען... ווער האָט געקענט זיין גליקלעכער פון דער מענטשן־ראַסע? זיי האָבן געברויכט אלץ אין דער נאַטור צוזאַמען... פאַרוואָס זאָל איך זיי ניט באַטראַכטן אלס דאָס רייכסטע פאָלק פון אלע פעלקער, צווישן וועלכן מ׳האָט ניט געקענט געפינען קיין איין אָרימאַן.״(48) „אַ אוניווערסאַלער שפייכלער האָט באַ־זאָרגט די מענטשהייט, אין שפע האָבן זיי געלעבט און זיך גענערט.״ (49) „די ערשטע גוטע ראַסע פון די מענטשנקינדער... זיי האָבן זיך אָנטזאָגט צו באַשטימען מיטן פאַרהייליקטן שטיין די פעלד־גרענעצן.״ (50)

ווירגיל זאָגט:

„קיינע צאַמען האָבן ניט צעשיידט די פעלדער, קיינע צייכנס, קיינע גרעניצן האָבן אונטערשיידט די לאַנד אָקערס: אלץ האָט געהערט צו אַלעמען.״ (51 „אַפילו קיין לאַנד־צייכן אָדער א גרענעץ־שטיין אויף דער פלאַך איז ניט געווען דערלויבט: פאַרדינסטן האָבן געהערט צו אלעמען, צו אַ שפייכלער וועלכער איז געווען אן אלגעמיינער.״ (52)

טיבולוס זינגט:

„קיין טיר האָט ניט פאַרשטעלט די פורכטלאָזע הייזער און די ברייטע ערד איז געווען בלויז אַן אלגעמיינעס פעלד.״ (53) „ניט קיין פאַרמאַכטע טיר, ניט קיין גרענעץ מיט שטיין געצייכנט.״ (54

אָוויד זינגט:

„אַלץ האָט געהערט צו אַלעמען ווי לופט און זון.״ (55)

האָראַץ זינגט:

„קיינער האָט ניט געהאט קיין אייגנטום־רעכט.״ (56)

„עפעס אזוי ווי די פאַררעטערישע וועלט וואָלט גאָר געצייגט א זאַך, וועלכע מיר קענען אָנרופן אונדזערע.״ (57)

יוסטין שרייבט: „אַלע זאכן, ווי איין אלגעמיינע ירושה־נחלה, זיינען ניט געווען צעטיילט, זיי האָבן געהערט צו אַלעמען.״ (58)

וו. ע. הארטפאָול לעקי שרייבט:

ביי דער אידישער סעקטע פון די איסיים שיינט צו זיין עטאַבלירט דער גיטער־קאָמוניזם.״ (59)

מיר וועלן ברענגען מיינונגען פון די גרויסע גייסטער פון דער קירך.

דער הייליקער באַזיליוס שרייבט:

„די ערד איז געגעבן געוואָרן צו אַלע מענטשן. זאָל קיינער ניט אָנרופן דאָס זיינס, וואָס ער האָט גענומען, אין אריבערשטייג פון זיינע באַדערפעניש, פון דעם אלגעמיינעם שפייכלער, און וואָס ער האלט אויף מיט געוואלדטאַט.״ (60)

דער גרויסער קאַטוילישער טעאָלאָג טהאָמאַס פון אַקווין שרייבט:

„פאַרוואָס ביסטו רייך, ווען דער צווייטער איז אָרעם, סיידן דאָס איז צוליב דעם בכדי דו זאָלסט האָבן די מצוה פון זיין א גוטער פאַר־וואַלטער און ער די באַלוינונג פאַר געדולד?

דו פאַרהאַלטסט דאָך די ברויט פון דעם הונגעריקן, דעם מלבוש פון דעם נאַקעטן האָסטו פאַרבאַהאַלטן אין קליידער־שאַפע, דעם שוך פון דעם באָרוועסן האָסטו געלאָזן פארפוילט ווערן, די געלט פון דעם נויט־באַדערפטיקן האָסטו באַגראָבן אין דער ערד.״ (61) „אַלע רייכטימער הייסן רייכטימער פון אומרעכט, ד. ה. פון אומגלייכהייט, מחמת זיי זיינען ניט גלייך צעטיילט צווישן אַלעמען, איינער איז אין נויט און דער אַנדערער אין עשירות.״ (62)

די לערע פון די צוועלף אַפאָסטאָלן:

„דו זאָלסט טיילן מיט דיין ברודער אַלע זאַכן, און זאָלסט ניט זאָגן אז זיי זיינען דיינע אייגענע.״ (63)

יוסטין דער מאַרטירער פון דעם צווייטן יאָרהונדערט שרייבט:

„די ערשטע קריסטן האָבן געלעבט קאָמוניסטיש, זיי פלעגן ברענגען אלץ וואָס זיי האָבן פארמאָגט אין איין פלאץ און האָבן זיך געטיילט מיט יעדן, ווער עס איז נאָר געווען אין נויט.‟ (64)

דער הייליקער ציפּריאַ שרייבט:

„יענער מענטש גייט טאַקע אין גאָטס וועגן, ווען ער פאָלגט גאָט אין זיין אלגעמיינער גוטסקייט און ער גיט אוועק צו דער גאַנצער ברידער־געמיינדע די גוטע זאַכן וואָס ער פאַרמאָגט.‟ (65)

אַמבראָזיאסטער שרייבט: (ער ציטירט דעם טעקסט פון די א. קאַרינטער ט׳ 11־10).

„וואָרים אין תורת־משה שטייט געשריבן, דו זאָלסט ניט פאַרבינדן דעם מויל פון אן אָקס, ווען ער דרעשט, זאָרגט דען גאָט פאר די אָקסן? אָדער זאָגט ער דאָס אינגאַנצן פאר אונדזערטוועגן? וואָרים פאר אונדזערטוועגן איז עס געשריבן, ווייל דער וואָס אַקערט איז מחויב צו אַקערן מיט האָפענונג, און דער וואָס דרעשט מיט האָפענונג צו האָבן א טייל׳ — גאָט גיט אלע זאַכן קאָמונאַל צו אלע מענטשן.‟ (66)

דער הייליקער זענאָן פון פערטן יאָרהונדערט באַגרינדעט די טעאָריע פון קאָמוניזם.‟ (67)

ווי עס איז צו זען פון די געבראַכטע ציטאַטן, און מיר האָבן געקענט ברענגען זייערע צען מאָל אזויפיל, איז די קאָמוניסטישע אידייע זייער אַלט, פיל עלטער פון ליבעראַליזם מיט זיינע אינדיווידואַליסטישע אויפפאַסונגען. אָבער קאָמוניזם־סאָציאַליזם אלס א וועלטלעכע עקאָנאָמיש־פּאָליטישע פּראָגראַם, וועלכע ווערט געשטיצט פון א גראַנדיעזער מאַסן־באַוועגונג, האָט גענומען אַקופּירן די אוואַנסצענע פון סאָציאַלן לעבן בלויז נאָך דעם, ווי דער ליבעראַליזם איז שוין געווען טיילוויז, אין א יש לענדער, פאַרווירקלעכט. מיט אַנדערע ווערטער, נאָך דעם ווי דער ליבעראַליזם האָט פאַרקערפּערט אין פּאָליטישע מעשים און יורידישע סטאַטוטן יענעם טייל פון זיינע שיינע דיבורים, וועלכע האָבן זיך געלאָזן מאַטעריאַליזירן. לכן איז דער קאָמוניזם־סאָציאַליזם געקומען שוין נאָכן ליבעראַליזם.

איצט פרעגט זיך: צי האָט קאָמוניזם, אין דער אזוי־גערופענער „וויסנשאפטלעכער שול״, ד. ה. „מארקסיזם־קאָמוניזם״, פאַרוואָרפן די דעמאַגאָגישע שטיק און מעטאַפיזישע דריידלעך וועלכע דער ליבעראַליזם האָט געברויכט, מיט אזא פרייער האנט, פאר אים? ניין, ער האָט עס אפילו ניט געטראַכט צו טאָן. ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט נעמען א טרוקן־ניכטערן קורס. ער האָט ניט געוואָלט גיין אויף דעם דערנער־וועג פון אמת. ער האָט בעסער אויסגעקליבן דעם אויסגעפלאַסטערטן

מיט ליגנס, מיט גוזמאות, מיט פסעוודאָ־פּראָפּעטישע וויזיעס, שליאַך. ער האָט נאָכגעטאָן דעם 'ליבעראַליזם' פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. ער האָט 'אונטערהאַלטן' די מאַסן מיט פאַלשע צוזאָגענישן, ער האָט זיי פאַרדרייט די מוחות מיט אויפגעבלאָזענע הבטחות, וועלכע האָבן ניט קיין ממשות. ער האָט פאַרגוואַלדיקט די פאַרשטאַנד־אומשולדיקייט פון דעם 'עמך', ער האָט מיסברויכט זייער לייכטגלויביקייט אויף דעם שענדלעכסטן אופן.

## 10

# די אילוזיעס פון איינפאַכקייט

פרודאָן שרייבט:

„אַט די איינפאַכקייט פאַרבאַהאַלט א טיפע מיסטעריע, וועלכע צו זאָנדירן איז אונדזער פליכט.” (68)

דזש. ארטהור טהאָמסאָן שרייבט:

„מיר דאַרפן האָבן אין זינען די אויסעראָרדענטלעכע פאַרוויקלטקייט פון אונדזער סאָציאַלער סיסטעם. וואו עס איז פאראן אַזאַ קאָמפּליצירטקייט, דאָרטן איז דאָ פּלאַץ פאר פילע זאכן וועלכע זיינען ניט ווי געהעריק.” (69)

די סאָציאלע פּראָבלעמען זיינען ווייט העכער פון דורכשניט בנוגע קאָמפּליצירטקייט. זיי איז א סך שווערער צו לייזן, אדער אפילו, פּשוט, באַנעמען, איידער די פּראָבלעמען, וועלכע ווערן געשטעלט אין אנדערע וויסנשאפטן, ווי דהיינו פיזיק, כעמיע, ביאָלאָגיע א. א. וו. אבער טשיקאווע, דערפאר וואָס זיי זיינען אזוי פאַרוויקלט, מיינט דער פּשוטער חי־וקיים, דער מענטש פון א גאנצער וואָך, אז זיי זיינען איינפאַך, ווי ברויט מיט קעז אָדער קאַרטאָפל מיט באָרשט. זייער הויך־קוואַליפיצירטע אומ־פאַרשטענדלעכקייט, זייער גרונטלאָזע עמקנות שאפט ביי דעם אויבער־פלעכלעכן באָאָבאַכטער די אילוזיע פון פּשטות און אויבנאויפיקייט.

אין פאַרבינדונג מיט אָט־דעם געדאַנק, אז שווערע קאָמפּליצירטע ענינים זעען אויס צו זיין איינפאַך און לייכט לויט דעם פּראָסטן באַנעם פון פּשוטן מענטשן, איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן אָט וואָס:

מוטערס האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון פּראַקטישער מעדיצין מיט פילע הונדערטער יאָרן פאַר דעם איידער זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן פון פעדאָגאָגיק, פון דערציערישע אַקטיוויטעטן. היינטיקע צייטן איז שוין זעלטן צו טרעפן א מוטער, ווי נידעריק איר קולטור־מצב זאָל ניט זיין,

וועלכע זאָל זיך אונטערנעמען צו קורירן איר זון, ניט אָנפרעגנדיק זיך ביי אַ מעדיקער א ספעציאַליסט, און טאָן עס אויף דעם סמך פון דעם פעסטגעשטעלטן פאַקט, וואָס זי, אין איר בחינה פון א געבוירערין, ליבט איר זון זיכער פיל מער ווי דער ווילד־פרעמדער רופא. קיין מוטער וועט ניט באַשטיין אויף אירע רעכט, וועלכע די נאַטור אַליין שענקט איר און בזה־האופן מאָנאָפּאָליזירן די באַהאַנדלונג פון איר זונס קראַנקייט, דערלייכטערונג פון זיינע יסורים, און ניט צולאָזן, אַז דער דיפּלאָמירטער מעדיצינער, וועלכער איז ניט קיין קרוב און ניט קיין גואל פון פּאַציענט, זאָל זיך אריינמישן אין איר 'מעדיצינישער' ספערע פון קאָמפּעטענץ... מעדיצין אלס א געביט פון מומחה'שאַפט, אלס א באַרוף, וועלכער פאָדערט ספעציאַליזאַציע, איז אנדערקענט געוואָרן א סך פריער פאַר פּעדאַגאָגיק.

מיט וואָס דערקלערט זיך עס? פאַרוואָס איז עס אזוי? דאָס איז דערפאַר, וואָס חכמת־הרפואה איז ווייניקער קאָמפּליצירט, און די רעזולטאַטן פון דער באַהאַנדלונג פון א חולה, הן פון א פּאָזיטיוון און הן פון א נעגאַטיוון כאַראַקטער, ווייזן זיך ארויס אין א משך פון א קורצער, לפי ערך, צייט. אחוץ דעם זיינען טאַקע די עפעקטן מער אָנטאַפּבאַר, ווייניקער אָפּהענגיק פון קאָנטראָווערסיעס, גרינגער אויסצוגעפינען און ריכטיק אָפּשאַצן, ווי דער פאַל איז אויף דעם געביט פון דערציאונג. בנוגע היילונג האָבן מיר ניט קיין קלענערן בר־סמכא ווי דעם מלאך־המות אליין, וועלכער קומט און זאָגט זיין וואָגיק וואָרט. און ער איז שוין איינמאָל א קאָרעקטאָר. זיינע גרייזן־פאַרריכטונגען זיינען פאַרשטענדלעכע. ביי אים גילטן ניט קיינע חכמות, ער לאָזט ניט צו קיינע צווײדייטיקייטן. בשעת אין תחום פון דערציאונג געפינען זיך די דערגרייכונגען אין א רשות וואו עס הערשן אומבאַשטימטקייטן, וואו עס לאָזן זיך הערן כסדר חילוקי־דעות, פאַרפירנדיקע מיינונג־פאַרשיידנהייטן. די עדוקאַטיווע פּראָצעסן זיינען פאַרוויקלט. דער פּשוטער מענטש קען זיי ניט נאָכפּאָלגן. ער קען זיי ניט באַגרייפן. אין מעדיצין (אויסער פּסיכיאַטריע) האָבן מיר צו טאָן מיט פיזיאָלאָגיע. עס איז כמעט תמיד אַן איינפאַכער, פאַרהעלטענישמעסיק, פאַל פון א שוואַכקייט אדער א קראַנקייט, פון ווייטאָקן און יסורים. אויף דעם געביט פון פּעדאַגאָגיק באַגעגענען מיר זיך מיט די 'אומוועגבאַרע', מיט דער פון די הענט זיך ארויסגליטשנדיקער פּסיכאָלאָגיע. מיר טרעפן זיך דאָ מיט נפש־יסורים, מיט גייסט־וואונדן, מיט א צעבראָכענעם ווילן און צע'מזיק'טע אינטעלעקטועלע פיאַיקייטן.

און עס איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס די באַבסקע רפואות, בעל־שם סגולות און דעם מכשפ׳ס תרופות האָבן אָפּגעטראָטן דעם וועג פאַר דער וויסנשאַפטלעכער הייל־טעכניק א סך פריער איידער די אַלטפרענקישע שטוב־פּעדאַגאָגיק האָט זיך צוריקגעצויגן פאַר דעם אנגריף פון די וויסנ־שאַפטלעכע מעטאָדן פון קינדער־דערציאונג, וועלכע באַזירן זיך אויף פּסיכאָלאָגישע אויספאָרשונגען און פּעדאָלאָגישע עקספּערימענטן.

דאָס געזאָגטע איז ריכטיק בנוגע סאָציאַלע פראגן. אין אָט־דער ספערע זיינען די כוונות און באַשטרעבונגען אזוי אומגעהויער פאַרפּלאָנ־טערט. די פאַרשיידענע אינטערעסן צלמ׳ען זיך איבער, האַקן זיך איבער. די פּועל־יוצא׳ס זיינען ווייט אָפּגערוקט פון די סיבות. און די סיבות אליין, אלס צוגאָב, לאָזן זיך ניט נאָכשפּירן אויף א לייכטן דירעקטן וועג.

פראנקלין ה. גידדינגס שרייבט:

„די געזעלשאפט איז דער העכסט־פאַרוויקלטער פלאָנטער פון גע־שעענישן און פאַרהעלטענישן, וועלכן דער וויסנשאַפטלעכער פאַרשטאַנד קען אויספאָרשן.״ (70)

אין דעם סאָציאַלן תחום איז שווער אויפצודעקן די געמאכטע טעות׳ן. די שטראַפירונגען, די עונשים, קומען ניט אַן שנעל, זיי פאָלגן ניט נאָך האַרט ביי די מעשים פון שלעכטן אויפפיר. דערפאַר באַאָבאַכטן מיר אויף אָט־דעם געביט אזא נאַכלעסיקייט, אזא אָפּגעלאָזנקייט, אזא צוריק־געשטאַנענקייט בנוגע די מעטאָדן מיט וועלכע מיר באַהאַנדלען דעם געזעלשאפט־קעגנשטאַנד. מיר האָבן דאָך דאָ צו טאָן ניט מיט דעם גוף און ניט מיט דער נשמה פון דעם יחיד, נייערט מיר פאַרנעמען זיך מיט דעם קערפּער און זעל פון דער געמיינשאפט, פון א גאַנצן קאָלעק־טיוו. מיר זיינען זיך מתעסק מיט אַן עקאָנאָמישער ׳קערפּערשאפט׳ און א פּאָליטישער ׳זעלשאפט׳. אַן אין־לשער גרויסע צאָל פון פאַקטאָרן טרעטן דאָ אריין און שפּילן זיך פאַנאַנדער, אזוי אז דער שאַרפסטער מוח פון דעם חריפ׳ישסטן דענקער ווערט צעטומלט.

מאַריס גינזבערג שרייבט:

„די אַרבעט פון די לעצטע דרייסיק יאָר האָט אַרויסגעבראכט די גרעסטע פאַרוויקלטקייט און קאָמפּליצירטקייט פון אייניקע פון די פאַקטן פון... סאָציאַלן לעבן, וועלכע די פריערדיקע שרייבער פלעגן זיין צו־פרידן צונויפצוּוואַרפן אין איין הויפן אונטער איין קעפּל.״ (71)

פּיטירים סאָראָקין שרייבט:

„די קאָמפּליצירטע נאַטור פון די סאָציאַלע דערשיינונגען מאכט נויטווענדיק א וואַריאַיטעט פון צוגאַנגען און מעטאָדן פון שטודיום.״ (72)

און מחמת דעם טאַקע איז אויף דער „סאָציאַלער חכמה“ נגזר געוואָרן אז זי זאָל קומען „פון דעם מויל פון עופ'עלעך און זייגלינגס.“

ווילדע עם־הארצות, באַד־יונגערישע אינקאָמפּעטענץ, מיט זייער פולער מאָס פון פוסטער באַרימעריי און לײדיקער איבערנעמעריי פּראַנ־טעווען ארום גדול'דיק, זיי דערקלערן זיך פאַר די גרויסע מומחים אין דער וויסנשאַפט און קונסט פון געזעלשאַפט־בוימייסטעריי, אַט־די גראַבע קעפּ און אומפּאַראַנטוואָרטלעכע פלוידער־זעק האָבן ניט די מינדסטע אַנונג מכוח די הארבקייטן, פאַרווירענישן און פאַרדרייעניש מיט וועלכע די סאָציאַלעווירקלעכקייט איז געבענטשט און געשאָלטן.

הערבער ספּענסער שרייבט:

„דער פּראָצעס וואָס פאָדערט זיך איז ניט אזוי איינפאַך ווי איר האָט געמיינט... ניט שווין־זשע קען מען די מענטשהייט אויסגלייכן לייכטער ווי א שטיק אייזן?“ (73)

אַט־די שכל־סגי־נהור'ס מיינען אז דער ניווא פון סאָציאַלן ים וועט זיי קוים דערגרייכן ביז צו די קנעכלעך. זיי פאַרדעכטיקן ניט די עקזיסטענץ פון אַט־דעם ים. אין זייער פאַרשטאַנד־בלינדקייט מיינען זיי אז זיי האָבן פאַר זיך א בלאָטקע, א שטיקל קאַלוזשע, וועלכע זיי וועלן לייכט אריבערשפּרייזן אדער דורכבראָדזשען אָן שוועריקייטן.

## 11

# יורידישע קאַטעגאָריעס

ראָבערט אָוען שרייבט:

„דעם איצטיקן דור לערנט מען גלויבן... אַז זיי פאַרמאָגן א קאָנסטיטוציע, וועלכע האָט געגעבן אלעמען גלייכע רעכט, בשעת במעשה מאַכט זי גאָר קיינע אָנשפּרוכן ניט צו פאַרזיכערן א גערעכטע גלייכהייט פון רעכט.“ (74)

סאָציאַליזם־קאָמוניזם שלעפּט זיך נאָך דעם ליבעראַליזם. ער חזר'ט איבער כמעט אלע טעות'ן, וועלכע עס האָט געמאַכט זיין פאָרויסגייער. ער פלייסט זיך אריינצונעמען אין זיך אלע מעטאַפיזישע מיסאורטיילן. מיט א באַזונדער חשק צענאַשט ער די פאַלשע ספּעקולאַציעס פון זיין ׳עלטערן׳ ברודער.

דער ליבעראַליזם האָט געמאַכט אזא טאַראַראַם פון פרייהייט, וועלכע ער האָט קלאָמפּערשט פאַרווירקלעכט, אז ער האָט זיינע חסידים אינ־גאַנצן צעדולט. זיי האָבן ניט געזען די מערקווירדיקסטע פאַקטן פון סאָציאַלן לעבן.

וו. ס. לילי אין זיין ווערק „אַ יאָרהונדערט פון רעוואָלוציע", שרייבט:
„פרייהייט איז, באמת, די פּרעראגאטיוו ניט פון יחיד, נייערט פון שטאַט; דאָס מיינט צו זאָגן, פון פּראָפעסיאָנעלן פּאָליטישן טוער — געוויינטלעך פּאָליטישע אוואַנטוריסטן פון דעם נידעריקסטן טיפּ — וועלכע קאָנטראָלירן און ראַבירן דעם שטאַט." (75)
(זע אבא גאָרדין „רעדעס און פּאָרטראַגן", II, מאָסקווע, 1919, רוסיש.) (אבא גאָרדין, מאָראַל אין אידיש לעבן, ז"ז. 52־42.)
דער ליבעראַל האָט עס אָבער ניט געזען און זעט עס ניט עד־היום. ער מאַכט זיך ניט־זעענדיק און ניט־וויסנדיק.
דער ליבעראַלער געדאַנק האָט אָנגענומען, אז דער אָפּשאַף פון פּריווילעגיעס — וואָס האָט געמיינט די פּראָמולגאציע פון דעם פּרינציפּ פון גלייכהייט און פרייהייט אין פּאָליטיק און די סאַנקטיפיקאַציע פון די אומפאַרלעצבאַרע פּריוואַט־אייגנטום־רעכט אין עקאָנאָמיק — וועט געבן אַ מעגלעכקייט די רעוואָלוציאָנערן־רעפאָרמאַטאָרן אויסצוגלעטן די הויפּט־קנייטשן און פאַלדן פון דער סאָציאַלער אויבערפלאַך און באַזייטיקן די אומגערעכטיקייטן, וועלכע עקזיסטירן צווישן מענטשן און גרופּירונגען אין דעם אָרגאַניזירטן געמיינשאַפט־לעבן.
דעם סאָציאַליזם־קאָמוניזם קומט לכאורה אַ גרויסן יישר־כח דער־פאַר וואָס ער האָט אָפּגעוואָרפן אַ רעכט ביסל פון אָט דער נאַאיווער איינגעגלויבטקייט, אז די יורידישע נאָרמעס, גענומען אין דעם אקטיוון אָדער פּאַסיוון מאָדוס, זיינען אלמעכטיק. אָבער דאָס איז בלויז לכאורה, ווייל בעצם האָט ער געגערט די זעלביקע „פיקציעס".
עמיל דע לאַוועלעיע דריקט זיך אויס גאַנץ בייסנדיק מכוח דעם ענין 'פרייהייט'. אָט וואָס ער שרייבט:
„עס איז אַ גרויסע זאַך צו זיין פריי און אויבערהערשער, אבער ווי קומט עס וואָס דער אויבערהערשער גייט אָפּט אויס פון הונגער? ווי שיקט זיך עס וואָס די וועלכע מ'האלט פאר דעם קוואַל פון מאכט זאָלן ניט קענען, אפילו דורך שווערער פּראַצע, זיך באַזאָרגן מיט די נויט־ווענדיקייטן פון לעבן?" (76)
וואָס דער סאָציאַליזם־קאָמוניזם פּאָדערט — בכדי צו זיין אין אַ לאַגע דורכצופירן די צוגעזאָגטע רעפאָרמעס, מאכן די נויטיקע איבער־אנדערשונגען אין די פארהעלטענישן פון די מענטשן — איז ניט ווייניקער ווי דעם אָפּשאַף פון פּריוואַט־אייגנטום און די פּראָקלאַמירונג פון סאָציא־ליזאַציע בנוגע די פּראָדוקציע־מיטלען און געצייג.
אין דער אונטערשטער שורה, וואָס וואָלטן באַוויזן אויפצוטאָן די סאָציאַליסטישע מאָסרעגעלן?

סאָציאַליזם־קאָמוניזם דערגייט צום זעלביקן ׳טעמפּן ווינקל׳ אין וועלכן דער ליבעראַליזם האָט זיך אָפּגעשלאָגן און איז שיער ניט צעשמעטערט געוואָרן. עס זעט אין פלוג אויס אז סאָציאַליזם האָט אנטבלויזט דעם סאמע שורש־דבר פון דער רשעות. ער האָט אָנגעצייגט — הגם מיט אביסל א צו גרויסן רעש און ליאַרם — אז שולדיק אין אלע ווירטשאַפטלעכע צרות איז די אינסטיטוציע פון פריוואט־אייגנטום. היוצא, אז דער אָפּשאַף פון פריוואט־אייגנטום רעכט וועט רעהאַביליטירן אונדזער סאָציאַלע סיסטעם, נאָרמאַליזירן זי, פאַרטרייבן פון די עקאָנאָמישע וואַסערן פּיראַטעריי און פּראָפיטעריי.

ווי געזאָגט, אין פלוג זעט עס אויס צו זיין א היפשער אויפטו לגבי דעם לעפּלעכן ליבעראַליזם. אָבער טיפער זיך אריינגעטראכט: וואָס מיינט אָפּשאַפן פריוואט־אייגנטום־רעכט? וואָס איז אזוינס פריוואָט־אייגנטום־רעכט? עס איז דאָך, ווייטער, בלויז א יורידישע קאַטעגאָריע און מער קיין זאך ניט. עס איז א לעגאַליסטישער מהות אין ניט קיין קלענערער מדרגה ווי די ספּעציעלע פּריווילעגיעס זיינען געוועזן. דער ליבעראַליזם, מיט דער באַזייטיקונג פון פּריווילעגיעס אין דער פאַרדעמדיקער „רעפאָרמאַציע־עפּאָכע״, האָט זיך ניט ארויסגעוויזן צו זיין אזאַ גרויסער אויפטוער. ער האָט ניט געקענט האַלטן זיינע הבטחות. ער האָט ניט געקענט געבן אונדז די „גאָלדענע גליקן״, וואָס ער האָט פאַרשפּראָכן אין זיינע דרשות, פאַרטראַגן און שריפטן. ער האָט עס ניט געקענט געבן, ניט מחמת דעם וואָס ער איז געוועזן צו קאַרג, אדער ניט גענוג אָרנטלעך, ניט גענוג ערנסט, ניט גענוג וואוילמיינענדיק. חס ושלום! בשעת ער האָט געמאָלן די אָנלאָקנדיקע בילדער פון צוקונפטשטאַט האָט ער עס געטאָן מיטן גאַנצן האַרצן, מיט דער אומגעטיילטער דעה. ער האָט עס ניט געגעבן ווייל ער האָט עס ניט געקענט געבן. ער איז ניט געווען אימשטאַנד צו פאַרווירקלעכן זיינע אידעאַלן. ער איז ניט געווען בכוח אריבערצוגיין פון וואָרט צו דער טאָט און ניט פאַרלירן דערביי דעם גרעסטן טייל פון זיין שיינעם וואָרט.

און אויב אזוי, פרעגט זיך, פאַרוואָס זאָל דער סאָציאַליזם־קאָמוניזם מיט זיין כוונה אָפּצושאַפן די צווייטע יורידישע קאַטעגאָריע יע בכוח זיין צו באַווייזן דעם ׳קונץ׳, און יע ברענגען דעם קץ וועגן וועלכן ער רעדט אזוי געשמאַק אין זיינע עפּנטלעכע ארויסטרעטונגען און שרייבט אַזוי מחייה׳דיק אין זיינע בראָשורן און ביכלעך?!

דער צומאַך פון דעם אלטן טעאַטער פון ווירטשאַפטלעכע טעטיקייטן מיט דעם אָפּשטעל פון שפּילן די „ספּעציעלע פּריווילעגיעס״ דראַמעס האָט בלויז געבראַכט דערצו אז אויף דעם צווייטן ראָג גאָס האָט

מען געעפנט א נייעם טעאטער, מיט א נייער בינע אויף וועלכער קאַפּיטאַל האָט געגומען שפּילן די הויפּט ראָלע אין דער שיילאָק דראמע. און אויב אזוי וואָס וועט פּאַסירן ווען פּריוואט־אייגנטום־רעכט וועט אָפּגעשאפט ווערן? עס איז כמעט ניט שווער זיך פאָרצושטעלן וועלכן טעאטער מ׳וועט אויפבויען אָדער וועלכן באַלאַגאַן מ׳וועט אויפשלאָגן און וועלכע בינע מ׳וועט אויפשטעלן און וועלכע אקטיאָרן עס וועלן שפּילן אין דער נייער הערשאפט אָפּערע.

א. וו. האמפריי שרייבט:

„שטייענדיק פּנים־אל־פּנים מיטן פאקט פון קלאַסנקאמף, פּלייסט זיך דער סאָציאליזם אָפּצושאַפן אים דורך דער באַזייטיקונג פון זיין אור־זאַך... אזוי ווי די גאַנצע געמיינשאפט וועט האַלטן אין קאָלעקטיוון באַזיץ די פּראָדוקציע מיטלען... וועט קיין קלאס ניט קענען אונטער־יאָכן עקאָנאָמיש דעם צווייטן״...(77)

וואָס פאר א תמימות! די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאכט ווערט ניט געמינערט אויף א האָר פון דעם וואָס פּריוואט־אייגנטום ווערט אָפּגעשאפט. און וואָס איז שייך די קלאַסן־סטרוקטור פון דער געזעל־שאפט איז עס פונקט פארקערט. די אינסטיטוציע פון פּריוואט־אייגנטום שוואכט אָפּ די קלאַסן. זי שטארקט זיי שוין גאָר ניט. פּריוואט־אייגנטום איז א צעשיידער, אַ פאַנאַנדערנעמער פון מענטשן, ניט קיין צענויפנעמער, צענויפקלעפּער. פּריוואַט־אייגנטום פאַרשפּרייט קנאה־שנאה. דער אָפּשאַף פון פּריוואַט־אייגנטום דאָס איז דער צעמענט וועלכער סאָלידיפיצירט אַ קלאַס. מיר וועלן זיך ווענגן דעם ענין מער פאַר־ברייטערן, ווען מיר וועלן באַהאַנדלען אין א ווייטערדיקן קאַפּיטל די סטרוקטור פון די שטאַנדן, קלאַסן, און „שיפן״.

ערנסט פּאַיסאַן אין זיין ווערק „די קאָאָפּעראטיווע רעפּובליק״, שרייבט:

„סאָציאלע פאַרהעלטענישן זיינען עקאָנאָמישע, אָבער פונדעסטוועגן זיינען זיי אויך לעגאַליסטישע, פּאָליטישע, מאָראַלישע און עטישע.״ (78)

סאָציאלע פאַרהעלטענישן זיינען צוערשט און צולעצט סאָציאלע פאַרהעלטענישן. איך מיין צו זאָגן, אז מ׳דאַרף זיי באַהאַנדלען פון דעם שטאַנדפּונקט פון סאָציאָלאָגיע. צו באהאנדלען זיי ריין־עקאָנאָמיש אָדער אויסשליסלעך יורידיש מיינט צו מיסבאַהאַנדלען זיי, צעמישן די ענינים, פאַרווירן די פּראגן. אונטער אלע עקאָנאָמישע געוויקסן ליגט א סאָציאלאָגישער וואָרצל, וועלכער נערט זיי, גיט זיי זאפט, האָפט און קראַפט. ער פאַרזאָרגט זיי מיט ממשות און קאָלאָראַציע.

נאָך אַ ציטאַטע פון דעם אייגענעם מחבר:

„זינט די מענטשלעכע געזעלשאפט איז געוואָרן אַ מענטשלעכע געזעלשאפט ביז אויף היינטיקן טאָג דאָמינירן די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן אַלע איבעריקע; פריער פון אַלץ מוזן מיר לעבן, דאָס מיינט, מיר מוזן געברויכן. און בכדי צו געברויכן, מוזן מיר פּראָדוצירן. דער קאַמף פאַר חיונה איז בכן פאָרויסגעגאַנגען און באַהערשט אַלע אַנדערע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, און ער האָט זיי באַשטימט.״ (79)

„פריער פון אַלץ מוזן מיר לעבן.״ אָט־די פראַזע קען ניט האָבן קיין אַנדער מיין ווי בלויז אַנדייטן מיטן שטאַרקן טראָפּ אויף דעם אומשטאַנד אַז מיר קענען ניט לעבן, קענען זיך ניט געפינען אויסערהאַלב אַ מענטשלעכן קרייז. דאָס מענטשלעכע בילד איז איינגעפאַסט אין אַ געמיינשאַפט־רעמל, אָן רעמל וואָלט דער פּאָרטרעט גאָר ניט געקענט זיין בנמצא. מיר, אַלס איזאָלירטע יחידים, קענען גאָרניט פּראָדוצירן. די ראָבינזאָנאַדעס זיינען פּראָדוקטן פון ריינעם אויסטראַכט. זיי זיינען פיקטיווע שאַפונגען. מיר געהערן צום ציבור. מיר קעמפן פאַר אַ גרופּן־לעבן, פאַר אַ געמיינשאַפט־עקזיסטענץ. דער אויפריכט און אויפהאַלט פון דער גרופּן־סטרוקטור איז אונדזער וויכטיקסטע אויפגאַבע, אונדזער הייליקע פליכט. דאָס איז דער אַלער־ערשטער באַפעל. דאָס איז דער חשוב׳סטער טייל פון אַלע מענטשלעכע אַקטיוויטעטן. אָט־די אויפגאַבע אונדזערע דעטערמינירט אַלע אונדזערע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן. און די אַרבעט־ און קאַפּיטאַל־פראַגע וועלכע ווערט באַהאַנדלט ריין־עקאָנאָמיש פון די קאָאָפּעראַטיוויסטן און סינדיקאַליסטן און פּאָליטיש־עקאָנאָמיש פון די שטאַט־סאָציאַליסטן און שטאַט־קאָמוניסטן אָדער אַנטי־שטאַט־קאָמוניסטן פון אַלע פאַרבן און ניואַנסן — איז בעיקר ובעצם אַ סאָציאָלאָגישע פּראָבלעם. מחמת עקאָנאָמיק איז אַ טייל פון אונדזער סאָציאָלאָגיע און זי איז באַין־אופן ניט אומאָפּהענגיק, „פאַר זיך שבת מאַכנדיק״. אָט־דער אומשטאַנד דיקטירט מעשה־תקיף דעם אויפנעם פון אַ סאָציאָלאָגישן שטאַנדפּונקט.

ווען מ׳באַטראַכט די אַרבעטער־פראַגע אָדער די בירגער־פראַגע סאָציאָלאָגיש, דעמאָלט באַפרייט מען זיך פון זייער פיל „אַבערגלויבע־רייען״, דעמאָלט פאַרשטייט מען, אַז דער אָפּשאַף פון אייגנטום־רעכט, רירט בלויז אָן די איבערפלאַך פון ווירטשאַפטלעכן לעבן. ער דערטאַפּט ניט דעם סאָציאָלאָגישן תוך פון די צווישן־מענטשלעכע און צווישן־קלאַסן פאַרהעלטענישן. ער קען קיין סך ניט אויפטאָן. ער וועט מוזן אַרויסרופן אַ גרויסע אַנטוישונג.

„מיר האָבן באַוויזן אַז די קאָאָפּעראַטיווע רעפּובליק... אַנטהאַלט אין זיך אין אַ רודימענטאַרער פאָרם די לייזונג פון דער סאָציאַלער

פּראָבלעם, וועלכע זי וועט דורכפירן דורך איר אייגענער נאַטירלעכער און פולשטענדיקער אנטוויקלונג.״ (80)

די קאָאָפּעראַטיווע רעפּובליק — אָדער וועלכער עס איז אַנדערער ריין־עקאָנאָמישער רעזשים וועלכן די רעפאָרמיסטן אָדער רעוואָלוציאָנערן האָבן בדעה איינצופירן — אַנטהאַלט ניט קיין שום לייזונג פאַר דער סאָציאַלער פּראָבלעם. זי קען אזא לייזונג ניט פאַרמאָגן. קאָאָפּעראַציע, אפילו פון דעם העכסט־אידעאַלן סאָרט, שיקט פאָרויס דאָס פאַראַן־זיין פון קאָאָפּעראַטאָרס. און אויב דער עלעמענט פון פּראָפיטן וועט ווערן עלימינירט, וועט אָט־די עלימינאציע בלויז מיינען אז אן אנדער קאַטעגאָריע, וועלכע וועט דינען אלס א פאַרקערפּערונג פון אן אנדער עקאָנאָמישער פּריווילעגיע אדער, גיכער, אויסנוצונג, — וועט נעמען פונקציאָנירן במקום פון די פּראָפיטן. די נייע קאַטעגאָריע וועט זיין א גרעסערע בעל־פּעולה׳ניצע און וועט ארויסרופן, יעדנפאלס אין דער ערשטער צייט, אין אירע האָניק־חדשים אָדער יאָרן, וויניקער אָפּאָזיציע ווי די פאַרדאַמטע און פאַרטאַדלטע פּראָפיטן סיסטעם. די פאָרמען פון די צווישן־מענטשלעכע און אינטער־קלאַסן פאַרהעלטענישן מעגן זיך היפּש בייטן למראית־עין, אבער דער עצם מהות פון דער סאָציאַלער פאַרפלעכטונג בלייבט אונטער אלע ענדערונגען — ווי טיף, ווי גרויס, ווי דרייסט, ווי רעוואָלוציאָנער זיי זאָלן ניט זיין — דער אייגענער.

אומקערנדיק זיך צו דער טעמע ׳פרייהייט׳, וועלן מיר ציטירן דזשאָרדזש לייסי אין זיין ווערק „פרייהייט און געזעץ״.

„זיין רוף צו פרייהייט איז היפּאָקריטיש; אלץ וואָס ער מיינט איז די פרייהייט פון די קאַפּיטאַליסטן און הענדלער אויסצופרעסן וויפיל מ׳קען נאָר דורך קראַפט און שווינדל פון די לוין־ארבעטער... אונטער דער פּלוטאָקראַטיע איז דאָ פּונקט אזויפיל, אויב פאַקטיש ניט מער, נויט און דחקות צווישן דעם פאָלק ווי עס איז געוועזן אונטער דער אריסטאָקראַטיע.״ (81)

דאָס איז אלץ אמת. ליבעראַליזם האָט פאַרשפּרייט אילוזיעס און מיט דעם האָט ער געשפּייזט דעם עולם. מיר קענען פאַרגעבן דעם ׳ ליבעראַל׳, וואָס האָט געגלויבט, אז מיט זיינע יורידיש־פּאָליטישע רעפאָרמען טרעפט ער אין סאַמע פּינטל פון דעם רשעות־צילברעט. מיר האָבן פאַר אים א זכות און דאָס איז זיין ׳קליינשטעטלדיקע׳ אומשולדיקייט און באַגרענעצטקייט. אבער וועלכן זכות קענען מיר האָבן פאַרן סאָציאַליסט־קאָמוניסט! ער קומט דאָך צו אונדז שוין נאָכן דורכפאַל פון ליבעראַליזם. ער ווייסט, אז דער ליבעראַליזם האָט ניט געקענט אויפטאָן קיין סך. נאָך מער, דער סאָציאַליסט־קאָמוניסט האָט דאָך

געזען די גאַנצע אומבאַהאָלפנקייט פון ליבעראַליזם. מערער, ער האָט זיך געפלייסט מיט כל־הכוחות צו דיסקרעדיטירן זיין פּאָרויסגייער. ער שטרייכט אונטער דעם פאַקט פון דאָס צערינען פון די ליבעראַל־דעמאָקראַטישע אילוזיעס. ער שלאָגט קאַפּיטאַל פון דעם. באמת, ער קאָנצענטרירט זיין גאַנצע בייסנדיקע־רייסנדיקע קריטיק און ציין־סקריטשנדיקע זידלערייען אויף דעם צוזאַמענברוך פון זיין אידעאָלאָגישן און פּאָליטישן פאָרויסלויפער. אָבער ניט־קוקנדיק אויף דעם אלעם פאַרמאָגט דער קאָמוניסט געגנוג חוצפּה, אדער קליינקעפּלדיקייט און געהירנלאָזיקייט ארויסצוקומען און פאָדערן דעם טיטל פון א סאָציאַלן משיח־בן־דוד. ער איז אומפאַרשעמט אין זיין פאַרזיכערן די אומשולדיקע מאַסן, דעם „פּתי יאמין לכל דבר״ געגנומען אין מערצאָל, אז ער, — ניט ווי דער ליבעראַליזם, וואָס האָט אָפּגענאַרט און געבראַכט בלויז א פּיקטיוועַ אויסלייזונג, — טראָגט די אמת׳ע גאולה וישועה אין דעם פלאַטער פון זיינע פורפורנע פאָנען און הייסן אָטעם פון זיינע פלאַם־פייערדיקע רייד.

בשעת אין דער ווירקלעכקייט האָט ער בלויז פאַרצולייגן יורידיש־עקאָנאָמישע ענדערונגען אנשטאָט די יורידיש־פּאָליטישע שינויים, וועלכע דער ליבעראַליזם האָט דורכגעזעצט, הגם ער האָט צוגעזאָגט אן עולם־ומלואו, שיער ניט ש״י עולמות פון רייכטום און גליק פאַר יעדן טאַלאַנט, פאַר יעדן שפּאַרזאַמן און ארבעטזאמן אינדיווּיד.

## 12

# בייזע כוונות

מאַרקס שרייבט:

„א וואָרט צו פאַרהיטן א מעגלעכע מיספאַרשטענדעניש. איך מאָל דעם קאַפּיטאַליסט און דעם גוטבאַזיצער בשום אופן ניט מיט ראָזע קאָלירן. אָבער דאָ ווערן יחידים באהאנדלט בלויז אויף אזויפיל, אויף וויפיל זיי זיינען פּערזאָניפיצירונגען פון עקאָנאָמישע קאַטעגאָריעס, פאַרקערפּערונגען פון באַזונדערע קלאַסן־פאַרהעלטענישן און קלאַסן־אינטערעסן.״ (82)

די אינטעלעקטועלע סיטואַציע ווערט פאַרערגערט דורך דער באַציאונג, וועלכע סאָציאַליזם, אין דעם מאַרקסיסטישן וואַריאַנט, נעמט צו דעם קלאַסן־פּראָבלעם אלס א גאַנצע. ער אַנטדעקט אין אונדזערע פעלער־האַפטע אינסטיטוציעס מער ווי בלויז חסרונות, פונקציאָנעלע און אַר־

גאַנישע. ער באַשולדיקט אין בייזע כוונות די גרופּע, וועלכע קאָנטראָלירט די דאָזיקע אַנשטאַלטן.

נאַטירלעך האָט דער מאַרקסיזם ניט געקענט באַשולדיקן אין בייזן רשעות'דיקן ווילן דעם אינדיווידועלן מיטגליד פון דעם הערשנדיקן קלאַס, פּשוט שוין דערפאַר אליין, וואָס זייענדיק שטרענג עקאָנאָמיש־דעטערמיניסטיש האָט ער ניט געקענט צולאָזן די עקזיסטענץ פון פרייען ווילן בכלל. עס קען דאָך ניט זיין קיין בייזער רשע־מרושע'דיקער ווילן, סיידן ער איז פריי און דער יחיד פאַרמאָגט דעם פרייען אויסוואַל פון טאָטן. און אַזאַ אידייע ווי פרייער ווילן וואָלט ווערן פאַררעכנט פאַר געפערלעכער אפיקורסות פון יעדן געטרייען און כשר'ן מאַרקסיסט. פונדעסטוועגן האָט זיך דער מאַרקסיזם אָן עצה געגעבן, האָט געפונען אַ וועג ווי אַזוי אַרויפצעוואַרפן אַ קאָלעקטיווע באַשולדיקונג אויף אַ גאַנצן קלאַס, הגם די יחידים זיינע בלייבן אומשולדיק. די בורזשואַזיע איז דער שורקע פון דער מאָדערנער סאָציאַלער דראַמע. די מיטעלע קלאַסן שטערן די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג. דער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס אַבסטרוקטירט דעם איינפיר פון אַ נייער גאולה־סיסטעם פון עקאָנאָמיק און פּאָליטיק. און דעריבער פּראָפּאַגאַנדירט דער מאַרקסיזם די אידייע פון קלאַסנקאַמף. ער רעקאָמענדירט אָט־דעם געפּעכט מעטאָד, אָט־דעם בירגער־קריג אַלס אַ מיטל דורך וועלכן מ'קען מקרב זיין דעם קץ. ווייל וואָס איז די פּעולה צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט אַ דם־שונא פון דעם פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט, וואָס איז דער נוצן צו שמועסן מיט אַ פּושע וועלכן מ'קען בשום אופן ניט מחזיר־למוטב־זיין. „אַזאַ הויקער קען בלויז דער קבר היילן" און די בורזשואַזיע מוז פאַרניכטעט ווערן, אויסגעראָטן ווערן.

13

# היסטאָרישער המשך

לויט דעם מאַרקסיזם קומט אויס, אַז די איינציקע באמת פּעולה'דיקע באַוועג־קראַפט פון געזעלשאַפטלעכן פאָרטשריט וואָס איז גילטיק פאַר אַלע פעלקער, וועלכע געפינען זיך אויף דער ציוויליזאַציע־קאַרטע, און פאַר אַלע צייטן פון דער געשריבענער געשיכטע — איז דער קלאַסן־קריג. דער באַנקראָט פון 'ליבעראַליזם', ד. ה. פון דער 'דריטן־שטאַנד' אידעאָלאָגיע מיט איר בירגער־קריגערישקייט, מיט אירע קאַמף־מעטאָדן וועלכע האָבן דערגרייכט זייער הויך־פּונקט אין דער צעבושעוועטער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, — האָט דעם מאַרקסיזם גאָר ניט גע־

לערנט. פאַרוואָס? ווייל מאַרקסיזם רעדט זיך איין, אַז זיין סאָציאַ־ליזם־קאָמוניזם, זיין אידעאָלאָגיע איז געמאַכט פון גאָר אַן אַנדער שטאָף, מחמת די ׳ליבעראַלן׳, ד. ה. די אידעאָלאָגן פון דער בורזשואַזיע זיינען געווען צבוע׳יאַקעס, פאַרשטעלטע ברואים. זיי האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זיי ווילן איינפירן רעוואָלוציאָנערע שינויים אין דער עקזיסטירנדיקער סיסטעם. בשעת באמת איז עס זיי גאָרניט געלעגן אפילו אין דער ׳לינקער׳ פאה... זיי האָבן גאָרניט געהאַט בדעה עס צו טאָן.

מאַרקסיזם־קאָמוניזם איז גאָר אַן אַנדער ענין. ער איז ערנסט. ער מיינט עס טאַקע אויף־צו־ג׳אמת׳ן. ער גייט עס טאַקע טאָן — און טאַקע באַלד און שוין. מאַרקסיזם־קאָמוניזם איז די אידעאָלאָגיע פון פּראָלע־טאַריאַט. און דער פּראָלעטאַריאַט, דאָס מאָל אין זיין גאַנצער פּראָגרע־סיווער גדלות און רעוואָלוציאָנערער פּראַכט, קומט אַרויף אויף דער סצענע. לכן, היט זיך!

אָט וואָס קאַרל מאַרקס בשותפות מיט ענגעלס׳ן שרייבט אין „קאָ־מוניסטישן מאַניפעסט״:

„אויב דער פּראָלעטאַריאַט איז משך פון זיין געראַנגל מיט דער בורזשואַזיע איז געצוואונגען, דורך דעם כוח פון די אומשטענדן, זיך צו אָרגאַניזירן אַלס אַ קלאַס; אויב, דורך די מיטלען פון אַ רעוואָלוציע, ווערט ער דער הערשנדיקער קלאַס און, אַלס אַזעלכער, שאַפט ער אָפּ, דורך מאַכט, די אַלטע פּראָדוקציע באַדינגונגען, דעמאָלט וועט ער, צו־זאַמען מיט אָט־די באַדינגונגען, האָבן אָפּגעשאַפט די עקזיסטענץ באַדינ־גונגען פון קלאַסן־אַנטאַגאָניזם און פון קלאַסן אין אַלגעמיין, און ער וועט דערביי אויך האָבן אָפּגעשאַפט זיין אייגענע שררות אַלס אַ קלאַס.״ (83)

וואָס פאַר אַ זיכערקייט! ווי קאַטעגאָריש! עפּעס אַ פּנים ווי די אידעאָלאָגן פון די פאַרדעמדיקע קלאַסן, וועלכע האָבן זיך געריסן צו מאַכט, און האָבן געפּאַרטאַטשעוועט די פאַרוויקלענישן פון עקאָנאָמישן פאַרקער און זיך געפּאַרעט אַרום די מיסטעריעס פון פּאָליטישן לעבן, זיינען געווען ווייניקער נאַאיוו און ווייניקער דרייסט צו באַהויפּטן, אַז זיי גייען וויזן ניסים ונפלאות, אַז זיי גייען אַלץ אָפּשאַפן, איבערשאַפן און באַשאַפן איינגאַנצן אַ נייעם געזעלשאַפט איינשטעל.

אַזעלכע קולות וברקים האָבן מיר שוין געהערט. אַזאַ באַרימעריי און איינגעגלויבטקייט באַווייזט זיך שוין ניט דעם ערשטן מאָל אויף דער פּאָליטישער און אידעאָלאָגישער גאַס. די בורזשואַזע אידעאָלאָגן האָבן אויך גע׳טענה׳ט, אַז זיי גייען איבערקערן די סאָציאַלע שיסל מיטן דעק אַרויף, אַז זיי גייען אָנהייבן דאָס סאָציאַלע לעבן פון סאַמע בראשית, און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז זיי זיינען עס די יעניקע כל־יכול׳ס, ביי

ווענען דער איבערשטער האָט זיך געמעגט לערנען, ווייל זיי גייען באַשאַפן דעם ריינעם „כי טוב". עפּעס א קליינקייט וואָס זיי גייען אויפטאָן! און טאקע דווקא זיי, און ניט קיין אנדערע, פאר זיי אדער נאָך זיי, אויסשליסלעך זיי! ווייל זיי זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרן, דורך דער היסטאָרישער השגחה עליונה, אין אן אומגעוויינטלעך גינציקער לאַגע בכדי דורכצופירן אָט־די אויפגאבע, שאַפן אַזאַ וואוילשטאַנד אז ׳גאָט און לייט׳ וועלן זיך פרייען.

ווידעראַמאָל טוט מעטאפיזיק אָפּ א שפּיצל דעם מאַרקסיזם. מ׳זעט דאָ א פאר׳עקשנ׳טע אומווילִיקייט אָנצונעמען א קאָנטינואיטעט־שטאַנד־פונקט, אנטוויקלען א היסטאָריזם, תופס־זיין אזאַ עלעמענטאַרע זאַך, אז עס איז ניטאָ קיין אָנהייב און עס איז ניטאָ קיין סוף, נייערט אַן ענדלאָזער מיטן. מיר און אונדזער עפּאָכע געפינען זיך אין שטראָם פון געשעענישן. כוואַליעס קומען, כוואַליעס גייען אוועק. מיר גייען דורך א המשך. עס איז א מעשה וואָס ווערט פאַרעפנטלעכט אין פאַרטזעצונגען מיט לייכטע וואַריאַציעס ביי יעדן בייג און נייג פון א ציוויליזאציע־פעריאָד. די אויפטרייסלונגען, איבערבייטונגען פון די סיטואַציעס, אי־בערבלעטער פון די קאַפּיטלעך רופן מיר אָן רעוואָלוציעס.

אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" שטייט געשריבן אזוי צו זאָגן:

„אין פּלאַץ פון דער אַלטער בורזשואזיע, מיט אירע קלאַסן און קלאַסן־אנטאגאָניזמען, וועלן מיר האָבן אן אסאָציאַציע אין וועלכער די פרייע אַנטוויקלונג פון יעדן איינעם איז דער באַדינג פון דער פרייער אנטוויקלונג פון אלעמען." (83)

וואָס וואָלט געקענט שמעקן באַ׳טעמ׳טער, מער בשורה־טובה׳דיק ווי אָט דער צוזאָג, ווי אָט־דער בילד פון דער לעתיד־לבוא געזעלשאַפט. די צרה איז אבער מיט אָט־די אלע האָניק־זיסע דיבורים וואָס זיי לאָזן איבער א גאַל־ביטערן נאָך־טעם. ווייל אָט־די וויזיעס וועלכע זיינען אזוי דערהייבנדיק אין רעליגיעזן פּראָפעטיזם זיינען שעדלעך אין פּאָליטיק. דאָ איז ניט דער פּלאַץ דערפאַר.

## 14

# קלאַס און ׳קלאַס׳

באַקונין שרייבט:

„דער לעצטער פּריווילעגירטער קלאַס איז די בורזשואזיע." (84)

אין דעם פּרט פון דעם גלויבן אין דעם אָנקום פון די ימות־המשיח פון דער קלאסנלאָזער געזעלשאַפט איז ניטאָ קיין נפקא מינה צווישן

מאַרקסיזם אָדער באַקונינIZם אָדער אַנדערע וואַריאַיטעטן פון דעם סאָ־ציאַלן פסעוודאָ־מעסיאַניזם.

ווען אין דעם טערמין 'קלאַס' ליגן מיר אַריין אַ ספּעציפיש־היסטאָ־רישן תוך־אינהאַלט, וועלכער איז באַהעפט מיט אַ געוויסער באַשטימטער גרופּירונג, דעמאָלט דעפינירן מיר דאָס וואָרט קלאַס אין אַן ענגערן זינען. מיר נעמען אַריין אין דער באַשרייבנדיקער כאַראַקטעריסטיק ניט נאָר דעם לאָגישן קערנדל, נאָר אויך זיין היסטאָרישן שאָלעכץ, זיין פאַרביגייענדיקע פאָרם און פאַרשווינדנדיקע באַפאַרבונג. בלויז אָנגע־מענדיק אַזאַ באַצייכענונג קענען מיר זאָגן, אַז די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט זיינען די לעצטע אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן־פאָרמאַציע. אָבער אַפילו אין אַט־דעם פאַל איז די באַהויפּטונג ניט פּינקטלעך און אַפילו פאַרפירעריש. ווייל די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט זיינען אי די לעצטע און אי די ערשטע אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן־פאָרמאַציע, ווייל זיי זיינען די איינציקע קלאַסן־פאָרמאַציע. פאַר זיי זיינען קיין קלאַסן ניט געווען, נייערט שטאַנדן, קאַסטעס און אַנדערע דיפערענציאַנעלע פאָרעמונגען. נאָך דעם אַוועקגאַנג פון דער בורזשואַזיע און דעם פּראָ־לעטאַריאַט וועלן שוין מער ניט זיין קיינע קלאַסן, נייערט אַנדערע פאָר־מאַציעס, וועלכע מ'וועט באַצייכענען, אויב מ'וועט וועלן זיין פּינקטלעך, מיט אַנדערע טערמינען.

איידער אַט־די זיך־אַרומרייסנדיקע פּאָרל האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע פון דער געשיכטע זיינען ניט געווען קיינע קלאַסן. אויב קיינע קלאַסן זיינען ניט געווען פאַר זיי, וועלן קיינע קלאַסן, עס איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניט זיין נאָך זיי. עס זיינען געווען פאַרשיידענע גרופּירונגען, געוויסע געזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציעס, אָבער יענע סאָציאָ־לאָגישע קערפּערשאַפטן האָבן זיך גערופן מיט אַנדערע נעמען. זיי זיינען באַצייכנט געוואָרן מיט אַנדערע אָנרופענישן, וועלכע האָבן מער עקזאַקט באַשריבן זייער סאָציאַלן סטאַטוס און אויף אַ מער פאַסיקן אופן אָנגעצייגט זייער דיפערענציאַנאַלע כאַראַקטעריסטיק. און נייע פאָרמאַציעס וועלן אויפקומען נאָך דעם פאַרשווינדן פון דער קלאַסן־פאָרמאַציע.

דער עיקר־טעות אין אַט־דער באַהויפּטונג, אַז די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט זיינען די לעצטע אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן, ליגט אין דעם אַדיעקטיוו. די אַרבעט־געבערשאַפט און די אַרבעטערשאַפט האָבן דעם אַנטאַגאָניזם ניט אָנגעהויבן און זיי גייען אים ניט ענדיקן. גרופּירונגען קומען, גרופּירונגען גייען אַוועק, דער אַנטאַגאָניזם ווערט ניט געמינערט פון אַט־די אַלע איבערבייטונגען אין די פאָרמעס פון די פאַרהעלטענישן וועלכע פלעכטן זיך צווישן די טשיקאַווע סאָציאָלאָגישע

פּאַרלעך, וועלכע קאָנפליקטירן און קאָלאַבאָרירן, שטויסן זיך צוזאַמען און קאָאָפּערירן.

סמאל שרייבט, נאָכזאָגנדיק מארקסן:

„דער צוועק, צו וועלכן די היסטאָרישע עוואָלוציע, ווארשיינלעך, איז געצויגט, איז די פּראָגרעסיווע עלימינאַציע פון אלע פאָרמען פון קלאַסן־הערשאַפט און עקספּלואַטאַציע.״ (85)

אויב מיט דעם וואָרט 'קלאַס' מיינט דער ציטירטער מחבר יעטוועדע סאָציאַלע דיפערענציאַציע אינאַלגעמיין, דעמאָלט איז אַלץ וואָס ער זאָגט הוילע כשר'ע תמימות און בטלנות. אבער אויב מיטן טערמין 'קלאַס' באַצייכנט ער אַ ספּעציפישע פאָרמאַציע, דעמאָלט איז אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט אין דעם געבראַכטן פּאַסאַזש אמת ויציב, רעאַליסטיש. אָבער אָט־דער עצם רעאַליזם פון דער ציטירטער באַהויפּטונג רעדוצירט איר וויכטיקייט צו דעם נול־פּונקט. מחמת יעדער איבערבייט פון אַ היס־טאָרישן כאַראַקטער עלימינירט געוויסע קלאַסן און באַזייטיקט די פאַר־מעס פון זייער הערשאַפט, ער שאַפט אָפּ די אופנים פון דער עקספּלואַ־טאַציע ווי זי איז פּראַקטיצירט געוואָרן, און ברענגט אריין נייע אופנים וועלכע וועלן פּראַקטיצירט ווערן. די דאָזיקע ענדערונגען זיינען קיין נייס ניט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. און די דאָזיקע שינויים ברענגען, זיכער, ניט קיינע ישועות ונחמות. דאָס איז אייגנט־לעך די רוטין־ארבעט פון דער געשיכטע. עס איז זעלבסטפארשטענד־לעך, אז ווען דער קלאַס פון די 'באַלוינטע'־'געדונגענע' פארשווינדט און מיט זיי זייער צווייטע העלפט, דער 'באַלוינער' און דינגער־קלאַס, וועט זיך באַווייזן אַ נייע קאָנגלאָמעראַציע מיט נייע דיפערענציאַציעס, וועלכע וועלן זיך געפינען אין איינקלאַנג מיט דעם סטרוקטור סטיל פון דער געמיינשאַפט. אָבער דאָך וועלן קיין קלאַסן ניט עקזיסטירן, נייערט עפּעס אנדערש. אַ נייע פאָרמאַציע וועט זיך באַווייזן. די געשיכטע איז ניט קיין סופר סתם. זי פאַרנעמט זיך ניט מיט איבערשרייבן כסדר די זעלביקע תורה, ניט ענדערנדיק קיין איין אות אין איר. זי בייט דעם טעקסט, בייט די פסוקים, בייט די פרשות. אבער די תורה פון עקספּלואַטאַציע בלייבט אין תוך די אייגענע נאָך אלע איבערשרייבונגען און שינויי נוסחאות און ענדערונגען פון ווערסיעס, ווען מ'פאַרשטייט דעם ענין ווי געהעריק, קען מען ניט זאָגן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע פּראָ־דוקציע־פאָרם איז די לעצטע אַנטאַגאָניסטישע פאָרם, אדער אז דער פּראָלעטאַריאַט און די בורזשואַזיע זיינען די לעצטע אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן. אזא זאָגונג איז פעלערהאַפט אין צווייען: ערשטנס, איז לעצט ניט שייך דאָרטן, וואו מיר האָבן אַן איינמאָליקן פאַל. די בורזשואַזיע

און דער פראָלעטאַריאַט זיינען די איינציקע איינמאָליקע אומווידער־האָלבאַרע אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן. קלאַסן, אלס א ספּעציפישע סאָציאַלע פאָרמאַציע, וואקסן אויס אויף א ספּעציפיש־היסטאָרישן באָדן און פאָדערן פאַר זייער געדייאונג ספּעציעל גינציקע באַדינגונגען.

צווייטנס, בנוגע אַנטאַגאָניסטישקייט קען מען שוין גאָר ניט באַ־הויפּטען אז מיר האַלטן שוין ביי איר לעצט, ביי איר ענד. דאָ האַלטן מיר כסדר בלויז אין סאמע מיטן. קיין סוף, קיין לעצט איז דאָ גאר ניט שייך. כל זמן מ׳שטייט אויף א וויסנשאַפטלעכער פלאַך.

מאַרקס און ענגעלס געברויכן דווקא דעם טערמין ׳קלאַס׳ אין דעם ברייטן פּשט פון דיפערענציאַציע בכלל, ווי עס איז לייכט צו זען פון דעם באַרימטן זאַץ וועלכער געפינט זיך גלייך אין אָנהייב פון „קאָמו־ניסטישן מאַניפעסט״: „די געשיכטע פון דער ביזאהער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט איז די געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף״. לכן רעדט זיך דאָ מכוח אלערליי סאָציאַלע דיפערענציאַציעס. און אין אָט דעם טייטש פון וואָרט קלאַס טאָר מען ניט באַהויפּטן אז מיט דעם צוזאַמענברוך פון קאַפּיטאַליזם וועלן אויפהערן צו עקזיסטירן קלאַסן, ווייל דעמאָלט מיינט דאָך די באַהויפּטונג צו זאָגן, אז עס וועלן אויפהערן צו עקזיסטירן דיפערענציע־פאָרמאַציעס, אז עס וועלן מער ניט זיין קיינע גראַדאַציעס, קיינע פלאַסטן און שיכטן, קיינע סטראַטיפיקאַציעס. און אַזאַ באַהויפּטונג איז פאַלש ווי די עבודה־זרה, איז א גראָבע שטיק סאָציאַלע אָבערגלוי־בעריי.

די הילכיקע קולות און געוואַלד געשרייען פון די קלאַסן־געפעכטן האָבן פאַרקלונגען די פאַלושן פון די טעמפּלען אין אַלטערטום. די קלאַסן און די מאַסן האָבן זיך געראַנגלט דורך דעם גאַנצן מיטלעלטערטום, נאָך איידער דער פּראָלעטאַריאַט אין זיין מאָדערנער געשטאַלט איז געוואָרן אַ היסטאָריש וויכטיגער יש.

אָבער מאַרקס און זיין באַהעלפער ענגעלס פאַרזיכערן אונדז, אז אָט די פעכטער און ראַנגלער וועלן זיך אויסמאַטערן און פאַרשווינדן מיטן אוועקגאַנג פון פּראָלעטאַריאַט, מיט זיין פאַרלאָזן די אַרענע. פאַר־וואָס זאָלן זיך ניט געפינען קיין נייע שלעגער, קיין נייע טורנירער, קיין נייע טשעמפּיאָנען? בכלל איז דער פּראָלעטאַריאַט א מיתה־משונה׳דיקער קלאַס, ער וועט באַגיין בקרוב בימינו זעלבסטמאָרד, ער וועט זיך דעם לעבן נעמען, אבי אויסצופאָלגן וואָס מאַרקס האָט אָנגעשריבן אין זיין הייליקער ביבל. לויט דער פאַנטאַזיע פון מאַרקסן קומט אויס, אז דער פּראָלעטאַריאַט וועט אָפּשאַפן זיין אייגענע גדולה אלס א קלאַס, מחמת דער ארבעטער־קלאַס איז קלאַמפערשט דער סיום־התורה, דער הדרן אויף

דער מסכתא עקספּלואַטאַציע. ער איז דער קדיש דרבנן נאָך דער קלאַסן־עקזיסטענץ, קלאַסן־הערשאַפט און קלאַסן־אַנטאַגאָניזם.

ווי די גרויסע קלינגען אַזוי טוען די קליינוואַרג שפּרינגען.

אַרטהור וואַלעס קאַלהון נאָכבאַמקענדיק מאַרקסן, וואולגאַריזירנ־דיק די מאַרקסיסטישע וואולגאַריזאַציע, שרייבט:

„די צוזאַמענשטויסונגען צווישן די עקספּלואַטירנדיקע קלאַסן האָבן דערגרייכט דעם שלוס. אויף יענער זייט פון פינאַנסיר קען מען זיך מער ניט פאָרשטעלן אַ פּאַרויסמאַרשירנדיקן, ראַפינירטן, עקספּלואַטירנ־דיקן אינטערעס... עס איז מער ניטאָ קיין עקספּלואַטירנדיקער קלאַס אין רעזערוו, וועלכער זאָל נעמען דעם צעפּטער פון מאַכט און אָפּפרישן די סיסטעם פון רויב.״ (86)

דער רעזערוו איז אויסגעשעפּט... „די מוזשינקע אויסגעגעבן״... די לעצטע פּאָרמאַציע — און די טראַכט פון דער געשיכטע איז פאַרמאַכט, מער וועט זי ניט געבוירן. די געשיכטע איז אַלט געוואָרן, אויסגעשעפּט געוואָרן! פון וואַנענט נעמט זיך אַזא בטלנות?!

די געשיכטע איז קיינמאָל ניט אַלט. זי ווייסט דעם סוד פון אייבי־קער יונגשאַפט. מיט יעדער סאָציאַלער איננאָוואַציע ווערט זי ווי ניי געבוירן. ווען פעלקער עלטערן זיך — שטאַרבן זיי, און נייע פעלקער קומען אויף. ווען קלאַסן עלטערן זיך — שטאַרבן זיי און נייע קומען אויף. ווען ציוויליזאַציעס עלטערן זיך — שטאַרבן זיי און נייע קומען אויף. די געשיכטע אַליין, די רעגיסטראַציע פון פּאַסירונגען איז ווי דער ים, ווי דער הימל, אייביק אַלט און אייביק יונג.

„די צוזאַמענשטויסונגען... האָבן דערגרייכט זייער שלוס״... דאָס איז סאָציאַלע מיטאָלאָגיע אָדער נביא־השקר׳דיקע וויזיעס, קוואַזי־פּראָ־פעטישע זעאונגען וועלכע ווייזן אַרויס די אמת׳ע „שלייפע באַבעשע״ בלינדקייט.

איך מיין ניט צו כאַפּן אַזא וואַלפיש ווי קאַלהון און אים אַראָפּ־שלינגען און דערנאָך אויסשפּייען... ער איז גאָרניט אַזא וויכטיקער פיש... און איך בין ניט דער „איבערקונציקער״ יונה הנביא... אָבער וואָס קאַלהון שרייבט איז, צום באַדויערן, דער קאַנאָניזירטער שטאַנד־פּונקט פון דער גאַנצער מאַרקסיסטישער קירך, דאָס איז איינער פון די יסודות פון מאַרקסנטום.*)

פרעגט זיך, וואו איז היינגעקומען דער דיאַלעקטישער שטאַנדפּונקט? גלייך פאַרגעסן וועגן דעם ווי קיינמאָל ניט געווען. ווען דער „מאַרק־

*) Abba Gordin, Communism Unmasked, pp. 9-71, N. Y., 1940.

סנטום" וויל, קריגט ער אַ קעצענעם זיכרון, און ווייסט ניט וואָס דער „מאַרקסיזם" לערנט. דער ליכטיקער שטערן וועלכער פירט מארקסן דורך די פאַרקניפּלעונישן און פאַרווירענישן פון די אינטערקלאַסן־פּאַר־העלטענישן איז אויסגעלאָשן געוואָרן פון די אָנקומענדיקע דעמאַגאָגיע־וואָלקנס און חסיד־שוטה׳דיקע כמאַרעס, וועלכע זיינען געשפּונען פון בבא־מעשיות, פון סיפורי־נפלאות וועלכע פּאַסן אין יעוואַנגעליום אדער אין שבחי הבעל שם טוב... דער יעוואַנגעליע אָן דעם שוואונג...

15

# סאָציאַלער פּסעוודאָ-מעסיאַניזם

יעדע סאָציאַלע סיסטעם איז געבויט ווי אַן עקאָנאָמאָ־פּאָליטישע פּיראַמידע. זי פאַרמאָגט א הויכן פאַרשאַרפטן, צו א פּונקט, שפּיץ און אַ נידעריקן ברייטן באַזיס. דער שפּיץ, די דריי־מעלה, די אויבערשטע לאַקאַטאַרן, וואַרימען זיך אין דער זון פון לוקסוס און שטענדיקן שבת־הגדול־רו, בשעת דער יסוד, וועלכער ליגט טיף אין דער אדמה ווערט צעפּרעסן פון פּייכטקייט, צעטאַטשעט פון די ווערים פון נויט און דלות. פאַרשטייט זיך אז ווען מ׳רעדט וועגן דער לאַגע פון די אונ־טערשטע איינוואוינער, די דריי־מטה און מ׳שאַצט אָפּ זייער מצב, טוט מען עס אויפן יסוד פון א פאַרגלייכונג־ליניע וועלכע ווערט דורכגעפירט צווישן זייער מצב און דעם מצב פון די גליקלעכע אויבערשטע איינ־וואוינער.

מיר דאַרפן איינמאָל פאַר אלעמאָל זיך גוט אריינגעמען אין זינען, אז וואָס מיר זאָלן ניט טאָן, ווי רעוואָלוציאָנער אונדזערע מעטאָדן, אדער רעפאָרם־מאסרעגעלן, זאָלן ניט זיין, וועלן מיר בכוח זיין צו דערגרייכן בלויז איין איינציקן רעזולטאַט, און דאָס איז — פאַרבייטן די אלטע דיפערענציאַציעס אויף נייע. די געשיכטע האָט עס שוין עטלעכע מאָל געטאָן.

אָבער די לעניניסטן־קאָמוניסטן פון אונדזער צייט שרייען אַראָפּ פון אַלע פּלאַטפאָרמעס און זייטלעך פון זייערע בראָשורן, שפּאַלטן פון זייערע צייטונגען און זשורנאַלן, אַז זיי האָבן א פּאַטענטירטע רפואה, א סגולה פאַר דער ׳מחלה׳, וועלכע הייסט סאָציאַלער דיפערענציאַליזם.

אין וואָס באַשטייט דער באַרימטער רעצעפּט?

דאָס איז דער אָפּשאַף פון פּריוואַט אייגנטום־רעכט אויף די פּראָדוק־ציע־מיטלען, שטאָף און ווערקצייג.

זיי זיינען אבער ניט די ערשטע שרייער, טומלער און כישוף־
דאָקטוירים. די קעמפער פאר דעם אָפשאַף פון שקלאַפנטום האָבן ארויס־
געוויזן ניט ווייניקער פאַנאַטיזם און פסעוודאָ־רעליגיאָזיטעט, פאַלשע
פרומקייט, ווי די היינטצייטיקע „מאָדערנע” קאָמוניסטן. יענע האָבן אויך
גע׳טענה׳ט, אין זייער נאַרישקייט און צוקלוגערישקייט, — ביידע אויף
איין מאָל — אז זייער אויפטו איז ניט קיין געוויינטלעכער היסטאָרישער
פאָרויסשריט, נייערט ער באַדייט טאַקע דעם פולן אָפשאַף פון ממשלת־
זדון און דעם אריינפיר פון מלכות־שדי. זיי האָבן פאַרזיכערט און,
נאַטירלעך, אליין אויך געגלויבט אין דעם, אז מיטן סוף פון שקלאפעריי
קומט אן ענד צו דער רשעות פון דער וועלט, און עס הייבט זיך אָן אַ
נייע עפּאָכע פון היילער גוטסקייט.

די געשיכטע, פארשטייט זיך, האָט זיך אויסגעלאכט פון אָט־דעם
סענטימענטאַלן פסעוודאָ־מעסיאניזם, פון אָט־דעם פאַלשן משיחיזם,
וועלכן עס האָבן אויפגענומען א טייל פון די שקלאפן. די געשיכטע
האָט געזען קלאָר די כוונות פון אָט־די פאַלשע אויסלייזער. און וואָס
האָט די געשיכטע געטאָן? זי האָט געפונען א מיטל ווי אזוי צו פער־
פעטואיצירן, ׳פאַראַלעמאָלן׳ די סאָציאלע דיפערענציאציעס דורך א פראָ־
צעס פון רעוויטאליזירונג, פון אריינגעבן נייעם חיות אין אָט־די צעשפאל־
טונגען.

דער מיטל איז א פשוטער. ער ווערט אָנגעווענדט אין הארטיקולטור.
יעדער בוים־קולטיווירער ווייסט אים און געברויכט אים. מ׳שניידט
אַרום די צווייגעלעך, מ׳שערט זיי ארום און זיי צעוואקסן זיך מיט
גרעסערן אימפעט, מיט מער חשק, מער אגרעסיווקייט. עפּעס ווי זיי
וואָלטן וועלן צו־להכעיס טאָן. נאָך דעם שקלאַפנטום איז געקומען לייב־
אייגנטום, בשום אופן ניט די פרייהייט, וועלכע די אַפּאָסטאָלן האָבן צו־
געזאָגט. און בשעת מ׳האָט געהאלטן ביים סיום התורה פון פעאָדאַליזם,
ווען די עטאבלירטע סיסטעם האָט געהאלטן ערב א קאַטאַסטראָפאַלן צו־
זאַמענברוך, האָבן זיך ווייטער באַוויזן די תמימים, וועלכע זיינען שוין
דווקא כיטראקעס, מיט זייערע יעוואנגעלישע דרשות. די אזוי־גערופענע
׳ראַדיקאַלן׳ פון יענע טעג האָבן געטראָגן פאַרשיידענע נעמען און צונע־
מענישן. זיי האָבן זיך איינגעטיילט אין פילאַרטיקע פראקציעס, סעקציעס,
גרופּירונגען, פּארטייען, קלובן. מירן זיי אלעמען, עם כל הנערים, ארונ־
טערנעמען אונטערן וואָרט ׳ליבעראלן׳. אין וואָס זיינען באַשטאַנען זייערע
דרשות? זיי האָבן פאַרזיכערט זייערע צוהערער און נאָכפאָלגער אז די
סאָציאַלע דיסקאָרדן, די דיסהאַרמאָניע, וועלכע פאַרגרילצט דעם סאָציאַלן

'ניגון', איז פארמשפט. זי וועט בקרוב פארשטומט ווערן, און דעמאָלט וועט הערשן ריינע הארמאָניע אין דעם געמיינשאפט־אָרקעסטער.

זייער טעזיס מכוח דעם ענדגילטיקן סוף פון סאָציאלן אַנטאַגאַניזם און קאָנפליקטיזם האָבן זיי באַגרינדעט אויף א זייער פשוט'ן וויסנשאפטלעך היסטאָרישן אופן: דער דריטער שטאנד איז דער לעצטער שטאנד, זיין באפרייאונג מוז בהכרח מאכן א סוף, איינמאָל פאר אלעמאָל, צו יעטוועדער פאָרם פון באַדרענגונג פון מענטשן דורך מענטשן, פון גרופּן דורך גרופּן.

מיר האָבן שוין דורכגעמאכט היפּש־באַלערנדיקע היסטאָרישע דערפאַרונגען. מיר טראָגן אויף אונדזערע פּלייצעס שוין גאר ניט קיין לייכטן פּעקל פון אנטוישונגען. איז עס ניט טשיקאווע וואָס נאָך דעם אלעמען קומט מען ווייטער צו אונדז מיט די זעלביקע קמיעות, די זעלביקע זאַבאַבאָנעס, די זעלביקע סאָציאלע וואונדער־מעשיות. מ'פאַרזיכערט אונדז אז אלע סאָציאלע צרות און פורעניות וועלן אָפּגעשאפט ווערן מיט איין מאך פון מכשפ'ס שטעקעלע, וועלכער הייסט קאָמוניזם, באָלשעוויזם, מארקסיזם־לעניניזם. און די 'קאָמוניסטן', סיי די נאַאיווע און סיי די ציטראקעס, באַגרינדן זייער טעזיס אויף דער שטאָל־און־אייזן פעסטער גרונטלאגע, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט איז דער לעצטער קלאס, דער נידעריקסטער סטראטום. עפּעס ווי מיר וואָלטן הערן אָט־די שטיק חכמה דעם ערשטן מאָל ווי זי קייקלט זיך אראָפּ פון דער רויטער פּלאַטפאָרמע... דער וואָס קומט צו אונדז, אין אונדזער דור, מיט אַזאַ אויסלייזונג־פּלאַן שטעלט זיך גלייך אונטער דער אָנקלאגע און באשולדיקונג, אז ער איז ניט נאָר נאַאיוו נאָר טאַקע שוין אביסל צו ציטרעוואַטע־זשוליקעוואַטע... דאָס שמעקט כמעט מיט אידעאָלאָגישן שווינדל, מיט אינטעלעקטועלער אומאָרנטלעכקייט.

אָט וואָס מיכאיל באַקונין שרייבט:

„פון אָנהויב פון דער היסטאָרישער געזעלשאפט אראָפּ צו היינטיקן טאָג איז אלעמאָל און אומעטום געווען צוואנג־ארבעט — עקספּלואַטאַציע פון די מאַסן... דורך א הערשנדיקער מינאָריטעט." (87)

אין דעם פּרט איז ער איינשטימיק מיט מארקסן און אויך בנוגע די פאַלשע פּראָפעצייאונגען אויף דעם חשבון פון דער צוקונפט, די נביאי־השקר פאָרויסזאָגונגען איז ער אין פולן הסכם מיט מארקסן מיט וועמען ער אַמפּערט זיך בלויז בנוגע דעם דרך ווי אזוי מקרב צו זיין אָט־דעם קץ. אָבער אין קץ גלויבן זיי ביידע גלייך. סיי מאַרקס און סיי באקונין זיינען ביידע הבל'דיקע מאמינים, זיי זיינען ביידע פאַלשע משיחים אדער נביאי־השקר פון א פּסעוודאָ־רעליגיעזן וויזיאָנאַריזם.

יודזשיניאָ ריגנאַנאָ אין זיין ווערק „עסייען אין וויסנשאפטלעכן סינטעזיס" שרייבט:

„ווען מ׳קוקט אויף דעם אזוי, זעט מען, אַז דער קלאַסנקאַמף אין דעם סאָציאַלן אָרגאַניזם קאָרעספאָנדירט פונקט צו דעם קאמף פון פאַר־שיידענע טיילן, אָרגאַנען, געוועבעכצן און צעלן... וועלכער גייט אָן כסדר אין יעדן אָרגאַניזם." (88)

אלעמען איז באַקאַנט דער טעזיס פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" אז „די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז די געשיכטע פון קלסאנקאמף". אבער ניט אלעמען איז איינגעפאלן אז וויבאַלד אזוי, אויב די ביז אהער רעקאָרדירטע געשיכטע פון דער געזעלשאפט איז די געשיכטע פון קלאַסנקאמף, מוז מען קומען צום שלוס וועלכער וועט גאַרניט זיין אין איינקלאנג מיט דעם ובא לציון גואל אויסלאָז פון „קאָמוניסטישן מאַני־פעסט". דער שלוס וועט לויטן, אז כל־זמן עס וועט זיין געשיכטע און עס וועט עקזיסטירן א געזעלשאפט וועלן זיין קלאַסן פון אזא אָדער אן אנדער פאָרמאציע און עס וועט זיין א קלאסנקאמף פון דער אדער אַן אַנדער וואריאיטעט. ווי אזוי און פון וואָס זאָלן די קלאַסן און דער קאַמף פאַרשווינדן?

ג. וו. פּארטוס אין זיין ווערק „מארקס און דער מאָדערנער געדאנק" שרייבט:

„עס איז שווער צו פאַרשטיין פארוואָס מארקס, וועלכער האָט געזען אין דער פאַרגאַנגענהייט־געשיכטע אַ באַריכט פון קלאסן־געפעכטעריי, זאָל האָבן פלוצלונג געקומען צו דעם באשלוס, אז די עקזיסטירנדיקע סיסטעם וועט שליסן די קלאסנקאמף עפּאָכע, מחמת אזא מסקנא אַנטהאַלט דעם גלויבן, אז די צוקונפט פון דער מענטשן־ראַסע וועט אָפּלייקענען די געשיכטע פון איר אייגענער פארגאנגענהייט." (89)

איך וועל ברענגען מארקסעס אייגענע ווערטער וועלכע ער געברויכט אין זיין ווערק „די אָרימקייט פון פילאָזאָפיע", בשעת ער לאכט אָפּ פון פּרודאָנען.

„עס איז געווען געשיכטע, אבער איצטער איז די געשיכטע געענ־דיקט." (90)

מארקס האָט ניט דערלויבט אז פּרודאָן זאָל מאכן די טעות׳ן וועלכע ער, דער קריטיש געשולטער און היסטאָריע־באַלערנטער, וועט מאַכן כסדר דורך אלע זיינע סאָציאַל־יעוואַנגעלישע שריפטן. ׳דער רבי מעג׳. מאַרקס אין דעם פאַל שפּילט די ראָלע פון דעם רבי׳ן וואָס מעג אלץ. ווען מארקסן פאַרגלוסט זיך און ער איז סאָציאַל־בגילופינדיק, גיט ער זיך שוין אַן עצה מיט דער געשיכטע. ער איז זי משנה־השם, היסטאָריע

גיט ער אַ נאָמען פרע־היסטאָריע, און פיקס פאַרטיק! כשר חזיר־פיסל. די אָפּעראַציע ווערט דורכגעפירט דערפאָלגרייך מיט גרויס כירורגישער געשיקטקייט... בלויז דער פּאַציענט נעמט און שטאַרבט... קריסטוס איז געקומען אויסצולייזן דעם אינדיווידועלן זינדיקן מענטשן, און מאַרקס איז געקומען צו ראַטעווען דעם סאָציאַלן בעל־עבירה, די זינדיקע געזעל־שאַפט. דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט", אפנים, נעמט זיך אונטער צו צעשפּאַלטן די געשיכטע פון דער מענטשהייט אין צוויי העלפטן, פאַר מתן תורה און נאָך מתן־תורה פון מאַרקסיזם־קאָמוניזם, אדער ריכטיקער מאַרקסנטום.

קאַרל דאַנענבערג אין זיין ווערק „קאַרל מאַרקס... קאָנסטרוקטיווע עלעמענטן פון סאָציאַליזם" שרייבט:

„אין דער פאַרגאַנגענהייט האָט דער קלאַסנקאמף געפונען זיין קול־מינאַציע אין דעם ניצחון און אויבערהאַנט פון פאַרשיידענע עקאָנאָמישע קלאַסן. אבער אָט־די קלאַסן האָבן אלעמאָל געקראָגן די אויבערמאַכט אַ דאַנק זייער עקאָנאָמישן כוח און נחלאות, און זיי האָבן אלעמאָל באַ־הויפּטעט זייער ניצחון צום היזק פון דעם אונטערטעניקן קלאַס. דער ניצחון פון פּראָלעטאַריאַט איז דער ערשטער ניצחון אין וועלכן אַ באַזיגטער קלאַס וועט ווערן צו דער אייגענער צייט אַ טייל פון זיגער־קלאַס, מחמת אָט־דער ניצחון איז די לעצטע פאַזע פון קלאַסנקאַמף און ער אַנאָנסירט דעם ניצחון פון דער געזעלשאפט איבער דער קלאַסן־הערשאַפט." (91)

ווען מ'לייענט אַזעלכע נביאי־השקר'דיקע פּראָפעצייאונגען טראַכט מען ביי זיך: יע, די געשיכטע, צי מיט גוטן צי מיט בייזן, וועט ווערן געבראַכט דערצו, אַז זי וועט זיך נעמען אויפפירן מער לייטיש ווי ביז אַהער. זי וועט נעמען גיין אין דרך־הישר. זי וועט מוזן בייטן איר קורס, וועלכן זי האָלט אָן פון צייטן וואָס ליגן אויף יענער זייט פון געדע־כעניש, אויב זי האָט בדעה צו אַקאָמאָדירן, מאַכן פילן גוט די רבנים און רב'לעך און די עֶרב־רב'לעך, אָדער ריכטיקער די בישאָפּס און גלחים פון מאַרקסנטום־לעגינטום. טאַקע, ווי קען זי גאָר זיין אַזאַ מרשעת און מאַכן צו ליגנער און פלאַפּלער אַזויפיל ספּאַדעק און שטריימל־טרעגער! אַ ברירה וועט זי האָבן. זי וועט דאָך ניט פּועל'ן ביי זיך צו לאָזן גיין אין ניוועץ אַזאַ באַרג שמות פון פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכער און קוואַזי־רעליגיעזער שרייבעריי! — אָבער אַ קשיה אויף אַזאַ חצופה ווי געשיכטע איז געווען, איז און וועט זיין!

פון דער אַלגעמיינער, אַ רעכט ביסל צו פשוטער און צו קאַטעגאָ־רישער, גרונטלאַגע, אַז דער קלאַסנקאַמף איז דער שתי־וערב אין דעם געשיכטע־געוועב קען מען ציען בלויז איין מסקנא, און דאָס איז: דאָס

וועבן פון אַט־די סאָציאַלע פּאַרוויקלטקייטן און ווידעראַנאַנדן, פון אַט־די אינטער־אינדיווידועלע און אינטער־קלאַסן פאַרפּלאָנטערנישן און פּאַרוויי־רענישן וועט זיך אָפּשטעלן דעמאָלט ווען די געזעלשאַפט אלס אזעלכע וועט אונטערגיין, ווען דער וועבשטול וועט פאַרוואָרפן ווערן, די סאָציאַלע וועבעריי וועט ארויס פון געברויך, די אינטער־אינדיווידועלע און אינטער־קלאַסן טעקסטיל־מילן וועט מען צומאַכן און די וועבער הייסן גיין אהיים אויף תמיד, אזוי אז זיי זאָלן זיך ניט אומקערן...

בלויז מיט דער איבערווינדונג פון דער סאַמע געזעלשאַפט, פון געמיינשאַפט־לעבן בכלל וועלן די קלאסנקאַמף און קלאסנפרידן עלעמענטן, וועלכע פלעכטן זיך איבער אין געזעלשאַפטלעכן געוואַנט, באַזייטיקט ווערן אויף שטענדיק. קיין אָרגאַניזם באַשטייט ניט פון א הונדערט־פּראָצענ־טיקער סאָלידאַריטעט, און דער סאָציאַלער אָרגאַניזם איז ניט קיין אויס־נאַם. ער קען ניט באַווייזן אַט־דעם סאָציאַל־יעוואַנגעלישן מופת

נאָוויקאָוו שרייבט:

„אַנטאַגאָניזם וועט תמיד עקזיסטירן... די קאָ־עקזיסטענץ פון אַנטאַ־גאָניזם מיט סאָלידאַריטעט קען מען באַאָבאַכטן אין אלע מענטשן־גרופּן.״ (92)

קיין אָרגאַניזם קען ניט פונקציאָנירן סיידן א געוויסע מאָס פון סאָלידאַריזירונג איז געמישט מיט א געוויסער דאָזע פון אנטאַגאָניזירונג.

מאַרקסיזם לערנט, אז קלאסן האָבן עקזיסטירט פון סאַמע אָנהויב פון דער געשיכטע. קיין כוח אין דער געזעלשאַפט האָט זיי ניט געקענט באַזייטיקן. אבער מאַרקסנטום הייסט אונדז גלויבן, אז מיר, רעוואָלו־ציאָנערן, זיינען קליגער פון דעם אומפאַרמיידלעכן און אומפאַרענדערלעכן קורס פון געשיכטע. מיר, חכמים פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווייסן ווי אזוי איבערצוקליגן דעם גאַנג פון דער געשיכטע. מיר האָבן אנט־דעקט אַ מיטל קעגן דער קלאסן־צעשפּאַלטונג, אדער, נאָך בעסער, דאָס סאָציאַלע לעבן אליין האָט, לסוף, אויסגעפונען א היילונג פאַר אַט־דער היסטאָרישער קראַנקייט, פאַר אַט־דעם סאָציאַל־אָרגאַנישן פעלער. די פּאַטענטירטע מעדיצין באַשטייט פון צוויי ביטערע פּילן: איינער הייסט קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, דער צווייטער איז דער פּראָלעטאַריזאַציע־פּראָצעס. אַט־די צוויי שלעכטס־טוענדיקע און גוטמיינענדיקע האַלבע מלאכי־חבלה און האַלבע מלאכי השרת וועלן ארויסרופן אַ קאַטאַקליזם אין דער געזעלשאַפט, וועלן פאַראורזאַכן א קאַטאַסטראָפע פון דעם גאַנצן סאָציאַלן איינשטעל. און דערנאָך, נאָכן חורבן, וועט קומען די אויפריכטונג פון דער געזעלשאַפט אויף שפּאָגל נייע יסודות.

ווער עס מאכט אזעלכע באַהויפּטונגען — ווי ער זאָל זיך ניט אָנרופן, מיט וועלכע וויסנשאַפטלעכע פראַזן ער זאָל ניט קאָקעטירן — איז א סאָציאַלער שאַמאַן, א סאָציאַלער יעוואַנגעליסט, א בעל־שם.

ה. וו. וועלס אין זיין ווערק „ארבעט, רייכטום און גליקלעכקייט פון דער מענטשהייט" שרייבט:

„די עכסט לעבנספולע רעליגיע פון אונדזער צייט... איז פאַרקערפּערט אין די דיסציפּלינען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. קאָמוניזם קלאַמערט זיך אָן דער אָרטאָדאָקסיע, אָן דעם איינציק־אמת'ן גלויבן. און מיר האָבן שוין א געיעג אויף אפיקורסות אין דער קאָמוניסטישער קערפּערשאַפט... פאַר דער אויפבויאונג פון די שוואַכערע ברידער זיינען שוין דאָ פּראָפעטן און צדיקים, מארקס און לענין פאַר אָן אָנהויב... און עס איז אפילו דאָ א קאַבאַליסטישער קאָמוניזם וועלכער באאיינפלוסט די קונסט און ליטעראַטור פון מאָסקווע." (93)

דער אמת איז אז אָט־דער מארקסנטום־לענינטום וועלכער גייט אונטערן נאָמען פון קאָמוניזם איז א געמיש פון א פּסעוודאָ־וויסנשאַפט און א קוואַזי־רעליגיע. ער געברויכט די אָפּפאַל־עלעמענטן פון די ביידע דיסציפּלינען. ער פאַלסיפיצירט די סאָציאַלע וויסנשאַפט און אדולטערירט די עטישע פּראָפעטישע עלעמענטן פון רעליגיע. ער איז א וואולגאַריזאַציע פון א סאָציאַל־יעוואַנגעליזם.

16

# קאַטאַסטראָפעס אלס רפואות

טשארלס פוריע אין זיין ווערק „סאָציאַלע מערכות" שרייבט:

„וואָס איז געוואָרן פון די מאָנומענטן פון ציוויליזירטן שטאַלץ? טהעבעס און בבל, אטהען און קארטאגען זיינען צעבראָכן געוואָרן אויף רואינען. וואָס פאַר א וואָרנונג פאַר פאַריז און לאָנדאָן, פאַר יענע היינטצייטיקע אימפּעריעס וועמענס מערקאַנטילע שטותים פּרעסן אזוי שווער אויף דעם פאַרשטאַנד און נאַטור, ווערנדיק מיד פון אונדזערע געזעלשאַפטן ווארפט זי זיי אום איינע נאָך דער אנדערער, און שפּאָט אָפּ סיי פון אונדזערע טוגנטן און סיי פון אונדזערע פאַרברעכנס... עס זעט אויס ווי די נאַטור וואָלט דערלויבן אָט־די עקלהאַפטע געזעלשאַפט זיך צו דערהייבען פאַר דעם תענוג וואָס זי האָט פון אומשטירצן זי." (94)

אליסאָן דזש. טהאָמפסאָן אין זיין ווערק „מענטש, נאַטור און ציוויליזאציע״ שרייבט:

„דורך אלע יאָרהונדערטער האָט איין ציוויליזאציע אדער קולטור זיך באַוויזן, אויפגעשטייגט, געבליט פיל־וויניק, אין אַ משך פון אַ לענגערן אדער קירצערן צייט־פּעריאָד און דערנאָך אונטערגעגאַנגען — און עס איז ווארשיינלעך ניטאָ מער גרונט פארוואָס מיר זאָלן דערוואַרטן אז אָט־די קעגנווערטיקע ציוויליזאציע וועט אָנהאלטן אויף אייביק, ווי ווען מיר וואָלטן געהאַט דערוואַרט אז די פאַרדעמדיקע ציוויליזאציעס זאָלן האָבן געדויערט לענגער ווי זיי האָבן עס באַוויזן צו טאָן.״(95)

די רעקאָרדירטע געשיכטע פון דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט ווייסט פון עטלעכע קאַטאַסטראָפעס. נאָך יעדן צוזאַמענברוך איז אויפ־געקומען אַ נייער סטיל פון געזעלשאפט־סטרוקטור, אַ נייע פאָרמאַציע האָט זיך באַוויזן, אַ פאָרמאציע וועלכע האָט מאַניפעסטירט נייע דיפערענ־ציאציעס. די סאַמע קאַטאַסטראָפעס, אפנים, האָבן געהאַט פאַר זייער היסטאָרישער מיסיע די אינטענסיפיצירונג פון די עקזיסטירנדיקע דיפע־רענציאַציעס און די עקסטענסיפיצירונג פון דער שפּאַלטונג וועלכע צע־שיידט די העכערע און נידעריקערע שיכטן פון דער געזעלשאפט.

ובכן, וואו איז די גאַראַנטיע אז היינטיקס מאָל וועט די דערוואַרטע קאַטאַסטראָפע האנדלען אנדערש ווי פאַר דעם? פון וואַנענט נעמען מיר עס, אַז זי וועט באַזייטיקן ניט נאָר די עקזיסטירנדיקע סטראַטיפיקאַציעס פון דער געזעלשאפט, נאָר אויך באַוואָרענען קעגן זייער צוריקקער, זייער נייעם אויפקום? ווי קען דאָס צעברעכן פון סאָציעטאָרן ווערשטול אין דער קעגנווארט, אין פאל דאָס פּאַסירט אויף אַן אמת׳ן, פאַרזיכערן אז פון היינט אָן און ווייטער וועט מען בכלל אויפהערן צו וועבן דאָס דיפערענציאַציע־געוועב, און אז אין דער צוקונפט וועט מען ניט לאָזן גיין אין גאַנג נייע וועבשטולן אויף אַ נייעם נוסח.

און אויב זיי זאָלן אפילו פאַרגעסן די קונסט פון וועבעריי, וואו איז די זיכערקייט אז זיי וועלן ניט שפּינען דעם קריגעריי־פאָדעם, אָנהויבנדיק גלייך פון דער סאמע קודעלע, און טאָן עס אויף דעם פּרימיטיוון שטייגער מיטן שפּינדל און שפּינרעדל?

פּיאָטער קראָפּאטקין אין זיין ווערק „מאָדערנע וויסנשאפט און אַנאַרכיזם״ שרייבט:

„מיר האָבן לעצטנס זייער פיל געהערט מכוח דעם דיאלעקטישן מעטאָד, וועלכן עס רעקאָמענדירן אונדז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן בכדי צו באַגרינדן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל... אלע גרויסע דעראָבערונגען פון אָט־דעם יאָרהונדערט האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם געברויך פון

אינדוקטיוון מעטאָד — דער איינציקער וויסנשאַפטלעכער מעטאָד... עס איז ניטאָ קיין גרונט פאַרוואָס מיר זאָלן פאַרוואַרפן דעם מעטאָד וועל־כער... איז געווען אזוי ניצלעך, און גיין זוכן א נייעם מעטאָד אין דעם תהום פון מעטאַפיזיק.״ (96)

מארקסיזם־לעניניזם, ווי אויך ליבעראַליזם, געהערט צו א סאָציאַל־מעטאפיזישער (ריכטיקער מעטאַ־סאָציאַלער) שול. און אָט־די אָנגעהע־ריקייט ווערט ניט פארפעסטיקט דורך דעם וואס ער ווענדט אָן דעם דיאַלעקטישן מעטאָד, ווי קראַפּאָטקין האָט געמיינט, נייערט דערפאַר וואָס ער ווענדט אים ניט אָן בנוגע דער קלאַסן־טעאָריע.

מארקסיזם־קאָמוניזם איז ניט מעטאַפיזיש דערפאַר וואָס ער דרייט זיך דעם קאָפּ מיט די תיקו־פּראָבלעמען, מיט די ״ודוק״־חקירות, נייערט דער־פאַר וואָס ער פארנעמט זיך מיט דאָס אבסאָלוטע און ניט רעלאַציאָנעלע, מיט דער פינאַליטעט און ניט מיט דעם שטענדיק וואַריאירנדיקן, אָבער אומפאַרמיידלעך אָנוועזנדיקן מיטן, מיט דעם ״עסכאַטאָס״, מיט דעם סוף־גמר, און ניט מיט דעם אומאויפהערלעכן המשך, מיט דעם קרייזנדיקן און ציקלנדיקן פּראָצעס, וועלכער מיידט אויס ביידע עקסטרעמען סיי דעם אָנהויב און סיי דעם סוף, סיי דעם „בראשית״ און סיי דעם „אחרית הימים״. דער מאַרקסיסטישער אויפפאַס פון קלאַסן און קלאַסנקאַמף איז פעלערהאַפט, ער באשרייבט דעם קאַמף, וועלכער מוז, לויט זיין נאַטור נאָך, זיין עפּעס דינאַמישעס, אין טערמינען פון סטאַטיק. ער איגנאָרירט די אידייע פון נאָכפאָלג און איבערבייט. ער מאָלט דעם בילד פון קלאסנקאַמף ווי ער וואָלט געווען א קריג, וועלכער ווערט דערפירט ביז צו דעם פונקט פון פאַרניכטונג פון שונא. און אָט די פאַרניכטונג באצייכנט ער ווי עפּעס וואָס האָט א פולשטענדיקע ענדונג.

דער קלאַסנקאַמף בושעוועט. די געפעכטן זיינען גרויזאם און גרויליק, אָן רחמנות. דער אָפּגרונט פון שנאה צווישן די שטרייטנדיקע צדדים ווערט טיפער מיט יעדן געראַנגל. עס איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט צו שליכטן, אויסגלייכן דעם סיכסוך, זיך אריינצולייגן אין א פשרה. צוערשט ווערט די בורזשואַזיע צעשלאָגן. דערנאָך, אביסל שפּעטער, גיט דער פּראָלע־טאַריאַט אויף פּרייוויליק זיין עקזיסטענץ. און נאָך דעם וואָס? עס קומט די הערשאַפט פון סאָלידאַריטעט. שלום און שלוה רוט אין דער געזעלשאַפט, אין דעם לאַגער וואו פאַר דעם האָט געקלונגען געוועג, זיך געגאָסן בלוט, עס האָבן געדונערט מלחמה־געשרייען, געוויינט ווינטן פון קרעכצן...

די ארורה, די געשיכטע, טוט תשובה, ווערט א אישה צנועה, נעמט זיך אויפפירן לויט די פאַרשריפטן פון קו הישר אדער שבט מוסר. פון

איצט אָן און ווייטער ווערט אָט־די מרשעת א צידקנית, טראָגט ארום אונטערן אָרעם דעם גראָבן קרבן־מנחה סידור לויט נוסח מארקס, און פון אירע לעפצן טריפן, אנשטאָט קללות וחרמות, זילזולים, בילבולים ווי ביז אַהער — הייליקע שמן־זית־זכ׳יקע תפילות און ברכות...

לאָמיר צוגעבן אז די קאָמוניסטן זיינען טאַקע גערעכט. דער קאַפּי־טאַליזם איז פאַרדאַמט, זיין גזר דין איז אונטערגעשריבן און פאַרזיגלט. קיין צדיק הדור קען דעם גזר ניט צערייסן. קיין מיטל קען די קאַטאַסט־ראָפע ניט אָפּשטעלן. ניט נאָר דאָס אליין, מער: אונדזער גאנצע איראָפּייאישע אדער אלוועלטלעכע ציוויליזאציע וועט באַלד איינברעכן. איז וואָס איז פון דעם געדרונגען? אז די ציוויליזאציע וועט אונטערגיין. אַז א מענטש ווערט אלט, איז וואָס איז פון דעם געדרונגען? אז ער וועט אין גיכן שטארבן. און אויב ער האָט קינדער וועלן זיי בלייבן לעבן און דערנאָך אויך שטארבן. פון דעם אונטערגאנג אדער אוועקגאנג פון א דור וואָס איז כלו חייב איז ניט געדרונגען אז דער אָנקומענדיקער אָדער אויפקומענדיקער דור וועט זיין כלו זכאי. דער דור המבול האָט געזינדיקט. און וואָס איז געוועז נאָכן מבול? נאָכן מבול זיינען געווען אַנדערע דורות וועלכע האָבן אויך געזינדיקט, אמאָל ווייניקער און אַמאָל מער. קיין דור פון צדיקים איז ניט אויפגעשטאַנען.

ווען סיסטעמען גייען אונטער, קומען אויף נייע סיסטעמען און זיי פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די אלטע. ווען ציוויליזאציעס ברעכן צוזאמען, קומען אויף נייע ציוויליזאציעס וועלכע וועלן אין זייער צייט איינברעכן און נאָך וועלכע עס וועלן אויפקומען נייערע ציוויליזאציעס.

ווילסאָן ד. וואָליס שרייבט אין זיין ווערק „קולטור און פּראָגרעס”:

„ווי היסטאָריע זאָגט עדות, קומען ציוויליזאציעס אויף און גייען אונטער. מוז דען יעטוועדע ציוויליזאציע, נאָך א געוויסן פּעריאָד פון אנטוויקלונג דורכפאַלן און אראָפּגיין פון דער סצענע?” (97)

מעגלעך, אז יע, מעגלעך, אז ניט. מיר וועלן דאָ די פראַגע פון לעבנסדויער פון ציוויליזאציעס ניט באַהאַנדלען. די טעמע ליגט אויסער דעם גבול פון דעם איצטיקן ווערק.

שטעלט זיך פאַר אז ציוויליזאציעס זיינען פאַרמשפּט צום אונטער־גאַנג. איז וואָס? די חורבות און רואינען פון די פאַרניכטעטע אדער צו־זאַמענגעבראָכענע ציוויליזאציעס וועלן בלייבן און אויף אָט דעם ברוכ־וואַרג וועט א נייער לעבן נעמען שפּילן דעם אומדערמידלעכן אומענדלעכן שפּיל מיט זיין אומאויסשעפּבארער מאַניפעסטאציע פון דיפערענציאציע־קאָמבינאציעס.

דער אונטערגאנג פון ציוויליזאציע, פון דער רוימישער, האָט גע־בראכט משיח׳ן בלויז אין יעוואנגעליע, ניט אין לעבן, אין די טאָוולען פון א בוך, אין דעם קרעדא פון אן אנטאַרטעטער רעליגיע, — ניט אין דערווירקלעכקייט, אין ממשות׳דיקן סאָציאלן פאַרקער.

17

# סטאַטיק און דינאַמיק

מאַרקס אין דער הקדמה צו זיין מאָנומענטאַלן ווערק „קאַפּיטאַל״ שרייבט:

„אין איר מיסטיפיצירטער פאָרם איז דיאלעקטיק געוואָרן א מאָדע אין דייטשלאנד, מחמת עס האָט אויסגעוויזן אז זי טראנספיגורירט און גלאָריפיצירט דעם עקזיסטירנדיקן צושטאנד פון זאַכן. אין איר ראַציאָנאַלער פאָרם איז זי א סקאַנדאַל און אן אָפּשיילעכקייט צו דעם בורזשואַזטום און זיינע דאָקטרינערן פּראָפעסאָרן, מחמת זי שליסט אריין אין איר פאַרשטענדיקונג און באַשטעטיקנדיקער אנדערקענונג פון דעם עקזיס־טירנדיקן מצב פון זאכן, צו דער אייגענער צייט, אויך די אנדערקענונג פון דער נעגאציע פון אָט־דעם צושטאנד, פון זיין אומפארמיידלעכן צונויפברוך, מחמת זי באַטראַכט יעטוועדע היסטאָריש אַנטוויקלטע סאָ־ציאַלע פאָרם אין א פליסיקער באַוועגונג, און דעריבער נעמט זי אין חשבון זיין פארבייגייענדיקע נאַטור ניט ווייניקער ווי זיין אותו־רגע׳דיקע עקזיסטענץ.״ (98)

מארקס גיט אונדז צו פאַרשטיין אז דער דיאַלעקטישער מעטאָד דארף ווערן דעפינירט אלס די אויפפאַסונג, אז „יעטווידע היסטאָריש אנטוויקלטע סאָציאַלע פאָרם געפינט זיך אין א פליסיקער באַוועגונג״. מיר זיינען איינשטימיק. דער מעטאָד איז גוט, איז וואונדערבאר. אבער מ׳דארף דאָך אים אָנווענדן צו די קאָנקרעטע סיטואציעס און פּראָבלעמען מיט וועלכע מיר זיינען קאָנפראָנטירט. און דאָס טוט מארקס ניט. ער ווענדט ניט אָן זיין ׳דינאַמיק׳ צו דער טעאָריע פון קלאסן, צו זייער אויפקום און אומקום. ווען מארקס רעדט וועגן דער צוקונפט, וועגן דער צוקינפטיקער קלאַסנלאָזער געזעלשאפט — איז ער אויס דיאלעקטיקער, געברויכט ער ניט זיין דיאלעקטישן מעטאָד.

לאָמיר אָנווענדן דעם דיאַלעקטישן מעטאָד צו דער דערקלערונג פון די טראנספאָרמאציעס וועלכע דער דריטער שטאנד האָט דורכ־געמאַכט.

„דער דריטער שטאַנד״ איז ניט געווען קיין ריין־סאָציאַל־ספּעקו־לאַציע, ער איז ניט געווען א קאָנצעפּט־גייסט, א נשמה וואָס בלאָנקעט זיך ארום איבערן עולם־התהו. ער האָט עקזיסטירט אין רוים און צייט. ער איז געווען לאָקאַליזירט געאָגראַפיש און היסטאָריש. קודם דעם ניצחון, וועלכן ער האָט אָפּגעהאַלטן איבער זיינע שונאים, דעם איידלשטאַנד און גלחימטום, האָט ער פאַרגעשטעלט איין מהות, א דעפיניטיווע סומע פון בולט׳ע שטריכן און כאַראַקטעריסטיקס, א בינטל פון באַשטימטע סאָציאַלע פאַרהעלטנישן. נאָך דעם ניצחון איז ער געוואָרן טראַנס־פאָרמירט צום ניט־דערקענען דורך דעם עצם אַקט פון זיג. איצט האָט ער געקראָגן א נייעם פּנים, א נייע פאָרם. זיינע אינערלעכע באַשטאַנד־טיילן האָבן זיך געביטן. ער האָט דורכגעמאכט א פּראָצעס פון מאָלעקו־לאַרע שינויים. זיינע כוחות האָבן זיך געענדערט מיט דעם טויש פון די פלעצער, פון די סיטואַציעס. ער איז אריבערגעגאַנגען פון פּשוטער איינהייט צו א מצב פון פּילפאַכיקייט. פון מאָניזם איז ער אריבער צום פּלוראַליזם. מיט איין וואָרט, דער דריטער שטאַנד האָט זיך דעקאָמ־פּאָזירט. ער איז פאַנאַנדערגעפאַלן, ער האָט זיך צעשפּאָלטן. ער איז געוואָרן אויס שטאַנד. ער איז געוואָרן אַ קלאַס. ער האָט אויסגעטיילט פון זיך ארויס העכער און נידעריקער סיטואירטע עלעמענטן. ער איז רייף געוואָרן און אלס פּועל־יוצא פון מאַטוריטעט, האָט ער זיך סטראַ־טיפיצירט.

און מיר מעגן זיין זיכער, אז די אייגענע מעשה וועט פּאַסירן מיטן פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריאַט, סיי ווען מיר פאַרשטייען אונטער דעם טערמין די ארבעטערשאַפט און סיי ווען מיר באַצייכענען מיט אים די אַרבעטער־אָרגאַניזירערשאַפט, שטעלט ניט פאָר מיט זיך קיין מאָסיוו־מאָנאָליטישע קערפּערשאַפט. דער פּראָלעטאַריאַט איידער דער אנטשיי־דענער שלאַכט ווערט אויסגעקעמפט און דער ניצחון געוואונען, איז איין קלאַס; נאָך דעם ווי ער האלט אָפּ זיין זיג, צעשלאָגט זיין שונא, פאַר־נעמט יענעמס פעסטונגען פון אינדוסטריע און קאָמערץ, — איז ער אן אנדערער. דער זיגרייכער פּראָלעטאַריאט וועט פאַרשטעלן מיט זיך א סאָציאַלע פאָרמאציע, וועלכע וועט זיין פאַרשיידן פון דעם קעמפּנדיקן, אין קריג־צושטאַנד זיך־געפינענדיקן פּראָלעטאַריאַט. דער סאָציאַלער לעבן, ווי לעבן בכלל, איז א דינאַמישער פּראָצעס און בשום אופן ניט קיין סטאַטישע דערשיינונג. מחמת „די געזעלשאַפט איז א קאָמפּלי־צירטע גאַנצקייט, וועלכע געפינט זיך אין א כסדרדיקער טראַנספאָר־מאציע,״ (99) פאַרזיכערט אונדז מיט רעכט ג. פּעטרעסקו אין זיין ווערק „פּרינציפּן פון פאַרגלייכנדיקער סאָציאָלאָגיע.״

דער פייער פון טריאומף שמעלצט איבער, פורעמט איבער דעם אקטיוון קלאַס, דעם זיך־באַטייליקער פון אַט־די וואַגזאַמע אונטערנעמונגען.

אַט וואָס ענגעלס שרייבט:

„ווען מיר רעפלעקטירן מכוח נאַטור, אדער דער געשיכטע פון דער מענטשהייט אדער אונדזער אייגענער אינטעלעקטועלער אקטיוויטעט, איז דער ערשטער בילד, וועלכער שטעלט זיך אונדז פאַר, אַן ענדלאָזער לאַבירינט פון פאַרהעלטענישן און אינטעראַקציעס, אין וועלכן קיין זאַך בלייבט ניט וואָס און וואו עס איז געווען, נייערט יעטוועדע זאַך באַוועגט זיך, ענדערט זיך, אנטשטייט און קומט אום.״ (100)

אין זיין „פויערבאַך״ זאָגט ער:

„דער גרויסער פונדאַמענטאַלער געדאַנק, נעמלעך, אַז די וועלט דאַרף מען ניט באַטראַכטן ווי אַ קאָמפּלעקסיטעט פון פאַרטיק־געמאַכטע קעגנשטאַנדן, נייערט אַלס אַ קאָמפּליציטעט וועלכע באַשטייט פון פּראָצעסן, אין וועלכע די כלומר׳שט סטאַבילע זאַכן . . . בילדן אַן אומ־אונטערבראָכענע קייט פון אַנטשטיין און פאַרשווינדן . . . אַט־דער גרונטגעדאַנק האָט . . . אַזוי באַהערשט די רעיונות פון די מאַסן מענטשן, אַז . . . איצטער קען מען אים קוים פאַרניינען. אָבער צו אָנדערקענען עס אין פּראַזן און אַנצוואווענדן עס אין דערווירקלעכקייט צו יעדן באַזונדערן קאָמפּלעט פון באַדינגונגען, וועלכער קומט צו אונטערזוכונג, זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן״ (101).

פ. ענגעלס איז גערעכט. עס איז לייכטער צו ווידערהאָלן אַט־די פּראַזן מכוח דער ׳פליסיקער באַוועגונג׳, ׳דינאַמישקייט׳, ווי צו גע־ברויכן ניט די פּראַזעאָלאָגיע פון דעם ׳דיאַלעקטישן מעטאָד׳ נייערט טאַקע דעם מעטאָד אַליין אין זיין אַפּליקאַציע צו אַ קאָנקרעטער סיטו־אַציע, צו אַ געגעבענער פּראָבלעם.

ריידן איז לייכטער ווי טאָן, ווען אפילו דאָס טאָן איז בלויז אַ טעאָרעטישע שטיקל ארבעט. און מארקס און ענגעלס זאָגן עדות מכוח דעם מיט זייער אייגענער באַהאַנדלונג פון דער אַרבעטערשאַפט־פּראָבלעם.

נאָך מאַרקסן, ענגעלסן און אַנדערע לומינאַרן אין דעם סאָצי־אַליסטישן הימל־געוועלב קומט בוכאַרין. אַט וואָס ער שרייבט:

„אַזוי ווי יעדע זאַך אין דער וועלט געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון ענדערונג . . . מוזן מיר ציען די נויטווענדיקע מסקנות פון די סאָציאַלע וויסנשאַפטן. אויפן ערשטן פּלאַץ דעריבער, פאָדערט דער דיאַלעקטישער מעטאָד אַז אַלע דערשיינונגען זאָלן באַטראַכט ווערן . . . אין זייער מצב פון באַוועגונג״ (102).

די מאַרקסיסטן ווענדן אָן גאַנץ גערן דעם דיאַלעקטישן מעטאָד ווען עס האַנדלט זיך מכוח אַ 'קאַפּיטאַליסטישער' דערשיינונג. זיי קענען אָבער ניט פאַרטראָגן ווען מ'נעמט דעם „דיאַלעקטישן מעטאָד" און מ'ווענדט אים אָן צו זייערע אייגענע קאָנסטרוקציעס און ספעקולאַציעס מכוח דער צוקונפט פון פּראָלעטאַריאַט און זיין כלומר'שטער מיסיע אַלס טרעגער פון סאָציאַליזם. ווי אַ מלאך וואָלט זיי אַ שנעל געטאָן אין נאָז, פאַרגעסן זיי זייער גאַנצע בקיאות און חריפות אין דער סוגיא 'דיאַלעקטיק', און זיי ווערן אַבסאָלוטיסטן און פינאַליסטן. דער „דיאַלעקטישער מעטאָד" ווערט אַ „סקאַנדאַל און אָפשיילעכקייט" פאַר די מאַרקסיסטן ווי ער איז פאַר דעם געווען פאַר די קאַפּיטאַליסטן.

פ. ענגעלס שרייבט:

„דיאַלעקטיק . . . פאַרשטייט אָביעקטן און זייערע רעפּרעזענטאַציעס, אידייען, אין זייער וועזנטלעכער פאַרבינדונג, צוזאַמענקייטלונג, באַוועגונג, אורשפּרונג און ענדונג. לויט אַט דעם סיסטעם . . . ווערט די גאַנצע וועלט, די נאַטירלעכע, געשיכטלעכע און אינטעלעקטועלע, פאַרגעשטעלט ווי אַ פּראָצעס, דאָס מיינט ווי עפּעס וואָס געפינט זיך אין שטענדיקער באַוועגונג, ענדערונג, טראַנספאָרמאַציע, אַנטוויקלונג" (103).

דאַרף מען מער? אָבער דאָס איז אַלץ, ווען עס רעדט זיך וועגן דער פאַרגאַנגענהייט און דער קעגנוואַרט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים. דאָ דאַרף זיך אַלץ באַוועגן, ענדערן, איבערגיין, אויפקומען און אומקומען. אָבער ווי נאָר מ'נעמט ריידן מיט היץ און פון התלהבות־היץ וועגן דער צוקונפטיקער מערכה און אויסלייזערישער אויפטואונג פון פּראָלעטאַריאַט הקדוש, דעמאָלט ווערט אַלץ סטאַטיש, פאַרגליווערט, אומבאַוועגלעך. דער קלאַס פון אַרבעטערשאַפט בלייבט דער אייגענער אויך נאָכדעם ווי ער גייט אַדורך דעם קאַלכאויוון פון אַ „סאָציאַלער רעוואָלוציע", פון זיג, פון דעראָבערונג פון מאַכט. ער ווערט חס־ושלום ניט קאַליע, ניט 'מכולה', ער פאַרלירט ניט אויף אַ האָר זיין קאָמפּלוסטיקייט און סאָציאַלע פרומקייט. הגם מיט דעם אייגענעם אָטעם פאַרזיכערט אונדז דער מאַרקסיסט אַז דער פּראָלעטאַריאַט ווערט אויס פּראָלעטאַריאַט, ער ווערט עפּעס אינגאַנצן ווי אויסגעהויכט, ער ווערט אַ „גייסט" פון דערלייזונג. ער ווערט אָבער ניט רעאַליסטיש, מיושב, צעשפּאָלטן, צעטיילט אויף העכער און נידעריקער, אויף אויפטוער, קאַריערע־מאַכער און לא־יוצלח'ס.

מיר וועלן נעמען דעם איינצעלנעם פּראָלעטריער אַלס אילוסטראַציע.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז אַן אַרבעטער געווינט דעם גרויסן גע־ווינס, אָדער קריגט אַ ירושה פון אַ רייכן פעטער. וואָס מיינט איר, וואָס וועט מיט אים פּאַסירן? ער וואָלט נאַטירלעך גלייך אויטאָמאַטיש אויפהערן צו זיין אַ פּראָלעטאַריער אין עקאָנאָמישן פּשט פון וואָרט און, וואָרשיינלעך, וואָלט אויך בייטן זיין אידעאָלאָגישן קוק. סיידן מיר האָבן צו טאָן מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם אידעאַליסט, וועלכער שטעלט פאַר דעם אויסנאַם, ניט די רעגל.

דאָס אייגענע פּאַסירט מיט דעם פּראָלעטאַריאַט אַלס אַ קאָלעק־טיוו. ער ווערט איבערגעבוירן אין דעם פּראָצעס פון דער רעוואָלוציע. ער קען ניט בלייבן דער אייגענער, ניט עקאָנאָמיש, ניט פּאָליטיש און ניט אידעאָלאָגיש.

מיר׳ן ווידעראַמאָל געבן דאָס וואָרט ענגעלסן:

„פון איין זייט זיין (העגעליאַניזם) פונדאַמענטאַלע הנחה איז געווען דער היסטאָרישער בליק, אַז די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז אַ פּראָצעס פון עוואָלוציע, וועלכער לויט זיין עצם נאַטור קען ניט געפינען קיין אינטעלעקטועלע פינאַליטעט אין דער אַנטדעקונג פון אַן אַזוי גערופענער אַבסאָלוטער וואָרהייט; און פון דער צווייטער זייט האָט ער פּרעטענדירט צו זיין דער עצם סך־הכול פון פונקט אָט־דער אַב־סאָלוטער וואָרהייט. אַ נאַטור־סיסטעם און אַ היסטאָריע־וויסעניש, וועל־כע איז אַלצאומפאַסנדיק און ענדגילטיק פאַר אַלע צייטן, געפינט זיך אין ווידערשפּרוך צו די פונדאַמענטאַלע געזעצן פון דיאַלעקטישן דענ־קען" (104).

ענגעלס׳עס קריטיק פון העגעליאַניזם איז שאַרף, אין פּינטל, ריכ־טיק. אָבער די אייגענע קריטיק איז אַנווענדבאַר צום מאַרקסיזם, וועל־כער פלאָנטערט זיך אין זעלביקן ווידערשפּרוך. פון איין זייט אָנדער־קענט דער מאַרקסיזם דאָס געזעץ פון עוואָלוציע און דערצו נאָך פון אַ דיאַלעקטישער עוואָלוציע; און פון דער צווייטער זייט באַהאַנדלט ער די קלאַסן, זייערע פאַרהעלטענישן און אַפשאַף אַלס עפּעס אַבסאָ־לוטעס. ער פאַרביינט דעם אַנטוויקלונג־געזעץ פון די קלאַסן און איג־נאָרירט זייערע היסטאָרישע טראַנסמוטאַציעס, טראַנספאָרמאַציעס, זיי־ערע איבערגעבוירכצן, זייערע איבערשטעלונגען. ער דערפירט די עוואָלוציע פון קלאַסן ביז אַ פּונקט, און דאָ שטעלט ער זיך אָפּ, ווי ביי אַ סוף ליניע.

מירן געבן איצט דאָס וואָרט דעם אַמעריקאַנעם טעאָרעטיקער פון מאַרקסיזם, מאָריס הילקוויט:

„עס איז אַ טאַטזאַך, אַז די סאָציאַליסטן באַטראַכטן ניט קיין טייל פון זייער פּראָגראַם אַלס אַנטשיידנדיק און גילטיק פאַר אַלע צייטן . . . דער קרייז, אַרום וועלכן, עס זעט אויס, אַז דער הימל און די ערד באַגעגענען זיך נעמט אַריין אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אין אונדזער פּאַנאָראַמע, דאָס איז די גרענעץ פון אונדזער זיכטבאַרן אוניווערס . . . און אַזוי איז עס מיט אונדזערע . . . אידעאַלן . . . היינט צו טאָג קענען מיר ניט זען וואָס איז אויף יענער זייט פון סאָציאַליזם״ (105).

מיר פאָדערן גאָרניט, אַז אַ סאָציאַליסט זאָל זען וואָס עס געפינט זיך אויף יענער זייט פון סאָציאַליזם, וואָס מיר פאַרלאַנגען איז, אַז דער מאַרקסיסט זאָל זען וואָס עס געפינט זיך אויף דער זייט פון סאָציאַליזם, וואָס עס געפינט זיך אין סאָציאַליזם גופא. אַ בר־דעת איז מחויב צו זען און פאַרשטיין דעם עצם מהות פון סאָציאַליזם, זען עס קלאָר און דייטלעך, אָפּשאַצן אים ווי געהעריק, אורטיילן מכוח זיינע פּראָספּעקטיווע גוטע מעלות און שלעכטע חסרונות. מיט איין וואָרט מיר ווילן אַז דער סאָציאַליזם זאָל באַטראַכט ווערן פון שטאַנדפּונקט פון סאָציאָלאָגיע. מיר באַהויפּטן אַז אַ פאַרשטענדלעכער מענטש טאָר זיך ניט איינריידן, ווי מאָריס הילקוויט, אַז דער סאָציאַליזם איז אַנט־שיידנדיק און גילטיק פאַר אונדזער צייט, ווייל סאָציאַליזם־מאַרקסיזם איז קלאָמפּערשט דאָס לעצטע וואָרט אין אידעאָלאָגיע־פאָרמירונג אָדער פאָרמולירונג.

אָט וואָס מאַקס אַדלער שרייבט:

„עס זיינען פאַראַן אין דער היסטאָרישער סיטואַציע פון דער היינטצייטיקער וויסנשאַפט (פון סאָציאָלאָגיע) צוויי טענדענצן, וועלכע ווערן דעטערמינירט אין לעצטן אַנאַליז פון קלאַסן־אינטערעסן, הגם גאַנץ אָפט אומבאַוואוסטזיניק. איך קען איין טענדענץ באַצייכענען אַלס די סטאַטישע און די צווייטע אַלס די עוואָלוציאָנערע . . . די סטאַטישע וויסנשאַפט קען מען דערקענען דורך דעם פאַקט וואָס אירע אויס־פאָרשער זיינען תמיד געצייכנט מיט אַ פונדאַמענטאַלער לימיטאַציע. זי איז באַגרענעצט אינגאַנצן מיט דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. זי באַטראַכט אָט די געזעלשאַפט אַלס איר פון נאַטור־געגעבענע סביבה״ (106).

מיט אַנדערע ווערטער, דער בורזשואַזער סאָציאָלאָג האַלט פאַר זיינע אויגן אַ פאַרגליווערטן מוסטער פון דער געזעלשאַפט, און דער ׳מאַרקסיסט׳ טוט דאָס אייגענע, ער האַלט אַ פאַרקנאַכטן מוסטער פון באַשטימטע קלאַסן מיט זייערע סטאַטישע פאַרהעלטענישן. דער מאַרקסיזם רעדט וועגן בייקומען דעם קלאַסן־אַנטאַגאָניזם און די קלאַסן־

סטרוקטור פון דער געזעלשאפט אין אן אבסאָלוטן מיין. אומגעאַכט די וואָרנונגען און באַריכטן פון דער געשיכטע, וועלכע זאָגן אונדז אין אַ קלאָרן לשון מיט אַ שטאַרקן חיתוך־הדיבור אַז דאָס אַבסאָלוטע אין תחום פון סאָציאָלאָגיע, טעאָרעטישער און פּראַקטישער, איז אַבסאָלוט אויסן פלאץ, ווי ווילהעלם ווינדעלבאנד אין זיין „איינלייטונג צו פילאָזאָפיע” זאָגט: „אַלץ איז רעלאַטיוו, דאָס איז דער איינציקער אַבסאָלוטער פּרינציפּ” (107).

מ'דאַרף פאַרשטיין, אַז עס זיינען ניטאָ קיינע אַבסאָלוטע ענטפערס צו סאָציאַלע פּראָבלעמען.

דזש. ק. האַרט אין זיין ווערק „סאָציאַל־לעבן און אינסטיטוציעס” שרייבט:

„די געשיכטע געפינט זיך אין 'דאָס ווערן'. נייע פּראָבלעמען קומען כסדר ארויף. נייע פּראָבלעמען פאָדערן נייע ענטפערס” (108).

די געשיכטע פאַרגיט אונדז רעצעפּטן. זי שטעלט פראַגן. זי פרעגט קשיות. קיין שום רעוואָלוציע, ווי טיף און גרונטאָוונע זי זאָל ניט זיין, קען זי ניט לייזן אַט די פּראָבלעמען, קען ניט פּוטר־זיין די רעצעפּטן. פאַרוואָס? דערפאַר וואָס זיי ווערן לכתחילה ניט געפרעגט אין דעם גייסט פון עפּעס אַבסאָלוטעס און סטאַטישעס. אַלע סאָציאַלע פּראָבלעמען ליגן אין תחום פון דאָס דינאַמישע און רעלאַטיווע. די פראַגן ווערן געשטעלט פון דער געשיכטע ניט מיט דער כוונה צו קריגן אַן ענטפער, נייערט מיט דעם דייטלעכן מיין צו קריגן אַ מעגלעכקייט צו שטעלן אַ נייע פראַגע.

18

# קלאַסן־נאָכפאָלג

„אָמעגא מוסס צום אלפא ווערדען
אונד זאָ ווערדע דענן דיע וועלט
געאָגנאָטיש אויף אויף דעם קאָפּף געשטעלט”.

(געטהע, קסעניען)

אַנשטאַט דעם אַבסאָלוטיסטישן בליק אויף דעם קלאַסן־קאַמף, דאַרף מען איינפירן די רעלאַציאָנאַלע קאָנצעפּציע פון קלאַסן־נאָכפאָלג, פון קלאַסן־המשך.

מיר'ן ציטירן ל. נ. טאָלסטאָי, הגם ער איז ווייט ניט קיין סאָציאָלאָג אין וויסנשאַפטלעכן טייטש פון וואָרט. ער איז אָבער אַ גרוי־

סער פּסיכאָלאָג־קינסטלער און מיט זיין אַריינדרינגענדיקן בליק זעט ער אַמאָל מער פון וויסנשאַפטסמאַן.

„מענטשן וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן מאַכט און עשירות, אָפט טאָקע די אייגענע מענטשן וועלכע האָבן זיך עס דערוואָרבן, עפּטער זייערע יורשים, הערן אויף צו זיין אַזוי פאַרקאַכט אין מאַכט און אַזוי אַכזריותדיק אין דערווערבן זי. מענטשן, אַמאָל אין איין דור, אַמאָל אין עטלעכע דורות, האָבנדיק געלערנט דורך דערפאַרונג ווי אייטל־נישטיק עס איז די פּרוכט פון געוואַלדטאַט, פאַרלירן די פאַרדאַרבנ־קייטן, וועלכע ווערן אַרויסגערופן פון דער תאווה צו מאַכט און רייכ־טום און זיי ווערן אַלץ ווייניקער גרויזאַם, אַזוי אַז זיי קענען מער ניט אָנהאַלטן זייערע פּאָזיציעס און זיי ווערן אַרויסגעשטויסן פון מאַכט דורך אַנדערע . . . גרעסערע רשעים, און זיי קערן זיך אום צו אַ שיכט אין דער געזעלשאַפט, וועלכע געפינט זיך נידעריקער אין שטאַנד און העכער אין מאָראַל . . . אָבער גלייך נאָכדעם, אַנדערע, נאָך ערגערע, מער גראָביונגערישע . . . עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט הייבן זיך אויף צום שפּיץ, זיי, ווידער, זיינען ווייטער אונטערגעוואָרפן אונטער דעם אייגענעם פּראָצעס ווי זייערע פאָראויסגייער, און ווידער אין איין אָדער עטלעכע דורות . . . זינקען זיי אַראָפּ צו דעם ניוואָ פון די פאַרגוואַלדיקטע און ווידער אַמאָל מאַכן זיי פּלאַץ פאַר נייע. דער פּראָצעס קומט פאַר אויף אַט־דעם אופן: די ערגסטע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט, נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט און זי געהאַלטן אין זייער באַזיץ, ווערן אַלץ ווייניקער גרויזאַם, אונטער דער ווירקונג פון דער אָפּניכטערנדיקער אייגנשאַפט וועלכע באַגלייט תמיד מאַכט־אויסאיבונג, און ווייניקער פעאיק צו געברויכן די אכזריות׳דיקע פאָרמען פון געוואַלדטאַט און, אַלס פועל־יוצא פון דעם, גיבן איבער זייער פּלאַץ צו אַנדערע, אין וועלכע עס קומט ווייטער פאָר דער פּראָ־צעס פון ׳פאַרווייכונג׳ ״ (109).

עס קומט פאָר אַ טויש פון קלאַסן. אַ מיירע אַרויף, אַ מיירע אַראָפּ. ווי נאָר די הערשנדיקע קלאַסן ווערן ׳צו גוט׳, ווערן צו ווייך, צו אידל, צו שווערלייביק, צו שלאַבערדיק, אַזוי וואַרפט מען זיי גלייך אַרויס. מ׳פאַרבייט זיי מיט אַנדערע תכשיטים, וועלכע טויגן זיך בעס־סער אויס פאַר אַט־דער שטיקל אַרבעט פון הערשן און אָרגאַניזירן. עס איז ניט אַזוי זייער איידלקייט און ווייך־האַרציקייט, ווי, פּשוט, זייער פוילקייט, זייער אַלטקייט, וועלכע איז גורם דערצו, אַז מ׳זאָל זיי הייסן גיין, משלח־זיין, אָדער, ריכטיקער, נעמען פאַרן קאָלנער,

פיגוראַטיוו ריידנדיק, און אַראָפּוואַרפן פון די הויכע שטיגן אין סאַמע קעלער אַריין פון סאָציאַלן לעבן.

גראַוו סעמועל דאַו אין זיין ווערק „די געזעלשאַפט און אירע פּראָבלעמען" שרייבט:

„איצט, אויב דער אויבערשטער קלאַס איז דער מערוועדיקער קלאַס, איז פאַרוואָס זאָל ער טאַקע ניט הערשן? מיר מעגן צוגעבן די גילטיקייט פון אַט־דעם אַרגומענט . . . אָבער אַזוי גיך ווי אַט דער קלאַס הערט אויף צו זיין דער מערווערדיקער קלאַס, קומט אַרויף די פראַגע מיט גלייכער קראַפט, פאַרוואָס זאָל ער פאָרזעצן זיין הער־שאַפט? די געזעלשאַפט בכלל ענטפערט אין דעם נעגאַטיוו און שטירצט אום דעם הערשנדיקן קלאַס און ריכט אויף אַן אַנדער קלאַס, וועלכער איז אַ שטיק צייט דער מער־ווערדיקער" (110).

דער ציטירטער מחבר איז, זיכער, געדעכט. אַזוי קומט עס טאַקע פאָר. מ'בייט די הערשנדיקע קלאַסן. די פראַגע איז בלויז וואָס הייסט אויף דעם סאָציאַל פּאָליטישן לשון 'מער־ווערדיק'. טאָלסטאָי מאַכט דעם ענין קלערער, אָבער בלויז פון שטאַנדפּונקט פון מאָראַל. ער ציינט אָן, אַז דער אויפקומענדיקער געוועלטיקער־קלאַס דאַרף זיין האַרצלאָזיק, גרויזאַם, דאַרף האָבן אַ דיקע הויט. אַ נייער הערשער־קלאַס גייט ניט אַרום מיט אַ ברכה אויף די ליפּן און מיט זיידענע הענטשעקעס אויף די ידים. אָבער אַכזריות אַליין לשם אכזריות איז דאָך ניט גענוג צו מאַכן אַ קלאַס פאַר אַ הערשער־קלאַס. דער נייער קלאַס קומט מיט נייע אידייען, מיט נייע פּלענער. ער איז שוואַווער, לעבעדיקער, הונגעריקער פאַר מאַכט פון אַלטן קלאַס, וועלכן ער פאַר־טרייבט. ער איז איינגעגלויבט אין זיינע כוחות, אין זיינע כוונות און אויפטואונגען 'לטובת־הכלל'. ער ווייסט ניט, אַז ער איז עגאָ־איסטיש, ענגהאַרציק. ער מיינט אַז ער גייט ראַטעווען די געזעלשאַפט, די מענטשהייט. דעריבער איז ער פול מיט ענטוזיאַזם, מיט פאַנאַטיזם און, ממילא, אויך מיט גרויזאַמקייט. ער זידט און קאָכט, אַזש ער גיסט זיך איבער, מיט ענערגיע, מיט אונטערנעמערישקייט־גייסט.

יעדע עפּאָכע פאַרנעמט זיך מיט בדק־הבית אַרבעט. זי רעמאָנ־טירט דעם געזעלשאַפטלעכן בנין. זי פאַרריכט די קלאַסן־שיכטונגען, זי אַנדערשט די פונקציע־פאַרהעלטענישן פון די גרופּירונגען, פונקט ווי זי מאָדיפיצירט די טעכנישע מעטאָדן פון פּראָדוקציע און אַדמיניס־טראַציע. עס זיינען אפשר ניטאָ קיין נייסן אונטער דער זון, ווי קהלת פאַרזיכערט אונדז, אָבער שינויים זיינען יע דאָ. קיין זאַך בלייבט ניט, אויף לאַנג, ווי זי איז געווען. דאָס סאָציאַלע לעבן איז ניט קיין שטייאי־

קער וואַסער. עס איז אַ שטראָם. עס פליסט. לעבנס־פאָרמען האַלטן כסדר אין איבערגעשטאַלטן זיך, איבערקליידן זיך, איבערשלייערן זיך, אינסטיטוציעס ווערן צעשמאָלצן, איבערגעגאָסן און אָפּגעגאָסן אין נייע פורעמס. אָט דער געדאַנק פון שטענדיקער דינאַמישקייט פון סאָציאַלן לעבן איז געוואָרן אַ באַנאַליטעט, אַן הכל־יודעים. געשיכטע מיינט שיכטונג, איבערשיכטונג און אומשיכטונג. געשיכטע מיינט באַנייאונג, אָפּראַמונג פון דעם אָפּפאַל, אַן ארויפהויבונג פון די נידעריקע און אַן אַראָפּזינקונג פון די הויכע. ווען אַלץ וואָלט תמיד בלייבן ווי געווען אָדער ווען אַלץ וואָלט זיך כסדר האַלטן אין ווידערהאָלן, וואָלט ניט זיין קיין היסטאָריע, וועלכע, לויט איר עצם מהות און דיפיניציע, מוז אַלעמאָל פאַרברענגען עפּעס נייעס, מוז עפּעס מחדש־זיין. בנוגע קלאַסן און הערשאַפט קען דער לייטער, וואָס יעקב אָבינו האָט געזען אין חלום, דינען אַלס אַ זייער ריכטיקע באַשרייבונג: זיי גייען אַרויף און דערנאָך מוזן זיי גיין אַראָפּ. זיי קענען ניט בלייבן שטיין אויף דעם העכסטן שטאַפּל די גאַנצע צייט. עס איז אַ צייט צו זיין אויבן און אַ צייט צו זיין אונטן.

הערבערט וו. שניידער שרייבט:

„דער הערשנדיקער קלאַס, וועלכער איז בלויז אַ רעשטל פון אַ פאַרעלטערטער פאַרגאַנגענהייט און וועלכער בעצם הערשט ניט מער, מוז אָפּגעבן זיין פּלאַץ צו אַ פרישן קלאַס־דיריגענט״ (111). קלאַסן, ווי דורות, זיי קומען און גייען. וואָס עס בלייבט אומגעענדערט, אין תוך, איז די סאַמע דיפערענציאַציע. ריכטיקער, זי האַלט אין איין וואַקסן, טיפער ווערן, בולט׳ער ווערן. דאָס מיינט, אַז די קלאַסן־סטרוקטור ווערט מיט יעדן איבערבייט און איבערשיכטונג אַלץ פעסטער, סאָלידער, איינגעפונדעוועטער. די קלאַסן־דיסטינקציעס ווערן ׳שטייפער׳, האַמעטנער, ניט ווייכער אָדער אָפּגעריבענער.

די יעניקע טעאָרעטיקער, וועלכע האָבן אונדז געלערנט דאָס פאַרקערטע, זיינען געווען צו נאַאיוו צו פאַרשטיין וואָס עס קומט פאַר בעפאָר זייערע אויגן.

מיר וועלן ציטירן טוגאַן־באַראַנאָווסקי׳ן, וועלכער איז געווען אַ פרייער פּראָפעסאָר, ניט קיין געבונדענער פּאַרטיי־מאַן, אָבער תמימות האָט ער פאַרמאָגט ניט ווייניקער ווי אַ פולוואַגיקער „קאַמעראַד״. אָט וואָס ער שרייבט:

„איך אָנדערקען מיט זיכערקייט אַז אַ האַרמאָנישע ווירטשאַפט . . . סאָציאַליזם ווערט אומפאַרמיידלעך נויטווענדיקערווייז פאַרבייטן די

אַנטאַגאָניסטישע ווירטשאַפט, וועלכע האַלט זיך אויף דאָס פאַרשקלאַפן פון מענטשן דורך מענטשן" (112).

אַט־די באַהויפּטונג פון טוגאַן־באַראַנאָווסקין איז אַ גוטער ביישפּיל פון חסיד־שוטה'דיקער לעפּישקייט. איינס פון די ביידע: אָדער אַלע ווירטשאַפטן, געקוקט אויף זיי פון אַ היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, זיינען געווען האַרמאָניש, אָדער אַלע זיינען געווען אַנטאַגאָניסטיש און דעמאָלט וואָלט זיכער דער סאָציאַליזם ניט זיין דער אויסנאַם פון אוניווערסאַלן כלל פון אַנטאַגאָניזם. די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז די געשיכטע פון מענטשנס געראַנגל ניט בלויז קעגן דער פיזישער נאַטור, נייערט אויך קעגן דער סאָציאַלער נאַטור. די סאָציאַלע מעשי־בראשית, דער אורשפּרונג פון דער סאָציאַלער סביבה, אנטהאַלטן אין זיך עפּעס אזעלכעס וואָס דערמאָנט אָן דעם אויפקום פון א נייער וועלט. עס איז א סאָציאַלער אוניווערס. וואָס מער די ציוויליזאַציע גייט פאָראויס, אלץ מער איינזעענישדיק, צוועקמעסיק, אויסגערעכנט ווערט די סטראַטעגיע, וועלכע ווערט אָנגעווענדט אין אַט דער מלחמה, און אַלץ ווייניקער אַכזריות און באַרבאַריזם ווערט אַרויסגעוויזן אויף די פראָנטן. אָבער די פונדאַמענטאַלע כאַראַקטעריסטיק פון דער געזעלשאַפט, די עיקר־געזעצן, וועלכע רעגולירן איר לעבן און שטרעבן, די הויפּט־טענדענצן וועלכע באַשטימען איר מאַרשרוט, בלייבן אומגעענדערט, אומגעביטן, הגם די געזעלשאַפט מאַכט אַדורך אַ כסדר'דיקן פּראָצעס פון טראַנספאָרמאַציעס, פון שינויים.

19

# קלאַסן־צענטריזם

אַט וואָס מאַרקס זאָגט אונדז:

„גייט ניט אַוועק מיטן געדאַנק, אַז דער בכיוון'דיקער צוועק פון דעם קליין־בירגערטום קלאַס איז אַרויפצוצווינגען זיין אייגענעם עגאָאיסטישן קלאַס־אינטערעס. די קליין־בורזשואַזיע גלויבט, אַז די ספּעציעלע באַדינגונגען, וועלכע פאָדערן זיך פאַר זייער באַפרייאונג זיינען גלייכצייטיק די אַלגעמיינע באַדינגונגען, וועלכע זיינען נויטיק פאַר דער אויסלייזונג פון דער היינטיקער געזעלשאַפט" (113).

אַלע קלאַסן אָן אויסנאַם זיינען סוביעקטיוו. ווען איר הערט זיך צו צו זייערע רייד, ד. ה. צו די רייד פון זייערע אידעאָלאָגן, זיינען זיי גאָט די נשמה שולדיק. זיי באַמיען זיך מיט כל־הכוחות איינצורוידן

זיך און אַלעמען, אַז זייער הערשאַפט איז דער אויסשליסלעך גאולה־וישועה רעזשים, וועלכער איז עטאַבלירט לטובת־הכלל, צום גוטן און גונסטן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט אין אַלגעמיין. זיך האָבן זיי קיינמאָל ניט אין זינען. זיי טראַכטן בלויז וועגן יענעם, וועגן אַלעמען, וועגן גוטס־טאָן. אין זייערע אייגענע אויגן זיינען זיי די גרעסטע צדיקים, די גרעסטע בעלי־טובות. זייער לעבן איז איין סעריע פון ניסיונות־ביישטיין און קרבנות־ברענגען אויף דעם אַלטאַר פון דער געמיינשאַפט. דאָס איז ניט קיין פאַל פון באַטריגעריי, נייערט פון זעלבסט־באַטריגעריי. קודם כל נאַרן זיי זיך אַליין אָפּ. און אָט־די זעלבסט־אָפּנאַרעריי גיט זיי אַ מעגלעכקייט אָפּצונאַרן יענעם, אָפּצו־נאַרן מיטן גאַנצן האַרצן אָן בייזע כוונות, אָן הינטערפּיסלעך־אונטער־שטעלעניש.

נאָך מער, אין אָט־דער אָפּנאַרעריי איז דאָ אַ קערנדל אמת. ווייל יעדער אָנפירנדיקער קלאַס פירט די געזעלשאַפט, דירעקטירט זי אַלס אַ גאַנצע, און ווילנדיק ניט־ווילנדיק קען דער הערשנדיקער קלאַס ניט־איגנאָרירן אינגאַנצן די אינטערעסן פון דער געמיינשאַפט, ווייל ווען ער בלייבט אָן אַ געזעלשאַפט, אָן נידעריקע שיכטן, וועלכע מוזן באַ־וואַרנט ווערן כאָטש אין אַ מינימאַלער מאָס, וועט ער דאָך, ממילא, בלייבן אָן זיין פירערשאַפט, אָן זיין פּאָזיציע פון אַן אָנפירער. דער אָפּיצער קען ניט בלייבן אָן זעלנער און דאָך בלייבן אָפּיצער.

די העכערע קלאַסן האַלטן זיך אויף די אונטערשטע און זיי מוזן האָבן אין זינען די אינטערעסן פון די פאָלקס־מאַסן, לכל הפחות אויף אַזויפיל, אויף וויפיל אַ באַלעבאָסטע זאָרגט וועגן אירע הינער, וועלכע דאַרפן לייגן אייער פאַר איר הויזגעזינד און דערנאָך אויך דינען אַלס אַ טייל פון דער דיעטע.

מיר׳ן געבן מאַרקסן נאָך אַמאָל דאָס וואָרט. זיינע ווערטער זיינען בפועל־ממש גאָלדענע:

„אין דער שטרענגער קלאַסישער טראַדיציע פון דער רוימישער רעפּובליק, האָבן די גלאַדיאַטאָרן (פון דער קליין־בורזשואַזיע) געפונען די אידעאַלן און פאָרמען, די מיטלען פון זעלבסט־אָפּנאַרעריי, וועלכע זיי האָבן באַדאַרפט, בכדי זיי זאָלן קענען פאַרבאַהאַלטן פון זיך אַליין די בורזשואַזע באַגרענעצטקייט פון דעם געראַנגל, וועלכן זיי האָבן געפירט און בכדי זיי זאָלן זיין בכוח צו האַלטן זייער ליידנשאַפט אויף דער הייך, וועלכע פּאַסט זיך פאַר אַ גרויסער היסטאָרישער טראַגע־דיע" (114).

וואָס מאַרקס זאָגט אונדז בנוגע דער בורזשואַזיע איז אמת בנוגע יעדן קלאַס. זיין באַהויפּטונג וועגן אָן איינצעלנעם פאַקט פאַרדינט כשר אויסגעברייטערט און פאַראַלגעמיינערט צו ווערן.

די גאולה־איינרעדעניש איז אַ נייטיקע פאַרבאַדינגונג פאַר דער גאַנצער אַרבעט פון אויפריכטן, אַרויסברענגען דעם נייעם קלאַס. די איבערטריבענע פאַרפירנדיקע יעוואַנגעלישע צוזאָגונגען, די בשורות טובות, זיינען די ווענדקע און ווערימל מיט וועלכע מ׳כאַפּט די פיש, די מאַסן, אין די מוטנע וואַסער פון סאָציאַלע פערטורבאַציעס. אָט די ערנסטע, וואויל־געמיינטע ׳הייליקע׳ שווינדלעריי און אידעאַליסטישע דרייעריי זיינען עס די „מעטאָדאָלאָגיע״ פון די „מאַסן־באַוועגונגען״.

אָט־די קלאַסן דריי־קעפּ, אָט־די צדיקים־פושעים „האַנדלען ווי זמרי און בעטן שכר ווי פנחס״. זיי זיינען זיכער אז זיי זיינען פינחס און ניט קיין אַנדערער. זיי זיינען ריינע לויטערע נשמות, וועלכע קענען ניט זינדיקן. זיי ווייסן ניט דעם טעם פון זינד. אַלץ וואָס זיי טוען, ווען אויך דאָס שענדלעכסטע, דאָס נידערטרעכטיקסטע, ווערט געטאָן כלומרשט לשם מצווה.

מיט פלאַם און פלאַקער, מיט התלהבות און דבקות טוען זיי אָפּ די גרעסטע גרוילטאַטן און זיינען בשעת מעשה זיכער, אַז זיי קומט נאָך א יישר־כוח, א קלאַפּ אין דער פּלייצע: בראַוואָ! פאַר זייערע חפצות, אז די געשיכטע וועט פאַר זיי זיך פאַרנייגן אין דאנקבארקייט פאַר זייערע וואוילטאַטן און הומאַניטארע אויפטואונגען.

די בעסטע, ד. ה. די לעצטע אין אונדזער צייט, אילוסטראַציע פאַר אָט־דעם סאָרט אויפפיר ליפערן אונדז די קאָמוניסטן און די נאַציס. אָט־די ׳פאַרשוינען׳ באַגייען קיינמאָל ניט קיין פאַרברעכנס, ווייל אַלץ וואָס זיי טוען איז טוגנט אַליין, ווייל וואָס זיי זיינען, זיינען זיי, אָבער דער גואל־צדק פון דער שמאַכטנדיקער מענטשהייט זיינען זיי. זייער האַרצלאָזער, מערדערישער פאַנאַטיזם איז אַ רעזולטאַט פון אָט־דעם מעטאַפיזישן צוטריט צו סאָציאַלע דערשיינונגען. זייער באַרבאַריש־פּאָליטישע קנאות איז אַ פועל־יוצא פון דער איבערטריבענער זיכער־קייט אין זייער הייליקער מיסיע. זיי האָבן זיך איינגעוואוינט צו קוקן אויף זיך ווי אויף העלדן און מאַרטירער וועלכע טרעטן אויס דעם וועג וואָס פירט די מענטשהייט גלייך אין גן־עדן התחתון אַריין. זיי זיינען עס די אַפּאָסטאָלן פון דעם נייסטן טעסטאַמענט. זיי זאָגן עדות וועגן דעם אַז משיח איז שוין געקומען און ער געפינט זיך אין מאָסקווע, אין קרעמל, אָדער אין בערלין, אָדער אין מינכען.

מיט וואָס פאַר אַ חסידישער אַנטציקונג זינגען די קאָמוניסטן: „און דאָס וועט זיין דער לעצטער און דעצידירנדיקער קאַמף". כל המינים פון אַבסקוראַנטיזם, אַלערליי סאָרטן פון פינצטערלינגערישקייט ציען זייער עמאָציאָנעלע חיות און ווילדע גייסטיקע גבורה פון אָט־דעם טעות, אַז זיי זיינען עס די יעניקע וועלכע פירן דעם לעצטן און אַנטשיידענעם געפעכט. זיי זיינען עס די יעניקע אויף וועמענס גורל עס איז אויסגעפאַלן די גרויסע זכיה צו צעררייסן די לעצטע רינגען אין דער קייט פון פאַרשקלאַפונג. און אויב אַזוי — איז דאָך אָט דער פרייז, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, צו קליין פאַר דער מציאה וועלכע זיי האַנדלען איין פאַר דער מענטשהייט.

דער לעצטער קאַמף! זיכער איז ער דער לעצטער, אָבער בלויז פאַר מיין קלאַס. אָבער וויבאַלד ער איז דער לעצטער קאַמף פאַר מיין קלאַס איז ער דער לעצטער פאַר יעדן, פאַר אַלעמען. מיין קלאַס גייט זיגן, דאָס מיינט אַלע וועלן זיגן. מיין זיג איז אַלעמענס זיג. ווייל מיין קלאַס איז ניט סתם אזוי זיך א קלאס, ווי אלע קלאסן, אייִנער צווישן פילע, וועלכע זיינען געוועזן פאַר אים און וועלן זיין נאָך אים. ניין! מיין קלאַס איז די מענטשהייט אליין. נאָכדעם ווי איך האַלט אָפּ מיין ניצחון, וועלן שוין מער ניט זיין קיינע קריגערייען. קיינע רייסערייען וועלן שוין מער ניט פאָרקומען. צוליב וואָס זאָל מען זיך אַרומרייסן? אַ נייע צייט קומט אָן. אַ נייער טאָג גייט אויף. אָט דער טאָג, ווייל ער איז מיין טאָג, דער טאָג פון מיין זיגרייכן קלאַס, איז ער, דעריבער, אַנדערש פון אַלע אַנדערע טעג וועלכע זיינען געוועזן פאַר אים אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אָט־דער טאָג איז דער יומא אריכא, דער אייביק־דויערנדיקער טאָג. קיין נאַכט וועט ניט זיין געגנוג פרעך זי זאָל גאָר האָבן די עזות אים נאָכצופאָלגן און פאַרפאָלגן. קיין בין־השמשות וועט ניט זיין אַזוי ליכט־לעסטערנדיק, אַז ער זאָל מעיז זיין צו קומען און פאַרשאָטענען, דעמפן זיין לויטערע שיין. מיין קלאַס איז דער אַוואַנגאַרד פון דער מענטשהייט און ער איז דער איינציקער אמת'ער טרעגער פון פראָגרעס!

דזש. פ. מאָרדאַק שרייבט:

עטנאָצענטריזם אַלס אַ באַשטימטע סאָציאָלאָגישע קאָנצעפּציע האָט צוערשט אַנטוויקלט וו. ג. סאָמנער. ער באַצייכנט דעם טערמין אַזוי: „דער קוק אויף זאַכן אין וועלכן די אייגענע גרופּע איז דער צענטער פון יעדער זאַך און אַלע אַנדערע גרופּן ווערן געוואויגן און אָפּגעשאַצט אין זייער שייכות צו איר*). אָבער עטנאָצענטריזם באַגרע־

*) W. G. Sumner, Folkways, pp. 12-15.

נעצט זיך ניט בלויז מיט שבטים און פעלקער. ער ווייזט זיך אַרויס אין סאָציאַלע גרופּן פון פאַרשיידענע סאָרטן — פאַמיליעס... ברודער־שאַפטן, לאָקאַלע געמיינדעס, קלאַסן, קאַסטעס, סעקטעס, ראַסן א. אַז. וו. און ער נעמט אָן פאַרשיידענע און אַנטוויקלטע פאָרמען ווי נאַציאָנאַליזם, פאַמיליען־שטאָלץ, קלאַסן־באַוואוסטזיין"...(115)

באָלשעוויזם אין רוסלאַנד איז אויף דער שעדלעכער דיעטע פון קלאַסן־צענטריזם מיט אַ צומיש פון סאָציאַליסטישן פּאַטערלאַנד שאָ־וויניזם, בשעת היטלעריזם־נאַציזם שפּייזט זיך מיט דער אייגענער דיעטע, מיט דעם אונטערשייד וואָס אין נאַציזם מעניו פאַרנעמט דעם אויבן־אָן אַ ראַסן־צענטריזם מיט אַ צומיש פון קלאַסן־שאָוויניזם.

אָבער, דעם אמת זאָגנדיק, האָבן די קאָמוניסטן־לעניניסטן ניט אויסגעטראַכט זייער קלאַסן־צענטריזם, זייער קלאַסן־שאָוויניזם. זיי האָבן אים איבערגענומען פון די סאָציאַליסטן, מאַרקסיסטן, און לאַו־דווקא מאַרקסיסטן. זיי האָבן אים בלויז אויפגעבלאָזן, דערפירט צום סאַמע עקסטרעם און אים אָנגעווענדט מיט יונג׳ישער ברוטאַליטעט.

פּ. לאַסאַל שרייבט:

„אַט דער פערטער שטאַנד, וועלכער אַנטהאַלט, דעריבער, אין זיינע האַרצקאַמערן קיין איין שפּור פון אַ נייער פּריווילעגיע איז מחמת דעם טאַקע דאָס אייגענע ווי די גאַנצע מענטשלעכע ראַסע. זיין צוועק איז דער צוועק פון דער מענטשהייט אַלס אַ גאַנצער, זיין פרייהייט איז די פרייהייט פון דער מענטשהייט אַלס אַ גאַנצער, זיין הערשאַפט איז די הערשאַפט פון אַלעמען" (116).

אפילו לאַסאַל איז אויך ניט דער אָריגינאַטאָר פון אַט־דעם פאַר־אורטייל. ער איז ניט דער טאַטע פון אַט־דעם קינד פון סאָציאַלער אבערגלויבעריי. דאָס איז אַ בשותפותדיקער קנין, אַלע סאָציאַליס־טישע דענקער, אַנהייבנדיק מיט די אוטאָפּיסטן, האָבן אין דעם זייער חלק.

ר. אָוען שרייבט:

„ . . . די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער פון דער וועלט שטעלן פאַר מיט זיך בלויז די געשיכטע פון מענטשלעכער אומפאַרשטענדעניש. — און . . . מיר בלויז איצט גייען פאָראויס צום פרימאָרגן פון פאַר־שטאַנד און צו דער צייט, ווען דער מענטשלעכער שכל ווערט געבוירן איבעראַנייס." (117)

אויב איר מיינט, אַז בלויז אַזאַ 'אוטאָפּיסטישער' טרוימער ווי אָוען האָט געקענט אַזוי שרייבן און טראַכטן, מאַכט איר אַ טעות. איר וועט זיך לייכט באַפרייען פון אַט־דעם טעות, ווען איר וועט געבן אַ

בליק אַריין אין די לעצטע פּאָר זייטלעך פון ענגעלסעס בראָשור „פון אוטאָפּיזם צום וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם".

אָבער מ'דאַרף פאַרשטיין, אַז דאָס, וואָס ענגעלס האָט אַ גאַנצן שייטל האָלץ אין זיין אייגענעם 'וויסנשאַפטלעך'־סאָציאַליסטישן אויג, וועט אים ניט שטערן צו דערזען און אָנצוצייגן אויף דעם שפּענדל וועלכער געפינט זיך אין דעם 'בורזשואזן' אויג. אויף יענעם איז ער אַ וואונדערבאַרער מבין.

אָט וואָס ער שרייבט:

„אַלע פאַרדעמדיקע געזעלשאַפט און רעגירונג־פאָרמען, אַלע אַלטע אידייען וועלכע מיר האָבן בקבלה דורך דער טראַדיציע, האָט מען אַרויסגעוואָרפן אין ברוכוואַרג ווי אירראַציאָנאַל. די וועלט האָט זיך ביז־אַהער דערלויבט צו ווערן געפירט פון פאָראורטיילן; יעדע זאַך אין דער פאַרגאַנגענהייט פאַרדינט בלויז רחמנות און פאַראַכטונג. איצט צום ערשטן מאָל האָט זיך באַוויזן דער שיין פון טאָג. פון איצט אָן וועלן אָבערגלויבערײַ, פּריווילעגיע און אונטערדריקונג ווערן פאַרביטן מיט דעם אייביקן אמת, אייביקער גערעכטיקייט, גלייכהייט, וועלכע האָט איר יסוד אין דער נאַטור, אין די אומאָפּפרעגמדבאַרע רעכט פון דעם מענטשן.

איצטער וויסן מיר, אַז אָט דאָס קיניגרייך פון פאַרשטאַנד איז געווען ניט מער ווי דאָס קיניגרייך פון דער בורזשואזיע; אַז די אייביקע גערעכטיקייט האָט געפונען איר פאַרווירקלעכונג אין בורזשו־אַזער גערעכטיקייט; און אַז גלייכהייט איז רעדוצירט געוואָרן צו דער בורזשואַזער גלייכהייט פאַר דעם געזעץ; אַז בורזשואַזער אייגנטום איז דערקלערט געוואָרן אַלס איינס פון די וועזנטלעכסטע רעכט פון מענטשן; און אַז די הערשאַפט פון פאַרשטאַנד, דער סאָציאַלער קאָנ־טראַקט פון רוסאָ איז געקומען צו ממשות און האָט געקענט קומען צו ממשות אַלס אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעפּובליק" (118).

ווי זאָגט דער שפּרוך? אויף יענעם איז לייכט צו זען. פ. ענגעלס ווייסט גאַנץ גוט דעם ווערט פון די אויפגעבלאָזענע הבטחות, וועלכע עס האָבן געגעבן די בורזשואַזע אידעאָלאָגן, די קעמפער פאַרן „דריטן שטאַנד". וואָס פ. ענגעלס ווייסט ניט און וואָס ער וויל ניט וויסן איז דעם ווערט פון די איבערטריבענע צוזאָגונגען פון סאָציאַ־ליסטן־מאַרקסיסטן, די צו פלייסיקע אידעאָלאָגן פון דעם אַזוי גערו־פענעם „פערטן שטאַנד"...

דאָ זעען מיר די שעדלעכע השפּעה פון קלאַסן־סוביעקטיוויזם, אַ זעלבסט־רמאות, וואָס צעשפּילט זיך אין אייגענעם פאַרשטאַנד. אָט־

דער קאָלעקטיוו־סוביעקטיוויזם איז א ווין, וועלכער פאַר׳שיכור׳ט דעם באַוואוסטזיין, דאָס איז אַזאַ שטאַרקע משקה אַז זי קען פאַרדרייען דעם שטאַרקסטן, קלערסטן קאָפּ. אין ענגעלסן האָבן מיר פאַר זיך אַ פאַל פון אַ מענטשן, וואָס זעט גאַנץ גאַנץ גוט פונדערווייטנס, אין אַ מרחק פון מיילן פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון דער געשיכטע. ער איז אָבער אינגאַנצן בלינד און זעט גאָרניט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער קעגנוואַרט, ווען עס רעדט זיך וועגן זיין אייגענעם קלאַס. איז עס ניט מאָדנע? צו קריטיקירן יענעם, צו זען און פאַרשטיין יענעמס טעות׳ן, זיי אויפדעקן, זיי פאַנאַנדערגלידערן מיט געזונטן פאַרשטאַנד און, בשעת מעשה, אין מיטן קריטיקירן, צו מאַכן די אייגענע טעות׳ן און ניט באַמערקן זיי, ווי קיינמאָל גאָרניט.

ענגעלס און מאַרקס קריטיקירן זייער שאַרף פאַרניכטנדיק די אי־דעאָלאָגן פון „דריטן שטאַנד״ — און אימיטירן זיי. זיי קריטיקירן — און אימיטירן.

זיי טוען נאָך, זאָגן נאָך וואָרט ביי וואָרט אָט־יענע אידעאָלאָגן, וועלכע זיי האָבן, דוכט זיך, אָט נאָר וואָס געמאַכט צו אַש און רויך.

ווי האָבן געאורטיילט די אידעאָלאָגן פון „דריטן שטאַנד?״ איידער מיר, „דער דריטער שטאַנד״, זיינען אַרויפגעקומען אויף דער גע־שיכטלעכער בינע האָט קיין זאַך אין דער געשיכטע ניט געטייגט: אַלץ איז געלעגן טיף אין דער אדמה; די וועגן פון לעבן זיינען געווען צעדרייט און צעקרימט; דער רוצח אומרעכט האָט דערשטיקט די בעסטע באַשטרעבונגען, ער האָט דערוואָרגן די איידלסטע געפילן פון דער מענטשהייט. איצטער זיינען מיר אויפגעשטאַנען, אָנגעקומען. מיר קלייבן זיך צו פאַרנעמען דעם פאָרנט־גרונט פון דער געשיכטע. און איצט וועט זיך אַלץ בייטן צום גוטן. אַ ניי לעבן וועט זיך אָנ־פאַנגען. די גאַנצע „סאָציאַלע מעשי־בראשית״ וועלן געענדערט ווערן. די טייכן פון אַנטאַגאָניזם וועלן אויסטריקענען, אָדער זיי וועלן נעמען בייטן זייער קורס. זיי וועלן נעמען, פון היינט אָן און ווייטער, פליסן צוריקוויילעכטס. די זון פון סאָלידאַריטעט וועט ניט אונטערגיין אין דער אימפעריע פון גערעכטיקייט. די שטערנס, אָט־יענע בלומען אין די תכלית־בייטן, וועלן מער ניט פאַרוועלקן אין די פרימאָרגנס. אַ נייער סדר העולם הייבט זיך אָן.

אָט די אַלע נביאי־השקר׳דיקע גוזמאות, אָט די אַפּאָקאַליפּטישע וויזיעס ווערן גענערט פון איין קאַרדינאַלער מיסקאָנצעפּציע וועלכע קען באַצייכנט ווערן מיטן טערמין קלאַסן־עגאָצענטרישער סוביעקטי־וויזם. פּראָפּעצייאונג איז אַמפּלאַץ אין עטיק, אין עטישער רעליגיע.

זי איז אָבער אינגאַנצן אויסן־פּלאַץ אין פּאָליטיק. זינגען מעג אַ נאַכ־טיגאַל. קרייען מעג אַ האָן. אָבער אַ דבר־אחר קען זיך ניט צעזינגען און טאָר זיך ניט צעקרייען, ווייל ער קען בלויז כריוקען. ער איז אַ שווין. און ווען דער חזיר פּאָליטיק נעמט נאָכמאַכן דעם נאַכ־טיגאַל, דעמאָלט מוז מען פאַרשטאָפּן מויל און אויערן.

מיר'ן ברענגען אַ פּאָר קלוגע ווערטער פון בענדזשאַמין פראַנקלין:

„ס'רוב מענטשן, גאַנץ ערנסט, מיינען אַז זיי האָבן דעם גאַנצן אמת, און ווען אַנדערע זיינען מיט זיי ניט מסכים, מוזן זיי לעבן אין טעות. אָבער הגם אַ היפּשע צאָל מענטשן זיינען אַזוי זיכער, אַז ביי זיי איז גאָרניט שייך זיי זאָלן קענען מאַכן א טעות, זיינען פאַראַן בלויז ווייניקע, וועלכע דריקן עס אויס אַזוי נאַטירלעך, ווי יענע פראַנצויזישע דאַמע, וועלכע . . . האָט געזאָגט: שוועסטערקע, איך ווייס, כ'לעבן, ניט ווי דאָס פּאַסירט, אָבער איך האָב נאָך ניט געטראָפן קיינעם, אויסער זיך אַליין, וועמען עס זאָל אַלעמאָל זיין גערעכט" (119).

פראַנקלין רעדט וועגן דער ריין־מענטשלעכער חולשה צו מיינען, אַז וויבאַלד ער איז אַליין דער בעל־דבר און אַליין דער ריכטער, מוז ער אַלע מאָל אַרויסקומען גערעכט ביי זיך. דער אמת איז אַז עס פאָדערט זיך אַ געוויסע מאָס פון פּערזענלעכער קולטור, ד. ה. אָביעק־טיוויטעט בכדי צו זיין אימשטאַנד צו כאַפּן זיך אַליין ביי אַ גרייז, צו באַמערקן אַן אייגענעם טעות, צו זען אַן עוולה באַגאַנגען פון זיך אַליין. עס איז שווער אַרויסצוטראָגן דעם ווערדיקט „גערעכט" און עס געבן דעם אייגענעם אָפּאָנענט און שטיין אַליין באַשולדיקט אין אייגענעם געריכט.

אָבער מיר באַלייכטן דאָ ניט דעם פּערזענלעכן סוביעקטיוויזם, נייערט דעם קלאַסן־סוביעקטיוויזם, דעם סוביעקטיוויזם פון אַ קלאַס, וועלכער גייט צו מאַכט און גדולה, וועלכער געפינט זיך אין עקס־טאַז און עקזאָלטאַציע פון אַ שעפערישער אונטערנעמונג.

מיין קלאַס איז ערנסט, מיין קלאַס איז אָרנטלעך. די אַנדערע קלאַסן, מיינע פּאַראַויסלויפער, זיינען געווען שקרנים, רמאים, שווינד־לער. מיין קלאַס איז דער טרעגער פון פּראָגרעס, ער פלאַסטערט דעם וועג פאַר דעם אָנקום פון סאָציאַלן משיח בן־דוד, בשעת יענע קלאַסן האָבן געלייגט שטרויכלונג־שטיינער אויפן וועג פון אמת'ן משיח, אָדער זיי האָבן געבראַכט פאַלשע משיחים...

20

# שקלאַפעריי

מיר וועלן פּרובירן וואַרפן אַ קורצן היסטאָרישן בליק אויף דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט מיט אירע אַנטאַגאָניזמען, קלאַסן־שפּאַלטונגען און טראַנספאָרמאַציעס, וועלכע זי האָט דורכגעמאַכט, אָנ־הייבנדיק מיט שקלאַפעריי און קומענדיק צו אונדזער צייט. מיר וועלן בלויז מיט עטלעכע שטריכן אָנצייכענען די בילדער פון די פאַרשיי־דענע סיסטעמען און איינשטעלענישן, וועלכע האָבן פאַרביטן איינע די אַנדערע אין דער גאַלעריע פון דער געשיכטע.

וואָס קאָן זיין, דוכט זיך, ערגער ווי דער סאָציאַלער מצב, וועל־כער האָט געהייסן קנעכטשאַפט. פונדעסטוועגן האָבן אַלע גרויסע סאָ־ציאַלע דענקער געהאַט אַ גוט וואָרט צו זאָגן וועגן אָט יענעם גרויזאַמען רעזשים:

אָט וואָס סאַמנער זאָגט:

„וואָס די ערשטע מאָטיוון פאַר פאַרשקלאַפן אַ באַזיגטן שונא זיי־נען ניט געווען, איז קיין צווייפל ניט ,אַז שקלאַפעריי באַצייכנט אַ הו־מאַניטאַרישע אויסבעסערונג אין די קריג־געזעצן" (120).

מאַלווין מ. נייט אין דער ענציקלאָפּעדיע פון סאָציאַלע וויסנשאַפטן שרייבט:

„בדרך כלל איז שקלאַפעריי פאַרבונדן מיט פאָרמען פון דער עקאָ־נאָמישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זיינען העכער פון לייבאייגנטום. און מיט סאָציאַלע באַדינגונגען, וועלכע זיינען אַמווייניקסטן פונקט אַזוי ציוויליזירט און הומאַניטאַר" (121).

און דער גאָר גרויסער פילאָזאָף פון אַלטערטום, אַריסטאָטעל, וואָס האָט ער אונדז צו זאָגן מכוח דעם ענין? אָט וואָס ער שרייבט:

„איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ שקלאַף פון דער נאַטור? עס איז דאָ: פון דער ערשטער שעה פון געבוירן ווערן זיינען אַנדערע באַשטימט צו באַפעלן און אַנדערע — צו פאָלגן... העלענער קענען קיינמאָל ניט זיין קיין שקלאַפן; זיי זיינען איידלגעבוירענע אומעטום, אפילו ווען מ'נעמט זיי געפאַנגען אין קריג; אָבער די באַרבאַרן זיינען איידל־לייט בלויז אין זייער אייגענעם לאַנד" (122).

גלייך ביים געבוירן ווערן ווערט אויסגערופן ווער עס איז אַ שקלאַף און ווער עס איז אַ פרייער מאַן. אָבער אַ העלענער קען ניט זיין קיין שקלאַף. אַלע העלענער זיינען פרייע מענטשן, אפילו דע־מאָלט ווען זיי זיינען פאַקטיש פאַרשקלאַפט. אַזוי האָט גע'פּסקנ'ט

אַריסטאָטל און ווער האָט אים געקענט איבער׳פּסקנ׳ען? בלויז דאָס לעבן, די געשיכטע. ניט נאָר זיינען די העלענער פאַרשקלאַפט גע־וואָרן פון די רוימער, נאָר זיי האָבן זיך בכלל אַנטאַרטעט און אונטערגע־גאַנגען. פון זיי איז געבליבן אַ קאָלאָסאַלער מאָנומענט אין דער גע־שיכטע פון קונסט און פילאָזאָפיע.

אָבער די אָנמערקונג האָבן מיר געמאַכט דרך־אגב, און ניט דאָס זיינען מיר אויסן.

מיר ווילן אויפפאַסן דעם סאָציאַלן גאַנג פון דער געזעלשאַפט. מיר ווילן פאַנאַנדערדריבלען דעם קנויל און פאַנאַנדערבינדן די קניפּ־לעך פון די קלאַסן־פאַרהעלטענישן דורך די נאָכפאָלגנדיקע סטאַדיעס פון אַנטוויקלונג.

יעדע עפּאָכע פאַרמאָגט אירע ספּעציפישע קאָנפליקטן. אין אַל־טערטום איז די געזעלשאַפט געווען צעשפּאָלטן אויף שקלאַפן און האַרן. די יעניקע וועלכע האָבן ׳פאַרמאָגט׳ אַן אייגענעם שבט, האָבן באַזעסן לאַנד, וועלכעס האָט געהערט צו זיי אויף אַ פּריוואַטן אָדער קאָלעק־טיוויסטישן יסוד, אַלס אַ סאָציאַלע באַזע — זיינען געווען פרייע מענטשן. די יעניקע, אָבער, וועמען מ׳האָט אָפּגעריסן פון דעם בוזעם און שויס פון מוטער־ערד און וועמען עס האָבן געפעלט דער שוץ, די הדרכה און הנהלה פון אַן אייגענעם פאָטער אין דער בחינה פון אַ פּאַטריאַרך, אָדער וועמען מ׳האָט איבערגעוואָלד אַרויסגעשיילט פון דער סאָציאַלער אומגעבונג פון שבט, משפחה אָדער קלאַן — אָט די יעניקע זיינען געווען שקלאַפן.

מיט אַנדערע ווערטער, דער יחיד האָט געהערט צום שבט. אין זיין שבט איז ער געווען מיט לייטן צוגלייך. ער האָט געהאַט זיין חלק אין לאַנד, אין נחלאות, אין רייכטימער. פון אינעווייניק זיינען די שבטים ניט געווען איבערגעשפּאָלטן, אָבער ווען מ׳האָט גענומען אַ מענטשן געפאַנגען, דאָס הייסט, ווען מ׳האָט אים איבערגעוואָלד דער־ווייטערט פון זיין אייגענער היים, פון זיין אייגענעם באָדן און פון זיין אייגענעם שבט, איז ער געבליבן מיט גאָרניט: ער איז געוואָרן אַ קנעכט. ער האָט נעבעך געמוזט צושטיין צו אַ פרעמדן שבט, וואוינען אין אַ פרעמדן לאַנד, געפינען זיך אין אַ פרעמדער סביבה. די פרעמ־דע אומגעבונג האָט אים ניט באַהאַנדלט ווי אַ גלייכן, ווייל ער איז דאָך ניט געווען גלייך. זיי אַלע האָבן זיך געפונען אינדערהיים, בשעת ער איז געווען אַ פאַרוואָגלטער. ער איז געווען אַן אבר מדולדל, אַן אָפּגעהאַקטער גליד, פון אַן אָרגאַניזם, וועלכער געפינט זיך ערגעץ אינדערווייטנס.

מיר װעלן ברענגען די מיינונג פון אויגוסט קאָנט, דעם פילאָזאָף־פאָזיטיוויסט, װעגן דער װיכטיקער סאָציאַלער פּראָבלעם פון שקלאַפעריי:

„מיר װייסן אַלע װי נויטװענדיק שקלאַפעריי איז געװען פאַר דער געזעלשאַפטלעכער װירטשאַפט פון אַלטערטום... דעם אומגעהויערן שריט פאָראויס װאָס זי האָט פאַרגעשטעלט און פאַראורזאַכט, װען זי האָט אומעטום פאַרביטן דעם קאַניבאַליזם אָדער דאָס אויפּאָפּערן פון די געפאַנגענע" (123). „װאָס מער מיר באַטראַכטן דעם אורשפּרינג־לעכן װידערװילן װאָס אונדזער פעלערהאַפטע נאַטור צייגט אַרויס צו רעגולערער און דויערהאַפטער פּראַצע, אַלץ מער װעלן מיר זיך איבער־צייגן, אַז שקלאַפעריי האָט געעפנט דעם איינציקן אַלגעמיינעם װעג פאַר דער אינדוסטריעלער אַנטװיקלונג פון דער מענטשהייט" (124).

איצטער װעלן מיר אויסהערן דעם ענגלישן פילאָזאָף הערבערט ספּענסער:

„די אַנגענומענע מיינונג איז, אַז אַ שקלאַף האָט געמוזט נויטװענ־דיקערװייז זיין אַ 'שװעל װאָס אַלע טרעטן אויף אים', ער האָט גע־מוזט אויסשטיין אָן אַ שיעור באַליידיקונגען, ער האָט זיך אונטערגע־ריסן אַרבעטנדיק, בשעת, באמת, אין אַ סך פאַלן, האָט מען אויף אים גוט אַכטונג געגעבן, אים ניט געלאָזן זיך איבעראַרבעטן און מילד באַ־האַנדלט" (125).

מיר װעלן אויך אויסהערן די מיינונג פון פרידריך ענגעלסן:

„שקלאַפעריי איז דערפונדן געװאָרן. זי איז אינגיכן געװאָרן די אַנגענומענע פאָרם פון פּראָדוקציע ביי אַלע פעלקער, װעלכע זיינען אַװעק אין זייער אַנטװיקלונג פון דער פּריװאָטער געמיינדע... שקלאַ־פעריי האָט געמאַכט מעגלעך די צעטיילונג פון אַרבעט צװישן ערד־אַרבעט און אינדוסטריע אויף אַ באַדייטנדיקן מאַסשטאַב און, צוזאַמען מיט דעם, דאָס בליען פון דער בלום פון דער אַלטערטימלעכער װעלט, העלעניזם. אָן שקלאַפעריי װאָלט ניט געװען ניט קיין גריכישער שטאַט, ניט קיין גריכישע קונסט און װיסנשאַפט. אָן שקלאַפעריי װאָלט ניט געװען קיין רוימישע אימפּעריע. און אָן העלעניזם און דער רוימישער אימפּעריע אַלס אַ באַזע, װאָלט ניט געװען די מאָדערנע אייראָפּע.

מיר טאָרן קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז אונדזער גאַנצע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און אינטעלעקטועלע אַנטװיקלונג האָט אַלס איר פאָראויס־שיקונג אַ מצב אין װעלכן שקלאַפעריי איז געװען אַזוי נויטװענדיק װי זי איז געװען אומעטום אָנדערקענט. די איינפירונג פון שקלאַפע־ריי אונטער די באַדינגונגען פון יענער צייט איז געװען אַ גרויסער שריט פאָראויס." (126)

שקלאַפעריי זאָגט עדות מכוח דעם, אַז שפּראַצונגען פון סאָציאָ־לאָגיע, וואָס איז נאָך באַהעפט צום נאַפּל פון אנטראָפּאָלאָגיע, — נעמען זיך שוין באַווייזן. שקלאַפעריי צייגט, אַז מענטשן הייבן אָן צו בויען אַ געזעלשאַפטלעכן בנין, וועלכער וועט זיך האַלטן ניט דווקא און ניט אויסשליסלעך אויף בלוט־קרובה'שאַפט. אָבער דאָס איז בלויז אַ שפּראָ־צונג, אַ קנאָספּע וועלכע איז באמת קיינמאָל ניט געקומען צו אַ פול־שטענדיקן פאַנאַנדערעפן.

שקלאַפעריי איז אַ מאָדנע דערשיינונג פון שטאַנדפונקט פון אינ־דיווידועלער זעלבסט־באַשטימונג. דער שבט, די גרופּע, די פאַמיליע איז דער סאָציאַלער „יש". דער יחיד אָן שבט איז הפקר, דעריבער איז ער דאָך אַ שקלאַף, ווייל ער איז געבליבן איינער אַליין אָן אַ שבט. אָבער דאָך ווערט ער אלס אזוינער, אַלס יחיד, אינקאָרפּאָרירט אין אַ פרעמדער קערפּערשאַפט. אמת, ער ווערט אינגאַנצן אָפּהענגיק, אָבער אין זיין אָפּהענגיקייט געפינט זיך פאַרוויקלט אַ נעגאַטיווע „זעלבסטשטענדיקייט".

עדוואַרד וועסטערמאַרק צייגט אָן:

„אַ גראָבער ביישפּיל פון דעם (פון דער גרופּע פאַרהערשאַפט) איז די 'בלוט־אויסלייזונג' אין וועלכער דער פאַרשולדיקטער יחיד שפּילט ניט קיין ראָלע, ווייל דער קריג ווערט אָנגעפירט קעגן דער גרופּע, צו וועלכער ער געהערט אַלס מיטגליד, אָדער שבט, אָדער משפּחה" (127).

אין אַלטערטום איז דער שבט, דער קאָלעקטיוו געווען דער אַלצ־מיטאַנאַנדער, דער מיטגליד איז געווען גאָרניט שב'גאָרניט. ער האָט ניט פאַרמאָגט קיין זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ. ער איז ניט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים. און עס איז נאַטירלעך פאַר אים צו פאַרלירן אַלע זיינע פּריווילעגיעס ווי נאָר ער פאַרלאָזט זיין שטאַם. מחמת דער טרעגער פון אָט־די פּריווילעגיעס און זכיות איז געווען ניט ער, דער יחיד, נייערט דער שבט. ווי נאָר ער בלייבט אָן זיין שבט, בלייבט ער אָן קיין שום רעכט, — ער ווערט אַ שקלאַף. דאָס הייסט ער איז געצוואונגען אָנצונעמען אַ נייעם לעבנסשטייגער, אַדאַפּטירן אַ נייע קרובהשאַפט, זיך איינפלאַנצן אין אַ נייעם באָדן, זיך אַריינריטלען אין אַ נייעם גענעאָלאָגישן בוים. מיט איין וואָרט, ער ווערט אַריינגע־נומען אין אַ פרעמדער פאַמיליע.

דזשאָן לאָק שרייבט:

„די שווערד פון די זיגער שניידט אָפּ רעגירונגען ביי די סאַמע וואָרצלען און צעבּרעכט געזעלשאַפטן אויף שטיקער, זי טיילט אָפּ

די אונטעריאָכטע אָדער צעוואָרפענע מענגע פון דעם שויץ פון דער געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיי באַדאַרפט באַשירמען פון געוואַלד־טאַט" (128).

די שווערד שניידט אויס שטיקער לייב. דער זיגער עסט אבר־מן־החי. ער נעמט באַזיגטע יחידים און וואַרפט זיי אַריין אין אַ נייער ספערע. ער טראָגט זיי אַריבער אויף אַ נייעם אומפריינדלעכן באָדן. אַזוי אַרום פירט ער איין אַ נייס:

דעם אָרט פון געבורט, פון קינדער האָבן און האָדעווען, פאַרנעמט איצטער די פּראַקטיק פון קינדער־כאַפּעריי. עס איז לאו־דווקא קינ־דער, מ'פאַנגט דערוואַקסענע און מ'פאַרשפאַרט די גאַנצע טירחה פון האָדעווען, דערציען פיזיש. שקלאַפעריי, ווי מיר האָבן נאָר וואָס גע־זאָגט, איז דער אָנהייב פון סאָציאָלאָגיע, פון אַ געזעלשאַפטלעכן איינ־שטעל, וועלכער נעמט אַרויסוואַקסן פון די אייגענע ראַמען פון בלוט־פאַרוואַנדשאַפט.

אוליסער ג. וועטהערלי שרייבט:

„פאַרשקלאַפונג קען דעריבער פאַרשטעלן מיט זיך דעם פריסטן שריט אין טעטיקער סאָציאַלער אַסימילאַציע" (129).

פאַר דער אַדאַפּטאַציע צאָלט דער אַדאַפּטירטער אַ הייכן פרייז. אָט די 'טובה' קאָסט אים זייער פיל. ער באַצאָלט פאַר איר מיט דעם סך־הכל פון זיינע פּאָטענציעלע כוחות, מיט דער פולער מאָס פון זיין אַרבעטסקראַפט. אַלץ וואָס ער פּראָדוצירט אָדער רעפּראָדו־צירט (זאַכן, באַזיצטימער און קינדער), ווערט אַפּראָפּריאירט פון זיינע האַרן. מחמת דער שקלאַף 'ווי ער שטייט און גייט' געהערט צו אַ נייעם סאָציאַלן קערפּער. דער שקלאַף קריגט אַ דאַך איבערן קאָפּ, שפּייז און אָנטועכץ, אויך באַשיצונג. פאַר אָט די 'גיטער' מוז ער אָוועק־געבן ביאָלאָגישע און פיזישע פּראַצע. אַ שקלאַף בשעת ער פאַרנעמט זיך מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט, געברויכט ניט נאָר געוועקציג, וועל־כע געהערן ניט צו אים, נייערט ער אַליין, אַלס אַזעלכער, באַהויפּט זיך אין אַ פרעמדער אומגעבונג, און דעריבער קען ער ניט פאָדערן קיין פּריוואַט־אייגנטום רעכט אפילו פאַר זיין לייב און זעל. אויף אָט דעם יסוד האָט זיך געהאַלטן שקלאַפן־אַרבעט עקספּלואַטאַציע. דאָס איז די אידעאָלאָגישע דערקלערונג און ווירטשאַפטלעך יורידישע רעכטפאַרטי־קונג אויף וועלכער די שקלאַפעריי־אינסטיטוציע האָט זיך געשטיצט.

21

# לייב־אייגנטום און פעאָדאַליזם

פון שקלאַפעריי איז מען אַריבער צו לייבאייגנטום.

ג. גלאַטץ אין זיין ווערק, „די גריכישע שטאַט“ שרייבט:

„די מענטשן האָבן אָנגעהייבן צו טראַכטן אַז עס איז פיל איינפאַ־כער צו לאָזן דעם שקלאַף, וועלכער האָט זיך אויסגעלערנט אַ פאַך, אָנצוגיין מיט זיין אַרבעט ווען און ווי ער וויל ,אונטער איין באַדינג, אַז ער זאָל געבן אַן אָפּצאָלונג זיין האַר, וועלכער איז אַזוי אַרום גע־וואָרן אַ 'רענטיע'" (130).

דעם שקלאַף האָט מען דאָך סיי ווי סיי געדאַרפט געבן עסן, קליידן און שוכן, אַזוי אַז ניט דעם גאַנצן פּראָדוקט, וועלכן ער האָט פּראָדו־צירט, האָט זיין האַר געקענט אַפּראָפּריאירן. אַ טייל פון דעם האָט געמוזט אַוועקגיין אויף דעם אויפהאַלט פון שקלאַף אַליין. און אויב אַזוי האָט שוין בעסער געלוינט געבן דעם שקלאַף אַביסל פרייהייט, ווייל דעמאָלט וואָלט ער אַרבעטן מיט מער חשק און וואָלט פּראָדוצירן מער, און די אָפּצאָלונג וועט אויסמאַכן א גרעסערע הכנסה פון שקלאַף ווי פאַר דעם, ווען דער האַר האָט געקראָגן דעם פּראָדוקט אינגאַנצן נאָר האָט בהכרח געמוזט אַוועקגעבן צוריק צום שקלאַף אַ טייל, אַזוי אַזביידע צדדים האָבן געוואונען פון דער רעפאָרם. דער האַר האָט פאַר־שפּאָרט אַכטונג צו געבן אויף דעם שקלאַף, אַז ער זאָל ניט פּטר'ן די צייט אויף גאָרניט, אַז ער זאָל ניט קאַליע מאַכן די געוועקצייג מיט וועלכע ער ארבעט און ער זאָל ניט אויסנוצן דעם שטאָף, וועלכן ער ברויכט פאַר זיין אַרבעט. דער שקלאַף האָט אונטער די נייע אומ־שטענדן, וויבאַלד ער האָט אָפּגעגעבן דעם האַר בלויז אַ טייל פון זיין פּראָדוקט, געקראָגן אַן אינערלעכן משגיח און אונטערטרייבער. ער האָט געהאָרעוועט מיט מער פלייס און האָט טאַקע מער אויפגעטאָן, די פּראָדוקטיוויטעט פון זיין אַרבעט איז געשטיגן.

דזש. ק. אינגראַם שרייבט:

„דער איבערגאַנג צו לייב־אייגנטום איז פאָרגעקומען אין די ציווילע געמיינדעס, ווען דער האַר האָט זיך געשיידט, אָדער מ'האָט אים געשיידט, מיט דעם אייגנטום אין דער פּערזאָן פון זיין שקלאַף, און האָט בלויז געהאַט א רעכט צו קריגן זיינע באַדינונגען, אָדער צו א באַשטימטן טייל פון זיי" (131).

אין לייב־אייגנטום געפינען מיר שוין דעם עלעמענט פון צוגעבונדנ־קייט צו אַ פרעמדער סביבה. דער אינדיווידועלער מיטגליד פון דער

גרופּע האָט זיך בינתים גענומען אָנזען. ער איז געוואָרן געבוג מער־קעווריק, אז ער זאָל נעמען ווערן א שטיקל „יש״, קריגן אן אייגענע עקזיסטענץ, און ניט בטל ווערן באלף אין זיין סאָציאַלער אַרומקריי־זונג. ער ווערט שוין מער ניט פאַרשלונגען פון דער קאָלעקטיווער קערפּערשאַפט אַזוי אַז מ׳ווייסט גאָרניט וואו ער איז אַהינגעקומען. דאָס איז פון איין זייט. פון דער צווייטער זייט איז דערוויל דער באָדן אויסגעוואַקסן אין חשיבות. ער איז געוואָרן דער באַזיס פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

מאַרק בלאָך אין דעם אַרטיקל „פעאָדאַליזם״ אין דער „ענצי־קלאָפּעדיע פון די סאָציאַלע וויסנשאַפטן״ שרייבט:

נאָך מער, דער באַזיץ פון העכערע רעכט אויף לאַנד איז געווען פאַר דעם באַזיצער אין פילע הינזיכטן בלויז אַ מיטל פון אויסאיבן ווירקנדיקע מאַכט פון דעה־זאָגונג איבער די פּערזאָנען, וועמען ער האָט דערלויבט צו געניסן דירעקט פון די פעלדער (132).

דער, ווער עס איז געווען דער אייגנטימער פון דעם באָדן, איז געווען, צו דער אייגענער צייט, דער בעל־הבית איבער די בהמות און עופות, וועלכע האָבן זיך געווידמעט אויפן לאַנד, און איבער די מענטשן, וועלכע האָבן זיך דאָרטן אויפגעהאַלטן. דער לאַנד־באַזיצער איז געווען דער גאַנצער בעל־דעה אין דער געמיינדע־אָרגאַניזאַציע. דער אַקט פון צונויפנעמען און צוזאַמענהאַלטן מענטשן קומט פאַר אַדאַנק זייער נאָענטקייט אין פּלאַץ. און ווען איינגעזעסנקייט ווערט די רעגל און רוטין פון לעבן, ווערט געזעלשאַפטלעכקייט איינגעפונדעוועט אין שכנה׳־שאַפט. געמיינזאַמלעכקייט באַזירט זיך אויף דער אומבאַוועגלעכער לעבנאַנאַנדעריי אין רוים, וועלכע מיינט אַ באַשטענדיקער וואוינפּלאַץ, די אָנפאַנגערישע פאָרמע פון פאָטערלאַנד. לאַנד ווערט אידענטיפיצירט מיט טעריטאָריע, וועלכע איז די באַזע פון דער געמיינשאַפט און וועלכע איז געוואָרן דער הויפּט־פאַקטאָר אין אָרגאַניזאַטאָרטום.

די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע איז געווען צו שוואַך, ניט גענוג שטאַרק צונויפגעקלעפּט, אַז זי זאָל קענען ווערן זעלבסטשטענדיק, אַז זי זאָל זיין אימשטאַנד זיך אָפּצורייסן פון די „טעריטאָריעלע פאַרקני־פּונגען״. סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע האַלט זיך איצט אויף דעם יסוד פון באַזעסענעם קולטיווירטן באָדן, פּונקט אַזוי ווי זי האָט זיך, גאָר אין אָנהייב, געהאַלטן אויף אָפּשטאַם, נעמלעך, אויף בלוט־ברודער־שאַפט. אָבער אויך אַט־די נייע סאָציאַלע פאָרמאַציע שטעקט נאָך טיף אין פאַרוואַנדשאַפט, אין ביאָלאָגישער אָפּשטאַמונג. די צעטיילונג אויף

שטאַנדן ווערט געשטיצט, צו אַ געוויסער באַגרענעצטער מאָס, אויף יחוס, פאַרעלטערן.

אָסוואַלד שפענגלער שרייבט:

דאָס איז דער פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן די צוויי שטאַנדן (נאָבלטום און פריסטערטום) און היוצא אז בלויז איינער פון זיי איז באמת אַ שטאַנד . . . בירושה איבערגייענדיקער פריסטערטום איז אַ קאָנטראַ־דיקציע אין טערמינען" (133).

דער קלערוס, דער גלחימ׳טום אלס א גייסטיקער און היי־ליקער געזעמל איז פריי פון די אָפּשטאַם־באַגרענעצונגען. ער האָט באַוויזן צו ווערן א שטאַנד און דאָך זיך באפרייען פון די פאַרהאַסטע פלייש און־בלוט, ער האָט זיך פאַראַנקערט אין גייסט. אַנשטאָט דער ביאָ־לאָגישער קייט פון יחוס האָט ער איינגעפירט אַ קינסטלעכע ירושה׳־דיקייט וועלכע ווערט רעאַליזירט דורך סמיכה, דורך דאָס אַרויפלייגן די הענט און איבערגעבן דעם גייסט. אַזוי איז געשמידט געוואָרן אַ פסיכאָלאָגישע קייט פון גנאָד, וועלכע פלעכט אירע רינגעלעך אין אַ דירעקטן המשך פון די אַפּאָסטאָלן אָן. פון פלייש — צום גייסט, פון קערפּער — צו דער נשמה אַזוי אַז אויף אַמאָל מיט לייב־אייגנטום האָט אַנגעהאַלטן אַ סיסטעם, אַלס צוגאָב, וועלכע מיר וואָלטן כמעט מיט רעכט געקענט באַצייכענען אַלס זעל־אייגנטום. די פריווילעגיעס האָבן זיך גענערט פון צוויי באַזונדערע קוואַלן. פון איין זייט איז גע־ווען דאָס לאַנד, דער גוט־באַזיץ, פון דער צווייטער זייט איז געווען די קירך מיט אירע גייסטיגע אידל־לייט. פשוט׳ער לאַנד־באַזיץ האָט זיך געהאַלטן, לכתחילה, אויפן שווערד סיי בנוגע פאַרכאַפּ און סיי בנוגע אַנהאַלט, דערנאָך, אויף אָרגאַניזאַציע. דעם גייסט־אייגנטום האָט מאָנאָ־פּאָליזירט די קירך. אָט־דער טשיקאַווער מין אייגנטום האָט זיך גע־האַלטן אויף אַ ספּעציעלן סאָרט פון פסיכאָלאָגישער שטאַרקייט. פּראָ־זעליטיזם, נשמה־כאַפּעריי און פאַנאַטיזם זיינען געווען פאַקטאָרן אין דער אָרגאַניזאַציע סיי פון די גייסטלעכע און סיי פון די גייסטיקע פּראָ־דוקטן. דער פעאָדאַלער רעזשים איז באַשטאַנען פון צוויי פריווילע־גירטע שטאַנדן: די אידל־לייט און די גייסטלעכע. די מאַסן זיינען געווען אויף דעם געביט פון עקאָנאָמיק און פּאָליטיק — לייב־אייגענע; אויף דעם געביט פון קולטור, פון אמונה — זעל־אייגענע.

## 22
# געדונגענשאַפט

פון לייבאייגענטום גייט מען אַריבער צו דער לוין־סיסטעם. געדונגענשאַפט איז אַ פעסט־עטאַבלירטע אינסטיטוציע. דער קאַפּיטאַליסט באַגעגנט זיך פּנים אל פּנים מיט דעם פּראָלעטאַריער. דער ערשטער איז דער אייגנטימער פון די פּראָדוקציע־מיטלען, געוועקרצייג, מכשירים, רויען מאַטעריאַל, ווערקשטאַטן, פאַבריקן, די אַרבעט 'טעמפּלען'. בשעת דער לעצטער, זיין קאָנטער־אַגענט אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס, פאַרמאָגט גאָרניט.

הערבערט ספּענסער אין זיין ווערק „פּרינציפּן פון סאָציאָלאָגיע" שרייבט: „דער לוין־אַרבעטער אויף דער פאַבריק ווייזט אַביישפּיל פון אַרבעט וואָס איז אינגאַנצן פריי אויף אַזויפיל אויף וויפיל ער שרייבט אונטער פריייוויליק קאָנטראַקטן און איז אימשטאַנד זיי מבטל צו מאַכן נאָך אַ קורצער וואָרנונג. ער איז פריי זיך צו פאַרדינגען צו וועמען ער וויל און וואו און ווען ער וויל. אָבער אַט די פרייהייט אין דער פּראַקטיק מיינט ניט מער ווי דאָס וואָס ער איז פיאיק צו בייטן איין שקלאַפעריי אויף אַ צווייטער, מחמת דעם וואָס אַזוי ווי ער טויג זיך אויס בלויז פאַר איין זאַך, האָט ער זעלטן אַ גרעסערע געלעגנהייט ווי צו באַשליסן ביי וועלכן ווערקשטאַט ער וועט פאַרברענגען דעם גרעסטן טייל פון זיינע אומעטיקע טעג. דער צוואַנג, וועלכן עס איבן אויס די אומשטאַנדן, איז אָפטמאָל פיל האַרטער און שווערער ווי דער צוואַנג וועלכן דער האַר איבט אויס אין שקלאַפעריי." (134)

אויף אַט דער שטופע פון אַנטוויקלונג זיינען נאָך אַלץ די אָרגאַניזאַציע־פאָרמען צו לייז, צופיל צעשוואומען און, היוצא, אומפעאיק צו זיין זעלבסטשטענדיק, צו האָבן אַ קיום פאַר זיך. זיי מוזן זיך אָנשפאַרן אויף עפעס אַנדערש. זיי זוכן עפעס מאַטעריעל־ממשות'דיקעס. זיי געפינען עס גאַנץ לייכט אין די פּראָדוקציע־מיטלען און אין דעם צענטער פון פּראָדוקציע־אַקטיוויטעט, די ווערקשטאַטן, די פאַבריקן.

איצטער לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דער קאַפּיטאַליזם צוזאַמען מיט זיין צווייטער העלפט — בעסערע אָדער ערגערע, דאָס ווענדט זיך אָן אונדזער סוביעקטיווער אָפּשאַצונג — האָבן זיך אָפּגעטראָגן, אָדער מ'האָט זיי מיט געוואַלט אַראָפּגעשלעפּט, פון דערווירטשאַפטלעכער אַרענע. וואָס וועט אין אַזאַ פאַל פּאַסירן? וואָלט די געשיכטע פּראָקלאַמירט אַ שמיטה־יאָר, אַ רו־יאָר? בשום אופן ניט. נייע פאָרמאַציעס, בעסער אויסגעקריסטאַליזירטע, וואָלטן זיך גלייך באַוויזן ביי דעם טויער פון סאָציאַלן טעמפּל.

ע. ט. קאַמפּאַנגנאַק אין זיין ווערק „געזעלשאַפט און איינזאַמקייט״ שרייבט:

„מיר קריגן אויף דאָס וואָס ווערט אָנגערופן קלאַסן־אויסצייכענונגען . . . עס איז אַן אַרגומענט פאַר דער באַנייאונג פון די לעבהאַפטע אויסצייכענונגען, אָדער פאַר דער אַנדערקענונג פון די נייע אויסצייכענונגען, וועלכע וועלן אַנטשפּרעכן די פרישע אוןווירקלעכע פאַרהעלטנישן.״ (135)

ווען די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן־אויסצייכענונגען וועלן אָפּגעשאַפט ווערן, וועלן אויפקומען נייע אויסצייכענונגען. וואָס וועט זיין דער סימן מובהק פון אָט די נייע אויסצייכענונגען? דורך וואָס וועלן זיי זיך אויסדריקן? דורך אָרגאַניזאַציע.

אָרגאַניזאַציע, אין דעם פּשט פון זיך פאַרשאַפן מיט מענטשן, וואָלט דעמאָלט קומען צו זיך, דערגרייכן רייפקייט, דער פּרינציפּ פון אייגנטום אָדער „פּאַטרימאָניע״ וואָלט ווערן פאַרביטן מיט דעם ריינעם „דאָמיניאָן״, מיט דאָמינאַציע, הערשאַפט, באַהערשונג. די עקאָנאָמיק וואָלט דורכמאַכן דעם זעלביקן עוואָלוציאָנערן און רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס, וואָס פּאָליטיק האָט דורכגעמאַכט אין אַ פריערדיקער עפּאָכע פון געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. אָרגאַניזאַציע אַלס אַן אויטאָנאָמישער כוח, אַ זעלבסט־געוועלטיקע קראַפט וואָלט זיך אַנטפּלעקן אויף אַן איבערראַשנדיקן דייטלעך אויסגעשניטענעם אופן.

אָט וואָס קאַרל מאַרקס שרייבט אין זיין ווערק „קריטיק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע״: „אָט די סאָציאַלע פאָרמאַציע שטעלט צוזאַמען, לכן, דעם שלוס־קאַפּיטל פון דער פּרעהיסטאָרישער שטופע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט״ (136).

מאַרקס וואַרפט זיך מיט ווערטער און ער בילדעט זיך איין אַז ער רייסט אויס בערג: „היסטאָריע״, „פּרעהיסטאָריע״, ווי מ׳וויל רופט מען עס. וואָס איז דער אונטערשייד? נעמען ענדערן ניט די קעגנשטאַנדן, וועלכע זיי באַצייכענען. זאָל אונדזער מאָדערנע געשיכטע הייסן פאָרגעשיכטע, און זאָל זיין אַזוי, אַז בלויז נאָך איר אָוועקגאַנג וועט זיך באַווייזן די אמת׳ע געשיכטע. וואָס איך באַהויפּט איז, אַז די „געשיכטע״ וועט אין תוך זיין ניט אַנדערש פון דער „פאָרגעשיכטע״. מ׳דאַרף זיין אַ געפערלעכער בטלן אין סאָציאַלע ענינים זיך איינצושמועסן, אַז נאָך דעם נידערפאַל פון קאַפּיטאַליזם וועט די מענטשהייט, דער ציוויליזירטער טייל אירער, אַריינפאַלן אין אַ גן־עדן. קאַפּיטאַל איז ניט דער לעצטער דונער פון דעם געוויטער אין הימל פון די קלאַסן־פאַרהעלטענישן. עס זיינען נאָך פאַראַן אין דעם סאָציאַלן געוועלב גענוג דונערן און

בליצן, וואָלקנס, כמאַרעס און שטורעמס. עס וועט קלעקן פאַר דורות און דורות, פאַר ציוויליזאַציעס און ציוויליזאַציעס.

קאַפּיטאַליזם איז איינער פון די אַקטן אין דער געזעלשאַפטלעך עקאָנאָמישער דראַמע. אָבער ער איז ניט דער לעצטער אַקט אין דער דראַמע פון קאָנפליקטן וועלכע מ׳פירט אויף אויף דער וועלט־בינע. דער רעפּערטואַר איז אומגעהויער רייך און אַקטיאָרן און צוקוקער וועלן זיין איבערגענוג.

קאַפּיטאַליזם איז ניט דער אלף און ניט דער תיו פון די אַנ־טאַגאָניסטישע פּראָדוקציע־פאָרמען. קאַפּיטאַליזם איז בלויז איין פּינטל אויף דער אומענדלעכער ליניע פון מאָדיפיקאַציעס און שינויים, וועלכע וועלן דורכגעפירט ווערן אין דעם תחום פון דער ווירטשאַפט.

דער שטראָם פון לעבן און שטערבן גייט זיך זיין גאַנג. כוואַליעס יאָגן זיך נאָך כוואַליעס. אין זייער געיעג און געלאף שטויסן זיי זיך אָן אויף די פעלזנשטיינער. זיי ווערן צעקלאַפּט אויף דראָבנעם שטויב־ — און נייע כוואַליעס קומען, פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די צעקלאַפּטע און טיילן זייער אומפאַרמיידלעכן שיקזאַל. אַזוי גייט עס כסדר פון קדמונים. אַזוי וועט עס גיין ביזן סוף פון אַלע דורות. קיין „מאַניפעסט״ וועט ניט ענדערן אַט דעם איינשטעל.

קארל מארקס איז ניט משה רבנו אין חומש שמות, ער וועט דעם סאָציאַלן רויטן ים ניט שפּאַלטן, און ער וועט דעם פּראָלעטאריאט ניט דורכפירן אין דער טריקעניש...

II

# פיזישע און סאָציאַלע נאַטור

מאַרקס אין „קאַפּיטאַל" שרייבט:

„אַט־די ספערע . . . אין די גרענעצן פון וועלכער עס גייט אָן דער פאַרקויף און קויף פון אַרבעטס־קראַפט איז באמת דער עכטער גן־עדן פון די איינגעבוירענע רעכט פון מענטשן. בלויז דאָרטן הערשט פרייהייט, גלייכהייט, אייגנטום און בענטהאַם. פרייהייט, ביידע, דער קויפער און פאַרקויפער פון דער סחורה, דהיינו, פון אַרבעטס־קראַפט, זיינען געצווימט בלויז פון זייער אייגענעם ווילן" (1).

מאַרקס מאַכט חוזק פון ליבעראַליזם פאַר יענעמס פּרינציפּ פון פרייהייט. אָבער ער טוט עס ניט דערפאַר וואָס דער לעצטער האָט געמאַכט פון פרייהייט אָן אָפּגאָט, נייערט מחמת דעם וואָס די ליבעראַלע פרייהייט איז בורזשואַז, קליין־בירגערלעך. ווי נאָר די פרייהייט וועט ווערן סאָציאַליסטיש, פּראָלעטאַריש, וועט זי גלייך ווערן רעאַליסטיש, קריגן דעם אמתן ממשותדיקן באַדייט. מאַרקס וויל ניט זען אַז די צרה איז אין דעם וואָס דער ליבעראַליזם האָט געמאַכט פון פרייהייט א פעטיש, האָט איבערטריבן די חשיבות פון פּאָליטישער פרייהייט, וועלכע מוז בהכרח זיין באַגרענעצט אונטער דעם בעסטן רעזשים.

קאַרל יאַספּערס פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז מאַרקסיזם אין אַט די פונקטן פאַרזינדיקט זיך זייער שטאַרק קעגן דעם אָביעקטיוון וויסנשאַפט־לעכן צוגאַנג צו זאַכן. וואָס דער מאַרקסיזם פאַרוואַרפט און פאַרניכ־טעט מיט שאַרפער קריטיק, ווען ער געפינט עס ביי יענעם, דאָס נעמט ער אָן פאַר גוט און אָננעמבאַר, ווען ער געפינט עס ביי זיך.

אָט וואָס ק. יאַספּערס שרייבט:

„דער מענטש איז געוווען אָפּהענגיק פון די קעגנשטאַנדן, וועלכע ער האָט פּראָדוצירט. איצטער וועט ער ווערן זייער האַר. ער וועט איבערנעמען דעם גאַנצן פיר פון זיין אייגענעם לעבן נאָכדעם ווי ער האָט דערגרייכט מיטן שכל, אויסגערעכנטקייט צו א וויסנשאַפטלעכער פאַרשטענדעניש פון דעם אומפאַרמיידלעכן קורס פון זיין אַנטוויקלונג... אַט־דער גאַנצער בליק איז, אבער, ווייט פון צו זיין א וויסנשאַפטלעכע

אויפפאַסונג. ער איז ניט מער ווי אַן אינטעלעקטועלע אמונה וועלכע, ווען מ'שטעלט איר די פראַגע צי זי אַליין איז ניט בלויז אַן אידעאַ־לאָגיע פון אַ קלאַס, קען זיך האלטן נאָר אויף אַ בלינדער פארשטאנד־ברוטאַליטעט פון אַזאַ מין סאָרט גלויבעניש" (2)

דער דאָזיקער טייל פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם איז אַ וואַריאַנט פון אַ וואולגאַרער פאָרמע פון אַ 'סאָציאַלער רעליגיע'. אין דער אָנ־געוועגדטער סאָציאָלאָגיע פאַרנעמט דער „וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם" פון מארקסן דעם פּלאַץ, וועלכן אין פּסיכאָלאָגיע און מעדיצין פאַרנעמט די „קריסטלעכע וויסנשאַפט" פון מאַרי בייקער עדי.

די מאַרקסיסטישע תורה קלינגט ערטערוויז ווי פּסוקים און פּרשות פון יעוואַנגעליום. ער איז 'קריסטלעך', אויסלייזעריש, פאַלש־משיח'יש.

פרידריך ענגעלס בלאָזט דעם גרויסן שופר, ער טרומייטערט פאַר־נאַנדער די בשורה טובה. ער זאָגט צו אַז די געשיכטע גייט ווייזן אַן אַקראָבאַטישן קונץ, וועלכער וועט באַשטיין אין אַ שפּרונג פון דעם 'איך מוז' צו דעם 'איך וויל', און וועט בשעת מעשה ניט ברעכן האַלדז און נאַקן.

אָט וואָס פּלעכאַנאָוו זאָגט אונדז מכוח דער דאָזיקער סאָציאַלער שפּרינגעריי, וועלכע מלאכים, ווי באַוואוסט, קענען ניט באַווייזן (מלאכים גייען ניט אַרויף שפּרינגענדיק) און מענטשן, מיט דער הילף פון די מאַרקסיסטישע אויפטוער, וועלן עס יע באַווייזן.

„די מענטשהייט וועט אַ שפּרונג טאָן פון דעם קיניגרייך פון נויט־ווענדיקייט אין דעם קיניגרייך פון פרייהייט. אָט־די ווערטער פון ענ־געלסן האָבן אַרויסגערופן די קעגנערשאַפט פון אַלע יעניקע, וועלכע זיינען בכלל געגנייגט קעגן דער אידייע פון 'שפּרינגען', זיי קענען ניט אָדער ווילן ניט פאַרשטיין די מעגלעכקייט פון אַזאַ מין שפּרונג פון דעם קיניגרייך פון נויטווענדיקייט אין דעם קיניגרייך פון פרייהייט" (3).

איך בין זיך מודה ומתודה אז איך געהער אויך צו די יעניקע וועלכע קענען ניט באַגרייפן די חכמה עליונה פון אָט־די אַקראָבאַטישע שטיק, וועלכע דאַרפן עס לאָזן הינטער זיך אַלע צאַמען און גדרים פון געזעלשאַפטלעכער מוזמעסיקייט.

אָט ווי פ. ענגעלס דריקט זיך אויס:

„עס איז אַ שפּרונג פון דעם קיניגרייך פון נויטווענדיקייט אין דעם קעניגרייך פון פרייהייט" (4).

וואָס מיינט אַזאַ מין מאָדנע צוזאָגעניש־פאַראויסזאָגעניש? וואָס באַדייט עס בכלל?

ס'איז לייכטער צו פאַרשטיין עס ווען מ'לייענט אַדורך דעם גאַנצן פּאַסאַזש:

„עס איז בלויז פון אַט־דעם פּונקט, דאָס מענטשן אין זייער פולן באַוואוסטזיין, וועלן געשטאַלטן זייער אייגענע געשיכטע; עס איז בלויז פון אַט־דעם פּונקט, דאָס די סאָציאַלע סיבות, וועלכע מענטשן האָבן גע־בראַכט אין באַוועגונג, וועלן געבן, פּרעדאָמינירנדיק און אין אַ כסדר זיך־פאַרגרעסערנדיקער מאָס, די רעזולטאַטן, וועלכע מענטשן ווילן קריגן, דאָס איז דער מענטשהייטס שפּרונג פון דעם קיניגרייך פון נויטווענדיקייט אין דעם קיניגרייך פון פרייהייט.” (6)

און אויב דאָס איז נאָך אַלץ ניט אינגאַנצן קלאָר, גיט עס אונדז ענגעלס נאָך בעסער צו פאַרשטיין:

„ווען די געזעלשאַפט נעמט איבער די פּראָדוקציע מיטלען, ווערט אָפּגעשאַפט די פּראָדוקציע פון סחורות און גלייכצייטיק די הערשאַפט פון פּראָדוקט איבער דעם פּראָדוצירער. אַנאַרכיע אין דער סאָציאַלער פּראָ־דוקציע ווערט פאַרביטן דורך אַ סיסטעמאַטישער באַשטימטער אָרגאַני־זאַציע... די גאַנצע ספערע פון די לעבנס־באַדינגונגען, וועלכע רינגלען אַרום דעם מענטשן און וועלכע האָבן ביז־אַהער באַהערשט דעם מענטשן, פאַלט איצטער אַרונטער אונטער דער שליטה און קאָנטראָל פון מענטשן, וועלכער ווערט, צום ערשטען מאָל, דערווירקלעכער באַוואוסטזיניקער האַר פון דער נאַטור, מחמת ער איז איצטער געוואָרן דער באַלעבאָס פון זיין אייגענער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע... דעם מענטשנס אייגענע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז ביז איצט געשטאַנען קעגן אים ווי אַ נויט־ווענדיקייט וואָס איז ארויפגעצוואונגען געוואָרן פון דער נאַטור און דער געשיכטע, ווערט איצטער אַ פּועל־יוצא פון זיין אייגענער פרייער האַנד־לונג” (7).

איצט איז שוין דער ענין דערקלערט. פ. ענגעלס פאַרזיכערט אונדז, אַז אין דער עפּאָכע פון סאָציאַליזם וועלן אַלע רעסורסן פון ענערגיע, אַלע שעפערישע כוחות, זיך קאָנצענטרירן אויף איין פּונקט און דאָס איז די דעראָבערונג פון דער פיזישער וועלט. קעגן דער פיזישער נאַטור האָבן מיר געפירט אַ קאַמף אין משך פון הונדערטער יאָרן ,און מיר פירן נאָך דעם אייגענעם קאַמף עד־היום. מיר האַלטן זייער ווייט פון גמר און שלום־אָפּמאַך אָדער אפילו פרידן־אונטערהאַנדלונגען און וואַפן־שטילשטאַנד. די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז די געשיכטע פון אירע מלחמות, וועלכע זי פירט קעגן דער פיזישער נאַטור. דאָס איז די אַלגעמיינע געשיכטע. די ספּעציפישע געשיכטע, וואָס מ'רופט אייגנ־טלעך געשיכטע, ד. ה. די געשיכטע פון דער געזעלשאַפט אַלס אַזעל־

כער, איז די כראָניק פון די סאָציאַלע געפעכטן און ראַנגלענישן. מיט אַנדערע ווערטער, געשיכטע איז דער ספר־הזכרונות וואו עס ווערן רע־קאָרדירט אַלע געשלעגן ווי קעגן דער פיזישער אַזוי אויך קעגן דער סאָציאַלער נאַטור. „די סטאַטיסטיק פון קאַמף" — שרייבט היימאַן סעגאַל — „איז פאַראַן אומעטום. זי האָט ניט קיינע אויסנאַמען" (8). „די ראיות פון דער אוניווערסאַלקייט פון קאַמף אַלס אַ קאָסמישן פרינ־ציפּ זיינען, בפועל־ממש, אָן אַ צאָל" (9).

עס איז קיין ספק ניט אז דער געראַנגל, וואָס גייט אָן אויף דעם פיזישן פראָנט איז אַ סך עלטער פון דעם געפעכט, וועלכער גייט אָן אויף דעם סאָציאַלן געביט. מיט פולער זיכערקייט קענען מיר באַ־הויפּטן, אַז די געזעלשאַפט איז געשאַפן געוואָרן מיט דער בפירושער כוונה זי זאָל דינען אַלס אַ וואָפן פון שוץ און אָנגריף אין אונדזערע מלחמות, וועלכע מיר פירן פון קדמונים־אָן קעגן דער ארומיקער פיזי־שער וועלט. אָבער אונדזער געמיינשאַפט אַליין ווערט, נאָך דעם ווי זי איז פעסט עטאַבלירט, סאָלידיפיצירט, אַ שטיק דרויסנדיקע וועלט, אַ שטיק נאַטור. און דעמאָלט הייבן מיר אָן צו פירן אַ קאַמף קעגן איר אַלס אַ סאָציאַלער נאַטור, ד"ה, די געזעלשאַפט ווערט געשפּאָלטן און זי נעמט פירן אַ מלחמה קעגן זיך אַליין, איין טייל קעגן דעם אַנדערן. מיט אַנדערע ווערטער, די געזעלשאַפט סטרוקטור נעמט אַרויסווייזן אַ באַשטימטע צאָל חסרונות וועלכע עס איז אומבאַדינגט נייטיק צו באַ־זייטיקן. עס קען גאָר אַנדערש ניט געמאָלט זיין. מיר קענען ניט שאַפן קיין זאַך, וועלכע זאָל זיין אַזוי גוט, אַז מיר, אירע שעפער, זאָלן ניט קענען אַנטדעקן אין איר פעלערן, ניט קענען זי קריטיקירן. און דאָס איז לייכט איינצוזען. מחמת ווי גוט מיר זאָלן ניט זיין אַלס אויפ־טוער, אַלס דערפינדער, זיינען מיר ניט ערגער אַלס אָפּטוער, אַלס דע־פעקטן־אַנטדעקער, חסרונות־אויפזוכער, פגימות־געפינער.

אלדזשערנאָן סידניי אין זיין ווערק „געשפּרעכן וועגן רעגירונג" דריקט זיך אויס אַזוי:

„מיר זוכן ניט וואָס איז פולקומען. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז אַזאַ זאַך איז ניטאָ בנמצא ביי די מענטשן (10).

פאַרוואָס קענען מיר ניט שאַפן קיין זאַך וואָס איז פולקומען? ווייל מיר, די שעפער, זיינען קריטיקער, און אַלס קריטיקער קומען מיר לאחר־המעשה, נאָך דעם ווי די זאַך איז שוין געשאַפן געוואָרן, און דעריבער האַלטן מיר די אויבערהאַנט איבער אונדז אַליין אַלס שעפער. וואָס מיר זאָלן ניט אויפטאָן, שטעלן מיר זיך פאַר אַז מ'קען נאָך עפּעס בע־

סערעס, העכערעס אויפטאָן. אין דער זון פון דער פולקומענהייט אַליין וועלן מיר אַנטדעקן פלעקן, פגימות.

יעדע מענטשלעכע אינסטיטוציע מוז לײַדן פון אומפולקומענהייט, ווייל ווי פול זי זאָל ניט קומען וועלן מיר נאָך אַלץ באַווייזן, אַז עפּעס פעלט איר, אַז עפּעס דערגייט איר ניט.

אַלץ וואָס דער מענטש שרייבט, מוז זיין גרייזיק.

דאָס איז אַן אַקסיאָמע, אַן „הכל יודעים". וואָס, אָבער, ניט אַלע ווייסן איז פאַרוואָס עס איז אַזוי. און וואָלטן זיי עס באַגריפן באמת טיף, וואָלטן זיי דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז די גרייזן קען מען, אמת, קאָרעגירן, אָבער בלויז אַזוי, אַז אין די סאַמע קאָרעקציעס, אין דעם תיקון־טעות, זאָלן ווייטער אַריין גרייזן, וועלכע וועלן ווידער פאַרריכט ווערן אַזוי, אַז אין די פאַרריכטונגען וועלן נאָך אַלץ זיין גרייזן. דאָס איז בדרך כלל גערעדט. אין סאָציאַלער סביבה אָבער קומען נאָך צו ספּע־ציפישע עלעמענטן, וועלכע מאַכן די זאַך נאָך האַרבער.

יעדער אַקט פון באַזייטיקונג פון אַ סאָציאַלן פעלער איז געגליכן צו אַן אָפּעראַציע. דער פּאַציענט איז די געזעלשאַפט. די אָפּעראַציע גייען דורכפירן ׳סאָציאַלע כירורגן׳ וועלכע באַשטייען פון אַן אַגרעסי־ווער מינדערהייט. דער חולה, ווי געזאָגט, איז די געזעלשאַפט. אין דער געזעלשאַפט געפינען זיך פערזאָנען, אַ מינדערהייט, וועלכע ווילן האָבן אָט־די חולאת. און זיי ווייזן אַרויס אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. זיי טענהן, אַז דער סאָציאַל־פּאָליטישער איינשטעל איז ניט קראַנק, אַז דאָס וואָס די דאָקטוירים רופן אַן קראַנקייט איז עס, פּונקט פאַרקערט, די סאַמע געזונטקייט. און זייער באַהויפּטונג איז ריכטיק אויף וויפיל זיי איז עס נוגע. ווייל פון אָט־דער „שלאַפקייט" ציען זיי זייער „סאָציאַלע שטאַרקייט". זיי ווילן ניט, אַז מ׳זאָל היילן דעם פּאַציענט. זיי ווילן ניט אַז ער זאָל גענעזן, ווייל זיי זיינען עס זיין מחלה.

דער „סאָציאַלער דיבוק" וויל ניט אָפּלאָזן דעם באַזעסענעם, און קעגן יעדן צדיק וואָס וויל אים אַרויסטרייבן, ברענגט ער אַן אַנדער צדיק אין פעלד, וועלכער טרייבט אים צוריק אַריין, אָדער, נאָך בעסער, לאָזט אים ניט אַרויסטרייבן, אַוועקטרייבן פון זיין קרבן. אַן אַ צוזאַ־מענשטויס קען מען זיך קוים באַגיין.

מאַקיאַוועלי שרייבט:

„דער וואָס טוט אויף נייסן וועט זיך איינשאַפן פאַר שונאים אַלע די וועלכע האָבן געלעבט אַ גוטן טאָג אונטער דעם אַלטן רעזשים" (11).

העברי בראַגהאַם ברענגט אַרויס אָט־דעם געדאַנק נאָך דייטלעכער:

„ווען מיר קומען צו פּאָליטישע חקרנים, געפינען מיר, חוץ דער אומטאָלעראַנץ פון די מעטאַפיזיקער, אַ זיכערן קוואַל פון טעות און שולד אין דער אויפרעגונג פון זייערע ליידנשאַפטן, וועלכע ווערט אַרויס־געריסן פון פערזענלעכע פּניות ווירקלעכע אָדער אויסגעדוכטע״(12).

דער ציטירטער מחבר האָט אַרויפגעלייגט דעם פינגער אויף דער אייטערדיקער מכה:

פּניות, אָבער לאו־דווקא פערזענלעכע, זיי זיינען גאַנץ אָפט קאָלעק־טיווע, שטערן דעם אַנטוויקלונג־גאַנג פון דער געזעלשאַפט, פאַרפּאַמעלעכן דעם טעמפּאָ פון דער רעמאָנט־אַרבעט וואָס מוז געטאָן ווערן אויף דעם סאָציאַלן בנין.

געוויסע שיכטן, באַשטימטע גרופּירונגען, זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם אויפהאַלט פון באַשטימטע לעבנס־פאָרמען, בשעת אַנדערע שיכטן זיינען פּונקט פאַראינטערעסירט אין זייער אָפּשאַף אָדער איבער־אַנדערשונג.

יעדער סאָציאַלער אָרגאַניזם איז ס'רוב צעטיילט קעגן זיך אַליין. וואָס פאַר איין גרופּע איז גוט, לכאורה, איז פאַר דער צווייטער שלעכט. אין דער טיפקייט, אין תוך, איז איינגעמויערט אַ סאָלידאַריטעט, איז איינ־געפונדעוועט אַן אחדות פון אינטערעסן, וועלכע קיין כוח אין דער וועלט קען ניט צעטרייסלען. אָבער אויף דער אויבערפלאַך זעט מען עס ניט. און דער עולם באַגרייפט ניט אַט־די מער פונדאַמענטאַלע יד־אחת, וואָס ער כאַפּט אויף איז די קעגנגעזעצטקייטן. די וואָס האָבן אַ סך, צופיל, און די וואָס פאַרמאָגן צו־ווייניק אָדער כמעט גאָרניט, קענען זיך ניט אייניקן, ווען עס קומט איינצופירן אַ רייע פון רעפאָרמען. ווען איינער זאָגט טאָג, זאָגט דער צווייטער — נאַכט. אין „סאָציאַלע טעראַפּיע״ ווייסט מען ניט ווער איז דער חולה און ווער איז דער רופא, ווען צו פרעגן מכח דער קראַנקייט, און ווי אַזוי זי צו קורירן. דער חולה וויל גאַנץ אָפט היילן דעם רופא...

אַ גרויסער טייל פון די שטרייט־פראַגן אין סאָציאָלאָגיע, טעאָרע־טישער ווי אַנגעוואַנדטער, ווערן אויף אַן אמתן געפעכט־פראַגן. פון אַמפּערן זיך, פון דעבאַטירן מיט דער הילף פון דעם „געווער פון קרי־טיק״, גייט מען לייכט אַריבער צו דער „קריטיק פון געווער״, מ'נעמט אַרגומענטירן מיט די פויסטן...

דאָס איז אַלץ גערעדט פון אינעווייניק, אין די תחומים פון אַ פּאָ־ליטיש אָרגאַניזירטער קערפּערשאַפט, דאָס הייסט אין די גרענעצן פון דער געגעבענער מלוכה. דאָ רייסן זיך אַרום צווישן זיך די פאַרשיידענע גרופּירונגען, קלאַסן און אונטערקלאַסן.

פון דרויסן זעט דאָס בילד זיכער ניט אויס אידילישער. עס גייט אָן אַ געראַנגל אויף לעבן און טויט צווישן די אַלע אומאָפּהענגיקע שבטים, פעלקער וועלכע זיינען פאַרטראָטן דורך זייערע צוואַנג־אָרגאַניזאַציעס.

פּרודאָן גיט אַ כאַראַקטעריסטיק פון מענטשן: „דער מענטש קען ווערן מיט גלייכן רעכט דעפינירט אַלס אַ געזעלשאַפטלעכער און אַ קריי־גערישער בעל־חי" (13).

דאָס איז אַלץ ווען מ'נעמט דעם מענטשן ביחידות. דעמאָלט איז ער אי יעקב אי עשו, אי כולו זכאי אי כולו חייב. ווען מיר נעמען, אָבער, די מענטשן בציבור, אַלס אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפטן אין דער פאָרם פון וועלטלעכע שטאַטן, דעמאָלט זיינען זיי דורכאויס עשו'ס און האַלטן זייער שטאַרק פון פּסוק „אויף דיין שווערד וועסטו לעבן"...

עדמונד בוירק שרייבט:

„די געשיכטע פון אַלע צייטן בנוגע אַלע פעלקער גיט אונדז ניט גענוג מאַטעריאַל אָנצופילן צען זייטן... וואָס ס'פאַרנעמט אָן אויג איז שנאה. מלחמה דאָס איז דער שטאָף וועלכער פילט אָן די גאַנצע געשיכטע" (14). „די ערשטע באַריכטן, וועלכע מיר האָבן פון דער מענטשהייט זיינען אַזויפיל רעפּאָרטן וועגן זייערע שחיטות. אַלע אימ־פּעריעס זיינען צעמענטירט מיט בלוט" (15). „איך דענק, אַז די צאָל מענטשן וועלכע געפינען זיך היינט צו טאָג אויף דעם ערדקוגל, איז אַ פינף הונדערט מיליאָן צום העכסטן. און די אויסגעהרג'עטע, ווי קאָרג איר זאָלט ניט רעכענען, זיינען זיבעציק מאָל אַזויפיל וויפיל די לעבעדיקע"(16).

דאָס האָט בוירק געשריבן אין יאָר 1756. דער רעדאַקטאָר פון ביורק'ס בוך געפינט פאַר נייטיק צו מאַכן אָן אָנמערקונג. אָט וואָס ער שרייבט: „דער לייענער דאַרף געדענקען, אַז אָט די חשבון צייגט אָן דעם צושטאַנד, וועלכער האָט עקזיסטירט הונדערט יאָר צוריק. מ'שאַצט אָפּ אַז אַמווייניקסטן 14 ביליאָן מענטשן זיינען דער'הרג'עט גע־וואָרן אין מלחמות" (17). אָט די האַמערקונג איז געשריבן געוואָרן אין 1858. איצט האָבן מיר אַ קיימא־לן פון 1940. מיר האַלטן אין מיטן אַ בלוטיקער מלחמה. פון 1858 ביז 1940 זיינען די קוילער ניט געזעסן ליידיק. די טייכן פון דעם פאַרגאָסענעם מענטשלעכן בלוט זיינען געוואָרן גאַנצע אָקעאַנען. דאָס איז די שוידערלעכע געשיכטע פון דער מענטשהייט, וועלכע, ווי די אַלט־מאָדישע רופאים, ווייסט פון איין קוראַציע־מיטל און דאָס איז עפּענען אָן אָדער און לאָזן בלוט...

דער טייל פון אַ שבט אָדער אַ פאָלק, וועלכער איז באַזיגט געוואָרן אין קריג, איז גענומען געוואָרן געפאַנגען. מ'האָט אים אינקאָרפּאָרירט אין

דער זיגרייכער סאָציאַל־פּאָליטישער קערפּערשאַפט. אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן, נאָכדעם ווי די פרעמדע עלעמענטן האָבן פאַרלוירן זייער אייגנאַרטיקייט, האָבן זיי זיך צוביסלעכווייז אַסימילירט מיט דעם הערשנ־דיקן שבט, אָדער פאַרקערט דער הערשנדיקער שבט האָט זיך מיט זיי אַסימילירט. ערשט איצט, דורכמאַכנדיק אַ גאַנצע ריי פון שטופנווייזע איבעראַנדערשונגען, ווערן די אַמאָל באַזיגטע פרעמדע רעדוצירט צו אַ נידעריקער קאַסטע, שטאַנד אָדער „קלאַס". „דאָס אויפגעקומענע קאַס־טעס־סיסטעם" — שרייבט לעסטער וואַרד — „האָט פאַרוואַנדלט די באַ־זיגטע ראַסע אין אַ קלאַס פון עכטע משרתים, בשעת דאָס דינסט און די אויסנאַמען, וועלכע עס האָט איינגעפירט האָט פאַרוואַנדלט די פירער פון דער הערשער־קאַסטע אין אַ קלאַס פון לײדיקגייער." (18). אזוי אַרום ווערט נאַציאָנאַלער שבטימ'שער אַנטאַגאָניזם און קאַמף איבערגעאַר־בעט אין אַ קלאַסן־אַנטאַגאַניזם און אַ קלאַסן־קאַמף. דער לעצטער איז בלויז אַ וואַריאַיטעט פון דעם נאַציאָנאַלן געפעכט, אַ געפעכט פון באַ־זיגטע, גאַנצע אָדער טיילן, שבטים. דער קלאַסן־קאַמף איז אַן אָפּ־לייטונג פון דעם „נאַציאָנאַלן קריג".

וואָלטער שרייבט: „כינע געהאַרכט די טאָטערן פון אַ געמישטער ראַסע, האַלב מאָנטשו און האַלב הון. אינדיע פאָלגט אַלעמאָל די מאָגול־טאָטערס. דער נילוס . . . גריכנלאַנד און עפּירוס געפינען זיך נאָך אַלץ אונטער דעם יאָך פון די טערקן. עס איז ניט די ענגלישע ראַסע, וועלכע הערשט אין ענגלאַנד; עס איז אַ דייטשע פאַמיליע, וועלכע האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אַ האָלענדישן פּרינץ אַזוי ווי דער לעצ־טער האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אַן אנגעוויער פאַמיליע, וועלכע האָט פאַרביטן אַ נאָרמאַנער פאַמיליע, וועלכע האָט אַרויסגעטריבן אַ פאַמיליע פון סאַקסאָנער אוזורפּאַטאָרן. שפּאַניע פאָלגט אַ פראַנצויזישע פאַמיליע, וועלכע האָט נאָכגעפאָלגט אַן עסטרייכישע ראַסע; און יענע עסטריי־כישע ראַסע איז געקומען נאָך משפחות, וועלכע האָבן זיך באַרימט מיט זייער וויסיגאָטישן אָפּשטאַם. אָט־די וויסיגאָטן זיינען אַרויסגעיאָגט גע־וואָרן פון די אַראַבער, וועלכע זיינען געקומען נאָך די רוימער, וועלכע האָבן אַרויסגעטריבן די קאַרטאַגאַניער. גאַליען האָט געפאָלגט די פראַנקן נאָכדעם ווי זיי האָבן געפאָלגט די רוימישע פּערפעקטן. די זעל־ביקע ברעגעס פון דונאַי האָבן באַלאַנגט צו די גערמאַנער, רוימער, אַראַ־בער, סלאַוואָניער, בולגאַרן און הונען, צו צוואַנציק פאַרשיידענע פאַמי־ליעס און כמעט אַלע פרעמד־געבוירענע" (19).

זינט אָט דער פּאַסאַזש איז געשריבן געוואָרן האָבן די דערמאָנטע לענדער און פעלקער שוין לאַנג געביטן זייערע אָנגעצייגטע הערשער.

וואָס־וואָס, פּאָליטיק איז אַ גייאיק וואַסער. אָבער דער פּרינציפּ איז געבליבן דער אייגענער. די איצטיקע סיטואַציע אין דער וועלט איז ניט פיל אַנדערש ווי זי איז געווען אין וואַלטערס צייטן. די פונדאַמענטאַלע געזעצן, וועלכע רעגירן אַלע מענטשלעכע פּאַרהעלטענישן האָבן זיך ניט געביטן. אונטערדריקטע קלאַסן זיינען אַן אַפּלייטונג פון די באַזיגטע און אונטערדריקטע ראַסן. אַן אונטערדריקטע „ראַסע" אַז זי ווערט, נאָך לאַנגע יאָרן פון אונטעריאָכונג, פאַרשמאַלצן פּסיכאָלאָגיש און לינגוויסטיש מיט דער הערשנדיקער „ראַסע", קומט אַרויס פון איר אַן אונטערדריקטער קלאַס, ריכטיקער, זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ נידעריקער „מאַסע".

אַ רעכט ביסל קאָלעקטיווע ענערגיע און אָנשטרענג ווערן פאַרצערט אין פייער פון אינערלעכער שנאת חינם, אינערלעכן שטרייט און קאַמף. די כוחות ווערן נאַטירלעכערווייז אָפּגעצויגן פון דעם פיזישן פראָנט און געבראַכט צו דעם סאָציאַלן. לויט די פאַרזיכערונגען, וועלכע ענגעלס גיט אונדז, וועט דער אינערלעכער קאַמף אונטער דעם סאָציאַליסטישן רעזשים אינגאַנצן אָפּגעשטעלט ווערן. דער קריג וועט זיך ענדיקן מיט אַ פולן ניצחון, וואָס דער מענטש וועט אָפּהאַלטן איבער דער סאָציאַלער נאַטור. און דעמאָלט וועט שלאָגן די שעה פאַר דער מלחמת גוג ומגוג, וועלכע וועט זיך פאַנאַנדערשפּילן אויף דעם פיזישן שלאַכטפעלד. אַלע קרעפטן פון דער קאָלעקטיווער גרופּע, וועלכע וועלן באַפרייט ווערן, וועלן אַריבערגעוואָרפן ווערן פון דעם סאָציאַלן פראָנט אויף דעם פיזישן טעאַטער פון מיליטערישע אַקטיוויטעטן און אַזוי אַרום שטאַרקן די הענט און טאָפּלען די רייען פון די קריגער.

עס איז אַ שיינע אידייע. אָבער זי איז צו שיין, דעריבער איז זי ניט אמת. דיווירקלעכקייט איז גאַנץ אָפּט אויסטערלישער פון פיקציע, אָבער זי איז קיינמאָל ניט אַזוי לאַקרעצדיק, אַזוי מילד־ און האַניקטריפנדיק. בלויז הייליקע תמימות האָט געקענט מאָלן אַזאַ באַצויבערנדיקן בילד פון אַ „פּאַראַייניקטן פראָנט" פון אַלע כוחות פון דעם מענטשלעכן קאָלעקטיוו, וועלכע ווערן געברויכט אין אַן אָנגריף אויף דער באַסטיליע פון דער פיזישער אויטאָקראַטיע . . .

מ'דאַרף באַגרייפן, אַז דער קריג קעגן דער אויסערלעכער וועלט וועט קיינמאָל ניט אויפהערן, וועט קיינמאָל ניט קומען צו אַ שטאַנדשטיל. ווייל דער קריג איז פאַראורזאַכט ניט פון אַ פאַרבייגייענדיקן היסטאָרישן אומשטאַנד, נייערט פון דעם כאַראַקטער פון אונדזער עקזיסטענץ אַלס אַזעלכער, וועלכע מוז אָנהאַלטן אָט־די האַרטנעקיקע מלחמה אָן איבעררייס, אָן אַ הפסק.

דזש. אַרטהור טהאָמסאָן אין זיין ווערק „וואָס איז דער מענטש?״ שרייבט:

„ער (מענטש) קעמפט קעגן דעם וועטער, דעם קלימאַט, דעם שטורעם און דעם מאַנגל אין שפּייז״ (20).

אונדזער לעבן איז א קאַמף פאַרן לעבן, פאַר פאַרמערונג, געדיי־אונג. מיר קריגן קיין זאַך ניט אומזיסט, אָן אָנשטרענג, אָן ענערגיע־פאַרלוסט. מיר מוזן אַלץ נעמען מיט כוח. „צדיקים ווערן געשפּייזט איבערגעוואַלד״. מיר זיינען ניט זוכה פון הפקר. מיר ראַנגלען זיך מיט די כוחות פון דער נאַטור, פון דער אַרומיקער סביבה. בלויז די פאָרמען פון געפעכט ענדערן זיך אַביסל. זיי ווערן מער ציוויליזירט, מער צוועקמעסיק. זיי גיבן בעסערע רעזולטאַטן. אָבער דער קאַמף אַלס אַזעלכער איז אַן אייביקע קאַטעגאָריע. די נאַטור איז אַן „עמלק״ און דער קריג גייט אָן פון דור צו דור. יעדע גענעראַציע גיט איבער דער נאָכפאָלגנדיקער די געירשנטע פיינדשאַפטן, כעס׳ן, תרעומות און באַגאַנגענע עוולות. זי ליפערט איבער די פאַרנומענע פּאָזיציעס, די אויסגעשמידטע און געברויכטע כלי־זיין, די אויסגעפּרובירטע, און באַ־וויזענע צו זיין ניצלעך, תכסיסי־מלחמה. די יונגע גוואַרדייער פאַרנעמען די ערטער פון די אַלטע גוואַרדייער אין די טראַנשייעס. „עס איז דער קריג פון מענטשן״ — שרייבט באַקונין — „דעם אַרבעטער בר־דעת, כנגד דער מוטער נאַטור״ (21).

דעם בילדערישסטן און שטאַרקסטן אויסדרוק האָט דער דאָזיקער רעיון מכח דעם אייביקן קריג געקראָגן אין דעם באַרימטן ווערק „די פאַבל פון די בינען״ פון בערנאַרד מענדעוויל: „אַלע עלעמענטן זיינען אונדזערע שונאים, וואָסער דערטרינקט, פייער פאַרברענט די יעניקע וועלכע דערנענטערן זיך צו זיי אומגעשיקטערהייט. די ערד, אין טויזנטער פּלעצער, מאַכט וואַקסן פלאַנצונגען און קרייטעכער, וועלכע זיינען שעדלעך פאַרן מענטשן, בשעת זי נערט און צערטלט אַ מאַסע באַשעפענישן וואָס זיינען מזיקים; און זי דערלאָזט אַ גאַנצן לעגיאָן פון סם־המות׳ן זיך אויפצוהאַלטן אין איר. אָבער דער העכסט אומ־העפלעכער פון אַלע עלעמענטן איז דער אַן וועלכן מיר קענען ניט לעבן איין רגע ניט. עס איז גאָר אוממעגלעך אויסצורעכענען אַלע היזיקים, וועלכע עס טוט אונדז אָן דער ווינט אָדער דער וועטער. און הגם דער גרעסטער טייל פון דער מענטשהייט פאַרנעמען זיך מיט פאַרטיידיקן זייער מין פון דער אומ׳ברחמנותדיקייט פון דער לופט, דאָך זיינען קיין מי און קיין קונסט עד־היום ניט בכוח געווען צו געפינען א פאַרזיכערונג קעגן דער ווילדער רוגזא פון עפּעס אַ מעטעאָר. אמת, אוראַגאַנען צע־

הוליען זיך זייער זעלטן און ווייניק מענטשן ווערן איינגעשלונגען פון ערד־ציטערנישן, אָדער אויפגעפרעסן פון לייבן; אָבער בשעת מיר ראַטעווען זיך פון אָט־די גיגאַנטן־פורעניות, ווערן מיר פאַרפאָלגט פון אַנדערע אָנשיקענישן. וואָס פאַר א שלל איבזעקטן פייניקן אונדז; וואָס פאַר אַ מענגעס פון זיי באַליידיקן אונדז, דאַקוטשען אונדז — און זיי קומען אָפּ מיט גאָרניט. זיי שטעלן זיך ניט אָפּ פאַר קיין זאַך. זיי טרעטן אונדז מיט די פיס, זיי פּאַשן זיך אויף אונדז ווי טשערעדעס אין די פעלדער; און דאָך דולדן מיר זיי, אויב זיי זיינען מעסיק אין אויס־נוצן די געלעגנהייט... אָבער דאָ, ווידער, ווערט אונדזער רחמנות אַ פאַרברעכן, און זייער אכזריות און פאַראַכטונג טרעט אַזוי ווייט אַריבער די גרענעץ פון אונדזער מיטלייד, אַז זיי מאַכן פון אונדזערע קעפּ לאַ־גערס, און זיי פרעסן אויף אונדזערע עופ׳עלעך אויב מיר זיינען ניט טאָג־טעגלעך גענוג וואַכזאַם זיי צו פאַרפאָלגן און פאַרניכטן״ (22).

די דאָזיקע אוניווערסאַלע מלחמה האָט ניט קיין אויפהער און ניט קיין אָפּשטעל. כל־זמן עס איז פאַראַן אַ מענטש און עס עקזיסטירט אַן אויסערלעכע וועלט, וועלכע איז אַ ניט־מענטש, אַ ניט־איך, וועלן צווישן אָט־די צוויי פאַרקומען צוזאַמענשטויסונגען. די צוויי צדדים וועלן זיך אַלע מאָל אַרומרייסן, אַרומשלאָגן. מיט יעדער נייער צייט גיסט מען אָפּ נייע קאַנאָנען. מ׳בעסערט אויס די מלחמה־געצייג, מ׳פאַר־שפּיצט די סטראַטעגישע טעאָריע, מ׳פאַרברייטערט איר פּראַקטיק, די מאַנעוורעס. מיר אַלע זיינען מאָביליזירט. קיינער איז ניט אויסגע־שלאָסן. מיר טאָלערירן ניט קיינע דעזערטירן, קיינע אָפּטריניקע. מיר נעמען ניט אָן קיינע תירוצים, מ׳מוז אָנטאָן דעם יונ׳ישן געוואַנט. די גאַנצע מענטשלעכע משפּחה, אין איר פולן סך־הכול, אַלט, יונג און מיטל־יעריק, מענער און פרויען, אַלע באַטייליקן זיך אין אָט־דעם טאָטאַלי־טאַרן קאַמף אויף לעבן און טויט.

ר. בוכהאַנאַן שרייבט:

„אַלע יאָרהונדערטער פון דער וועלט האָבן געהאַט זייערע העלדן און מאַרטירער. מענטשן האָבן גערן מקריב געווען זייער לעבן, כאַראַק־טער און אַלץ־מיט־אַנאַנדער, פאַר די גלאָררייכע אונטערנעמונגען, וועל־כע זייערע רעליגיעזע השגות האָבן זיי באַפעלן דורכצופירן, אָדער זייער איינגעבוירענער מאָראַלער חוש האָט עס זיי געהייסן. עס זיינען אַלע מאָל געווען מענטשן וועלכע זיינען געווען גרייט צו גיין פאָראויס פאַר אַן אידעאַל און באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים מיט יעדער געפאַר, ווען זיי האָבן געפילט אַז דער געוויסן פאָדערט עס״ (23).

יחידים זיינען דאָ פון פאַרשיידענע מינים. אַנדערע זיינען העלדן, אַנדערע — פּחדנים. אַנדערע זיינען אומדערשראָקן, דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון זעלבסט־אָפּפער. זיי גייען מיט שטייפע טריט און גע־הייבענע קעפּ צו דער תליה. זיי שטרעקן אויס אַן פּחד זייער האַלדז צו דער פּעטליע אָדער האַק פון הענקער. זיי עקספּערימענטירן מיט זיך. זיי שפּריצן זיך אריין א גיפטיקן סערום. זיי שלינגען אַראָפּ באַצילן. זיי צאַלן מיט זייער לעבן פאַר דעם גרויסן צוועק פון אויס׳חורש׳ן די סודות פון דעם שונא, די נאַטור. אַנדערע, ווייטער, זיינען ווייניקער בראַוו. דער געפיל פון פליכט באַווועגט זיי ניט אַזוי שטאַרק. זיי ווילן בעסער בלייבן אין הינטערגרונט, אין אַריערגאַרד. זיי רוקן זיך ניט צו די פאָרנט־פּאָזיציעס, זיי שטופּן זיך ניט צו די ערשטע רייען, זיי מיידן אויס די געפאַר־ זאָנעס. זיי זיינען צופיל פאַרליבט אין זיך, אין זייערע אייגענע פּערזאָנען. זיי שלעפּן זיך פּאַוואָליקע און פאַרזיכטיק איבער די אויסגעטראָטענע שטעגן אויף יענער זייט פון דער פראָנט־ליניע. זיי פאַרמאָגן ניט קיין מוט, האָבן ניט קיין ווילנסקראַפט אַרויס־צוקומען און באַגעגענען דעם שונא, זיך פאַרמעסטן מיט די כוחות מיט אָט דעם גלית הפלישתי. אָבער די מענטשהייט אַלס אַ גאַנצע קעמפט קעגן איר פיינט אָן אָפּרו און אָפּלאָז פון סאַמע בראשית אָן. די מלחמה ציט זיך אַזוי לאַנג ווי די צייט און אַזוי ברייט ווי דער רוים. דער קריג איז אַן אייביקער און אַן אומעטומיקער, ער איז פּערמאַנענט און אוניווערסאַל.

דאָס אַלץ בנוגע דער פיזישער נאַטור. ווי האַלט עס מיט דער סאָציאַלער נאַטור ? פון דער ערשטער רגע ווי נאָר דער סאָציאַלער בנין איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַזוי האָט מען אים גלייך גענומען רעמאָנטירן, זיך מתעסק־זיין מיט דעם בדק־הבית. מ׳האָט אים גענומען איבערמאַכן, איבערפּלאַנירן. מיט אַנדערע ווערטער, וועלכע וועלן קלינ־גען מער מיליטאַריסטיש, דער קאַמף פאַר דער דעראָבערונג פון דער סאָציאַלער וועלט גייט אָן פון ששת ימי־בראשית. מיט יעדער עפּאָכע ענדערן מיר אונדזערע מיליטערישע פּראָיעקטן, אונדזערע מאַניפּולאַציעס. מיר מאָדיפיצירן אונדזערע סכעמעס פון אַנגריף און אינוואַזיעס. אָבער די שרענגעס שטייען אויסגעשטעלט, די קאַנאָנען ברומען. די ליידנשאַפטן טוישן זיך. די פּאַראייניקונגען ענדערן זיך, אָבער דער קאַמף קעגן דער סאָציאַלער נאַטור ווערט פאַרגעזעצט אָן אָפּשוואַך, אָן דערלייכטער. מ׳איז ניט מפסיק אין מיטן דעם קאַמף אויף איין סעקונדע ניט. כל זמן עס עקזיסטירט און פונקציאָנירט אַזאַ אַנשטאַלט ווי אַ געזעלשאַפט אָדער אַ שטאַט און עס איז פאַראַן אַזאַ מהות ווי אַ יחיד, מוזן פאַר־

קומען רייבונגען, מוזן זיך אַרויסווייזן ווידערשפּרוכן און קעגנזאַצן — און פון זיי איז דאָך ניט ווייט צו צוזאַמענשטויסונגען.

ע. דזש. אורוויק אין זיין ווערק „די פילאָזאָפיע פון געזעלשאַפט־לעכן פּראָגרעס" שרייבט: „נאַטירלעך גיבן מיר אַלע צו אַז יעדער איינער פון אונדז אַלס אַ באַזונדערער זעלבסט איז קעגנגעזעצט צו דער געזעלשאַפט אַלס אַ קאָלעקציע פון זעלבסטן. מיר מוזן האָבן פאַר־שיידענע צילן; אייניקע פון די פאַרלאַנגען פון יעדן עגאָאיסטישן אינדיווידו וועלן געוויס זיך צוזאַמענשטויסן מיט די פאַרלאַנגען פון דער סאָציאַלער קערפּערשאַפט" (24).

לעת עתה קען עס אַנדערש ניט זיין, סיידן דער יחיד וואָלט זיך נעמען לגמרי אידענטיפיצירן מיט דעם רבים.

די מעגלעכקייטן פון דעראָבערונג פון דער סאָציאַלער נאַטור וועלן אַלע מאָל מיניען פאַר אונדזערע גייסטיקע אויגן פון־דער־ווייטנס, זיי וועלן אונדז אָנלאָקן ווי אַ טרוים פון אַ פראָפעטיש־ווייטער צוקונפט. מאַרקס האָט אָנגערופן אָט־דעם קאַמף קעגן סאָציאַלער נאַטור „קלאַסן־קאַמף". דער נאָמען איז ניט קיין פאַסיקער. ריכ־טיקער, ער האָט אַוועקגעשטעלט אַן איינצלהייט אָנשטאָט אַ פאַר־אַלגעמיינערונג. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף איין דעטאַל פון דעם אוניווערסאַלן פּראָצעס און האָט פאַרזען די עיקר־זאַך, דעם אוני־ווערסאַלן פּראָצעס. דער קלאַסן־קאַמף איז בלויז אַן אומוויכטיקער עפּיזאָד אין דער קאָלאָסאַלער עפּאָפּייע פון סאָציאַלן קאַמף, וועלכער איז, ווייטער, בלויז איין אַקט פון דער גרויסער לעבנסדראַמע, וועלכע ווערט אויפגעפירט אויף דער בינע פון דאַזיין, אַ דראַמע פון קאָנ־פליקטן און ראַנגלענישן. דער פּראָלאָג און עפּילאָג פון אָט־דעם שוישפּיל, די פאַרקניפּונג און פאַנאַנדערבינדונג זיינען פאַרהוילן פון שכל'ס און זיכרונ'ס אויג.

דזש. ארטהור טהאָמסאָן שרייבט:

„די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע דיסהאַרמאָניעס זיינען אַזוי רייך אין צאָל און אַזוי פאַרוויקלט, אַז בלויז אייניקע פון אונדז זיינען געניג מומ־חים־רופאים צו וויסן די קרענק און קיינער פון אונדז ווייסט ניט מער ווי עפּעס אַ שטיקל תרופה" (25).

עס זיינען דאָ רפואות און תרופות אָבער זיי קענען האָבן אַ פעולה אויף די ספּעציפישע מכות, זיי זיינען גוט צו היילן געוויסע שלאַפקייטן. זיי קענען אָבער ניט אימוניזירן דעם סאָציאַלן אָרגאַניזם קעגן חולשות בכלל. ער מוז זיין און וועט זיין עלול צו געוויסע שוואַכקייטן. און

ווען מ׳היילט אויס איין קראַנקייט דורך בייטן דעם רעזשים, באַווייזט זיך אַן אַנדער מחלה, וועלכע איז אַ פּועל־יוצא פון נייעם רעזשים.

דעריבער איז די באַהויפּטונג, אַז דער סאָציאַלער קאַמף וועט זיך אויסשפּילן, אַז דער פייער און פלאַם פון די סאָציאַלע קאָנפליקטן וועלן אויסגעלאָשן ווערן גלייך ווי מיר וועלן איינפירן אַ גאולה־וישועה סיס־טעם, — איגנאַנצן גרונטלאָז. זי פּאַסט זיך בשום אופן ניט אַריין אין אַ וויסנשאַפטלעכן בליק אויף זאַכן. דער געדאַנק, אַז דער אויפהער פון די סאָציאַלע קריגערייען אויף אַט דעם סעקטאָר פון פּראַנט וועט אונדז געבן אַ געלעגנהייט איבערצושטעלן אונדזערע מחנות און אַריבער־שיקן חיזוקים צו דעם פיזישן פראָנט — איז לחלוטין פאַנטאַסטיש. דאָס איז אַ פּראָפּעטיש־רעליגיעזע אידייע, דאָס קען אָבער בשום אופן ניט ווערן אַ וויסנשאַפטלעכער טעזיס.

די רעליגיעזע דענקער און טרוימער האָבן, אמת, געהאַט אַזאַ צו־גאַנג צו דער סאָציאַלער און דער פיזישער וועלט. זיי האָבן געגלויבט, אַז אַלע שטערענישן און פאַרווירענישן פון דעם פיזישן און סאָציאַלן באַשאַף זיינען בלויז „היסטאָרישע", ניט קיין לאָגישע קאַטעגאָריעס, בלויז צופעליקע פאַרפּלאָנטערנישן, וועלכע וועלן באַזייטיקט ווערן. פּינקטלע־כער, זיי זיינען געווען זיכער, אַז אַט־די תקלות און מכשולים האָבן ניט קיין ממשות. דעריבער האָבן זיי געקוקט אויף דעם מענטשנס קאַמף קעגן דער נאַטור ווי אויף עפּעס ציטווייליקעס, אַ לפי־שעה זאַך. דער קאַמף האָט זיך אָנגעהייבן נאָך דעם ערשטן דורכפאַל פון אדמ׳ען. דער קאַמף איז א רעזולטאַט פון דעם כשר־פאַרדינטן פּסק, וועלכן ער האָט געכאַפּט. דאָס איז אַ טייל פון דער קללה, וועלכע האָט זיך אויס־געגאָסן אויף דעם מענטשקינד און אויף דער מוטער־ערד. די זינד האָט גורם געווען דערצו, אַז עס זאָל ניט זיין מער קיין שלום־בית צווישן דער מוטער און דעם קינד. זיי האָבן ביידע אָנגעפאַנגען אַן אַנטאַגאָ־ניסטישן קורס. די נאַטור האָט גענומען טאָן דעם מענטשן אַלץ אויף צו להכעיס. זי איז געוואָרן אַ פאַרשאָלטענע, אַן ארורה. אין דעם שווייס פון זיין פּנים מוז דער מענטש עסן זיין ברויט, מחמת די מוטער איז מלא־חמה און זי אַנטזאָגט זיך צו געבן אים אירע געוויקסן, אירע פּראָדוקטן, וועלכע זי האָט אים געגעבן פאַר דעם מיט דער פולער און פרייער האַנט אָן אָפּצאָל. די אויסלייזונג מיינט די צוריקאויפריכטונג פון די גאָר ערשטע אידעאַלע באַדינגונגען און פאַרהעלטענישן. אַ ניי־אַלטע פאָרם פון לעבן וועט צוריק איינגעפירט ווערן. די פיזישע נאַטור וועט ווערן רעהאַביליטירט. זי וועט קומען צוריק צו איר פאַר־צייטיקן מצב. דער מענטש וועט ניט אַקערן און וועט ניט זייען. ער

וועט זיך ניט דערנידערן צו דעם אַז ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט פּשוט'ער אַרבעט און דערמיט פאַרשווערכן זיין מאַיעסטעטישע חשיבות אַלס דער געקרוינטער פּרינץ פון גאַנצן באַשאַף. די פרייגיביקע נאַטור וועט פאַנאַנדערפּענען אירע שפּייכלערס, וועלכע זיינען פול מיט כל־טוב, זי וועט פאַנאַנדערפראַלן די טירן פון אירע לאַגער־הייזער און אַ שפע פון מתנות וועט זיך אַ גאָס טאָן פון דאָרטן אין אַן אומענדלעכן שטראָם. די ביאָלאָגישע נאַטור וועט ניט בלייבן הינטערשטעליק. זי וועט זיך רעס־טאַווּרירן. זי וועט קריגן צוריק אירע בתולים, אירע „מיידלשע כוחות". טויט וועט ווערן אָפּגעשאַפט. עס וועלן מער ניט זיין קיינע לאָמע, בלינדע, טויבע, שטומע אָדער אַנדערע בעלי־מומים. דער קערפּער וועט דערגרייכן צו שלימות. די ברכה פון עטישער, פּסיכאָלאָגישער און לאָגישער פּערפעקציע וועט מקויים ווערן: אַלע וועלן זיין געלערנט. אַלע וועלן זיין פאַנסאָפיסטן, אַלצווייסער, אַלצקענער. דאָס גאַנצע פאָלק וועט באַשטייען אויסשליסלעך פון צדיקים, וויסנשאַפטלער, קינסטלער און נביאים (ירמיה ל"א, ל"א־ל"ב). און ניט בלויז אויף די מענטשן וועלן חל זיין אָט די ברכות און הצלחות, אויך די קעגנשטאַנדן וועלן זיך ענ־דערן, זיי וועלן קריגן זייער חלק אין דער וועלט־פאַרשטענדעניש, וועלכע וועט זיין פול ביז צום איבערגיסן זיך (ישעיה יא, ט). עס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז די סאָציאַלע נאַטור וועט ניט סאַבאָטירן. זי וועט גערן מיטהאַלטן.

פאַר דעם יידישן נביא זיינען אַזעלכע פּערספּעקטיוון פונקטן פון זיין פּראָגראַם־מינימום. אָט די גליענדיקע וויזיעס פליסן אַרויס אַלס קאָנסעקווענצן פון זיינע גרונטלאַגן, פון זיין וועלט־באַנעם. די רעלי־גיעזע דענקער און טרוימער זיינען געווען אויסגעהאַלטן. ביי זיי איז דער אויסגאַנגס־פּונקט די פולע פּערפעקציע, וועלכע איז געווען דער אָנהייב און תמצית פון אַלץ, און דער סוף דאַרף שטימען און וועט שטימען מיטן אָנהייב.

אָט וואָס פּרודאָן שרייבט:

„גאָט איז דער דערהייבנסטער אויבערהערשאַפטלעכער אידעאַל, די אויבערהערשאַפטלעכע שלימות, די אויבערהערשאַפטלעכע שיינקייט, די אויבערהערשאַפטלעכע גליקלעכקייט . . . גאָט, איז ער דען ניט, באמת, דער אידעאַל פון באַשטאַנד, פון מאַכט, פון חכמה, פון גוטסקייט, פון גערעכטיקייט, דער אוניווערסאַלער אידעאַל" (28).

ביי דעם בראשית שטייט די פולשטענדיקע פולקומענהייט. דער מיטן צייגט אַ מין אַראָפּזינק, וועלכן עס האָט פאַראורזאַכט אַן אומגליק־לעכער צופאַל, אַ שלאַנגען־אָנריידעניש. ביי דעם 'אחרית' געפינט זיך

די אייגענע פולשטענדיקע פולקומענהייט. די רעליגיעזע טרוימער האָבן געזען מיט זייערע גייסט־אויגן די נאָרמאַליזאַציע פון מענטשן, קעגנשטאַנד, דערשיינונג און פּראָצעס. די יהוה־אינספּירירטע נביאים האָבן פאָראויסגעזאָגט וועגן דעם אחרית־הימים. זיי האָבן געלעבט אין דער ווייטער צוקונפט. פאַר זיי האָט ניט עקזיסטירט דער אָפּגרונט וועלכער טיילט אָפּ פאַקט פון פיקציע, ווירקלעכקייט פון איינבלידונג. זייערע פליגלען פון פאַנטאַזיע זיינען געווען אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן האָריזאָנט פון גלויבן. זיי האָבן זיך געטראָגן גלייך צו דער זון פון דער אַלפּראַכט, אַלמאַכט און אַלדאַכט.

מאַרקסיזם וויל אָבער זיין וויסענשאַפטלעך. ער איז ניט קיין רעליגיעז עטישער אידעאַל, נייערט אַ פּאָליטישע לערע, אַזוי פאַרזיכערט ער אונדז. ער איז ניט אָריענטאַל, נייערט אָקצידענטאַל. ער קען זיך ניט פאַרגלייכן מיט די מזרח־פּראָפעטישע אידיש־נביא׳ישע באַשטרעבונגען. זיינע מעטאַסאָציאָלאָגישע פליגלען זיינען צו שוואַך פאַר אַזאַ סטראַטאָספערישן שוואונג. ער מוז, נעבאַך, אַליין צוגעבן אַז דער קאַמף קעגן דער פיזישער נאַטור וועט אָנהאַלטן אויף דור דורות. אַלץ וואָס ער דערלויבט זיך איז צו פאַרזיכערן אַז דער אָפּשאַף פון סאָציאַלן קריג איז אין זיין רשות. ער זאָגט צו צו עטאַבלירן אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט. און דאָ צייגט דער מאַרקסיזם זיין מעטאַפיזישן, ד. ה. מעטאַסאָציאָלאָגישן כאַראַקטער. דערצו ליידט ער נאָך פון זיין האַלבוועגיקייט, וואַקלדיקייט, אומאַנטשלאָסנקייט. וויבאַלד די פיזישע נאַטור בלייבט אומפולקומען, קריגעריש, טאָ ווי אַזוי איז עס גאָר מעגלעך צו טראַכטן וועגן אַ פולקומענער פרידלעכער סאָציאַלער נאַטור. וויבאַלד דער קאָסמאָס בלייבט ווי געווען, וועט די מענטשלעכע נאַטור, וועלכע איז אַ טייל פון באַשאַף אויך בלייבן ווי זי איז געווען. און וויבאַלד אַזוי ווי איז עס מעגלעך, אַז מענטש זאָל דערגרייכן צו פרייהייט, גוטסקייט און יושר׳דיקייט און ער זאָל איבערלאָזן הינטער זיך „דאָס קעניגרייך פון נויטווענדיקייט״, פון אומרעכט, פון שלעכטס ,ווי פ. ענגעלס האָט אונדז פאַרשפּראָכן. מאַרקסיזם זעט זעאונגען, אָבער בלויז מיט איין אויג, מיט דעם לינקן שליעפּעוואַטן אויגעלע. אָט די טיילן פון מאַרקסיזם דאַרפן הייסן „מאַרקסנטום״, וועלכער איז א בבא־מעשה וואָס ווערט פאַרציילט אין בית־השמשות פון אבערגלויבעריי. עס איז אַ לעגענדע וועלכע ווערט אריינגעראַמט אין אויער פון די מיליאָנען דערוואַקסענע־ניט־דערוואַקסענע קינדער.

הענרי נאָעל ברייּלספאָרד אין זיין ווערק „אייגנטום אָדער פרידן״ פאַרזיכערט אונדז : „דאָס וועט זיין אַ ראַציאָנאַלע געזעלשאַפט וועלכע

שאַפט אַפּ קלאַסן און בויט אַ שעפערישן פרידן אויף דעם יסוד פון קאָאָפּעראַציע פון אַלע די וואָס אַרבעטן״ (29).

נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט אונדזערע אומגעהויער גרויסע דער־גרייכונגען אין טעכניק און די נעבעכדיקע אויפטואונגען אין דעם סאָציאַלן תחום, האָבן מיר געדאַרפט, גיכער, ריידן מכוח דער באַלדיקער דעראָבערונג פון דער פיזישער וועלט, מכוח דעם קאָסמישן „אחרית הימים״. מיר קענען, מיט מער רעכט, זיך אַרומטראָגן מיט דער אידייע פון פיזישע ימות־המשיח און זאָגן אַז אַזוי גיך ווי מיר שליסן שלום מיט דער אויסערלעכער וועלט, נאָך דעם ווי מיר האָבן אויסגעפילט דעם באַפעל „וכבשוה״, וועלן מיר האָבן צייט, וואַקאַנטע ענערגיע און פרייע אויפמערקזאַמקייט זיך אָפצוגעבן מיט די סאָציאַלע פּראָבלעמען. דער סאָציאַלער פּראָגרעס הינקט אַזוי שטאַרק, אַז עס איז, פשוט, אַ שרעק. וועלכער „תם״ אָדער „שאינו יודע לשאול״ וועט גיין פאַרגלייכן אונד־זערע אויפטואונגען אין דער פיזישער טעכנאָלאָגיע מיט אונדזערע דער־גרייכונגען אין דער „סאָציאַלער טעכניק,״ אויב דער לעצטער טערמין האָט וועלכן עס איז פּראַקטישן ווערט. עס איז דאָך הכול מודים אַז סאָציאָלאָגיע, טעאָרעטישע און אַנגעווענדטע, שטייט אַפּ פון אַזאַ דיס־ציפּלין ווי פיזיק, די מאָדערנע קעניגין פון די וויסנשאַפטן, אויף אַ מהלך פון טויזנטער תחום־שבתן. און אויב שוין נביאות־זאָגן מכוח דעם משיח־אַנקום האָבן מיר עס געדאַרפט טאָן בנוגע דער פיזישער סביבה. אַזעלכע פּראָפעצייאונגען וואָלטן פאַרמאָגט כאָטש עפּעס אַ שטיקל גרונט אונטער זיך. מיר האָבן געקענט קומען צום עולם און אים פאַרזיכערן, אַז די נייע דערפינדונגען וועלן לייזן אַלע פּראָבלעמען. זיי וועלן אַראָפּ־נעמען דעם טעלערל פון הימל. זיי וועלן אויפעפענען נייע אוצרות פון ענערגיע, וועלכע וועט גאַרניט קאָסטן. און אַזוי אַרום וועט זיך אָפּטאָן די קללה, מיט וועלכער דער כעסן, דער רבונו־של־עולם האָט פאַרשאָלטן אָדמ'ען און די ערד. וויבאַלד מיר וועלן פּטור ווערן פון אַרבעט, פּראַצע, וועלן פון זיך אַליין פאַרענטפערט ווערן אַלע געזעלשאַפטלעכע פּראַגן, וועלכע זיינען, נאָך אַלעמען, בלויז פּועל־יוצא'ס פון פיזישע פּראָבלעמען. ווען מיר, למשל, לייזן די אַרבעט־פּראָבלעם, ד. ה. שאַפן אַפּ אַרבעט בכלל, וועט, ממילא, ניט עקזיסטירן מער די אַרבעטער־פּראַגע, ווייל עס וועלן ניט זיין קיין אַרבעטער און קיין אַרבעט־געבער.

עס איז לייכט צו באַגרייפן פאַרוואָס די „פיזישע טעכניק״ „פּאַרט אין קאַרעטן״ איבערן געפּלאָסטערטן גלייכן שליאַך בשעת סאָציאָלאָגיע שלעפּט זיך צופוס איבער בלאָטיקע קרומע וועגן. עס איז פיל גרינגער צו באַצווינגען די אינאָרגאַנישע פּראָצעסן און דערשיינונגען איידער

צו אונטעריאָכן די אָרגאַנישע. נאַאיווע מענטשן מיינען פונקט פאַר־קערט: וויבאַלד די סאָציאַלע אינסטיטוציעס זיינען געשאַפן פון מענטשן, לכן קענען די מענטשן זיי אָן פיל מי איבערשאַפן, איבערמאַכן זיי לויט דעם מענטשנס פאַרלאַנג און פאַרשטעלונג. דער טעות נעמט זיך פון ניט פאַרשטיין די פסיכאָלאָגיע און כאַראַקטער פון מענטשן. „זיי באַ־גרייפן די מענטשן", — זאָגט ספּינאָזע — „ניט ווי זיי זיינען, נייערט אַזוי ווי זיי וואָלטן וועלן, אַז זיי זאָלן זיין. פון דעם נעמט זיך עס . . . וואָס זיי אַרבעטן קיינמאָל ניט אויס אזעלכע פּאָליטישע טעאָריעס, וועלכע וואָלטן קענען זיין פון נוצן, נייערט אַזעלכע, וועלכע זיינען כימערעס, אָדער וועלכע מ'וואָלט געקענט געפינען אין אַ אוטאָפּיע, אָדער אין דעם גאָלדענעם צייטעלטער פון די פּאָעטן, ווען, עס איז זעלבסט־פאַר־שטענדלעך, מ'האָט זיי אינגאַנצן ניט געדאַרפט" (30).

די סאָציאַלע אַנשטאַלטן זיינען דאָך געשאַפן געוואָרן פון מענטשן אין מערצאָל. און וואו עס איז דאָ אַ רבים, מוזן זיין רייבונגען. מיי־נונג־פאַרשיידנהייטן און מחלוקתן. סיידן מ'נעמט דעם מענטשן אַלס אַ מלאך, ניט אַלס אַ בשר ודם מיט פּערזענלעכע פּניות, מיט אייגענע אינטערעסן. דער יחיד אַלס אַזעלכער איז ניט אינגאַנצן סאָלידאַריש מיט זיך אַליין, אַפּשיטא שוין מיט דעם מיטמענטשן, מיט די מיטבירגער, מיט די לאַנדסלייט.

אָט וואָס טהאָמאַס פון אַקווין שרייבט: „די מענטשלעכע מאַכט איז זייער אומפּולקומען; ווייל זי איז איינגעוואָרצלט אין די ווילנס און מיינונגען פון מענטשן, אין וועלכע אָן אומבאַשטענדיקייט איז גאַנץ מערקעווודיק; און וואָס גרעסער די מאַכט אַלץ גרעסער איז די צאָל פון די יעניקע פון וועמען זי הענגט אָפּ; און דאָס איז נאָך אַ קוואַל פון שוואַכקייט, ווייל דאָס, וואָס עס הענגט אָפּ פון פילע, קען ווערן צעשטערט אויף פילע אופנים" (31).

סאָציאַלע אַנשטאַלטן איז שווער צו רעפאָרמירן, ווייל הינטער די אַנשטאַלטן שטייען מענטשן, סוביעקטן פון אבערגלויבערייען, פון אייגנ־נוץ. און דאָס מאַכט די לאַגע פון דעם רעוואָלוציאָנער־רעפאָרמאַטאָר זייער שווער.

בענדזשאַמין פרענקלין ציינט אָן אויף די שוועריקייטן מיט וועלכע מיר באַגעגענען זיך, ווען מיר פאַרנעמען זיך מיט קהל'שע ענינים און מיט קהל. „ווען איר קלייבט צונויף א צאָל מענטשן, בכדי צו נוצן זייער פאַראייניקטע קלוגשאַפט, קלייבט איר אומפאַרמיידלעך צונויף צו־זאַמען מיט די דאָזיקע מענטשן אַלע זייערע פאָראורטיילן, זייערע ליידנ־

שאַפטן, זייערע פאַלשע מיינונגען, זייערע לאָקאַלע אינטערעסן און זיי־ערע אייגננוצלעכע השגות" (32).

אַ סאָציאַלע אינסטיטוציע באַקומט זיך אַלע מאָל אַלס אַ רעזולטאַט פון אַ געמאַכטער פשרה. איין כוח ציט אַהער, דער צווייטער אַהין, אַזוי אַז דער אַנשטאַלט בלייבט שטיין ערגעץ אין מיטן. סאָציאַלע איינ־ריכטונגען ווערן ניט געשאַפן מיט איין כוונה, נייערט מיט פילע כוונות וועלכע קאָנפליקטירן. זיי ווערן געבוירן אין סאָציאַלן געפעכט, צוזאַמענ־שטויס פון כוחות און זיי טראָגן אויף זיך דעם חותם פון אַט־דער קללה פון ווידערשפרעכיקייט, קעגנגעזעצטקייט. זיי זיינען קיינמאָל ניט דורכ־געטראַכט ביזן סוף, אויסגעהאַלטן. זיי זיינען פראָדוקטן פון מחלוקתן, וועלכע ווערן ניט געפירט לשם־שמים, נייערט לשם גרופן, קלאַסן און פערזאָנען אייגננוץ. סאָציאַלע אַנשטאַלטן ווערן ניט נאָר געשאַפן, אויך רעפאָרמירט, רעוואָלוציאָניזירט אין געפעכטעריי, זיי ווערן צעשמעטערט אין רייסעניש, אין בייסעניש. קנאה שנאה איז דער סימן מובהק פון דעם געמיינשאַפט־לעבן. ווייל די געמיינשאַפט באַשטייט פון יחידים, וועלכע הויזן ניט איינער מיט דעם אַנדערן און הויזן ניט יעדערער מיט זיך אַליין.

ספינאָזע כאַראַקטעריזירט די מענטשן: „מענטשן זיינען שוין אַזוי געבויט, אַז זיי האָבן רחמנות אויף די, וועמען עס איז שלעכט, און זיינען מקנא די, וועמען עס איז גוט; און זיי זיינען מער געבייגט צו פולסטער גאווה ווי צו יושר, און, נאָכמער, וואָס יעדערער איינער וואָלט וועלן אַז אַלע זאָלן לעבן לויט זיין פאַרשטאַנד נאָך און זאָלן מסכים זיין מיט דעם וואָס ער איז מסכים, און זאָלן פאַרוואַרפן דאָס וואָס ער פאַרוואַרפט. און דעריבער פאַסירט עס אַז אַזוי ווי יעדערער וויל זיין דער הויפט, נעמען זיי זיך קריגן און פלייסן זיך מיט כל הכוחות קעגנזייטיק אַנצוטאָן צרות איינער דעם אַנדערן; און דער ווער עס קומט אַרויס דער זיגער איז מער שטאָלץ אויף דעם שאָדן, וואָס ער טוט אָן אַנדערע, ווי אויף דעם גוטס וואָס ער טוט זיך אַליין." (33)

אָט אַזוי זיינען מענטשן. זיי זיינען ווייט פון צו זיין, אין דורכשניט, עטישע פערזענלעכקייטן, גרויסע צדיקים. און ווען מ'טראַכט צו אַזעלכע רעפאָרם־פּלענער, וועלכע שטיצן זיך אויף הויכע עטישע פאָדערונגען, און מ'מיינט אַז איינס און צוויי, דורך אַ געלונגענער רעוואָלוציע, וועט מען זיי דורכפירן אין לעבן — מוז מען זיך אָפּנאַרן, מוז מען איבער־לעבן פינצטערע אַנטוישונגען.

אין דער פיזישער וועלט געפינען מיר זיך אויף אַ צוויי־טעראַסן־פלאַך. די עלעמענטן פון אַ מעכאַניזם, פון אַ מאַשין האָבן ניט קיין

אייגענעם ווילן, קיין אייגענע איניציאַטיווע. זייער עובדא איז אויס־צופילן אַ באַשטימטע פונקציע, פאַר וועלכן צוועק זיי זיינען לכתחילה געמאכט געוואָרן. זיי זיינען „לכך־נוצרת״ ברואים. זייער דערפינדער אָדער מעכאַניק שטייט העכער פון זיי מיט צען קעפּ. ער האָט וויזיע, ער פאַרמאָגט פאַרשטאַנד. ער טראַכט, פאַרטראַכט און טראַכט אויס. מיט איין וואָרט, ער שאַפט זיך אַ גולם, אַן אויטאָמאַט. דער באַשעפער באַהערשט אינגאַנצן זיין באַשעפעניש. אין דער סאָציאַלער וועלט גע־פינען מיר ניט אַזאַ צעשיידונג־ליניע צווישן דעם דערפינדער, אינזשע־ניר, און דאָס דערפונדענע. זיי שטייען ביידע אויף איין ניוואָ וואָס איז שייך זייער ׳מענטשטום׳. וואָס זיי זיינען, זיינען זיי, אָבער שטיקלעך מענטשן זיינען זיי.

נאָך מער, וואָס דער מענטש, אַלס אַזעלכער, איז, באמת, ניט קיין פולמאָסיקער סאָציאַלער וועזן. ער איז אי סאָציאַל אי ניט־סאָציאַל. אויף אייניקע געביטן האַנדלט ער ווי אַ סאָציאַלער בעל־חי, אויף אַנ־דערע ווי אַן אינדיוויד־עגאָאיסט און אויף גאָר אנדערע ווי אַן אינטער־אינדיווידואַליסט. מיט איין וואָרט, דער מענטש איז אַ דריילינג אין איין פּערזאָן. ער קען זיך דערלויבן צו באַגיין אַ פאַרברעכן קעגן זיין געמיינשאַפט און אפילו קעגן זיך אַליין, קעגן זיין אייגענער קאָנסטיטו־ציע און פיזיאָלאָגישן און פּסיכאָלאָגישן איינשטעל.

אָט ווי באַקונין באַשרייבט דעם מענטשן אין קאָנטראַדיסטינקציע פון די סאָציאַלע בעלי־חיים.

„ביי די מוראַשקעס, ביי די בינען פּרעדאָמינירט טוגנט, ווייל זייער סאָציאַלער אינסטינקט באַצווינגט אינגאַנצן זייער אינדיווידועלן אינ־סטינקט... מיט דעם מענטשן איז עס גאָר אַן אַנדער זאַך... סיי אייגנ־נוציקייט און סיי געזעלשאַפטלעכקייט זיינען ביידע אַ סך מעכטיקער אין אים, און זיי זיינען אַ סך ווייניקער אַפּטיילבאַר אידער דער פאַל איז ביי די נידעריקערע גאַטונגען פון די בעלי־חיים״ (34).

די אייגענע באַשרייבונג, הגם מיט אַנדערע ווערטער, געפינען מיר ביי סאמועל פאָן פופענדאָרף:

„. . . קיין איינער פון די בינען וועט קיינמאָל ניט איינפאַלן דער געדאַנק איבערצובויען איר קעמערל אַנדערש ווי די אָנגענומענע זעקס־ווינקלדיקע פיגור; בשעת, וואָס איז שייך מענטשלעכער פּאָליטיק, זיי־נען פאַראַן פילע וועלכע דענקען אַז זיי זיינען קליגער פון זייערע מיט־מענטשן, און זיי קענען ניט פאַרטראָגן די איצטיקע לאַגע, און זיי ווילן, אַז מ׳זאָל איינפירן ענדערונגען אין דער רעגירונג. און לויט די אונ־טערשיידן פון די אורטיילן אַרבעטן זיי אויס פאַרשיידענע פּראָיעקטן

ווי אַזוי צו שאַפן פאַרשיידנאַרטיקע מאָדעלן אָדער מאַכן רעפאָרמען, יעדערער אויף זיין שטייגער. און דער פועל יוצא פון דעם אַלעם איז אומרוען אין דעם שטאַט און דערנאָך אַ בירגער־קריג" (35).

אַזוי איז עס טאַקע. דער סאָציאַלער טעפּער און דער סאָציאַלער טאָפּ, וויבאַלד זיי זיינען דאָך ביידע געמאַכט פון דעם זעלביקן ליים, בייטן זיך מיט די ראָלעס און שטייען פּנים אל פּנים איינער צום אַנדערן ניט נאָר אין דעמאָקראַטישע לענדער, נאָר אפילו אויך אין דיקטאַטאָרישע. נאָך מער, וואָס בשעת די איבערגאַנג־פּעריאָדן, וועלכע קומען פאָר מיט ניט צו לאַנגע אינטערוואַלן, נעמט דער סאָציאַלער טאָפּ טענהן, פּילדערן, אַז ער וויל ווערן אַ טעפּער און ער קען נעמען דעם געוועזענעם טעפּער און אים אָדער צעשמעטערן אויף שערבלעך אָדער איבערקנעטן און מאַכן פון אים אַן איינפאַכן טאָפּ. נאַטירלעך, אַזעלכע „שאַלקהאַפטיקע רייד" ווערן אַריינגערעדט אין ליימענעם טאָפּ און דערנאָך רעדט ער עס אַרויס. דער אריינריידער איז איינער וואָס האָט בדעה צו ווערן א „טעפּער", און ער שמועסט עס איין דעם ליימענעם טאָפּ אַז איצט קומט די צייט ווען מ'וועט צעברעכן אַלע טעפּער. פון אַזעלכע מחשבות'ן און דיבורים מוז קומען צו צוזאַמענשטויסונגען, צו בירגער־געשלעגן.

וויפיל גרופּירונגען, אַזויפיל פּראָיעקטן פאַר דעם איבערבוי פון דער געזעלשאַפט. די סיכסוכים האָבן איין מעטאָד פון שליכטונג: דאָס איז קאַמף. ווער עס איז שטאַרקער דער בלייבט דער גערעכטער. אָבער בכדי אויסצוגעפינען ווער עס איז באמת דער גברן, דאַרף מען זיך אַ מעסט טאָן מיט די כוחות, ד. ה. פּשוט, געבן קלעפּ איינער דעם אַנדערן.

אוליססעס ג. וועטהערלי אין זיין ווערק „סאָציאַלער פּראָגרעס" גיט אַזאַ בילד פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג:

„אין דער פּאָליטישער סיסטעם נעמט די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און פּרעסט אַריין ביסלעכווייז אין מעכאַנישע פורעמס דעם פּריש־צאַפּלדיקן ענטוזיאַזם פון וועלכן די באַוועגונג איז לכתחילה אַרויסגעקומען, און די ביוראָקראַטישע אַדמיניסטראַציע ווערט דער מאָדוס פון פאַרוואַלטן מיט קאָלעקטיווע אָנגעלעגנהייטן" (36).

דאָס קען פּאַסירן אָבער בלויז טיילווייז און צייטנווייז. בכלל קען קיין מעכאַנישער פורעם ניט איינהאַלטן אַ לאַנגע צייט די זודיקע ענער־גיע פון דער געמיינשאַפט. סאָציאַלע אַנשטאַלטן קענען ניט אַזוי רוטי־ניזירט ווערן, אַזוי פאַרהאַרטעוועט ווערן, אַז דורך זיי זאָל אויפהערן צו פליסן דער בלוטשטראָם פון געזעלשאַפטלעכן קערפּער מיט זיין העכע־רער און נידעריקערער טעמפּעראַטור און דרוק. די פּראָצעסן פון סאָ־

ציאַלער פאַרדייאונג, אַסימילירונג פון נייע שטאָפן, אויסטויש פון עלע־מענטן, מוזן פאַרקומען באין־מפריע. די אינסטיטוציעס לעבן, פונקציאָנירן דורך מענטשן, דורך באַשטימטע גרופּירונגען פון מענטשן. און די לעצטע קענען קיינמאָל ניט ווערן אינגאַנצן פאַרגליווערט, אינגאַנצן קאָנסערוואַטיוו. אַ טייל פון זיי מוזן רעוואָלטירן, זיך בונטעווען, זיך לאָזן זוכן נייע וועגן, נייע מעטאָדן, נייע שטייגערס.

דזשאָהן סטאַרק אין זיין ווערק „מענטש און ציוויליזאַציע" שרייבט:

„מיטגלידער פון די גאַטונגען זיינען פאַרשיידן בנוגע דער מאָס אין וועלכער זיי באַזיצן אינדיווידועלע שטריכן, ווי אויך וואָס־אַנבאַ־לאַנגט דעם פּינקטלעכן אופן אין וועלכן אַט־די שטריכן ווערן אַסאָציאירט בכדי צוזאַמענצושטעלן דעם גאַנצן אינדיוויד" (37).

וויליאַם גאדווין זאָגט:

„דער גרויסער פּרינציפּ פון אָריגינאַליטעט דאָס איז די זעל פון מענטשן" (38).

וויפיל מ'זאָל די מענטשן ניט רעגלאַמענטירן, וויפיל מ'זאָל ניט דיקטאַטורעווען איבער זיי, וויפיל מ'זאָל זיי ניט מושטרעווען, וועלן זיי נאָך אַלץ בלייבן שטיקלעך מענטשן, סוביעקטן מיט אייגענע ווילנס, פאַר־לאַנגען, באַגערן, אויסטראַכטונגען און איינבילדונגען. עס איז ניטאָ אַזאַ כוח אויף דער וועלט, וועלכער זאָל באמת קענען די מענטשן ניוועלירן, גלייכגעשטאַלטן. אַ רעשטל פון אייגנאַרטיקייט, שיריים פון עקשנות, עזות מוז בלייבן ערגעץ אויפן דעק פון דער נשמה כאָטש „אויף אַ רפואה". אין מענטשן געפינט זיך אַ וואַלקאַן, וועלכן קיינער קען ניט אויסלעשן, און ווען ער צעשפּילט זיך פאַראוזאַכט ער די סאָציאַלע ערדציטערנישן. מ'מעג שמידן דעם מענטשן אין קייטן, מ'מעג אים אויסלעכערן די אויגן, ער בלייבט אַ שמשון און פון צייט צו צייט וואַרפט ער אום די זיילן פון דער געזעלשאַפט־תפיסה.

דזש. וואָהרען שרייבט:

„גוטע דענקער האָבן קיינמאָל ניט געמאַכט קיין מער פאַטאַלן טעות, ווי ווען זיי האָבן דערוואָרט האַרמאָניע פון דעם פאַרזוך ביי־צוקומען אינדיווידואַליטעט און האָבן פּרובירט מאַכן פון דעם שטאַט אָדער דער נאַציאָן (אָדער קלאַס — א. ג.) אן 'אינדיוויד'. די אינדי־ווידואַליטעט פון יעדער פּערזאָן איז אבסאָלוט אומצעשטערבאַר." (39)

אפילו דער טאָטאַליטאַרסטער רעזשים קען ניט אַרויספּרעסן פון יחיד זיין גאַנצן זאַפט און האַפט. ער קען ניט פּאַראַליזירן, אויף אַלע צייטן, זיין ווילן צו פרייהייט. און וויבאַלד אַזוי קען מען ניט דער־

וואַרטן, אַז די סאָציאַלע אַדמיראַלן, די פאַרשיידענע דיקטאַטאָרן, זאָלן האָבן אַ רואיקע לוסט־רייזע איבער די ימים פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די דיקטאַטאָרן מאַכן אַ פאַטאַלן טעות אויב זיי מיינען, אַז זיי זיינען בכוח אָפּצושטעלן דאָס זידן און קאָכן פון דעם סאָציאַלן קעסל־גרוב. זיי וועט ניט געלינגען צו קאָנטראָלירן אַלע סאָציאַלע וויאונגען און ריכטונגען. דעם שטורעם קען מען ניט האַלטן אויפן קייט ווי אַ הויף־הונט.

III

# אַקאָרדן און דיסקאָרדן

געטהע זאָגט:

„די וועלט איז פולער ווידערשפרוך
און זאָל זי זיך ניט ווידערשפּרעכן?״ (1)

וואָלטער דערקלערט:

„ווען איך טראַכט איבער אלע באטראכטונגען, הייב איך אָן זיך אָנצושטויסן, אַז אָט־די וועלט אונדזערע באשטייט פון ווידערשפּרוכן.״ (2)

יאָסעף דיעצגען באַהויפּטעט:

„דער באַשטאַנד איז פול מיט סתירות.״ (3)

ווען דער מאַרקסיזם רירט אָן די פראַגע מכוח די איינגעבוירענע ווידערשפּרוכן, וועלכע געפינען זיך אין אונדזער היינטיקער סיסטעם, ווערט ער עפּעס ווי אויסער זיך פון צאָרן און צערודערונג. ער ווערט, אַזוי צו זאָגן, מעטאַפיזיש אָן אויפגעקאָכטער. ער באַהאַנדלט אָט־די קעגנזאַצן, ווי זיי וואָלטן געווען סימפּטאָמען פון א געפערלעכער קראַנקייט, פון וועלכער עס ליידט די איצטיקע סיסטעם. עפּעס ווי לעבנס־סיסטעמען וואָלטן געווען ספּעקולאַטיוו־טעאָרעטישע קאָנצעפּציעס פון א וויסנ־שאַפטלעכן אָדער פילאָזאָפישן כאַראַקטער, וועלכע עס ארבעט אויס אַ דענקער זיצנדיק ביי זיך אין קאַבינעט, און וועלכע, מהאי טעמא, טאָרן זיך ניט ווידערשפּרעכן און ווען זיי טוען עס, באַגייען אָט־דעם פאַרברעכן — זיינען זיי חייב מיתה, שטייען זיי פאַר׳משפּט צום אונטערגאַנג. אלץ וואָס מ׳קען זאָגן מכוח ווידערשפּרוכן און קעגנזאַצן איז אָט־וואָס: זיי זיינען געווען, זיי זיינען דאָ און זיי וועלן זיין, כל־זמן עס וועט עקזיס־טירן א סאָציאַל־לעבן, ווי לעבן בכלל, אויף דער זינדיקער ערד. ווען נייע סיסטעמען וועלן אויפקומען וועלן זיי ברענגען מיט זיך נייע ווידערשפּרוכן, שפּאָגל־נייע קעגנזאצן, וועלכע וועלן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די אַלטע. זיי וועלן מקיים זיין דעם „ישן מפני חדש תוציאו.״

בכלל איז דער מאַרקסיזם אין דעם פּרט פון סתירות־זוכעריי אַזוי באַגרענעצט, אז ער מיינט טאַקע, דאָס די ווידערשפּרוכן ווערן פאַראור־

זאַכט פון די אייגנטום־פּאַרהעלטענישן, וועלכע ציִיגן זיך ארויס אין אונדזער פּראָדוקציע און דיסטריבוציע־סיטעם. פון דעם פאָלגט, אַז ווייבאַלד מיר וועלן ענדערן די אייגנטום־פּארהעלטענישן מער אין איינ־קלאַנג מיט אונדזערע פּראָדוקטיווע טעטיקייטן, אזוי גיך וועט אלץ ווערן רעכט, כשר וישר אפילו למהדרין מן המהדרין. אלע פאַלדן וועלן זיך אויספרעסן, אַלע קנייטשן וועלן פארגיין, קעגנזאַצן וועלן פאַר־שווינדן, ווי מיט דער האַנט אָראָפּגענומען.

אייגנטלעך איז אַט־די קאָנטראַדיקציע־היסטעריע אַן אַלטע זאַך. מאַרקס האָט עס ניט איינגעפירט. נאָך די אוטאָפּיסטן האָבן זיך פאַר־נומען מיט דעם־דאָזיקן געיעג אויף סתירות.

טשאַרלעס פוריע שרייבט:

„ציוויליזאַציע שטעלט ארויס אַ סיסטעם, עס איז טשיקאַווע אין העכסטן גראַד, אַ מעכאַניזם, אין וועלכן יעדער טייל, וואָס איז נייטיק פאַר דאָס גאַנצע, געפינט זיך אין שטענדיקן אַנטאַגאַניזם און קאָנפליקט מיט דאָס גאַנצע; און דאָך שמועסט זי און פילאָזאָפירט מכוח איינהייט פון אקציע און באַרימט זיך מיט אירע טראַקטאַטן מכוח פאָליטישער עקאָנאָמיע און עפנטלעכן איינשטעל.” (4)

בכן, פוריע האלט, אַז ווייבאַלד מ׳רופט עס סיסטעם, דאַרף עס זיין סיסטעמאַטיש, אויסגעהאַלטן.

פ. ענגעלס דער ׳וויסנשאפטלער׳ זאָגט נאָך דעם ׳אוטאָפּיסט׳:

„פּראָדוקציע איז געוואָרן אַ סאָציאַלער אַקט. אויסטויש און אַנאייג־נענונג זיינען ווי פריער פאַרבליבן אינדיווידועלע אַקטן, אַקטן פון יחידים. דער סאָציאַלער פּראָדוקט ווערט אַפּראָפּריאירט פון אינדיווידועלן קאַפּי־טאַליסט. דאָס איז דער פונדאַמענטאַלער ווידערשפּרוך פון וועלכן עס שטאַמען אָפּ אַלע ווידערשפּרוכן, אין וועלכע עס באַוועגט זיך אונדזער היינטיקע געזעלשאפט און וואָס די מאָדערנע אינדוסטריע ברענגט צום שיין.” (5)

ענגעלס זאָגט נאָך פוריען, און ברייסלספּאָרד זאָגט נאָך ענגעלסן אָדער הונדערטער אנדערע וועלכע האָבן נאָכגעזאָגט ענגעלסן נאָך פאר ברייסלספּאָרדן. אָבער יעדער טוט עס אויף זיין שטייגער. זיי באַמיען זיך אלע צו אַנטוויקלען די ווידערשפּרוך־לערע.

„איינוויינִיק אויף דער פאַבריק הערשט קאָאָפּעראַציע; פון דרויסן הערשט דאָס ארומרייסן זיך; אויף דער זייט פון איר טויער ווערט אלץ באַהערשט פון טיק־טאַק פון זייגער: אויף יענער זייט האָט די פאַר־שריפט פון צייט קיין שליטה ניט.” (6)

אַט־דער געדאנק, אז דער ׳אינעווייניק׳ מיטן ׳דרויסן׳ שטימען ניט, איז שטארק פאַרשפּרייט אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. ברײלספּאָרד איז זייער ווייט פון צו זיין אָריגינעל. ווי יעדער פּראָפּאַגאַנדיסט פאַרקויפט ער וואָס ער האָט געקויפט, אָדער גיט אוועק אומזיסט, וואָס ער האָט באַקומען אומזיסט, זוכה געווען פון הפקר אַגיטאַציע־שרייבעריי.

מילא ובכן, וואָס זאָלן מיר טאָן? מיר געפינען זיך, נעבאַך, געפאַנגען אין די ווידערשפּרוכן ווי א פיש אין נעץ. קענען מיר זיך נאָך ראַטעווען, אָדער מיר זיינען, חס־ושלום, פאַרפאַלענע נפשות? מאַרקסיזם איז ניט קיין יאוש־סיסטעם. מיר קענען לייכט ניצול ווערן. אַלץ וואָס מיר דאַרפן טאָן איז אָפּשאַפן די פּריוואַט־אייגנטום רעכט אויף די פּראָדוקציע מיטלען און — ושלום על ישראל, אַלץ וועט זיין אגיל־ואשמח׳דיק, האַרמאָניש, קאָנסעקווענט־אויסגעהאַלטן, פּשוט א מחיה. בכדי פּטור צו ווערן פון די ווידערשפּרוכן און קעגנזאַצן, וועלכע פּלאָגן די היינטיקע ווירטשאַפט, דאַרף מען מאַכן דער פּאַציענטקע ווירטשאַפט א כירורגישע אָפּעראַציע. מ׳דאַרף אויסשניידן די בלינדע קישקע, אַן איבערבלייבעניש פון א פאַרעמדיקער אָרדענונג, פון פּריוואַט־אייגנטום אין בויך פון דער אינדוסטריע. דעמאָלט וועט דער באַלעבאַטישער קערפּער געזונט. עקאָנאָמישע צוזאַמענשטימונג און פולער הסכם וועט עטאַבלירט ווערן אויף אַ סאָלידן פעלזנשטיין פונדאַמענט.

לאָמיר באַטראַכטן דעם ענין אַביסל טיפער.

ווידערשפּרוך און אומפולקומענהייט זיינען, באמת, צוויי סינאָנימען. יעדער חסרון, יעדעס שפּרינקעלע פון א פּראַקטישן כאַראַקטער, וואָס מיר אַנטדעקן אין אונדזער סאָציאַלן פאַרקער נעמט אָן אין טעאָריע די פאָרם, אָדער קריגט דעם נאָמען, פון א ווידערשפּרוך. אויף דעם לשון פון פּשוטע מענטשן הייסט עס אַ פעלער, א דעפעקט. אין דער רעפלעקסיע פון מאָגישן שפּיגל פון רעזאָנירונג ווערט עס באַצייכנט מיטן הייך־קלינגענדיקן וואָרט ׳סתירה׳, וואָס רייבונג און קעגנווירקונג זיינען אין דער וועלט פון פיזישע קאָנטאַקטן, דאָס איז בערך א ווידערשפּרוך אין דער פאַרשלייפונג פון לאָגישע אָסאָציאַציעס. דאָס לעכצן נאָך פולער האַרמאָניע, אומפאַרלעצטער סאָלידאַריטעט, בשלימות׳דיקער קאָאָפּעראַציע, שטענדיקער קעגנזייטיקער ארויסהעלפונג איז א פּסיכישע אייגנשאַפט וועלכע געפינט זיך אין דער טיפעניש פון דער נשמה ביי דעם טיף־רעליגיעזן מענטשן. מיט איין וואָרט, דאָס איז אַן ענין פון אמונה. אַ וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלין קען אפילו ניט חלומ׳ען וועגן

אַזעלכע דערהייבענע דערגרייכונגען. בלויז רעליגיע האָט א רעכט זיך עס צו דערלויבן.

דער רשע און מנוול, מוסאליני, רעדט דעם לשון פון דער וויסנשאַפט. ער קוקט אויף דער וועלט מיט ניכטערע 'ארעליגיעזע' אויגן פון דעם „אמר נבל בלבו"... אָט וואָס ער זאָגט:

„דער שטרייט דאָס איז דער אורשפרונג פון אלע זאַכן, ווייל לעבן איז פול מיט קאָנטראסטן; עס זיינען דאָ ליבע און האַס, ווייס און שווארץ, נאַכט און טאָג, גוט און שלעכט, און כל־זמן אָט־די קאָנטראסטן זיינען ניט רעדוצירט צו א גלייכגעוויכט, וועט שטרייט אלעמאָל בלייבן אין שורש פון דער מענטשלעכער נאַטור אלס די אויבערשטע פאַטאַליטעט. און בדרך כלל איז טאַקע גוט וואָס דאָס איז אזוי. היינט צו טאָג איז שטרייט מעגלעך אין מלחמה, אין עקאָנאָמיק, אין אידייען; אבער יענער טאָג, ווען עס וועט מער ניט זיין קיין שטרייט, וועט זיין א טאָג פון לאַנגווייל, א סוף פון אלץ, א חורבן." (7)

אַלע דערשיינונגען און פּראָצעסן זיינען פול מיט שטירדעס, מיט מחלוקת'ן, מיט ארומרייסעניש. אַלע האָבן עס אַלעמאָל געזען, דאָס ליגט דאָך אויף דער אויבערפלאַך. דער איינציקער, וועלכער האָט געגלויבט אין קאָסמישן פּאַציפיזם, איז געווען דער איד. אָט־דער מאָנאָ־עגאָאיסט, דער איינאיכיסט האָט געזאָגט מיט דעם מויל פון א ישעיה'ן: „ער שאפט ליכט און געבוירט פינצטערניש... ער מאכט שלום." דער שלום באַגריף איז א ריין־רעליגיעזער באַגריף. עס איז א מאָנאָעגאָ־טישע השגה. „עס איז ניטאָ קיין שלום ביי די רשעים," ד. ה. די רשעים קענען ניט אנדערקענען דעם פּרינציפּ פון שלום, פון האַרמאָניע. שוין די בלויזע מעגלעכקייט פון מיסברויכונגען אין אונדזער געמיינ־שאַפט־לעבן זאָגט עדות מכוח דער עקזיסטענץ פון א געוויסער מאָס פון אינטערעסן־קעגנערישקייט צווישן די מיטגלידער פון דער געגע־בענער גרופּירונג. אויב מיר וואָלטן וועלן זיין מער אויסקלייבעריש אין דעם געברויך פון ווערטער, האָבן מיר זיך געדאַרפט אָפּהאַלטן פון אָנרופן אָט־די דערשיינונג מיטן טערמין „ווידערשפּרעכיקייט". מיר האָבן עס באַדאַרפט באַצייכענען אביסל מילדער מיטן וואָרט אינטערעסן־פּאַנאַנדערגאַנג, אינקאָנגרואיטעט. עס קענען ניט זיין קיין באמת אידענ־טישע אינטערעסן צווישן פּערזאָנען, וועלכע זיינען ניט אידענטיש, הגם זיי מעגן זיך געהערן צו דעם זעלביקן סאָציאלן ציבור. א פולער אינ־טערעסן־צוזאַמענפאַל איז אן אחרית־הימים'דיקע אספּיראַציע, דאָס איז מאָנאָעגאָטיק, דער גלויבן אין איין איכהייט, אין דעם אנכי יהוה.

דורך ס'רוב מענטשלעכע אקטיוויטעטן, סיי ווען זיי ווערן געטאָן ביחידות און סיי ווען זיי ווערן דורכגעפירט בציבור, פליסט אדורך אַ שטראָם פון אקציעס און קאָנטער־אקציעס, וועלכער לויפט פּאַראַלעל אין אייניקע פּונקטן און האַקט זיך איבער, צלמ'ט זיך איבער אין אנדערע פּונקטן.

דער סאָציאַלער געוואַנט, ווי יעדער געוועב, האָט אַ שתי און אַן ערב, אַ פאַדים, וואָס לייפט אין דער ברייט און אַ פאַדים, וואָס לייפט אין דער לייַנג. און אַט די צוויי פעדים זייַנען פאַרשיידן; איינער איז געשפּונגען פון קעגנזייטיקער הילף, דער צווייטער — פון קעגנזייטיקן שטער. דע־ריבער איז דער סאָציאַלער געוועב ניט איינהייטלעך.

דער מענטש אלס וועבער און שפינער פון די צווישן־פּערזענלעכע פאַרהעלטנישן איז ניט בעסער ווי ער איז אלס מענטש בכלל. די שאַפונג איז ניט בעסער פון דעם באַשעפער.

אימאַנועל קאַנט צייכנט אָט־די כאַראַקטעריסטיק פון מענטשן גאַנץ געשיקט:

„אונטער... אַנטאַגאָניזם מיין איך די אומגעזעלשאַפטלעכע געזעל־שאַפטלעכקייט פון די מענטשן; דאָס איז זייער טענדענץ אריינצוטרעטן אין דער געזעלשאַפט, אַ טענדענץ, וועלכע איז צונויפגעקניפּט, פונדעסט־וועגן, מיט אַ באַגלייטנדיקן ווידערשטאַנד, וועלכער האַלט כסדר אין סטראַשען אַז ער וועט פאַנאַנדערלאָזן די געזעלשאַפט... דער מענטש האָט אַ נייגונג זיך צו סאָציאַליזירן דורך אַסאָציאירן זיך מיט אַנדערע, מחמת אין אַזאַ צושטאַנד פילט ער זיך מער ווי אַ נאַטירלעכער מענטש אין דער אַנטוויקלונג פון זיינע פייאיקייטן. ער פאַרמאַגט, אָבער, אַ שטאַרקע טענדענץ זיך צו אינדיווידואַליזירן דורך אָפּזונדערן זיך פון אַנדערע, מחמת דעם וואָס ער געפינט גלייכצייטיק אין זיך די אומסאָציאַלע דיספּאָזיציע פון פאַרלאַנגען צו ריכטן אַלצדינג לויט זיין אייגענעם פאַר־שטאַנד, און דעריבער דערוואַרט ער אומעטום אַ קעגנערשאַפט, ווייל ער ווייסט גאַנץ גוט פון זיך אַליין אַז ער איז געניגט אַרויסצואווייזן התנגדות צו אַנדערע. על־כן עס איז אָט־דער ווידערשטאַנד אָדער קעגנזייטיקער אַנטאַגאָניזם וואָס וועקט אויף אַלע כוחות פון מענטשן.״(8)

אין וועב־שיפל האַלט דער מענטש אַלעמאָל צווייערליי פעדים, איינער באַשטייט פון אחדות, דער צווייטער פון שנאת־חנם. אָט־די צוויי פעדים זייַנען אַלעמאָל פאַראַן אין יעדן סאָציאַלן געוועב, און לאו דווקא סאָציאַלן. וואו עס איז דאָ ליכט, דאָרטן וועלן זיך ווייזן שאָטנס. וואו ליבע קומט אריין, דאָרטן ווייזט זיך גלייך שנאה. די יונגע יפת־תואר

דערשיינט ניט אין דער געזעלשאַפט אָן דעם באַגלייט פון איר שומר׳טע, די שטיק מיאוס׳קייט.

סאמועל פאָן פופענדארף דריקט אויס דעם אייגענעם געדאנק גאַנץ דייטלעך.

„וואָס עס איז גוט פארן בינשטאָק (ווי אַנטאָנינוס האָט באַמערקט) איז גוט פאר דער בין... אָבער צווישן מענטשן: וויפיל קעפּ אַזויפיל שכל׳ען: און זעלטן ווערט א זאַך באַטראַכט אלס ווירקלעך גוט, ווען זי גיט ניט דעם באַזיצער עפּעס באַזונדערעס און אויסערגעוויינטלעכעס איבער זיינע שכנים.״ (9)

וויפיל מענטשן אַזויפיל צענטערס פון אינטערעסן, אַזויפיל תביעות און פניות, גאוות און תאוות. עס איז ניטאָ קיין אַפּוטרופּוס ניט נאָר אויף עריות, אויף געשלעכט־מיסברויכונגען, נאָר בכלל אויף מיסברויכונגען אין דעם קהל־לעבן. מיסברויכונג, אויסנוצונג, עקספּלואַטאַציע זיינען ניט קיין געוויקסן וועלכע געפינען זיך בלויז אויף איין באָדן און אין איין קלימאַט. זיי קענען וואַקסן און געדייען אונטער אַלע קלימאַטישע באַדינגונגען, אין אַלע סעזאָנען און וועטערן, אין אַלע אַלטיטודן, לאַטיטודן און לאָנגיטודן פון דער ווירטשאַפטלעכער געאָגראַפיע. עקספּלואַטאַציע מוז ניט אָנקומען, בכדי זיך צו רעאַליזירן, צו אַן אינדוסטריע, וועלכע איז אָרגאַניזירט אויפן יסוד פון געדונגענשאַפט. פאַר עקספּלואַטאַציע איז דער קאַפּיטאַליסטישער מאָדוס פון פּראָדוקציע לאַו־דווקא. עקספּלואַטאַציע האָט פילע מעגלעכקייטן און פילע ספערן ווי און וואו צו דערשיינען און פאַר׳חושכ׳ן דעם לעבן.

ווען מענטשן ארבעטן צוזאַמען און געברויכן צוזאַמען, „עסן פון אַלגעמיינעם קעסל״ איז זייער שווער איינצושטעלן אַזוי, אַז די סומע פון געברויך זאָל זיין פּראָפּאָרציאָנעל צו דער מאָס פון ארבעט. ווען איינער האָרעוועט שווער, גיט אוועק אַלע כוחות אויף אויפצוהיטן דעם וואוילשטאַנד־ניווא פון דער געמיינשאַפט, און דער אַנדערער פוילט זיך אונטער, „קומט ער ניט היינט — קומט ער מאָרגן,״ ער האַלט פון דער פילאָזאָפיע, אַז מ׳קען ניט ׳אריינכאַפּן׳, אַז עס איז ניטאָ וואָס זיך צו יאָגן — אין אַזאַ פאַל איז די דערשיינונג פון עקספּלואַטאַציע און פּאַראַזיטיזם פאַראַן בנמצא.

מיינט עס צו זאָגן אַז עקספּלואַטאַציע און פּאַראַזיטיזם זיינען איינגעמויערט אין די סאַמע פיר ווענט פון דער ווירטשאַפט געביידע? ניין, א האָר ניט. אָבער כל־זמן די מענטשלעכע נאַטור איז וואָס זי איז, איז די עקספּלואַטאַציע־מעגלעכקייט ניט אויסגעשלאָסן. עס וועלן זיך אַלעמאָל ווייזן יחידים, וועלכע וועלן זיין זייער פלעגמאַטיש און איינ־

דיפערענט ווען עס קומט צו פראַצעווען, און היפש כּאַלעריש און סאַנג־וויניש, ווען עס קומט צום גענים. אין יעדער געזעלשאַפט איז דאָ א קליינער מיעוּט פון צדיקים, אביסל א גרעסערער מיעוּט פון רשעים און א מערהייט פון בינונים, פון מיטלמעסיקע. דער צדיק גיט מער, וויפיל ער נעמט, דער רשע נעמט מער וויפיל ער גיט, דער בינוני באַ־לאַנסירט זיין געבן און נעמען. צייגט עס אז אין דער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט איז איינגעצעמענטירט א קעגנאַנאַנדערשאַפט פון אינטערעסן? לאָ, מיט א גרויסן אלף. אָבער די פּאָטענציאַליטעט פון דער קעגנגע־זעצטקייט איז פאַראַן. אויף קיין אופן קען די מיסברויכונג־מעגלעכקייט ניט באַזייטיקט ווערן. וואו עס איז דאָ פּלאַץ פאַר צידקות, פאַר זעלבסט־אָפּער, פאַר גוטע מעשים, פאַר טוגנט, פאַר העלדישקייט, פאַר נשמה־ברייטקייט, פאַר פּזרנות, דאָרט וועט מען אלעמאָל קענען געפינען א ווינקל פאַר רשעות, פאַר עוולות, פאַר פאַרברעכנס, פאַר ענגקייט, קמצנות, קליינלעכקייט. און דעם פּריז קריגן ניט אלעמאָל די ערשטע אייגנשאַפטן, ווייל די פּריז־שופטים ווערן ניט אלעמאָל אויסגעקליבן פון די בעסטע און צווישן די בעסטע, עס טרעפט שוין גאָר אָפט אז זיי קומען פון דעם צד שכנגד, פון די ערגסטע, פון די גדולים אין שלעכטס־טאָן. און, באמת, די עלעמענטן פון שעפערישער אויפטועריי, פון דרייסט, אוואַנ־טוריסטישער דערפינדערישקייט געפינען זיך ניט ווייניקער אין דער טומאה ווי אין דער יראה, אין זינד ווי אין דער טוגנט, הגם זיי קומען פון דער סטרא אחרא, פון די קליפּות.

עס איז אמת ויציב, אז קאַפּיטאַליזם איז פול אָנגעפּיקעוועט מיט ווידערשפּרעכערישקייטן און קעגנאַנאַנדקייטן, ווי דער פעאָדאַליזם איז גע־ווען צעעסן פון סתירות און קעגנזאַצן, ווי דער סאָציאַליזם, אדער וועלכער עס איז אנדער „איזם" וועט זיין, אויב ער וועט נאָר דערלעבן צו ווערן א שטיק ווירקלעכקייט, אויב אים וועט זיין באַשערט ארויסצו־קריכן פון בוך און פאַנטאַזיע און אריין אין גאַס, אין מאַרק, אין ממשות־דיקן לעבן. דער ווידערשפּרוך שפּילט תמיד א צווייפאַכיקע ראָלע. ער איז אי דער צוזאַמענשטעלער און אי דער פאַנאַנדערנעמער פון א סיסטעם. ער איז הן דער בויער און הן דער צעשטערער. יעדער איינשטעל, וועלכער פונקציאָנירט ווערט געבוירן, וואקסט, אנטוויקלט זיך, טראָגט ארום מיט זיך, ארום זיך און אין זיך א שלל באַצילן פון פאַנאַנדערפאַל. קעגנאַנאַנדערשאַפטן, ווי דערנער, זיינען פאַרזייט איבערן גאַנצן שטח פון לעבנסוועג, וועלכער פירט יעדע מענטשלעכע אינסטי־טוציע פון וויגעלע צום קבר. ווען דער מאַרקסיזם וואָלט געהאט אָנגע־צייגט אויף די סתירות און היפּוכים פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם,

וואָלט זיי אויסגערעכנט, באַשריבן, קלאַסיפיצירט און אָנגעדייט אויף דעם פּראָצעס פון טראַנסמוטאַציע און דיסאינטעגראַציע וועלכן זיי מוזן אומבאַדינגט אַרויסרופן — פּונקט אַזוי ווי ענלעכע סתירות און ניגודים, וועלכע וועלן אָפּעררן אויף דעם זעלביקן שטייגער אונטערן סאָציאַליזם, וועלן גורם זיין צו זיין פּאַנאַנדערלייג — וואָלט דער מאַרקסיזם דאָס געטאָן, וואָלט ער זיך באמת פאַרדינט געמאַכט פאַר דעם מענטשלעכן געדאַנק. ער וואָלט בייגעטראָגן צו אַ טיפערער פאַרשטענדעניש פון געזעלשאַפט־לעכע דערשיינונגען. דער מאַרקסיזם האָט אַזוי ניט געהאַנדלט. ווען ער האָט גערעדט וועגן די ווידערשפּרוכן, וועלכע זיינען בלויז סימנים פון דעם געזונטן, נאָרמאַלן צושטאַנד אין וועלכן דער ווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזם געפינט זיך, האָט ער געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער האָט אַנטדעקט סימפּטאָמען פון אַ געפערלעכער חולאת, רחמנא ליצלן, אַז ער האָט דער־טאַפּט ווילד־פלייש געוויקסן... דער מאַרקסיסט האָט געשטעלט דעם דיאַגנאָז מיט דער גאַנצער אָנגעבלאָזענער חשיבות פון אַ קליין־שטעטלדיקן „פאַן דאָקטאָר", ער האָט פאַרזיכערט, מיט דער גאָר ערנסטער מינע פון אַן עסקולאַפּ, ווען ער געפינט נאָך גרויס זוכעניש, עפּעס וואָס איז לחלוטין חוץ לשיטה, — אַז ער קען מאַכן די אָפּעראַציע... ער וועט, אין דעם געגעבענעם פאַל באַזייטיקן די סתירות און דיסהאַרמאָניעס. ער וועט שאַפן אַ נייע קערפּערשאַפט וועלכע וועט זיין אַ כלו־זכאי. זי וועט באַשטיין פון ריינער האַרמאָניע און אַלץ וועט אין איר „גיין לשיטתיה."

אַט דער טייל פון מאַרקסיזם איז מיטאָלאָגיע, אָדער דעמאַגאָגיע. אויב מיר ווילן זיך אויסדריקן גאָר איידל, וועלן מיר זאָגן אַז אַט־דער מאַרקסנטום געהערט צו מעטאַ־סאָציאָלאָגיע, וועלכע איז אַ וואַריאַיטעט פון מעטאַ־פיזיק.

ווייל ער מאַכט זיך ניט ווייסנדיק פון דעם וואָס אַלע ווייסן: „עס איז ניטאָ קיין צדיק אין דער וועלט, וואָס ער זאָל טאָן גוטס און ניט זינדיקן." און עס איז ניטאָ קיין מענטשלעכע אינסטיטוציע ווי צדיק־מעסיק זי זאָל זיך ניט אויפפירן, ווי גוט זי זאָל ניט פונקציאָנירן — אַז זי זאָל ניט צעעסן ווערן פון חסרונות, פעלערן און ניט־טויגעניש.

ספּינאָזע דריקט זיך אויס:

„עס איז אָן צווייפל אַז די נאַטור האָט זיי געלערנט דאָס פעלערן מוזן עקזיסטירן כל־זמן מענטשן עקזיסטירן." (10)

בערנאַרד מענדעוויל דריקט זיך אויס נאָך שאַרפער:

„אין דעם מאָמענט ווען שלעכטס וועט אויפהערן צו עקזיסטירן מוז די געזעלשאַפט מכולה ווערן אויב ניט אינגאַנצן זיך אויפלייזן." (11)

דעם זעלביקן שטאנדפּונקט האָבן אויך געטיילט די שאַפער פון תלמוד. זיי האָבן געלערנט אז מיטן יצר־הרע טאָר מען זיך צופיל ניט איינרייסן, ווייל אָן אים וואָלט די וועלט ניט געהאַט קיין קיום.

דער ווידערשפּרוך, וועלכער מאַניפעסטירט זיך צווישן קויפער און פאַרקויפער, איז די זעלביקע כנגדות, וועלכע עקזיסטירט צווישן צוויי צדדים, קאָנטער־אגענטן פון וועלכער עס איז טראַנסאַקציע. אַט־דער ווידערשפּרוך איז א לייכטער וואַריאַנט פון דער פלוגתא וועלכע באהויפּט זיך צווישן דעם פּראָדוצענט און קאָנסומענט, אָדער אפילו צווישן די קאָנסומענטן אליין. ווען ראובן אכל׳ט אריין א צו גרויסע פּאָרציע, בלייבט, נאַטירלעך, ווייניקער פאר שמעונ׳ען, אויב מ׳נעמט די עסער אלס א שטענדיקע צאָל און דאָס עסנווארג אלס א באשטימטע קוואַנטיטעט.

סטוארט טשייס אין זיין ווערק „די עקאָנאָמישע שפּע״, שרייבט:

„דער מוסטער נעמט אָן א פיקסירטע קוואַנטיטעט פון רייכטום און א פאַרטגעזעצטן דרוק פון דער באַפעלקערונג אויף אַט־דעם רייכטום. עס קומט אויס אז וואָס ווייניקער עס איז דאָ פאר אייך אלץ מער איז דאָ פאר מיר.״ (12)

אויב מיר ווילן דווקא באצייכענען אַט־דעם אומשולדיקן מאדוס פון פאַרהעלטענישן אלס ווידערשפּרעכלעך, דעמאָלט וועלן מיר מוזן צוגעבן, אז פון די ווידערשפּרוכן וועלן מיר זיך קיינמאָל ניט באפרייען. זיי וועלן זיין מיט אונז אזוי לאנג, ווי מיר זיינען איינגעשלאָסענע אינ־טערעסן־קרייזן און די געזעלשאפט איז א צונויפנעם, א קאָנגלאָמעראַציע פון מהות׳ן, ווי מיר אליין, וועלכע זיינען סוביעקטן פון פאַרלאַנגען, וועלערס, כוונות, תכליתים און אַפּעטיטן.

בערנארד מענדעוויל איבערטרייבט אביסל, ווען ער זאָגט:

„אין אלע פאַכן און פלעצער איז דאָ אָפּנאַרעריי, קיין איין באשעפ־טיקונג איז ניט אָן רמאות.״ (13)

מ׳מעג קוקן אויף אַט־דער מטבע פון צווישן־מענטשלעכן פאַרקער פון דער אנדער זייט. אויב דער פאַרקויפער נאַרט אָפּ דעם קויפער, וועט ער פאַרלירן אין אים א קונה. דאָס איז די באַרעכטיקטע און מינימאלע מידה כנגד מידה וועלכע דער קויפער וועט אָנווענדן אין דעם אָקט פון „ראַכע״. מ׳קען ניט האַלטן כסדר אין איין אָפּנאַרן די קונים, ווייל סוף־כל־סוף וועלן זיי עס אויסגעפינען און זיי וועלן צוריקציען זייער פּאַטראָנאַזש. פירמעס וועלכע ווילן זיך איינשאַפן א ברייטע און פאַרלעסלעכע קליענטעל, מוזן אָנווענדן אביסל עטיק אין זייערע באַציאונגען צו זייערע קונדן. דער רוס האָט א ווערטל: „דו וועסט ניט אָפּנאַרן, וועסטו ניט פאַרקויפן.״ ווי ס׳רוב שפּרוכן און פאָלקסווערטלעך דאַרף

אויך אָט־דער שפּרוך גענומען ווערן מיט אַ קאַפּעטשקע זאַלץ. מאַרקס האַלט פּונקט פאַרקערט און ער איז גערעכט, ווען ער זאָגט: „אַפּנאַרעריי אין סחורה אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם איז אומבאַרעכטיקט." (14) אַזוי אַז צו אַ געוויסער מאָס איז פאַרט פאַראַן עפּעס אַ מין סאָלידאַריטעט וועלכע פאַרקניפּט דעם קויפער און פאַרקויפער. אויף וויפיל זיי זיינען ביידע צוויי קאָנטער־אַגענטן פון איינער און דער זעלביקער געשעפטס־אַקציע, אויף אַזויפיל שטעלן זיי צוזאַמען באַשטאַנדטיילן פון אַ קאָמפּליצירטער איינהייט, וועלכע ווערט געשאַפן ספּאָנטאַן אין מאָמענט פון דעם האַנדל־אַקט. מיט דעם אויסשלוס פון מיסברויכונגען, וועלכע זיינען פון אַ האַלב־קרימינאַלן כאַראַקטער — ווי געבן אַ פאַלשע וואָג, אַ פאַלשע מאָס, אָפּנאַרן אין רעשטע, אַדולטירן די פּראָדוקטן וכדומה מעשים פון אויסוואורפּעריי — איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר קיין ווידערשפּרוך פון אינטערעסן צווישן קויפער און פאַרקויפער.

דער קאַפּיטאַליסט און דער פּראָלעטאַריער ווערן געמאָלן פון מאַרקסן און ענגעלסן, איבערהויפּט פון זייערע אַביסל צו פאַנאַטישע תלמידים, ווי זיי וואָלטן שטיין און סקריצן מיט די ציין איינער קעגן דעם אַנדערן, מאַכן פויסטן, פיקס־פאַרטיק זיך אַ וואַרף צו טאָן און נעמען איינער דעם אַנדערן ביי דער גרגרת. אַזעלכע געמעלעכצן זיינען פּראָדוקטן פון דעמאַגאָגיע, פון אומפּאַראַנטוואָרטלעכער פּראָפּאַגאַנדע. אמת, עס איז זיכער דאָ צווישן זיי אַן אַנטאַגאָניזם פון אינטערעסן. אָבער די אייגענע מאָס פון אַנטאַגאָניסטישקייט וועט שאַפן יעדע אַנדערע געזעלשאַפטצעטיילונג אויף 'הויך' און 'נידער'. עס איז דאָ אַן אָפּגרונט, וועלכער ליגט אָפן צווישן דעם אַרבעטער און דעם געצייג אָדער קעגנשטאַנד פון אַרבעט. דער קאַפּיטאַליסט קוקט פון אויבן־אַראָפּ אויף זיין 'שכיר־יום'. וואָס איז ער אָט־דער פאַראַכטעטער פאַרדינגלינג? אַ שטיק רויער מאַטעריאַל, אָדער אַ קוואַנטיטעט פון אַרבעטס־קראַפט, לויט מאַרקסעס טערמינאָלאָגיע. דער שררה פון פּראָדוקציע, אין זיין הויכער בחינה פון אַן אינדיווידואַליסט, וועט נעמען אָט־דעם פאַרדונגענעם און אים פאַרוואַנדלען אין אַ געזעלשאַפטלעך נוצלעכן אַרבעטער, ער וועט מאַכן פון אים אַ „כלי". מיט אַנדערע ווערטער, דער אדון הגדול פון אינדוסטריע נעמט אַ סומע פון פיזיאָלאָגישן אַרויסגעוואָרפענעם אָנשטרענג און מאַכט פון דעם אַ „יש", דערהייבט עס צו דער חשיבות און בכבוד'יקייט פון אַ סאָציאַל־נוצלעכער מי. דער קאַפּיטאַליסט ברענגט צוזאַמען און האַלט איינאיינעם די באַזונדערע האַרעפאַשניקעס. ער מאַכט אַז זיי זאָלן אַרבעטן אויף אַ געוויסן רעזולטאַטפולן, סיסטעמאַטיש־פּראָדוקטיוון אופן. ער טוט עס אָדער דירעקט אָדער אומדירעקט, דורך דינגען און פאַר־

וואלטן, אין די ערשטע אָנפאנגערישע סטאדיעס פון קאַפּיטאליזם, דורך בלויז פינאַנסירן, אויף די העכערע מער אנטוויקלטע שטופן. עד־כאן בנוגע דער פּראָדוקציע־זייט פון דער אינדוסטריע. דערנאָך קומט דאָס באַשטאָטן די וואָרעס וועלכע ווערן געשאפן פון דער אינטעגראלער, אינטער־אינדיווידואַליזירטער און אינטער־קלאַסירטער ארבעט. דאָ, אויף דעם געביט פון דיסטריבוציע, זעען מיר ווייטער ווי מיטלבאַרע באטיי־ליקונג, דורך קרעדיט מאַניפולאציעס, פארנעמט דעם פּלאַץ, אַ דאנק אַן עוואָלוציע־ פּראָצעס, פון דירעקטער באַטייליקונג.

אַט־דער „ווידערשפּרוך" צווישן ארבעט און ארבעט־דירעקטירונג וועט איבערלעבן דעם קאַפּיטאַליזם. מ'קען דידאַזיקע סתירה לייכט נאָכ־שפּירן אומעטום, אין דער ארמיי, אין פּאָליטישע טעטיקייטן. מיט איין וואָרט, וואו עס איז פאַראַן דער עלעמענט פון פירעריי, דאָרטן איז דאָ אַ שפּאלטונג אויף דער דירעקטירנדיקער מינדערהייט און דירעקטירטער מערהייט. די פאַרהעלטענישן צווישן אַט־די צוויי גרופּירונגען זיינען צווייפּאַכיק: אויף איין זייט, אומפאַרמיידלעכע רייבונגען; פון דער אנדער זייט, יד־אחת, מיטארבעטונג. בלויז מיסהאנדלונגען קענען דאָ ארויסרופן אַ איינזייטיקע קעגנאנאַדערקייט פון אינטערעסן. ווען די פאַרהעלטע־נישן זיינען היסטאָריש נאָרמאַל, ניט פארווירט און ניט פאַרדאָרבן דורך אַ בכיוונדיקער בייז־טואונג, ווערן זיי באַטראַכט פון אַלע געוויסנהאַפטע באַאָבאַכטער אלס סאָלידאַריש. די „פּני" באַהאַנדלען 'פּאַטערלעך' גוט־מיינענדיק די יעניקע וועלכע געפינען זיך עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און קול־טורעל אונטער זייער השגחה. די אונטערשטע שיכטן רעספּעקטירן די העכערע פּלאַסטן. זיי קוקן ארויף צו זיי, דערוואַרטן פון זיי אינ־סטרוקציעס, עצות און באַפעלן, מוסטערן פון אויפפיר. זיי באַוואונדערן די געשיקטקייט און געניטקייט פון די 'גדולים', זייער העלדישקייט, גבורה, חכמה. די אונטערשטע האָבן מורא פאר די אויבערשטע, און ווי ווייט איז 'יראה' פון אהבה! דער צוזאַמענשטויס פון אינטערעסן צווישן די 'מאַסן' און די 'קלאַסן' באַווייזט זיך בלויז דעמאָלט, ווען דער עלעמענט פון אויסגעבורט אדער, ריכטיקער, פון ווידערגעבורט, קומט צו. ווען נייע פאָרמען פון אינטערקלאַסן פארהעלטענישן וואַקסן אונטער און זיי ווערן מערקעווודיק אָפּאָזיציאָנעל צו די אלטע מאָדוסן, דעמאָלט הייבן זיך אָן קריגערייען אָפּענע און פארהוילענע.

אלעקסאנדער דע־טאָקעוויל שרייבט:

„איין אומשטאנד רופט ארויס לכאורה גרויס חידוש. די רעוואָ־לוציע, וואָס איר הויפּט ארבעט איז געווען, ווי מיר האָבן געזען, אומע־טום אָפּצוראַמען די רעשטלעך פון די מיטלעלטערטום־אינסטיטוציעס,

האָט ניט אויסגעבראָכן אין די לענדער, אין וועלכע אָט־די אינסטיטוציעס, נאָך אַלץ גוט אויפבאַוואָרנט, האָבן געגעבן דעם פאָלק צו פילן זייער איינצוימונג און שטרענגקייט, נייערט פארקערט, אין די לענדער וואו זייער ווירקונג האָט זיך געלאָזן ווייניקער פילן; אזוי אז א לאסט זעט אויס צו זיין אומדערטרעגלעך דאָרטן וואו זי איז אין דער ווירקלעכקייט ווייניקער שווער.״ (15)

אָט־דער כלומרשטער אבסורד האָט א פשוטע דערקלערונג. וואו די אינסטיטוציע־משא איז נויטיק און ניצלעך, מעג זי זיין שווער ווי אַ באַרג, וועט מען זי דולדן, מ׳וועט פון איר ליידן און שווייגן, מ׳וועט זי פארטראָגן מיט אלע הארבקייטן און חומרות. דאָרטן אבער וואו זי איז איבעריק, מעג די לאסט זיין לייכט ווי א פעדער, וועט מען פון איר ניט קענען אויסהאלטן. מ׳וועט זי אַראָפּוואַרפן פון די פלייצעס.

ווי אזוי קומט פאָר א רעוואָלוציע? צוליב וואָס און צוליב ווען שטירצט מען איינגעפונדעוועטע רעזשימען?

דער ענין איז אזוי:

דער אלטער סאָציאלער שאָלעכץ נעמט איינדאַרן, איינשרומפן. ער קנייטשט זיך איין און פאנגט אָן זיך אָפּצושיילן. דער נאַטירלעכער פּראָצעס פון וועלקן, זיך צונויפוויקלען און אַראָפּפאַלן ווערט באַגלייט מיט א געפיל פון געזעלשאפטלעכע יסורים, וועלכע רופן זיך אויף דעם פּאָליטישן זשאַרגאָן אומרוען, קאָנפליקטן, מרידות, אויפשטאנדן. די היץ און גרויזאמקייט פון געפעכט געפינען זיך אין א איבערגעקערטער פּראָ־פּאָרציע צו דער רייפקייט פון די פּראָספּעקטיווע רעפאָרמען. וואָס זאַפּ־טיקער די סאָציאלע אינסטיטוציעס זיינען, ד. ה. וואָס קרעפטיקער דער קלאָס וועלכער שטייט הינטער זיי, אלץ שטאַרקער איז דער ווידערשטאנד וועלכן ער ווייזט ארויס. אין דער געזעלשאפט איז אלעמאָל דאָ א וואַנ־גאַרד און אַן אַריערגאַרד. דער וואנגארד, וועלכער שטעלט פאָר מיט זיך די אויפקומענדיקע נייע כוחות, קעמפט פאר נייע ווערטן. ער וויל ברענגען די נייע צייטן און זינגען די נייע לידער. דער אַריערגאַרד האלט זיך ביי זיינע אלטע מוסטערן, אויסגעטראָטענע לעבנס־דרכים. א צוזאַמענשטויס אונטער אזעלכע אומשטענדן איז אומפארמיידלעך. דער געפעכט ווערט געפירט אויף דער גרענעץ־ליניע פון דער עפּאָכע. דער געשלעג ציט צו זיך צו גרויס אויפמערקזאמקייט. דער קאָך און זיד פון געראַנגל נעמט אריין אלץ ברייטערע און גרעסערע קאָנטיגענטן. גרויסע מאָסן שליסן זיך אָן. זיי טיילן דעם שיקזאַל פון די בראַווע קעמפּפער, די יחידים. זיי נעמען אויף די אידייען, דעם נייעם גלויבן פון דער „איניציאַטיווער מינדערהייט״. בלויז דער אריערגארד, די קאָנ־

סערוואַטאָרן, די „קאַצקער״ חסידים פון אַלטן רעזשים גיבן ניט נאָך, פאַרטיידיקן מיט פאַרצווייפלונג זייערע פּאָזיציעס. דער פאַקט וואָס באַ־דייטנדיקע צאָלן פון דער באַפעלקערונג מאַכן א יד־אחת מיט די רעבעלן, מיט די נייע זעלאָטן, דינט אלס אן אומאָפּשלאָגבאַרער באַוויז, אז די געשטעלטע פּראָבלעם, וועלכע איז ארויסגערוקט געוואָרן פון אָט־די קנאים אויפן ערשטן פּלאַן, איז היפש רייף און זי פאָרמאָגט אלע לייזונג־פאָר־באַדינגונגען. די פּאָפּולאַריטעט פון קאַמף איז א ציגעניש אז די פּראָ־יעקטירטע רעפאָרמען, די פאַרגעלייגטע ענדערונגען, זיינען צייטיק, אז די סוביעקטיווע באַדינגונגען ווי אויך די אָביעקטיווע קאָנדיציעס זיינען גרייט בייצוטראָגן צו דער עטאַבלירונג פון דעם נייעם איינשטעל.

עס איז, אָן צווייפל, אמת, אז א נייער רעזשים פאַלט ניט אראָפּ פון בוים פון סאָציאַלן לעבן לייכט, געמיטלעך ווי אראָפּגעשאָקלט פון א זאנפטן ווינטל, וועלכער לויפט פארביי און רירט אומשולדיק אָן דעם בוים. עס איז אויך ניט ווייניקער אמת, אז רייסן אָט־די סאָציאלע פרוכט דארף מען ניט אין פרילינג, ווען עס איז דאָ בלויז בליעכץ, קאָליר־רייכע אידעאָלאָגישע בליטן, און ניט קיין פרי. מ׳קען זי אויך ניט אראָפּ־נעמען תחילת זומער, ווען זי געפינט זיך נאָך אין איר עמבריאָנישן צושטאַנד. אויך ניט אין מיטן זומער, ווען זי איז בוסר, האַרט, זויער און ביטער. מ׳דארף זי רייסן טאַקע אין סאמען הארבסט, ווען זי איז פארטיק, געשמאַק, ווייך און ווייניק. מיט אנדערע ווערטער, רעוואָלוציעס ווערן געמאכט דערפאָלגרייך בלויז דעמאָלט, ווען די באַדינגונגען זיינען גרייט דערצו, דאָס הייסט ווען עס איז שוין פאראן א נייער קלאַס מענטשן, וועלכער איז ראוי און מסוגל צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די אלטע „פּני״, פון די אראָפּגעזעצטע פירער, דעם געוועזן־הערשנדיקן קלאַס.

דער ווידערשפּרוך — פון וועלכן דער מארקסיזם מאכט אזא וועזן — צווישן דאָס „פּריוואַטע״ און „עפנטלעכע״, צווישן דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן סוביעקט, וועט בלייבן אומאויפגעלייזט ביז עקאָנאָמיק וועט ניט פאַרשלונגען ווערן פון פּאָליטיק אדער, פארקערט, פּאָליטיק פון עקאָנאָמיק. און קיין פאַל פון אָט די צווי וועט ניט פּאַסירן. די צוויי האָבן זיך געשיידט, די אנטוויקלונג האָט זיי געגעבן א סעפּאַראַציע, און אינגאַנצן באַהעפט, ביז צו אבזאָרפּציע, וועלן זיי שוין קיינמאָל ניט ווערן.

מיר קענען אָנצייגן אויף אן אנדער פּלוגתא, און דאָס איז דער פאַנאַנדערטייל פון פּראָדוקציע און קאָנסומציע וועלכן מיר באַאָבאַכטן. פּראָדוקציע אין אונדזערע צייטן איז ס׳רוב אינטער־אינדיווידועל און אינטער־קלאַסנמעסיק. און אפילו גאָר פארצייטנס איז זי שוין געווען

מער אדער ווייניקער קאָאָפּעראַטיוו. אלעמאָל איז געווען א געווויסע ארבעט, וועלכע איז געטאָן געוואָרן בציבור. בשעת געברויך האלט זיך עקשנות׳דיק ביי דאָס איריקע. זי קומט כסדר פּאַר ביחידות. מיר מעגן זיך ווייזן פאַרן „פּובליקום״, זיך אויסזעצן ביי די טישן צוזאַמען, פּראַווען א סעודה פאַר א גרויסן עולם, אבער אומגעאַכט אַט־די אויבערפלעכלעכע געזעלשאַפטלעכקייט, איז אונדזער קייען, עסן, געדייען אַן עסק פאַר יעדערן באַזונדער. קאָנסומציע, פונדאַמענטאַל גענומען אויף וויפיל זי איז פאַרבונדן מיט אונדזער קערפּער און איז א באַפרידיקונג פון אונ־דזערע פיזיאָלאָגישע באַדערפעניש, — איז אינדיווידואַליסטיש. די דער־קלערונג פאַר אַט־דער צעצווייאונג דאַרף מען ווייט ניט גיין זוכן. פּראָ־דוקציע, פונקט ווי א סך אנדערע אַקטיוויטעטן, איז עפּעס א מין ארויס־בוי און זי שיקט פאַרויס א סאָציאַלן, אדער ריכטיקער, אינטעראינדיווי־דועלן פּלוראַליזם, בשעת אונדזער פיזיאָלאָגיע איז מאָניסטיש, איז אַן אחד.

דער אַזוי־גערופענער ווידערשפּרוך צווישן דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס און די פּאָליטישע תכליתים איז א פּועל־יוצא פון די אינערלעכע אייגנ־שאַפטן פון די געגעבענע דיסציפּלינען. ער איז א נאָרמאַלע אפּלייטונג פון די פאַרהעלטענישן, וועלכע עקזיסטירן צווישן זיי. און אַט־די שייכות׳ן קענען קוים קאַרדינאַל געענדערט ווערן.

אונדזער וויסעניש וועט קיינמאָל ניט אריבערשטייגן אין פאַר־שפּיצטקייט, אין חריפות, אין דער פיינקייט פון פאַראַלגעמיינערונג, די דערוויסעניש־טעאָריע, מחמת דעם וואָס די ערשטע ליגט נידעריקער. בלויז אויף אונדזער וויסעניש, אויף דער אויספאָרשונג פון די דעטאַלן פון באַגרייפעניש, אויף דער באַשרייבונג און דערקלערונג פון די פאַר־קניפּונג־מעטאָדן, וועלכע ווערן געברויכט אין קענטעניש, ווערט א דער־וויסעניש־דערקענטעניש טעאָריע ארויפגעבויט. פונקט אַזוי איז די פּאָליטישע אַקטיוויטעט אויפגעריכט, ווי א בנין, אויף דעם עקאָנאָמישן אונטערגרונט, וועלכער דינט פאַר איר אלס פונדאַמענט ניט גענעטיש, נייערט פאַקטיש. ריכטיקער, „פּאָליטיק״ איז אורשפּרינגלעכער, דאָס מיינט אי טיפער און אי העכער פון עקאָנאָמיק. „פּאָליטיק״ איז עלטער און „דערוואַקסענער״.

אין דער פאַרדעמדיקער עפּאָכע, בשעת דער פּאָליטישער סוביעקט איז געווען פעאָדאַליסטיש, דעמאָלט איז דער עקאָנאָמישער סוביעקט געווען כמעט אינגאַנצן פאַרטיקולאַריסטיש. ער האָט „געמאַכט שבת פאַר זיך.״ ער איז געווען א מין ווירטשאַפטלעכער פּרוש, אדער ער האָט באַלאַנגט צו א צעך. יעדנפאַלס האָט זיך זיין עקאָנאָמיש אינטעראינדיווידועלער און

אינטערקלאסענדיק כאַראַקטער קוים געצומען באַוויזן. ער איז ניט געווען אָרגאַניזירט. ער איז ניט געווען אונטערוואָרפן אונטער אַ שטרענגער דיסציפּלין פון סיסטעמאַטישער פּלאַנירונג אפילו אין זיין אייגענעם ענגן קרייז פון אַקטיוויטעט. ער האָט געאַרבעט, ווען ער האָט געוואָלט און ווי ער האָט געוואָלט, ווען עס איז אים איינגעפאַלן אין „שמע קולנו", אָן אַן אויסרעכענונג, אָן אַ שטרענגען סדר. איצטער, אין אונדזער צייט, ווען דער עקאָנאָמישער סוביעקט איז געוואָרן קאַפּיטאַליסטיש, וואָס מיינט פּעאָדאַליסטיש, איז דער פּאָליטישער סוביעקט אויסגעוואָקסן צו דער סטאַטור פון אַ מיטגליד פון אַ שטאַט־בירגערטום. דער פאָרטשריט, די „פּראָגרעסיוועקייט" פון פּאָליטיק איז ניט באַגרענעצט אויף היקף אליין. אפילו וואָס עס איז שייך די רעגולאַטאָרישע מעטאָדן אין אָט־דעם תחום שטייט פּאָליטישע אַקטיוויטעט פיל העכער פון דעם עקאָנאָמישן אַנטוויקלונג־ניוואָ.

לאָמיר אָננעמען אַז ראַדיקאַל־סאָציאַליזם איז פאַרווירקלעכט, דער אויבן באַשמועסטער ווידערשפּרוך וואָלט בלייבן אין תוך אומבאַרירט. ער וואָלט בלויז בייטן זיין פאָרם. אַנשטאָט דעם ריס צווישן דאָס פּריוואַטע און עפנטלעכע וואָלטן מיר איצטער זען אַ פאַנאַנדערגאַנג צווישן נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק און אינטער־נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. אָט־דער ווידערשפּרוך וואָלט זיך רעפלעקטירן אין שפּיגל פון יוריספּרודענץ. נאַציאָנאַלער רעכטלעכער באַוואוסטזיין ווערסוס דעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ, אין יחיד'ישן באַוואוסטזיין וואָלט אָט־דער ווידערשפּרוך אָננעמען די פאָרם פון אַ געראַנגל צווישן צוויי לאָיאַליטעטן. עס וואָלט פאָרקומען אַ „ויתרוצצו" אין בויך פון רעכט־באַוואוסטזיין, איינער וועט ציען צום נאַציאָנאַליזם, דער צווייטער צום אינטערנאַציאָנאַליזם. הגם עס וואָלט גובר זיין דער נאַציאָנאַליזם...

אָט־די פּלוגתא'ס, פאַנאַנדערגייעכצן אין סאָציאַלן לעבן האָבן אַלעמאָל עקזיסטירט און וועלן אַלעמאָל עקזיסטירן. דעם וואָרצל פון אָט־דעם צווייאיקייט־בוים דאַרף מען זוכן, און געפינען, אין מענטשן גופא. ער הויזט ניט מיט זיך אַליין פון אינעווייניק. ניט נאָר איז די גרויסע וועלט פול מיט ווידערשפּרוכן, איז „אַ וועלט מיט וועלטעלעך", נאָר אפילו דער מענטש אַליין, אָט־די קליינע וועלט איז אויך אַ וועלטעלע מיט נאָך קלענערע וועלטעלעך.

אָט־וואָס פאַר אַן אַטעסטאַט קאָנט גיט אַרויס דעם מענטשן:

„פון אַזאַ צעדרייטן מאַטעריאַל, פון וועלכן דער מענטש איז געמאַכט, קען מען ניט אויסאַרבעטן קיין זאַך וואָס זאָל זיין אינגאַנצן גלייך." (16)

ווען דער מענטש אין זיין נשמה, אין זיין אינערלעכן לעבן, איז

צעקיילט און צעביילט, איז צעקרימט און צעלאָמט, איז אַ בעל־מום, טאָ ווי אַזוי קען מען גאָר דערוואַרטן אַז די געזעלשאַפט, אַז די מענטשן אין צוזאַמענעם, זאָל ארויסקומען א גאנצע, א געזונטע, און דערצו זאָל זי נאָך זיין גלייך ווי אן אויסגעצויגענע סטרונע.

אַט־די ׳רופאים׳ וועלכע פארנעמען זיך מיט ׳קורירן׳ די געזעלשאַפט זיינען ניט בעסער פון די טאַטערס אָדער מכשפים־דאָקטוירים. זיי פאַרגעסן אַן דעם קראַנקן מענטשן, פאַר וועלכן עס איז ניטאָ קיין תרופה אויסער דער מעדיצין, וועלכע הייסט מאָראַל און וועלכע ווירקט זייער לאַנגזאַם... כל־זמן דער מענטש, גענומען ביחידות, איז קראַנק, מוזן די מענטשן, גענומען בציבור, זיין קראַנק. מ׳קען דאָ גאָר ניט טאָן, מ׳קען דאָ גאָרניט העלפן.

אַט ווי אַזוי סעמועל פאַן פופענדארף כאַראַקטעריזירט דעם מין מענטש:

„אַזוי ווי קיינער, אויסער דעם כל־יכול, קען ניט זיין אַזוי גוט צום מענטשן ווי דער מענטש אליין, פונקט אַזוי איז קיינער ניט אימשטאַנד אים אָנצוטאָן מער צרות, ווי ער אליין קען זיך אָנטאָן.״ (17)

פאַרוואָס איז עס אַזוי? ווייל דער מענטש אינערלעך איז צעשפּאָלטן, ער ווערט צעעסן פון אינעווייניקסטע סתירות.

וואָס־וואָס קיין סתירות און ניגודים פעלן אונדז ניט. אויף דעם האָבן מיר ברוך השם, אַזאַ גערעטעניש ווי אויף קראָפּעווע און דערנער. דיסהאַרמאָניעס פעלן ניט אויס ניט אין ביאָלאָגיע, ניט אין פּסיכאָלאָגיע און ניט אין לאָגיק. סיי דאָס לעבן, סיי דאָס טראַכטן און סיי דאָס שפּירן איז פול מיט קעגנזאַצן. אין יעדער זאַך, אין יעדער דערשיינונג איז דאָ אַ צד און אַ צד שכנגד, איין שטאַנדפּונקט און אַ צווייטער. אַט־די פּאָרל הויזט קיינמאָל ניט.

בערנאַרד מענדעוויל שרייבט:

„אין די באַשעפענישן איז קיין זאַך ניט אַזוי פּערפעקט גוט אַז עס זאָל ניט קענען אָנטאָן שאָדן צו עמיצן אין דער געזעלשאַפט... עס איז נאָך קיינמאָל ניט אַראָפּ אַ רעגן, אפילו אין אַ טריקעניש־צייט, ווען מ׳האָט מתפלל געווען תפילת־גשם, אַז ער זאָל עמיצן ניט שטערן, ווייל דער אָדער יענער, וועלכער איז פונקט דעמאָלט געווען אונטערוועגנס, וויל עס זאָל זיין אַ שיינער וועטער.״ (18)

אַ טייל מענטשלעכע אינטערעסן קענען אַלעמאָל צוזאַמענפאַלן. אַלע אינטערעסן קענען צוזאַמענפאַלן אַמאָל, אָבער אַז אַלעמענס אינטערעסן זאָלן צוזאַמענפאַלן אַלעמאָל דאָס קען קיינמאָל ניט פּאַסירן, — סיידן לעתיד לבוא, אין נבואה׳ישער וויזיע.

פון דאָס געזאָגטע פאָלגט בשום אופן ניט, אַז מ'דאַרף ניט אויס־געפינען די פעלערן, בודק זיין דעם חמץ פון דער ווירטשאַפט, פון דער געזעלשאַפט, אויפדעקן די ווידערשפּרוכן, וואו נאָר זיי געפינען זיך. עס איז אונדזער פליכט אויסצוראָמען די דערנער פון דעם געזעלשאַפט־ווייַנגאָרטן אויף וויפיל עס איז נאָר מעגלעך. אָבער בעת מיר פאַרנעמען זיך מיט אָט־דער ניצלעכער אַרבעט טאָרן מיר ניט מסיח־דעת זיין פון דעם פאַקט, אַז יעדער טריט אויף דעם וועג פון אויסבעסערונג מוז זיך אָפּקלאַפּן קעגן אַן אבן־מכשול. יעדער תיקון מוז אומבאַדינגט ברענגען צו אַ נייַער תקלה. יעדע באַזייַטיקונג פון אַ חיסרון מוז אַנטדעקן עפּעס אַ נייַעם פעלער. יעדע לייזונג פון אַ פּראָבלעם מוז שטעלן אַ נייַע פּראָבלעם. דאָס איז דערפאַר מחמת דער וועג פון אויסבעסער און פאַר־שענער איז אומענדלעך. ווי דאָס וויסן און פאַרשן עפּנט כסדר אויף נייַע געגנטן, וועלכע זייַנען נאָך ניט אויסגעפאָרשט פון אונדזער זוכנדיקן שכל, הגם זיי וועלן ווערן באַוואוסט און באַקאַנט מיט דער צייַט, פּונקט אַזוי איז די רעפאָרם־אַרבעט. עס איז אין לדבר סוף. יעדע רעפאָרם איז אַן אייַנלייטונג צו אַ נייַער רעפאָרם. יעדע שטיקל בדק־הבית אַרבעט איז אַ צוגרייט צו נייַע רעמאָנט־אונטערנעמונגען, נייַע איבערבויעכצן. אַזוי קייטלט זיך עס איינס מיט אַן אַנדער אָן אַ הפסק. סיידן דער גאַנ־צער ציוויליזאַציע־בנין נעמט און פאַלט איין, ברעכט צוזאַמען און לייגט זיך אויס אין רואינען. אָבער אויך אין לעצטן פאַל, נאָך דעם חורבן הבית פון אַ גאַנצער ציוויליזאַציע, ענדערט זיך אויך ניט קיין זאַך וועזנט־לעך. אַ פרישער אַנטוויקלונג־ציקל הייבט זיך אָן צו דרייען איבער־אַנייס. ער שרויפט זיך מעשה ספּיראַל פון אונטן, פון סאַמע דעק אַרויף און אַרויף. אין די צייט־גרענעצן פון יעדן ציקל געבווירט איין פאַר־בעסערונג אַ צווייטע. איין אומצופרידנקייט רופט אַרויס אַ צווייטע אומבאַפרידיקונג, ווי די אָפּגרונטן וואָס רופן איינער צום אַנדערן.

מאַקיאַוועלי אין זיין ווערק „דער פּרינץ" שרייבט:

„מחמת יעדע ענדערונג מוז אַלעמאָל איבערלאָזן אַ פאַלץ אויף וועלכן מ'קען בויען נאָך אַן ענדערונג." (19)

עפּאָכן, ווי היסטאָרישע הקפות, פאָלגן נאָך איינע די אַנדערע ביז זיי פאַרענדיקן זייער קרייז־ציקל און שליסן זיך אָפּ. אַן ענדלאָזע פּראָ־צעסיע פון תיקונים אויף תיקונים, קאָרעקציעס אויף קאָרעקציעס, ציט זיך אָן אָפּשטעל ווי די קאַראַוואַנען דורך די זאַמדיקע מדבריות פון אונדזער סאָציאַלן לעבן.

מיר דאַרפן אַנטבלויזן און אַוועקשטעלן קעגן דער זון פון קריטיק אַלע פעלערן פון אונדזער סאָציאַל־סיסטעם. אָבער מיר טאָרן זיך ניט

איינרעדן, אין אונדזער פוסטער גאווה און באַרימעריי, אז מיר זיינען די לעצטע און די בעסטע, די גרעסטע מומחים־כירורגן, און ווען מיר וועלן פאַרטיק ווערן מיט דער אָפּעראַציע וועט מען שוין מער קיינע אָפּעראַציעס קיינמאָל ניט דאַרפן מאַכן דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן חולה. און ער וועט זיין געזונט ווי מויער עד סוף כל הדורות.

צום באַדויערן פאַרגעסן ס׳רוב היץ־קעפּ־פּראָפּאַגאַנדיסטן אָט־דעם פּשוטן אמת, אז די סאָציאַלע תורה האָט ניט קיין גרונט. זיי מיינען אַלץ אַז זיי זיינען דער סוף פון ספר, סוף פרשה, סוף פסוק, דער אמת׳ער געשריי „חזק ונתחזק!"

מיר וועלן ברענגען אלס אילוסטראַציע א ציטאַטע פון טהאָמאַס פּיין, ער איז זיכער ניט איינער פון די ערגסטע „אַגיטאַטאָרן", די שופר־בלאָזער וועלכע טרייבן דעם סאָציאַלן שטן:

„קיין פראַגע, וועלכע איז געשטעלט געוואָרן אין די גרענעצן פון דער רעקאָרדירטער געשיכטע, האָט ניט געפּרעסט מיט אזא וואַגיקייט ווי די איצטיקע פּראָבלעם. עס האַנדלט זיך ניט וועגן דעם צי די אָדער יענע פּאַרטיי זאָל אריין אדער ניט, וויג אָדער טאָרי, הויך אָדער נידער זאָל זיגן, נייערט עס גייט אין דעם צי דער מענטש זאָל קריגן זיין רעכט און אַ אוניווערסאַלע ציוויליזאַציע זאָל געשאַפן ווערן צי ניט? צי ער זאָל געניסן די פּרוכט פון זיין ארבעט אָדער זי זאָל פאַרצערט ווערן פון דער אויסברענגעריי פון די רעגירונגען? צי רויבעריי זאָל ארויסגעיאָגט ווערן פון די הויפן און עלנט פון די לענדער צי ניט?" (20)

וואָס פאַר אַ תמימות! די פראַגע פון זיין דור איז די וויכטיקסטע פראַגע, עס איז נאָך קיינמאָל א פראַגע פון אַזאַ חשיבות ניט געשטעלט געוואָרן! און די לייזונג פון דער דאָזיקער פראַגע — עפּעס אַ קלייניקייט וואָס זי גייט אויפטאָן! זי וועט אַרויסטרייבן די רויבער פון די הויפן און אָפּשאַפן עלנט. דורך וועלכן מיטל? דורך דעם וואָס זי גייט אַוועקשטעלן א פּרעזידענט אַנשטאָט א געקרוינט קעניג!

עס איז מערקווירדיק, כמעט אלע סאָציאַל־פּאָליטישע סיסטעמען האָבן די „אַגיטאַטאָרן" רעקאָמענדירט מיטן זעלביקן ברען און פייערדיקן ענטוזיאַזם. ניט דווקא רעפּובליקן זיינען עס געווען באַרופן צו מאַכן אַלע מענטשן גליקלעך. מאָנאַרכיעס זיינען אויך געווען גרייט צו דינען דעם זעלביקן צוועק. די זעלביקע נאַאיוויטעט און איינגעגלויבטקייט וואָס מ׳געפינט היינט ביי די פּרעדיקער פון ראַדיקאַלן סאָציאַליזם, איז געווען ביי די פּרעדיקער פון מאָנאַרכיזם. די אָנהענגער פון דעם מאָנאַרכישן פּרינציפּ זיינען אויך געווען זיכער אז זיי האָבן דערשנאַפּט

די פולקומענע פאָרמע פון לענדער־ און פעלקער־פאַרוואַלטונג. ס'טייטש די נאַטור אליין האָט געגעבן איר הסכמה אויף דער דאָזיקער אינסטיטוציע! איין זון אין הימל און איין צאַר אויף דער ערד. אזוי אז די סאָלאַר־סיסטעם זאָגט עדות מכוח דעם, אַז קיין אַנדער רעזשים איז גאָר ניט מעגלעך.

גרויסע מענטשן האָבן גרויסע יצר־הרע'ס. און ער פּוישט זיי ארויס־צוזאָגן גרויסע אַבסורדן.

„דער אימפּעראַטאָר וועט פירן די מענטשהייט צו גליקלעכקייט אין אָט־דער וועלט, אין איינקלאַנג מיט די לערנונגען פון די פילאָזאָפן." (21) די באַדינגונג וועלכע פאָדערט זיך פאַר דער דערגרייכונג פון אָט־דעם צוועק איז אוניווערסאלער פרידן...(22) גערעכטיקייט האלט זיך אויף מאכט און ווילן. בלויז דער אלהערשנדיקער מאָנאַרך באַזיצט מאכט, און געפינענדיק זיך מחוץ פון קנאה דורך זיין דערהייבענער פּאָזיציע, באַזיצט ער אויך דעם ווילן." (23)

דאַרף מען עפּעס בעסערס? אַ מאָנאַרכיע וועט געבן גליק, אייביקן שלום און גערעכטיקייט. מיט איין וואָרט, אַלע גוטע זאַכן. און צו וועמען מיינט איר, געהערן די דאָזיקע קלוגע געדאנקען? צו א שני בשלישי פון א דענקער און טרוימער? דער געניאַלער דיכטער דאַנטע האָט עס אָנגעשנירלט אָט־די פּערל פון שטאָט־קלוגשאַפט!

סיר וואַלטער ראַליי פאַרזיכערט אונדז: „אַ מאָנאַרכיע איז ענלעך צו דער סואווערענער רעגירונג פון גאָט אליין." (24) אַז דער אויבערשטער „האָט זיך באַראַטן מיט די מלאכי־השרת", פון דעם מדרש־רעיון האָלט ניט סיר ראַליי.

טהאָמאס האָבבס שרייבט:

„...א מאָנאַרכיע איז געווען עטאַבלירט פון בראשית, פון באַשאַף; און די איבעריקע רעגירונג־פאָרמען קומען ארויס פון דעם מאָנאַרכיע־פאַנאַנדערפאַל, וועלכער ווערט פאַראורזאַכט פון דער בונטאַרישער נאַטור פון דער מענטשלעכער ראַסע, און זיי זיינען בלויז שטיקלעך פון צעבראָכענע מאָנאַרכיעס, וועלכע ווערן צונויפגעקלעפּט דורך מענטשלעכן שאַרפזין." (25)

אַרטהור שאָפּענהויער שרייבט:

„די מאָנאַרכישע רעגירונג־פאָרמע איז די־יעניקע וועלכע איז נאַטירלעך פאַרן מענטשן; פּונקט אזוי ווי דאָס איז נאַטירלעך פאַר בינען און מוראַשקעס... פאַר „אַ טשערעדע פון וואַנדערנדיק" העלפאַנטן, פאַר א סטאַיע וועלף, וועלכע זוכן רויב צוזאַמען... אפילו דער אַנימאַלער אָרגאַניזם איז געבויט אויף דעם מאָנאַרכישן פּרינציפּ; עס איז דער מאָרך

אַליין, וועלכער פּירט, רעגירט און איבט אויס העגעמאָניע... אַפילו די זונען־סיסטעם איז מאָנאַרכיש.״ (26)

עס איז לייכט איינצוזען אַז סיי מאָנאַרכיזם, סיי ליבעראַליזם און סיי סאָציאַליזם זיינען געפּריידיקט געוואָרן מיט דער זעלביקער ברענענדיקער התלהבות און פאַרגלאָצטער דבקות.

דער געדאַנק אַז אָט־די צייט, דווקא דערדאָזיקער פּעריאָד אין דער געשיכטע, דאַרף עס איבערגעבן אין גניזה דעם בוך פון שלעכטס איז אַ סאָרט כראָנאָ־צענטריזם, וועלכער אַנטהאַלט אין זיך מער עלעמענטן פון תמימות ווי דער עגאָצענטריזם, פון וועלכן מיר האָבן זיך ווי־ניט־איז אָנטזאָגט. מ׳דאַרף באַגרייפן, אויב מ׳טראַגט א קאָפּ אויף די פּלייצעס — און ניט קיין פּאָמוניצע אין וועלכער אומפאַראַנטוואָרטלעכע פּראָפּאַגאַנדיסטן גיסן אריין די פאַרשטאַנענע געקעכצן־איבערבלייבענישן — אַז אונדזער רעפּאַרמאַטאָרישע געלעגנהייט איז ניט די איינציקע, וועלכע די געשיכטע און אומשטאַנדן האָבן געגעבן צו די מענטשנקינדער. מ׳קען ניט גרינדן אזא געזעלשאַפט וועלכע זאָל זיך האַלטן אויף ריינער סאָלידאַריטעט. בלויז אידישער פּראָפּעטיזם איז געווען באַרעכטיקט צו טרוימען וועגן אַזעלכע דערהייבענע אידעאַלן. די תורה איז ניט געגעבן געוואָרן צו די משרתים־מלאכים, און דאָס סאָציאַלע לעבן און די סאָציאַלע תורה איז זיכער ניט געשאַפן געוואָרן פאַר אָט־די הימל־שליחים.

און אויב מיר וואָלטן אַפילו געווען מלאכים, איז וואָס? זיי פאַרמאָגן דאָך אויך גראַדאַציעס, ראַנגען און טיטולן: עס זיינען דאָ סתם מלאכים, און עס זיינען פאַראַן העכערע מלאכים׳שע באַאַמטע, ווי שרפים, כרובים, מיט בענדלעך ארויפגעניייטע אויף זייערע פליגלען. זיי גייען ארום אדער פליען ארום אָנגעטאָן, מסתמא, אין מונדירן מיט עפּאָלעטן.

וויליאַם גרעג אין זיין ווערק „עסייען וועגן פּאָליטישער און סאָציאַלער ווייסנשאַפט״ שפּאַסט גאַנץ געלונגען:

„אפשר איז טאַקע דאָ קאָנקורענץ צווישן די מלאכים, און דער מלאך גבריאל ווי אויך דער מלאך רפאל האָבן זיך דערדינט צו זייער ראַנג דורך אַ מאַקסימום פון שירה־געזאַנגען אויף א מינימום פון גנאָד.״(27)

בנוגע קאָנקורענץ ווייס איך ניט, אפשר ווערט די הימלישע ווירטשאַפט געפירט אויפן יסוד פון פּלאַנירונג און קאָאָפּעראַציע. אבער א יעראַרכיע איז דאָרטן זיכער פאַראַן. אפילו די הימל־קיניגרייך קען זיך ניט באַגיין אָן סטראַטיפיקאַציע: עס זיינען דאָ מלאכי־השרת און מלאכי־עליון, ווי אויך אזעלכע דיגניטאַרן ווי מיכאל, גבריאל און רפאל און מטטרון דער שר פון אינערלעכע אנגעלעגנהייטן...

IV

# פראָגרעס און רעגרעס

„זיי באַצוועקן פאָרטשריט, אָבער זיי פאַראורזאַכן צוריקשריט.״ (1)

דאָס פעלד פון סאָציאַלע רעפאָרמען ליגט אונדז פאָר אַן אַלטער־נאַטיוו: דעם וועג פון פּראָגרעס און דעם וועגן פון רעגרעס. נאַ־איוויזם שטייט אונטערן צייכן פון רעאַקציע. זיינע פּלענער זיינען פון א רעסטאוראַטיוון כאַראַקטער. ער וויל אַלעמאָל זיך אומקערן צו־ריק, גיין צו עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז געווען אַמאָל, און עס איז שוין לאנג ניטאָ. דער „ראַדיקאַלער״ לאַגער קען איינגעטיילט ווערן אין צווייען אין „נאַאיוויסטן״ און „קריטיציסטן״. די „נאַאיוויסטן״ זיינען אייגנטלעך ראַדיקאַל־רעאַקציאָנערן. זיי רופן צו אַן איינשטעל, וועלכער איז געווען אין עקזיסטענץ מיט אַזויפיל יאָרן צוריק, אַז קיינער געדענקט אים שוין ניט, און דעריבער מיינט מען אַז זיי זיינען „נאָוואַטאָרן״, ד. ה. אַז זיי ליגן פאַר עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען.

א קאָנסערוואַטאָר איז דער וואָס וויל אויפהאַלטן דעם סטאַטוס־קוואָ, לאָזן זאַכן ווי זיי זיינען. אַ רעאַקציאָנער איז דער, וואָס וויל רעס־טאַוורירן א רעזשים, וועלכער איז אַ שטיקל צייט צוריק אָפּגעשאַפט געוואָרן. אַ ראַדיקאַל איז דער וואָס וויל איינפירן א נייעם רעזשים. אַזוי דעפינירט יעלינעק, אין זיין ווערק „שטאַטסלערע,״ אָט־די דריי ריכטונגען פון אונדזער צייט. איך וואָלט אָבער צוגעבן, אַז א ראַדיקאַל איז ניט אַלעמאָל דער וואָס וויל איינפירן א נייעם איינשטעל. אַזאַ דעפיניציע פון ראַדיקאַליזם איז גילטיק בלויז פאַר דעם קריטיקאָ־ראַדיקאַליזם. אַ נאַאיוו־ראַדיקאַל איז, באמת, דער וואָס וויל רעסטאַוורירן א סיסטעם וועלכע האָט עקזיסטירט גאַר אמאָל, בשעת א פשוטער רעאַק־ציאָנער איז דער וואָס וויל צוריקברענגען אן איינשטעל וועלכן מ׳האָט נאָר וואָס באַזייטיקט.

די נאַאיוויסטישע רעפאָרם־פּראָיעקטן ליגן פאַר גאַנץ ערנסט אָט־דעם פּלאַן: מ׳זאָל איבערגעבן די פאַרוואַלטונג פון די געמיינשאַפט־אַנגעלעגנהייטן צו די ברייטע פאָלקס־מאַסן, צו דעם המון־עם. וואָס די

נאַאיוויסטן באַצוועקן איז דעם איינפיר פון אַן אַכלאַקראַטיע, א דעמאָס־פירערשאַפט. זיי באַשטרעבן צו עטאַבלירן די הערשאַפט פון די נידע־ריקע שיכטן. אַט־דער באַשטרעב, וועלכן זיי פאַרפאָלגן מיט די בעסטע כוונות, איז באמת רעגרעסיוו און שעדלעך. די נידעריקע פלאַסטן פון דער געזעלשאפט קענען גענומען ווערן אין אַנבאַטראַכט בלויז אלס מאַטע־ריאַל און ארויסהעלף פאַר דעם נייעם ארויפשטייג. זיי זיינען גוט אויס־שליסלעך אלס אונטערשטופער און אונטערשטיצער פון די צוקינפטיקע „פני״. זיי קענען דינען בלויז אלס פוסביינקלעך, אויף וועלכע די אויפ־קומענדיקע „גדולים״ וועלן זיך שטעלן און אזוי ארום דערלאַנגען צו זייער טראָן.

אַט וואָס קאַרל יאספערס זאָגט אונדז:

„די מאַסן דאַרפן אַנדערקענט ווערן אויף אזויפיל, אויף וויפיל זיי קענען דינען דעם צוועק פון סטימולירן דעם אימפולס צו דעם מעגלעכן ארויפהויב, דאָס מיינט אויף וויפיל זיי אליין זיינען דאָס וואָס די וויניקע זיינען אין א סך מער אנטשיידנדיקער מאָס.״ (2)

אין „קלאַריאַן״ האָב איך געשריבן:

„מ׳קען ניט „ראַטעווען״ די מאַסן, סיידן זיי וועלן אויפהערן צו זיין אינערטע ׳מאַסן׳ און זיי וועלן ארויפשווימען צו דער אויבערפלאַך פון עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן און וועלן זיך פּראָקלאַמירן און באַהויפּטן אַלס ענערגעטישע אינדיווידן.״ (3)

די „שקלאַפן״ קענען פאַרמעגן סאָציאַלע חשיבות, קענען ווערן בייטרעגער צו געזונטער סאָציאַלער רעפאָרם־ארבעט בלויז אונטער איין באַדינג. אין וואָס באַשטייט אַט־דער באַדינג? ער באַשטייט אין דער זיכערקייט אז אַן ענערגעטישע מינדערהייט וועט זיך, שנעלער אדער פּאַמעלעכער, אויסטיילן פון דער מאַסע, און אירע מיטגלידער וועלן אליין ווערן „הערשער״. ריכטיקער, זיי וועלן דינען אלס ארויסהעלפער אין דער פאַראַנטוואָרטלעכער אונטערנעמונג פון באַזייטיקן די אַלטע שררות און אוועקשטעלן אויף זייער פלאַץ פרישערע, געזינטערע, מער פאַר־שטענדלעכע אדונים.

דער אמת איז, אז די נאַאיוו־ראַדיקאַלן לייגן ניט פאַר קיין לייזונג פון די פּראָבלעמען וועלכע דאָס סאָציאַלע לעבן פון אונדזער צייט שטעלט ארויס. זייער כוונה איז בלויז פאַנאַנדערצולייגן אונדזער געזעלשאפטלעך קיום. זיי מאַכן פאַרזוכן פאַנאַנדערצוגלידערן, דן־זיין בריסוק־איברים אונדזער חברה׳שע צוזאַמענוואוינונג. זיי וואָלטן זיך „מחייה געווען״ ווען זיי וואָלטן זוכה געווען צו זען ווי אונדזער געמיינשאפט צעפאַלט אויף שטיקער, קערט זיך אום צו די פאַרצייטיקע הינטערשטעליקע פאָרמען

פון סאָציאַלן פאַרקער מיט זיינע אָפּגעשטאַנענע מעטאָדן פון געזעלשאַפט־לעכער רעגולאַציע. די היינטיקע אופנים פון פּאָליטישער אַדמיניסטראַציע און ווירטשאַפט־פאַרוואַלטונג זיינען ניט צוגענגלעך צו די „נידעריקע" שיכטן. די פאָרמען פון אונדזער חברה־לעבן זיינען צו פאַרוויקלט פאַר זייערע טעמפּע מוחות. נאַאיוויזם נעמט אויף זיך די ראָלע פון פּראָקוראָר און ריכטער. ער קלאָגט אָן אונדזער סיסטעם און ער טראָגט איר אַרויס א פסק־דין — „שולדיק". נאַאיוויזם וואָלט וועלן זי רעדוצירן צו געוויינטלעכער איינפאַכקייט. און דאָ איז דער הונט פון צוריקגעשטאַנענקייט באַגראָבן.

אלס בעסטער און שענסטער ביישפּיל פון א ראַדיקאַל־רעאַקציאָנער קען דינען ל. נ. טאָלסטאָי. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף אים אלס א פּרט וועלכער קומט אונדז לערנען וועגן דעם כלל.

ווי דאַרף אונדזער באַלעבאַטישקייט איינגעאָרדענט ווערן לויט טאָלסטאָי'ס אידייען? ווי וויקלט ער פאנאנדער דעם קנויל פון פאַרוויקעלטע ענינים, וועלכע מיר געפינען אין די פאַרהעלטענישן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל? ער רופט צו א באַיקאָט פון דער שטאָטישער בירגערלעכער געזעלשאַפט און איר מאַשין־אינדוסטריע. מיטן גאַנצן הארצן, מיט מאָראַלן פּאַנאַטיזם און קינסטלערישער געניטקייט רופט ער אונדז צו טאָן „תשובה" און זיך צוריקקערן צו דער אומאָפּהענגיקער ווירטשאַפט און אומצעטיילטער אַרבעט פון דעם פּויער און בעל־מלאכה, וועלכע זיינען געווען עקאָנאָמיש זעלבסט־באַגענוגנדיק. טאָלסטאָי'ס לערע איז אַ בפירושע פאַרגעטערונג פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון די יעניקע אַנטוויקלונג־סטאַדיעס וועלכע זיינען נאָך ניט געווען באַשטראָפט מיט אונדזערע היינטיקע פּורעניות. הגם, פאַרשטייט זיך, זיי האָבן געהאַט זייער אייגענעם חלק פון ווייען און בראָכן. אָבער יענע צרות דערלויבט זיך טאָלסטאָי צו איגנאָרירן. וואָס איז טאָלסטאָי'ס פאַראיינפאַכונג־לערע אויב ניט א רוף צוריק, א רוף זיך אומצוקערן צום גאָלדענעם צייטעלטער, ווען עס זיינען ניט געווען קיין גרויסע שטעט, אָט־די היילן פון פאַרברעכן און זינד; ווען עס איז נאָך ניט געווען קיין טעכנישע ציוויליזאַציע, קיין סאָציאַלע קולטור און אַלץ וואָס קומט מיט דעם אין דעם פּאָזיטיוון און איבערהויפּט נעגאַטיוון פּשט פון וואָרט.

טאָלסטאָי'ס פּראָטעסט און פּאַרויסגייער, אין דעם פּרט פון אידעאַליזירן די פאַרגאנגנהייט, געפינען מיר אין סענעקא.

אָט־וואָס ער זאָגט:

„די פּויערים, ווען געדיכטע וועלדער האָבן באַשיצט און באַשירמט פון די ברענענדיקע שטראַלן פון דער זון און וועלכע האָבן געוואוינט

געזיכערט קעגן דעם אומברחמנות פון די שלאַגרעגגנס און ווינטער־זאַווערוכעס אונטער דעם צודעק פון זייערע היימישע שטיבלעך, האָבן פאַרבראַכט זייערע נעכט אין רואיקייט אָן א זיפץ און אָן א קרעכץ; בשעת דאגות און אומרו פייניקן אונדז אונטער דעם פורפור־באַלדאַכין און האַלטן אונדז אויף מיט זייערע שטאַרקסטע שטאַכלעך; דער האַרטער באַדן האָט זיי פאַרזויגט אין ווייכער מנוחה. זיי האָבן ניט געהאַט קיין געשניצטע דעכער וואָס זאָלן הענגען איבער זייערע קעפּ; אָבער גאַנץ אָפט ליגנדיק אין דרויסן האָבן די שטערן זיי אריבערגעדעקט מיט א חופה; און זיי האָבן געזען די וואונדערבארע פּאַנאָראַמע פון דער נאכט, ווי די הימלשע געוועלבן קייקלען זיך אַוועק און זיי טוען זייער גרויסע ארבעט אין דער שטילקייט... זיי האָבן ניט געהאַט אזעלכע געראַמע הייזער ווי אין שטאָט. זיי האָבן אָבער געוואוינט אין דרויסן אין דער פרייער לופט. דער שאָטן פון וועלכן עס איז פעלזנשטיין אדער בוים, זויבערע פּאָנטאָנען און טייכן, ניט געמאכטע דורך ארבעט אדער צוגעפירט מיט רערן, וואָס פליסן פאַמעלעך פון זיך אליין איבער געמייזעכצן ניט־אויסגעצירטע מיט קינסטלעכער שענקייט, — און צווישן אָט־דאָס א קליין שטיבעלע געבויט פון דער האַנט פון א דאָרפסמאַן; דאָס זיינען געווען די זיסע בענטשונגען, וועלכע זיי האָבן גענאָסן; דער־דאַזיקער וואוינונג־פּלאַץ, וועלכער איז באַשטימט פון דער נאַטור, און די איינוואוינער פון וועלכן האָבן ניט געוואוסט פון קיין מורא ניט פון אים, ניט פאַר אים; בשעת א גרויסער טייל פון אונדזערע שונאים קומען פון אונדזערע אייגענע הייזער." (4)

„עס איז קיין צווייפל ניט אז די וועלט, ווען זי איז נאָך ניט געווען אין א צושטאַנד פון אַנטאַרטונג, האָט געשאַפן בעסערע זאכן ווי איצטער." (5)

טאָלסטאָי אין דער פאַרערונג פון איינפאַכן דאָרפישן לעבן דאַרף פאַררעכנט ווערן פאַר א תלמיד פון רוסאָן וועלכער איז געווען א תלמיד פון סענעקאָן.

טאָלסטאָי איז אן אויסגעשפּראָכענער סאָציאַל־מיטאָלאָג. ער איז אן אַנהענגער פון אַלטערטום. ער אידעאַליזירט די אומסאָפיסטיצירטע איינ־פלאַכיקע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכן פאַרקער און פאַמיליען־לעבן. פאַרוואָס מאַכט טאָלסטאָי אַזאַ וועזן פון מלאכה, אומנת־יד? פאַרוואָס פאַרהייליקט ער פּראַצע? ער טוט עס מחמת דעם וואָס זיי זיינען פרי־מיטיוו, ניט קאָמפּליצירט. און אַלצדינג וואָס איז פּשוט איז הייליק, איז עדיפיצירנדיק, ברענגט גליקזעליקייט, ווייל עס ליגט נאָענט צום אָנהויב, צום בראשית, ווייל עס געפינט זיך אין באַריר מיט יענער צייט,

ווען אלץ איז געווען יונג, פריש, זאַפטיק, גרין און האַפטיק, פרילינגדיק.

איך דערמאָן זיך טאָלסטאָיס מעשה׳לע מכוח דעם קערנדל וועלכער איז געווען די גרויס פון אַן איי.

ווען זיינען אזעלכע קערנדלעך־גיגאַנטן געווען אויף דער וועלט? זיי געהערן ניט צו אונדזערע צייטן, ווען אלץ איז פאַרדאַרט און פאַרדאַרבן געוואָרן. זיי געהערן צו יענע צייטן, ווען דער באָדן איז געווען פרוכטבאר און דער ערד־ארבעטער א „יונג מיט ביינער״, „שטאַרק ווי א לייב און פלינק ווי א הירש״...

אָט איז בקיצור דער ספור המעשה:

„דער קערנדל די גרויס פון א הונס איי.

דער קיניג האָט אָנגעהויבן אים צו פרעגן:

ווייסטו, זיידעניו, ווען אזא קערנדל איז געוואקסן?...

ניין, אַזאַ תבואה איז ניט געוואקסן אין מיין פעלד... אָבער איך וועל פרעגן מיין פאָטער אפשר האָט ער געהערט פון אַזאַ קאָרן.

דער קיניג האָט געשיקט רופן דעם זקנ׳ס פאָטער.

ווייסטו, אפשר, אלטינטשקער, וואו אזא קערנדל איז געוואקסן?

הגם דער אלטינטשקער איז געווען שווער אויפן געהער, האָט ער געהערט בעסער פון זיין זון.

ניין, האָט ער געזאָגט, איך האָב קיינמאָל אזא זריעה ניט געזייט...

איך ווייס ניט וואו אזא קערנדל איז געוואקסן. הגם אונדזער תבואה פלעגט זיין גרעסער און לייכטער צו מאָלן ווי דאָס איז איצטער, אבער אַזאַ האָב איך ניט געזען. איך פלעג אָבער אָפט הערן מיין פאָטער זאָגן אַז אין זיין צייט זיינען די קערנער געווען גרעסער און לייכטער צו מאָלן ווי די אונדזעריקע. איר וועט דאַרפן פרעגן אים.

דער קיניג האָט געשיקט נאָך זיין פאָטער.

דער אלטער מאַן איז אריין אין קיניגס צימער אָן קוליעס. זיין טראָט איז געווען גרינג, זיינע אויגן זיינען געווען קלאָר און זיין חוש השמיעה איז געווען גוט.

דער קיניג האָט באוויזן דעם אַלטן מאַן דעם קערנדל...

דער אלטער האָט אים באקוקט, געדרייט ארום און אַרום.

עס איז שוין אַ צייט זינט איך האָב געזען אַזאַ קאָרן.

דער אַלטער האָט אָפּגעביסן א שטיקל פון קערנדל און האָט עס צעקייט.

דאָס איז עס, האָט ער געזאָגט.

זאָג מיר זיידע, ווען און וואו פלעגט אזא קאָרן וואקסן?

דער אַלטער מאַן האָט געזאָגט:

אין מיינע צייטן פלעגט אזא קאָרן וואקסן אומעטום. מיט אזא קאָרן האָב איך געשפּייזט זיך און אנדערע מענטשן. אַזאַ קאָרן האָב איך געזייט, געשניטן און געדראָשן.״ (6)

יעדער רוף אויף צוריק צו די גוטע אלטע צייטן צייגט אז דער רופער געהערט צו דעם געברויכער־קלאַס, צו א גרופּירונג א זקנה, ווּעמענס פאַרדינסטן און אויפטואונגען געהערן צו א לאנג־פאַרגאַנגענעם עבר. אַזאַ קלאַס זעט זיין צוקונפט אין קאַלירן פון א פארגאנגענהייט. דאָס אַלטע דעקט צו דאָס נייע און וויקלט עס ארום פון אלע זייטן. טאָלסטאָי איז א זון פון א סאָציאלן שטאנד, וועלכער האָט געמוזט אָנגעבן אין דעמיסיע. ער האָט פאַרויסגעפילט דעם אונטערגאנג פון זיין שיכט.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אז זיין שנאה צום סוחר נעמט זיך אויך פון דעם אייגענעם מקור. דער פריץ אין אים קען ניט פאַרטראָגן דעם אויפגעקומענעם חם, דעם נגיד. ווען טאָלסטאָי שילדערט א הענדלער קאַרגט ער ניט קיין שווארצע פאַרבן. ער באַשמירט אים פון קאָפּ ביז די פיס. ער מאכט פון אים א פארזעעניש.

פ. ענגעלס שרייבט:

„...פון דער צווייטער זייט, די טאָריס — וועמענס מאכט און זעלבסטהערשאפט זיינען צעשטערט געוואָרן פון דער אינדוסטריע, וועמענס פּרינציפּן זיינען צעטרייסלט געוואָרן פון דער אינדוסטריע — האָבן פיינט די אינדוסטריע און, אין בעסטן פאַל, קוקן זיי אויף איר ווי אויף אן אומפארמיידלעכער צרה. מיט דעם דערקלערט זיך די דערשיינונג פון די פילאנטראָפּישע טאָריס, וועמענס פירער זיינען געווען לאָרד אשליי, פערראנד וואָלטער, אָאָסטלער א. א., וועלכע האָבן באטראכט עס אלס זייער פליכט צו קעמפן פאר די אינטערעסן פון די ארבעטער קעגן די פאַבריקאַנטן.״ (6)

זייער קעגנערשאפט צום קאַפּיטאַליזם נעמט זיך ניט מאהבת מרדכי נייערט משנאת המן. זיי האָבן אזוי פיינט געהאט די קאַפּיטאַליסטן, אז זיי זיינען גרייט געווען זיך אָנצונעמען פאר די ארבעטער. טאָלסטאָי, אין א געוויסן פּרט, געהערט אויך אין אָט דער רובריק. זיין שנאה צו די קאַפּיטאַליסטן, צו די האנדלסלייט, צו די געלט־זעק איז אזוי גרויס, אַז, מעגלעך, אָט־דער האָס האָט אים באַצוואונגען זיך א קער צו טאָן צו די פּויערים און ארבעטער. טאָלסטאָי רעדט אין נאָמען פון זיין גאנצן שטאנד. ער איז אן אָראַקל, א נביא פון די אומות־העולם. ער פארמאָגט אן אויג און ער זעט פאָרויס דעם צוזאַמענבראָך. ער באזיצט אן אויער און ער פאַרנעמט דאָס אונטערערדישע ברומען פון דער ערדציטערניש וואָס דערנענטערט זיך. ער איז מלא רוגזא. ער שיט פעך און שוועבל

אויף דער שרעקלעכער קעגנוואַרט און אויף דער שיקזאַלהאַפטער אומ־ געבעטענער אומבאַרמהערציקער צוקונפט. ער וויל איר אָפשפרעכן אירע ווייטאָקן. ער געברויכט פאַר דעם צוועק השבעות און צירופים פון דער פאַרגאַנגענהייט. ער נעמט צו זיין הילף דעם קריסטנטום, אַן אויסגע־ צערטעלטע, בלוטאַרימע, היסטעריש־דעגענעראַטיווע מפיל־אידישקייט. אין די בניחותא־טענער און מילדע שאָטנס פון דער אויסגעהויכטער און אויס־ געוועפטער יעוואַנגעליום־רעליגיע פאַרבאַהאַלט ער זיך פון דער צו־ שטייענדיקער חצופה, דער שרייערקע, די וויסנשאַפט. ער איז באַגייס־ טערט און אַנטציקט פון דאָס קדמונים׳דיקע. דער שוויס פון פנים, דער אָנשטרענג פון די מוסקולן איז הייליק. אבער קדוש וטהור איז דער מין ארבעט וועלכער ווייסט נאָך ניט פון צעטיילונג, פון ספעציאַליזאַציע. ארבעט־צעטיילונג איז א נייס. דעריבער טאָקע דאַרף זי פאַרדאַמט ווערן. ער פלעכט אליין זיינע לאַפטשעס. ער טראָגט א פאַדיאָווקע, וועלכע ער אליין נייט אויף פון געוואַנט וועלכן ער וועבט אליין. ער אַקערט און זייט אויף א העכסט פאַרצייטיקן שטייגער.

אפילו בלויז אַ פאַרביילויפנדיקער איבערבליק פון טאָלסטאָיס ווערק וועט צייגן אז זיין וועלט־אַנשויאונג טראָגט אַ סאָציאַל־מיטאָלאָגישן כאַראַקטער. ער האָט ליבע און רעספעקט פאַר פרימיטיווע פאָרמען. זיין נייגונג איז צו דער צייט, ווען דער שטאַנד פון איידל־לייט איז נאָך געווען כוח־גברא׳דיק, סאָציאַל־נוצלעך, ווען זיין שיכט איז געשטאַנען בראש פון דער געזעלשאַפט.

אבער טאָלסטאָי איז מער ווי א וואונדער־קינד פון דער פאַרגאַנ־ גענהייט און א לאָיאַלער זון פון זיין שטאַנד און אומגעבונג: ער איז סיטואירט אויף דער גרענעץ־ליניע פון צוויי וועלטן. ער געפינט זיך צווישן סאָציאַלער יוגנט און אלטקייט. ער טרוימט פון ביידן. דער זונען־אויפגאַנג און פאַרגאַנג זיינען ביידע אין זיין אויג און וויזיע. ער איז אַ מיטגליד פון א דעקאַדענטן שיכט. ער זעט „מיט א קלאָרער שפאַקטיוו״, (אספקלריא הבהירה) נייע אָפשפראָצונגען ווי זיי וואַקסן זיך פאַנאַנדער אויף דעם אַלטן שטאַם פון סאָציאַל־לעבן. ער רע־ גיסטרירט דאָס שפיל פון ווידערשפרוכן פון דער סאָציאַלער געבורט און סאָציאַלן טויט, פון אָפשטאַרב און אויפלעב. ער באַמיט זיך אָפצו־ שטעלן די רעדער פון דער געשיכטע. ער אַנטלייט פאַרבן ביי דער אויס־ געדוכטער פאַרגאַנגענהייט. מיט זיי מאָלט ער דעם פאָרטרעט פון דער צוקונפט. ער פאַרניינט די קעגנוואַרט. ער פאַרטרייבט זי. ער קען זי ניט דולדן. ער טאַפט זיין וועג צו עפעס אנדערש. אבער אַנשטאָט עפעס א נייס ברענגט ער אונדז אַן אַנטיק. ער פאַרזיכערט אונדז אַז

דער מאָרגן דאַרף זיין א געטרייע קאָפּיע פון דעם גרויסן נעכטן. טאָל־סטאָי איז הן רעאַקציאָנער און הן ראַדיקאַל. אלע נאַאיוו־ראַדיקאַלן זיינען רעאַקציאָנערן פון אַ גאָר טיפער רעאַקציע. אבער טאָלסטאָי איז באין־אופן ניט קיין קאָנסערוואַטאָר. ער פּרעזערווירט ניט. ער וויל רעסטאַווירן, ער וויל צוריק אויפשטעלן „די איינגעפאַלענע סוכה״. טאָלסטאָי איז א צוזאַמענשטעל פון א מיטאָלאָג און א נביא. אַלע נאַאיוו־ראַדיקאַלן קוקן צוריקווייַלעכטס, בשעת זיי זוכן זייער אידעאַלן צושטאַנד. זיי גייען פאָרויס אויף־צוריק.

טאָלסטאָיען האָט אַנטיציפּירט — אין אלטערטום — סענעקאַ, אין דער מאָדערנער צייט — רוססאָ, וועלכער איז געווען א אוטאָפּיסט און אַן עקסטרעמיסט. ער האָט פאַרגעטערט די נאַטור, דאָס נאַטירלעכע, די פּרימיטיווקייט. לויט רוססאָס אנשויאונג איז אלץ, וואָס קומט ארויס פון אונטער די הענט פון באשעפער, שיין, גוט, וואונדערבאר, פערפעקט. דער מענטש אָבער פאַרדאַרבט אלץ צו וואָס ער רירט זיך נאָר צו. ער פאַרברודיקט, פארשמוציקט אַלצדינג. מענטש איז מטמא במגע ומשא.

„גאָט מאַכט אלע זאכן גוט; דער מענטש מישט זיך אריין און זיי ווערן שלעכט. ער צווינגט איין באָדן ארויסצוברענגען געוויקסן פון אַן אַנדער באָדן, איין בוים צו ברענגען די פּרוכט פון אַן אַנדערן. ער צעמישט און פאַרווירט צייט, פלאַץ און נאַטירלעכע באַדינגונגען. ער פארקריפּלט זיין הונט, זיין פערד און זיין שקלאַף. ער צעשטערט און אומגעשטאלט אלע זאַכן. ער האָט ליב אלץ וואָס איז דעפאָרמירט און א פאַרזעעניש.״ (8)

טאָלסטאָי האָט זיך באַמיט צו ווערן פאר דעם אויפוואַכנדיקן פּראָלעטאַריאַט, „דעם פערטן שטאַנד״, דאָס וואָס רוססאָ איז געווען פארן „דריטן שטאַנד״, פאר דער אויפקומענדיקער בורזשואַזיע. אָבער ער האָט געהאט ווייניקער מזל־ברכה. דער גרונטלאָזער גלויבן אין פּראָגרעס איז געווען אין טאָלסטאָיס צייטן, ערב רוסישער רעוואָלוציע, שטאַרקער ווי אין דער ערא פון רוססאָ, ערב דער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע.

א געוויסער טייל פון דער אינטעליגענץ, און נאָך איר זיינען נאָכ־געגאַנגען די ברייטערע מאַסן, איז געווען געגויגט צו פוטוריזם גיכער ווי צום פּאַסעאיזם.

„רוססאָ איז ארויסגעטראָטן אלס דער פירער פון א נייעם קרייצ־צוג... ער האָט פּאָזירט אלס דער קעמפער פאַר די שטיל־ליידנדיקע מאַסן, אָרימקייט און נויט, האָט ער דערקלערט, גייען ניט אריין אין דעם פּלאַן פון דער נאַטור. ביי רוססאָן, ווי ביי די פאַרצייטיקע דענקער,

געפינט זיך דער גאָלדענער צייטעלטער אין דער פאַרגאַנגענהייט, 'ווען פריי און פראַנק איבער די וועלדער איז דער איידעלער ווילדער ארומ־געלאָפן'. ציוויליזאַציע איז דער שלעכטער זשעני פון דער מענשהייט, און אונטער דעם אנרייד פון אָט־דער בייזער שלאַנג האָט דער מענטש פאַרלאָזן זיין פרימיטיוון גן־עדן.״ (9)

אויך רוססא איז געווען א מיטאָלאָג און א פּראָפעט. אבער זיין מיטאָס האָט אריבערגעוואויגן זיין פּראָפעצייאונג. ער האָט אידעאַליזירט דעם לעבנס־שטייגער און די סאָציאַלע אַנשטאַלטן פון די גריכן און רוימער. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז זיי האָבן דערגרייכט צו דעם אידעאַלן מצב.

ב. קידד אין זיין ווערק „סאָציאַלע עוואָלוציע״ שרייבט:

„די ציוויליזאַציעס פון די גריכן און די רוימער האָבן פאַרגעשטעלט, אין דער צייט פון דער דערוואַכונג פון אייראָפּעאישן פאַרשטאַנד, די העכסטע באַמיאונגען פון דער ראַסע אין כמעט אַלע תחומים פון אינ־טעלעקטועלער אַקטיוויטעט, און עס איז געווען אומפארמיידלעך, אז די דאָזיקע מענטאַלע אייגנשאפטן פון אָט־די פעלקער, און איבערהויפּט פון די גריכן, זאָלן ארויסרופן וואונדער און אַנטציקונג פון די מענטשן נאָך א לאַנגן פעריאָד פון אינטעלעקטועלער סטאַגנאַציע, וועלכן די וועלט האָט דורכגעמאַכט.״ (10)

די ברעקלעך רעפּובליקן, די מאַנטשינקע שטאָט־שטאַטן פון די גריכן האָט רוססאָ דערקלערט צו זיין די מאָדעל־מלוכות פאַר אַלע צייטן און אַלע דורות. דער אלגעמיינער ווילן האָט זיך דאָרטן אנטפלעקט אין זיין גאַנצער פרייהייט. אַלע פראַגן פון דעם געמיינדע־לעבן פלעגט מען באַהאַנדלען, ארומשמועסן און באַשליסן אויף דעם אָפענעם מאַרק־פּלאַץ, אין די סקווערן, אין די פאָרומס. רוססאָ האָט געקעמפט פאר דעם נאַטור־אידעאַל. ער איז געווען קעגן קולטור, ציוויליזאציע און וויסנ־שאפט. קונסט און וויסנשאפט האָט ער פאַרדאַמט דערפאר וואָס זיי פאַרווייבלעכן, פאַרצערטלען די מענטשן, צעפּיעשטשען די געזעלשאפט. זיי קאָרופּטירן די מאָראַל פון פאָלק. זיי ברענגען מיט זיך אלס באַג־לייטער אַלטקייט, אַנטאַרטונג און טויט פאר פעלקער און ראַסן, אבער אומגעאַכט אלע זיינע קורצזיכטיקייטן איז רוססאָ געווען א פּראָפעט. ער האָט געגלויבט באמונה שלמה אין דער צוקונפט, וועלכע וועט אויס־קויפן די זינד פון דער קעגנוואַרט און ברענגען אונדז צוריק צו דער טייערער, וואוילער, ריינער פאַרגאַנגענהייט. ער איז ניט די אויסנאַם. ער איז, גיכער, די רעגל. אלע „סאָציאָלאָגן־פּראַקטיצירער״, די אַזוי־גערופענע אידעאָלאָגן פון די ראַדיקאַלע באַוועגונגען, זיינען כמעט אָן א

יוצא מן הכלל מיטאָלאָגן און נביאים. די צרה איז מיט זיי וואָס זיי זיינען „פראָפעטן אָן אַן עטיש־פּסיכאָלאָגישער אמונה, אָן אַ באמת רעליגיעזער וועלט־אַנשויאונג," און דאָס מאכט זיי פאַר פאַלשע נביאים, פאַלשע משיחים ברענגער.

אַלע וויסנשאפטן, און פאַר זיי אַלע אומנות־יד'ן, נעמען זייער אור־שפּרונג אין מיטאָלאָגיע און קולט. אבער זיי זיינען שוין לאַנג ארויס־געוואקסן פון זייערע וויקעלעך. סאָציאָלאָגיע, דער אָנווענדבארער טייל אירער, און איבערהויפּט איר פּאָליטיש־עקאָנאָמישער טייל, זייענדיק נאָך גאַר יונג, האָט זיך עד־היום ניט באַפרייט פון זיינע קינדערשע אָנטועכץ און השגות. ער איז ניט פּטור געוואָרן פון דעם פלוידערזאַק שאַמאַן אויף דעם ווינקל־גאַס, דעם שרייער און טומלער אנגעקאָק, דעם „רעגן־מאַכער" אויף די מיטינגען, קאָנפערענצן און קאָנגרעסן און דעם כתבא־רבא אין בראשור אדער בוך־פאָרם.

אין זעלביקן גייסט און גוסט פון טאָלסטאָיען, הגם מיט ווייניקער עוואַנגעלישער זעליקייט, האָבן געפּריידיקט קראָפּאָטקין — הויפּטזעכלעך בנוגע פּאָליטישע ענינים — און אַנדערע, קלענערע מאור־הגולה'ס אויפן האָריזאָנט פון אוטאָפּיסטישן נאַאיוויזם.

אונדזער געמיינשאפט־לעבן איז צו קאָמפּליצירט, צו פאַרוויקלט און די מאַסן קענען עס ניט קאָנטראָלירן.

דער נאַאיוויסט האָט אָבער פאַרזיכערט אז ער גייט אַלץ איבערגעבן אין רשות פון די מאַסן. ווי אזוי? פּשוט, ער וועט נעמען אונדזערע אַנשטאַלטן און וועט זיי צעברעכן אויף זייערע באַשטאַנדטיילן, ער וועט זיי מאכן קלענער און איינפאַכער. אזוי ארום וועט ער זיי אוועקשטעלן אויף איין ברעטל מיט די באגרענעצטע פּאָליטישע קענטעניש, וועלכע עס באַזיצן די נידעריקע פלאָסטן פון דער געזעלשאפט.

לאָז יעדער שטיקל ישוב, יעדע שטעטל, יעדער געגנט, יעדע גע־מיינדע ווערן אַדמיניסטרירט באזונדער, און דעמאָלט, ווען די פּאָליטישע איינסן וועלן זיין קליין, וועט זיך מיט זיי קענען אַן עצה געבן דער פּשוט'סטער פון די פּשוט'ע מענטשן.

מיר וועלן ברענגען אַ פּאָר ציטאַטן פון דעם „אוטאָפּיסט" ראָבערט אָוען בכדי צו ווייזן אז דאָס איז טאַקע געווען זיין פּלאַן. דעם אמת זאָגנדיק, קיין אַנדער פּלאַן איז טאַקע ניטאָ און קען ניט זיין. מ'קען ניט אויפהויבן די מאַסן צו די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע אינסטיטוציעס און איבערלאָזן זיי אין דעם צושטאַנד פון „מאַסן", מ'מוז, אויב מען וויל אין ערנסט, — ניט דעמאַגאָגיש אויף צופּלייסן, — אז די אינסטיטוציעס זאָלן פאַרוואַלטעט ווערן פון דעם המון־עם, אראָפּלאָזן די אַנשטאַלטן

צו דעם קולטור־ניוואָ פון דעם „עמך״, צו זיין פאַרשטאַנד, געשמאַק און פייאיקייטן.

„געזעץ 24.

יעדע שטעטל זאָל זיין אַן אַסאָציאַציע פון מענער, פרויען און קינדער, אין זייערע געוויינטלעכע פּראָפּאָרציעס, פון פינף הונדערט ביז דריי טויזנט. די לעצטע ציפער איז די גרעסטע צאָל וועלכע קען אויפן בעסטן וואויל־טועדיקן אופן פאַראייניקט ווערן אונטער איין וויסנשאַפטלעכער איינאָרדנונג אום צו דערליידיקן אַלע לעבנס־אַנגעלעגנהייטן.

געזעץ 25.

אַזוי ווי אַט־די שטעטלעך וואַקסן אין צאָל, וועלן פון זיי געשאַפן ווערן פאַראיינען, פעדעראַטיוו געבונדן, וועלכע וועלן פאַרמירן קרייזן פון צען, הונדערטער און טויזנטער א. א. וו. ביז זיי וועלן זיך אויס־שפּרייטן איבער גאַנץ אייראָפּע און שפּעטער־צו איבער די איבעריקע טיילן פון דער וועלט, פאַראייניקנדיק אַלעמען אין איין גרויסער רעפּובליק, מיט איין אינטערעס״. (11)

אין אַט־דער ציטאַטע זעט מען דאָס, וואָס איך רוף ראַדיקאַל־נאַאיוויזם, אין דער בעסטער דאַרלייגונג. אָוען האָט דעם דרייסט פאַר־צושלאָגן א פאַרוואַלטונג־פּלאַן וועלכער וועט ארומנעמען די גאַנצע וועלט. ער איז א קאָסמאָפּאָליט. ער לייגט אריין אין קאָסמאָפּאָליטיזם מער ווי פּוסטע פראַזעאָלאָגיע. ער וויל אַז דער יחיד זאָל זיך באַטראַכטן אַלס אַ בירגער פון דער וועלט, און ניט זיין פּאַטריאָטיש צוגעבונדן צו אַ שטיקל פּאַטערלאַנד. די לאָיאַליטעט פון איינצעלנעם בירגער איז צו דעם פּאָליטישן וועלט־פאַראיין. אָוען וויל שאַפן א מענטשהייט, וועלכע ווערט פאַרוואַלטעט אַלס א געמיינשאַפט. אָבער ווי אַזוי גייט ער שאַפן אַט אַזאַ אַלוועלטלעכע פּאָליטישע איינהייט? דורך דעם וואָס ער וועט צעברעקלען די עקזיסטירנדיקע מלוכה׳שע פאַראייניקונג אויף אירע באַ־שטאַנדטיילן. און ווער וועט עס רעאַליזירן אַט־דעם אידעאַל פון א קאָס־מאָפּאָליטיק? די מאַסן. פרעגט זיך, ווי אַזוי קענען עס באַווייזן די מאַסן, וועלכע זיינען ניט רייף צו קאָנטראָלירן און אַכטונג געבן אויף דעם פּאָליטישן אַפּאַראַט פון דער איצטיקער מלוכה? איז דער תירוץ, מ׳וועט דעם אַפּאַראַט צענעמען, צעגלידערן. אַזוי ארום זעט מען, ווי אָוען איז אי פּראָגרעסיוו און אי רעגרעסיוו. ער וויל פאַרקריכן צוריק צו דעם פּרימיטיוון צושטאַנד, וועלכער האָט עקזיסטירט קודם צו אונדזער גרויס־מלוכה איינפירונג. איינס אָוועק, דאָס גיין צוריקקווילעכטס בכדי צו פאַרדעקן די שאַנדע פון דער נאַקעטער צוקונפט. צווייטנס, ווער וועט עס דורכפירן דעם דאָזיקן וואַגזאַמען פּלאַן פון א וועלט־איינבעם? די

אָפּגעשטאַנענע, די אומוויסנדיקע מאַסן. ניט קיין נייער קלאַס, אדער טיפּ מענטשן, פאַר וועלכן די היינטיקע באַגרענעצטע מדינה איז צו ענג, נייערט דער סאָרט מענטש פאַר וועמען דאָס וויגעלע פון דעם מאָדערנעם שטאַט מיט זיין לאַנד־היקף איז אויך צו גרויס, אָט־דער סאָרט מענטש, געגומען אין מערצאָל, גייט עס שאַפן אַ וועלט־שטאַט.

מיר וועלן אים לאָזן ווייטער ריידן און הערן ווי אזוי ער באַגרינדעט זיין אידייע און פּלאַן „דער טעם פאַר דעם געזעץ:

עס איז אין דעם אינטערעס פון יעדן מיטגליד פון דער מענטשנ־ראַסע, אַז עס זאָל זיין בלויז איין אינטערעס, איין שפּראַך, איין אלגע־מיינער קאָדעקס פון געזעצן און איין סיסטעם פון אַדמיניסטרירן זיי. אָט־די פּאַראיינען גיבן דעם עכסט נאַטירלעכן, לייכטן און שנעלן מאָדוס ווי אזוי צו דערגרייכן אָט־די גרויסע און אלעמאָל געוואונטשענע רעזול־טאַטן, די פעדעראַטיווע פאַרבינדונג פון די דאָזיקע שטעטלעך, איין צענד־ליקער פאַר די מער באַגרענעצטע לאָקאַלע אָנגעלעגנהייטן, איין פופציקער און הונדערטער פאַר די מער אויסגעברייטערטע אונטערנעמונגען און איין טויזנטער פאַר די עכסט־אויסגעשפּרייטע אינטערעסן, כדי צו פאַרזיכערן פרידן און וואויל־וועלן דורך יעדער געגנט און יעדן קלימאַט, — אָט די פאַראייניקונג וועט דורכגעזעצט ווערן אָן שוועריקייט, ווייל עס וועט זיך ארויסווייזן, אז דער העכסטער און עכט־באַשטענדיקער אינטערעס פון יעדן איינעם איבער דער גאַנצער וועלט איז אויפ׳ן בעסט־פּעולה׳דיקן אופן פאַרזיכערט פון אָט־די שטעטלעך און די פעדעראַציע פון שטעטלעך אָן אַ גרענעץ ביז די גאַנצע באַפעלקערונג פון דעם ערדקוגל וועט זיך האַרציק פאַראייניקן ווי מיטגלידער פון איין פאַמיליע, אלע פאַרנומען מיט דער פלעגונג פון דער גליקלעכקייט פון יעדן איינעם. אָט־די שטעטלעך, אויף אַמאָל הן אָפּגעזונדערט און הן פאַראייניקט, וועלן בויען פּאַלאַצן ארומ־געריגגלטע מיט גערטנער, פאַרגעניגן־פּלעצער און העכסט־קולטיווירטע לאַנד־גיטער.״ (12)

אינעווייניק אין דער ענגער ספערע פון דאָס אוממיטלבאַרע, וואָס רירט אָן די פּערזענלעכע אינטערעסן פון יעדן איינעם, וועט יעדער בירגער זיך קענען לייכט אָריענטירן. ער וועט זיך שאַפן א מער אדער ווייניקער ריכטיקע מיינונג וועגן די קעגנשטאַנדן וועלכע ווערן באַהאַנדלט. ער וועט זיין אימשטאנד צו לייזן די פּראָבלעמען, וועלכע שווימען ארויף אויף דער באַגרענעצטער אויבערפלאַך פון קליינעם ישוב־לעבן. אפילו דער איינפאַכסטער דאָרפסמאַן, דער גרעבסטער ישוב׳ניק איז מסוגל צו באַגרייפן די אָנגעלעגנהייטן פון זיין קרייז און ער ווייסט ווי אזוי ארום זיי צו באַהאַנדלען. דעריבער, רבותים, זאָלן מיר נעמען דעם פאַרצווייגטן

בוים פון פּאָליטישן לעבן און אים צעגלידערן אויף איינצלנע צווייגן, און דעם שטאָם צעזעגן אויף באַלקנס, די באַלקנס צעהאַקן אויף שייטלעך האָלץ. און דעמאָלט וועט קומען יעדערער פון „עמך", וואָס קען „א שייטל עברי" אין הלכות פּאָליטיק, און זיך נעמען א שייטל האָלץ, א פּאָר שפּענער, אביסל זעגעכץ און אוועקטראָגן דעם אוצר אהיים, איינהייצן די אייגענע האָרובע און זיך פּילן וואַרים און געמיטלעך. מיט אנדערע ווערטער, לאָמיר צעפּאָלמעסן, וויוויסעקצירן דעם סאָציאַלן אָרגאַניזם, צעטיילן די פּאָליטישע תחומים און אָפּזונדערן זייערע פונקציעס און בזה האופן געבן יעדן הדיוט, אדער חרש שוטה וקטן, יעדן בור מדאורייתא א געלעגנהייט זיך צו באטייליקן דירעקט אין דער פאָרמולירונג פון די ענטפערס אויף די פּאָרלויפּיקע פּאָליטישע פראַגן.

אָבער אלע די דאָזיקע נאַאיווע פּראָיעקטן, וואָלטן דאָך גורם געווען צו אַן אראָפּזינק פון די פּאָליטישע סטאַנדאַרטן, וועלכע זיינען סיי ווי סיי ניט געווען איבעריק הייך, און וועלכע אפילו אין זייער נידעריקייט און פלאַכקייט זיינען נאָך אלץ געווען איבער די קעפּ און די השגות פון דעם דורכשניט בירגער. און וויפל מי, אָנשטרענג, פלייס און אויפ־טועריקשקייט מ׳האָט עס אוועקגעלייגט אויף דעם, אז זיי זאָלן זיך אויפהויבן כאָטש צו אָט־דעם ניוואָ! אָט־די נאַאיווע פּלענער וואָלטן ברענגען צו דעם חורבן פון דער געמיינשאפט, צו איר דעגראַדאַציע. די דאָזיקע נאַאיוו־ראַדיקאַלע רעפּאַרמען פּאַראַדירן אלס עטישע פּאָ־דערונגען און אימפּעראַטיוון. זיי פּוצן זיך אין אנטליענע מאָראַל־פעדערן, בשעת אין דער אמת׳ן זיינען זיי זייער ווייט פון עטיק און דעם עטישן קוק אויף מענטש און וועלט.

דער מאָדנער געדאַנק, דער תמימות׳דיגער איינפאַל אז אויב מ׳וויל האָבן שלום דאַרף מען שאַפן קליינינקע פּאַראייניקונגען פון ישובים! וואָס וועלן די קליינינקע ישובים׳לעך טאָן, אויב ניט זיך ארומרייסן צווישן זיך?! וואו איז די גאַראַנטיע אז זיי וועלן לעבן בשלום און ניט פירן כסדר מלחמות, געשלעגערייען?

עס איז איבעריק צו פרעגן קשיות אויף א „נאַאיווער" מעשה. שטעלט זיך פּאָר, אז מיר פּאָלגן אונענו, מיר פירן איין די דאָזיקע קליינשטעטלעך־סיסטעם, איז וואָס וועט פון דעם ארויסקומען? וועט זי לייזן אונדזערע פּאָליטישע פּראָבלעמען? ניין. אלץ וואָס דער פּלאַן קען געבן איז אָט וואָס: מיר וועלן נעמען אונדזערע פּאָליטישע פראַגן און זיי איבערפירן פון איין פּלאַץ אויף א צווייטן. די זעלביקע פראַגן שטייען מיט זייערע שרייענדיקע צייכנס, נאָר איצט געפינען זיי זיך

אביסל נידעריקער, הגם אויף דעם אייגענעם בלאַט פון אונדזער פּאָ־ליטיק־בוך.

הערבערט ספּענסער גיט א געלונגענע באשרייבונג פון די קלוגע „רעפאָרמען", וועלכע ווערן ס'רוב דורכגעפירט מיט אזא געפילדער און טאַראַם, אז מ'קען פון זיי אזש טויב ווערן. ווען אלץ שטילט זיך איין און שטעלט זיך איין דערוויסט מען זיך, אז די רעפאָרמען האָבן גאָרניט רעפאָרמירט, און זיי טויגן אויף א גוטער כפרה. דעמאָלט כאַפּט מען זיך ווי פאר א הייסן בייגל, פאר א נייעם פלאַן, וואָס איז, באמת א גאָר אלטער איינשטעל, פון וועלכן מ'איז קוים פּטור געוואָרן און דאָס פּטור ווערן איז אָנגעקומען גאנץ שווער און האָט אָפּגעקאָסט א פאַרמעגן אין ענערגיע, פאַרדרוס און קרבנות.

„דערנאָך ווי מ'האָט זיך דורך א לאַנגן קאַמף באַפרייט פון אַלטן רעזשים, האָט מען זיך געכאַפּט, אז דער נייער רעזשים, וואָס איז אויס־געוואקסן פארהעלטניסמעסיק לייכט, איז אויך ניט אָן צרות און פּורעניות'ן. די אומגעדולדיקייט מיט אלעם דעם וועקט דעם פאַרלאַנג צו פּרובירן אָן אנדער סיסטעם: און אָט־די נייע סיסטעם איז, אין פּרינציפּ אויב ניט אין אויסזען, די אייגענע וואָס יענע, פון וועלכער, אין די פארגאנגענע דורות, מ'האָט זיך ארויסגעראַטעוועט מיט אזא גדולה און שמחה." (13)

אין פאַל מיר פאָלגן אונדזערע „נאַאיוויסטן" און מיר גייען טאַקע אַראָפּ אָ פּאָר טרעפּלעך נידעריקער, איז וואָס וועט דעמאָלט פּאַסירן? איין זאך: מיר וועלן זיך גאָר אינגיכן דערוויסן, אז מיר זיינען אריינ־געפאלן אין א גאָר ניי־אלטער צרה, אז מיר האָבן זיך איבעראנייס פאַרפּלאָנטערט אין א קנויל פון ווידערשפּרוכן, פון וועלכן מיר האָבן זיך ארויסגעוויקלט מיט אזויפיל מאַטערניש. מיר זיינען אריינגעבראָ־דזשעט אין אַ זומפּ פון וועלכן מיר האָבן קוים מיט צרות זיך ארויסגע־ראַטעוועט א דור אדער צווי צוריק און מיר האָבן דעמאָלט געבענטשט גומל און געלויבט דעם בורא־עולם פון דער געשיכטע פאר דער רעטונג, וואָס ער האָט אונדז געשאָנקען. איצטער זיינען מיר אַראָפּ א פּאָר טרעפּלעך נידעריקער, בשעת פאַר דעם זיינען מיר געווען מלא שמחה וואָס אונדז האָט זיך איינגעגעבן זיך ארויפצוקאַראַבקען א פּאָר שטיגן העכער.

דזשאָזע אָרטעגאַ אי גאססעט גיט א בילד פון אונדזער אומבאָ־האָלפענער לויפעניש אהין און צוריק, פון אונדזער טועניש און אומ־טועניש, שאַפעניש און אומשאַפעניש.

„בידע, באָלשעוויזם און פאַשיזם, זיינען צוויי פאַלשע פאַרטאָגן. זיי ברענגען ניט דעם פרימאָרגן פון א נייעם טאָג, נייערט פון עפּעס

א פאַרצייטיקן טאָג, וועלכן מ׳האָט פאַרבראַכט ווידער אמאָל און איבער אַמאָל: זיי זיינען בלויז א פרימיטיוויזם, און אזוי וועלן זיין אלע באַוועגונגען, וועלכע זיינען געננג טעמפּ זיך אריינצולאָזן אין א געראַנגל־פאַרהער מיט דעם אָדער יענעם טייל פון דער פאַרגאַנגענהייט אנשטאָט אָנצוגיין מיט דער ארבעט פון פאַרדייען זי. עס איז קיין ספק ניט, אַז מ׳דאַרף גיין ווייטער פון ניינצענטן יאָרהונדערט ליבעראַליזם. אבער דאָס איז פּונקט וואָס מ׳קען ניט דערגרייכן דורך א באַוועגונג ווי פאַשיזם, וועלכע דערקלערט זיך צו זיין אַנטי־ליבעראַל, מחמת דאָס איז דאָך געוועזן דער פאַקט — דאָס זיין אַנטי־ליבעראל אדער ניט־ליבעראל — וועלכער האָט עקזיסטירט קודם צום ליבעראַליזם. און אזוי ווי דער לעצטער האָט טריאומפירט איבער זיין כנגד, וועט פאַסירן איינס פון די צוויי, אָדער ער וועט ווידערהאָלן זיין ניצחון נאָך אמאָל און נאָך אמאָל, אָדער אלץ — ליבעראַליזם און אנטי־ליבעראַליזם — וועט פאַרניכטעט ווערן אין דער צעשטערונג פון אייראָפּע. עס איז פאַראַן אַן אומברחמנות־דיקע כראָנאָלאָגיע פון לעבן. אין איר קומט ליבעראַליזם נאָך דעם אנטי־ליבעראַליזם, אָדער וואָס עס מיינט דאָס אייגענע, ער איז לעבנס־קרעפּטיקער, פּונקט ווי דער ביקס איז מער פון אַ וואָפן ווי דער שפּיז.

פון ערשטן בליק זעט אויס אז א שטעלונג פון אַן ׳אנטי־עפּעס׳ קומט שפּעטער פון דעם „עפּעס״, אויף וויפל זי באַדייט א רעאַקציע קעגן אים און שיקט פאַרויס זיין פאַרדעמדיקע עקזיסטענץ. אבער דער אויפטו, וועלכן דער „אַנטי״ שטעלט פאַר בליאַקעווועט אויס אין א פּוסט־נעגאַטיווער שטעלונג, איבערלאָזנדיק אלס זיין איינציקן פּאָזיטיוו אינהאַלט אַן ׳אנטיק׳. ווען אָט־די שטעלונג ווערט איבערזעצט אויף א פּאָזיטיווער שפּראַך, שטעלט זיך ארויס, אז דער מאַן וועלכער דער־קלערט זיך צו זיין אַן אַנטי־פּיאַטער טוט קיין זאַך ניט מער ווי צו דערקלערן זיך אלס דעם שטיצער פון א וועלט, אין וועלכער פּיאַטער האָט ניט עקזיסטירט. אָבער דאָס איז דאָך די וועלט, וועלכע איז געוועזן איידער פּיאַטער איז געבוירן געוואָרן. דער אנטי־פּיאַטעריסט שטעלט זיך אנשטאָט נאָך פּיאַטערן — פאַר פּיאַטערן און ער וואַלצט אום די גאַנצע פילם צו דער פאַרגאַנגענהייט־סיטואַציע, צום סוף פון וועלכער די דערשיינונג פון פּיאַטערן איז אומפאַרמיידלעך. מיט אָט־די ׳אנטי׳ס׳ פּאַסירט דאָס אייגענע וואָס מיט קאָנפוציוס לויט דער לעגענדע. ער איז, נאַטירלעך, געבוירן געוואָרן שפּעטער פון זיין טאַטן, אבער ביים געבוירן ווערן איז ער שוין אלט געוועזן אַ יאָר אַכציק, בשעת זיין פּאָטער איז געוועזן ניט מער ווי א בן שלשים. יעדער אַנטי איז ניט מער ווי אַן איינפאַכער ליידיקער ניין.״ (14)

טאָלסטאָי, ווי געזאָגט, איז אַן אויסגעהאַלטענער נאַאיוויסט. ער שטעלט זיך ניט אָפּ אויפן האַלבן וועג. ער גייט ביז צום סוף פון אַלע קאָנסעקווענצן, וועלכע מ׳קען ציען פון זיין פּראַאיינפּאכונג־פּרינציפּ. ער ראָט אונדז צו נייען אונדזערע בגדים, שיך, צו פאַרפּשוט׳ן, פּרימיטי־ווּיזירן אונדזער לעבנסשטייגער. גוט און וואויל! מיר וועלן טאַקע אַזוי טאָן. וואָס וועט דעמאָלט פּאַסירן? עס איז דאָך געווען אַ צייט, וועלכע איז רעקאָרדירט אין היסטאָרישן ספר־הזכרונות, ווען אַזאַ מין זאַך ווי אַרבעט־צעטיילונג איז ניט געווען אין דער פּראַקטיק. און מיר האָבן געשפּאָרט ניט קיין מי און ניט קיין קרבנות אַבי אוועקצוגיין פון אָט־יענער באַרבאַרישער צייט. מיר האָבן זיך אַ נעם געטאָן מיט אַזויפיל צוטרוי צו אָט־דער אַרבעט־צעטיילונג. מיר האָבן געגלויבט באמונה שלמה, אַז דערדאָזיקער אויפטו וועט זיין פון אומגעהויער גרויסן נוצן פאַר אונדזערע עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען. איצט וועלן מיר גיין צוריק צו דעם פּונקט אין ווירטשאַפט־ און טעכניק־אַנטוויקלונג ביי וועלכן מיר האָבן געהאַלטן מיט הונדערטער יאָרן פריער, און פון יענעם פּונקט וועלן מיר ווייטער זיך רייסן מיט כל־הכוחות פאָרויס צו דער אַרבעט־צעטיילונג אַלס אַ מיטל וואָס קען אונדז אויסלייזן פון לאַנגע שעה׳ן און שווערער פּראַצע און מיזעראַבלע רעזולטאַטן. ווען מיר נעמען ערנסט די עצה טובה פון די נאַאיוויסטן, וואָלטן מיר האָבן איין עסק: צו גיין אַראָפּ און אַרויף אויף די שטיגן פון סאָציאַלער עוואָלוציע. מיר וואָלטן מאַכן עטלעכע טריט פאָרויס, און דערנאָך אַ פּאָר טריט צוריק אַזוי, אַז מיר וואָלטן זיך טאָפּטשען אויף איין אָרט. פון די גרויסע שטעט, וועלכע זיינען איבערבאַפּעלקערט מיט איינוואוינער, איבערגעפּאַקט מיט מאַשינען, אָנגעפּילט מיט טומל און רעש, מיט שטיקעניש, דריקעניש און שטינקעניש — וואָלטן מיר זיך לאָזן לויפן צוריק צו די דערפער, מיר וואָלטן צופאַלן מיט ליבע און בענקעניש, חרטה און תשובה, צום שויס פון דער מוטער־ערד. דאָרטן וואָלטן מיר זיך ׳מחייה׳ געווען מיט דער פרישער לופט, גרינע געמייזעכצן, קלאָרע טייכעלעך און בולקענדיקע קוועלכעלעך. דערנאָך וואָלטן אונדז דערעסן געוואָרן דידאָזיקע ׳וואויל־קייטן׳ פון דאָרפישן לעבן מיט זיין לאַנגווייל, סטאַגנאַציע, פאַרשלאָפנקייט און איינטאָניקייט און מיר וואָלטן זיך אַ לאָז געטאָן, מיט גרויס ענטוזיאַזם, צוריק אין די שטעט אַריין. דאָ וועלן מיר געניסן פון די פאַר־געניגנס, רייצענישן און אָנלאָקענישן, וואָס דער גרויס־שטאָטישער לעבן אַנטהאַלט אין אַזאַ שפע.

טאָלסטאָיען האָבן מיר געברויכט בלויז אלס אן אילוסטראַציע. די איבעריקע נאַאיוויסטן מיט זייערע פּלענער זיינען ניט ווייניקער אומ־פּראַקטיש.

ווען מ'זאָל אָט־די פּאָליטיקאָ־נאַאיוויסטן געהאָרכן, האָט מען גע־דאַרפט האַנדלען אזוי:

קודם כל אנטלויפן פון שטאַט, דערפאַר וואָס ער איבט אויס צוואַנג, ער פּראַקטיצירט געוואַלדטאַט, ער צווינגט ארויף זיינע רעגלען און רעגולאַציעס, און זיך ארייננכאַפּן אין דער פּאַרמלאָזער פרייער געזעל־שאַפט־שטאַט, אדער פּרימיטיווער קאָמונע. פון דער, אזוי גערופענער, פרייער געזעלשאַפט, מיט אירע אומאויפהערלעכע רייסערייען און קרי־גערייען, די אינערלעכע שטרייטיקייטן און צוויסטיקייטן, איר באַגרע־נעצטן געאָגראַפישן לעבנסרוים און ענגן, — ביז צו דערשטיקעניש, ביז צום טרעטן איינער דעם אנדערן אויף די פיס — שטח פון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן — וואָלטן מיר געדאַרפט יאָגן צוריק צו דעם שטאַט. אזוי ארום וואָלטן מיר זיך שיפלען אהין און צוריק, פון איין ברעג צום צווייטן איבערן שטראָם פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

„געזעצן! מיר וויסן וואָס זיי זיינען און וואָס זיי זיינען ווערט! שפּינוועבס פאַר די רייכע און מעכטיקע, שטאָלענע קייטן פאַר די שוואכע און אָרימע, פישער־נעצן אין די הענט פון דער רעגירונג." (15)

פון געזעץ, דערפאַר וואָס ער איז ניט קיין ריינער קריסטאָל, אָן א פּגימה און פלעק, פון גערעכטיקייט וואָלטן מיר געדאַרפט לויפן צוריק צום מנהג, די עכסט טיראַנישע און פאַרשטאַנענע אינסטיטוציע.

האַנניבאַל דזשעראַלד דאַנקאַן אין זיין ווערק „הינטערגרונטן פאַר סאָציאָלאָגיע" גיט אונדז א פּאַסיקע באשרייבונג פון דעם כאַראַקטער פון די מנהגים:

„שעקספּיר רעדט פון דעם 'טיראַן מנהג'. מאָנטיין זאָגט ער איז א 'געוואַלטזאַמיקע און פאַררעטערישע שול־לערערין'; בעקאָן רופט אים 'דער הויפּט מאַגיסטראַטער פון מענטשלעכן לעבן'; און לאָק זאָגט 'ער איז א גרעסערע מאכט ווי די נאַטור.' ער בינדט גרופּן און מענטשן צוזאַמען; ער דערמוטיקט קאָנסערוואַטיזם און פאַרהאַלט די אויפטואונגען פון די אמביציעזע" (16) לכן, פון געזעץ, וואָס טויג ניט, דאַרפן מיר גיין צום מנהג. און פון מנהג וואוהין? דערווייל אין ערגעץ ניט. מיר, אין מערצאָל, דאַרפן קודם אויסגעפינען, דורך א פיליאַריקער דערפאַרונג, וואָס פאַר אָ מהות אָט־דער מנהג איז און ווי אזוי ער ווערט ווירקן, ווען ער בלייבט דער איינציקער דעה־זאָגער איבער אונדזער געזעלשאַפטלעכער הנהגה. אָבער דאָס אויסצוגעפינען וועט ניט נעמען זייער לאַנג. גאַנץ

גיך וועלן מיר זיך דערקונדיקן אז דאָס ניט־געשריבענע געזעץ לײדט פון אַלע חסרונות, פון וועלכע דער 'כּכתוב' לײדט. וואָס טוט דער געזעץ, אדער וואָס איז זײן עובדא? ער דאַרף זײן דער רעגולאַטאָר פון דעם אומרעגולירבאַרן לעבנס־קורס. אָט־דעם שטראָם, וואָס איז פול מיט וואַסער־שוועלן און וואַסער־שנעלן, אומווידערהאַלבאַרע אירעגולאַריטעטן, ארײנצופרעסן אין אַ ענגן טײך־בעט פון נאָרמעס — דאָס איז די אויפ־גאַבע פון דעם געזעץ. ער דאַרף ארײנפּאַסן אין אַ ראַם פון שטיל־רואיקע באַשטימטע ברעגעס אָט־דעם סמבטיון, דעם זיד און קאָך און שטײנער־שלײדערײ... עס איז פאַלג מיר אַ גאַנג. דער געזעץ קען דעם מופת ניט באווײזן. דזש. וואָרען שרײבט:

„צו פאַרלאַנגען אַן איבעראײנשטימונג אין דעם אַפּשאַץ פון סענטי־מענטן אדער אין דעם אויסטויש פון שפּראַך, אדער אײנפאָרמיקײט פון געדאַנק, פון געפיל אדער האַנדלונג, וואו עס איז ניטאָ קײן נאַטירלעכע איבעראײנשטימונג איז אַ פונדאַמענטאַלער טעות אין דער מענטשלעכער געזעצגעבונג — אַ משוגעת, וועלכע וואָלט געפינען איר גלײכע אין דער פאָדערונג אַז אַלע יוונים אדער ניט דווקא יוונים זאָלן האָבן אײן פּנים און די־זעלביקע שטאָטור." (17)

און אַז דער מנהג וועט דאַרפן עס דורכפירן וועט ער זיך דען אַן עצה געבן מיט דער אויפגאַבע? זיכער ניט. אויסער די פעלערן פון געשריבענעם געזעץ קומט נאָך צו אָט־דער אומשטאַנד, וואָס דער מנהג איז אַ שטיק טעמפּע געהירנלאָזעווירקלעכקײט און פאַרקנאַכטע פאַר־האַרטעוועטקײט, וועלכע גײט לײכט אריבער אין איר קעגנזאַץ פון וואַק־סענער קנעכטבארקײט אין די הענט פון דעם ווילנפולן טיראַן. און ווי־באַלד דער מנהג וועט זיך ארויסשטעלן צו זײן זײער ווײט פון צופרידנ־שטעלן אונדז, איז וואָס וועלן מיר טאָן? מיר וועלן לויפן צוריק אין גרויס אײלעניש, ווי אײנער וואָס ראַטעוועט זיך פון אַ שׂרפה, צו די הײליקע 'שנאמר'ס' און 'כּכתוב'ס' צו וועלכע מ'האָט אַטריבוטירט אַ געטלעכן אַפּשטאַם. אזוי גרויס זײנען געווען די מעלות טובות, וועלכע דער געזעץ איז געווען באַרופן צו ברענגען צו די לײדנדיקע מענטשנ־קינדער, אזוי וויכטיק איז געווען דער אויפטו, אַז מ'האָט זיך פאַר־געשטעלט זײן אויפקום אַלס עפּעס איבערנאַטירלעכעס. אַ קלײניקײט אָט־די דערפינדונג פון געזעץ, פון חוק ומשפט! וואָס הײסט עפּעס? ער איז דאָך אָנגעשריבן, אויסגעקריצט, יעדערער קען זיך מיט אים באַקענען. יעדער אײנער קען וויסן, אָן דער הילף פון אַן אינטערפּרע־טאַטאָר, וואָס עס פאָדערט זיך פון אים.

אַט וואָס עס שטייט געשריבן אין דער הקדמה צו דעם קאָדעקס פון האַמוראַבי:

„אנו און בעל האָבן מיך, האַמוראַבי, גערופן.. צו מאַכן, אַז גערעכטיקייט זאָל הערשן אין לאַנד, צו פאַרניכטן דעם מנוול און רשע, ניט צו דערלאָזן, אַז דער שטאַרקער זאָל באַדרענגען דעם שוואַכן... האָב איך עטאַבלירט געזעץ און גערעכטיקייט אין לאַנד און האָב אויפֿגעהויבן דעם וואוילשטאַנד פון פאָלק". (18)

„אונטער מיין שוץ האָב איך געבראַכט זייערע ברידער צו זיכערקייט; און מיט מיין חכמה האָב איך זיי איינגעצוימט; אַז דער שטאַרקער זאָל ניט דריקן דעם שוואַכן, און אַז זיי זאָלן טאָן גערעכטיקייט צו דעם יתום און אלמנה... זאָל יעדער באַדרענגטער מאַן, וואָס דאַרף זיך לאָדן, קומען און זיך שטעלן פאַר מיין געמעלעכץ אלס קיניג פון יושר! זאָל ער לייענען די אויפשריפט אויף מיין מאָנומענט!... און מיין מאָנומענט וועט אים אויפקלערן בנוגע זיין סיכסוך, הלואי זאָל ער באַגרייפן זיין דין תורה!" (19)

דאָס פאַרשרייבן פון געזעץ איז איינגעפירט געוואָרן אלס א נייער אויפטו. מ'האָט עס דורכגעזעצט אלס א תקנה צום גוטן פאַר די אונטערדריקטע און באַ'עוולה'טע. מחמת דעם מינדלעכן געזעץ האָבן געוואוסט און האָבן אויסגעטייטשט בלויז די פריווילעגירטע קלאַסן, בשעת דער שריפטשטעלעכער געזעץ איז געווען דעמאָקראַטיש, צוגענגלעך צו יעדן מאַן אדער פרוי, ווען זיי האָבן נאָר געקענט דורכקריכן דעם טעקסט און פאַרשטיין וואָס עס שטייט געשריבן אין סטאַטוט. אבער די נאָאיוויסטן — אין דער פערזאָן פון קראָפּאָטקין, און אנדערע פון דעם אייגענעם מין, פון קלענערן אדער גרעסערן קאַליבער, — ראָטן אונדז צו אנטרינען פון געשריבענעם געזעץ און דערוואַרטן פון דעם איבערבייט בשורות טובות ישועות ונחמות פאַר די אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסן.

פּרודאָן שרייבט:

„מער קיינע געזעצן וועלכע ווערן אָנגענומען פון דער מערהייט, אפילו ווען איינשטימיק; יעדער בירגער, יעדע שטאָט, יעדער אינדוסטריעלער פאַראיין, מאַכט זיך זיינע אייגענע געזעצן." (20)

דאָס איז דער קורס וועלכן עס האָבן אָנגעצייכנט פאַר דער אויסלייזונג פון דער געזעלשאַפט די גוטמיינענדיקע טרוימער.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לאַנג אויף די שייכות'ן צווישן געזעץ און מנהג און אויף דער ווירקונג וואָס דער פאַרבייט וואָלט געהאַט אויסגעאיבט אויף דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע די אנדערע פאַרבייטונגען.

נאַאיוויזם „לייזט״ די פּראָבלעם פון פיזישער ארבעט און קאַפּיטאַל אין דעם תחום פון דערווירטשאַפט און פון סאָציאַלער ארבעט און סאָציאַלן קאַפּיטאַל, געזעצגעבונג, אין דעם פעלד פון פּאָליטיק.

קריטיציזם 'לייזט' ניט די פּראָבלעם, נייערט הייבט זי אויף און שטעלט זי אוועק אין דער רובריק פון ארבעט כנגד אָרגאַניזאַציע פון ארבעט. נאַאיוויזם און בעיקרשט נאַאיוו־רעאַליזם, די קלייען און פלע־וועלעס פון דעם נאַאיוון אופן פון דענקען, פּרובירט צו 'לייזן' די פּראָ־בלעם דורך דעם וואָס ער באַזייטיקט איינעם פון די עלעמענטן אין דער פאָרמולע. זיין „גרינטלעכקייט״, זיין „פולשטענדיקייט״ דאָס איז זיין אומגליק. ווייל די־דאָזיקע פּראָבלעם ווי ס'רוב פּראָבלעמען פון א סאָ־ציאַלן כאַראַקטער, פאַרלאַנגט ניט קיין „לייזונג״ און קען ניט צולאָזן קיין לייזונג. אלץ וואָס עס פאָדערט זיך איז א דערהויבונג, א סוב־לימאַציע.

אונדזער געמיינשאַפט, אין דער ספערע פון פּאָליטיק, ליידט פון א פונדאַמענטאַלן דעפעקט און דאָס איז די שפּאַלטונג, וועלכע עקזיסטירט צווישן די אדמיניסטרירנדיקע מינאָריטעט און דער אדמיניסטריר־טער מאַיאָריטעט. דער־דאָזיקער ריס שטערט דער דערפילונג פון די סאָציאַלע פונקציעס, פאַרהאַלט דעם גאַנג פון די געזעלשאַפטלעכע אָנגע־לעגנהייטן, הגם מיר זיינען גאַנץ גוט געוואָר פון אָט־דער פונקציאָ־נעלער פאַרווירעניש און שטערעניש, טאָרן מיר ניט מאכן קיין איין טריט אויף צוריק, ווייל עס איז א קליינער קונץ צו לייזן די־דאָזיקע פּראָבלעם דורך דעם וואָס מיר וועלן נעמען דעם סאָציאַלן מעכאַניזם און אים צעברעכן אויף זיינע באַשטאַנדטיילן אזוי, אז יעדע דינסטמיידל, יעדע קיכוויבל (א באַליבטער שפּרוך פון לענינען) זאָל זיך קענען פאַנאַנ־דערקלייבן אין די באַדערפעניש פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז גאָר א קליינע חכמה! מיר דאַרפן טאָן פונקט דאָס פאַרקערטע. מיר דאַרפן זיך לאָזן גיין, אָן שרעק און אָן קווייקלעניש, פאָרויס, זען צו דערגרייכן נייע העכערע תחומים, און ארויסהויבן דעם שטאַט פון זיינע באַגרע־נעצטע גבולים, איבערשניידן זיין געאָגראַפישן נאַפּל און אויסברייטערן זיינע איינצוימונגען פון א טעריטאָריאַלן כאַראַקטער. אָט־די באַריערן זיינען אַנאַכראָניסטיש אין אונדזער צייט פון לופט־טראַנספּאָרטאַציע און דראָטלאָזער קאָמוניקאַציע. דער שטאַט וועט ווערן געפירט אויף אַן אימפּעריע־קאָנטינענטן מאַסשטאַב, און שפּעטער־צו, האָבנדיק דורכגעמאַכט דערפאָלגרייך אָט־די צוגרייטונג־שטופן, אויף א קאָסמאָפּאָלישן פאַרנעם און דעמאָלט וועט געשאַפן ווערן א פאַראייניקונג אויפן יסוד פון איבער־צייגונגען. פאַראַלעל מיט זיין וואַקסן אין היקף־ארומנעם וועט זיך

באַווייזן אַ פּראָצעס פון טראַנספאָרמאַציע אין זיין אינערלעכער סטרוקטור; אַ געוויסע פאַראיינפאַכונג וועט פאָרקומען אַלס אַ פועל־יוצא פון איבער־קאָמפּליקאַציע, דאָס מיינט צו זאָגן אַז וואָס קאָמפּליצירטער דער פּאָלי־טישער אַפּאַראַט וועט ווערן בנוגע זיין געבוי און איינשטעלונג אַלץ פּשוטער וועט ער ווערן בנוגע זיין אנציאונג, פונקציאָנירונג און אײַן־גאַנג־לאָזונג. אזוי ארום, אַ דאנק זיין פאַרוויקלטקייט, וועט ער ווערן צוגענגלעך צו די ברייטערע מאַסן.

נאַאיוו־רעאַליזם אלס אַ טעאָריע פון סאָציאַלער דערקענטעניש הערשט אין כמעט אַלע סיסטעמען פון אַנגעוואַנדטער סאָציאָלאָגיע, אָדער זאָלן מיר זיך דערלויבן אָפּצוגיסן אַ נייעם וואָרט און עס אָנרופן רעפאָרמאַלאָגיע. עס איז, באמת, שווער צו געפינען אַ רעוואָלוציאָנער אדער רעפאָרמיסט, וועלכע זאָלן זיין אינגאַנצן פריי פון נאַאיוויזם און, היוצא, פון רעאַקציאָ־נערישקייט. דעם ריכטיקן ווערט פון אַ סאָציאַלער רעפאָרם אדער רעוואָ־לוציע־טעאָריע קען מען אויסגעפינען דורך דעם וואָס מ׳שטעלט פעסט די ווירקלעכע פּראָפּאָרציע צווישן די נאַאיוויסטישע און קריטיציסטישע עלעמענטן, וועלכע זי אנטהאלט אין זיך.

דער מאַרקסיסטישער חדר שטייט פיל העכער פון אנדערע געוויסע סאָציאַליסטישע שולן פון רעפאָרם אדער רעוואָלוציע, אין דעם פּרט ווי אויך אין אייניקע אנדערע הינזיכטן. די פּאָפּוליסטישע לערן, ווי זייער נאָמען זאָגט עדות, זיינען דורכגעזעטיקט מיט נאַאיוו־רעאקציאָ־נערע השגות אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס איידער דער מאַרקסיזם. און דאָס דערקלערט די סיבה פון זייער דורכפאַל, מיט אַזאַ טראַסק, אין דער רוסישער רעוואָלוציע. איך מיין די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן פּארטיי מיט אירע צוויי פליגלען, רעכטן און לינקן. זיי זיינען צוזאַמענ־געבראָכן אונטער דעם קלאַפּ פון די פאָרקומענדיקע געשעענישן, און איך צווייפל צי זיי וועלן נאָך אמאָל קומען צו זיך. עס האָבן אַ שאנס צו בלייבן לעבן בלויז יענע דיסציפּלינען, אין וועלכע די נאַאיוויסטישע עלעמענטן ווערן אריבערגעוואויגן דורך די רעאַליסטיש־קריטיציסטישע יסודות. אמת, די לעצטע ווערן זאָרגפעלטיק פארהוילן אזוי, אז מ׳זאָל זיי ניט דערזען, מ׳באַגראָבט זיי אין גאַנצענע בערג שמות פון נאַאיוויס־טישער שרייבעריי, אין השבעות און צירופים פון דעם הייליקן נאָמען פון דעם פאָלק אָדער פּראָלעטאַריאַט. די־דאָזיקע גניזה ווערט דורכגעפירט צוליב סטראַטעגישע טעמים, וועלכע הייסן „מאַסן־אַפּעלירונג״. די מאַרק־סיסטן־לעניניסטן מאַכן אַן אָנשטעל, אַז זייער יענעם־און־זיך־אַליין־אָפּנאַ־רנדיקער נאַאיוויטעט, אַז זיי זיינען גרייט אויף אַן אמת׳ן צו לייזן די ארבעטער־פראַגע דורך דעם וואָס זיי וועלן אָפּשאַפן קאַפּיטאַל, בשעת,

בגופא דעובדא, פארפאָלגן זיי גאָר אַן אַנדער צוועק. זיי זאָגן אַז זיי זיינען די פאַרביטערסטע שונאים פון די קאַפּיטאַליסטן און די זיסע גוטע פריינט פון די ארבעטער. אָבער דאָס זיינען פוסטע דיבורים, פּראָזעאַ־לאָגיע. באמת זיינען זיי אויסן צו פארטיפן, ניט פארשיטן, דעם אָפּגרונט, וועלכער טיילט אָפּ ארבעט פון קאַפּיטאַל, און איינפירן א נייעם רעזשים, וועלכער וועט זיך האַלטן אויף דעם פּרינציפּ פון דער הערשאַפט פון דעם אָרגאַניזאטאָרן־טיפּ, וועלכער וועט פאַרבייטן דעם קאַפּיטאַליסטן־קלאַס. אַזוי ארום קענען מיר זאָגן מיט אייניקע רעזערוואַציעס, אז מארקסיזם אָביעקטיוו באַטראַכט איז פּראָגרעסיוו, ד. ה. גייט איינפירן א נייע הערשאַפט פון אן אויפקומענדיקן קלאַס, בשעת סוביעקטיוו איז ער בפועל־ממש פולשטענדיק רעגרעסיוו און רעאַקציאָנער. מיט אנדערע ווערטער, די טעאָריע פון מאַרקסיזם, די רייד פון די מאַרקסיסטן זיינען הונדערט־פּראָצענטיקע רעאַקציאָנערישקייט, בשעת די פּראַקטיק, די מעשים פון די מאַרקסיסטן, אונטער געוויסע אומשטענדן, זיינען טיילוויז צייטנוויז פּראָגרעסיוו. דער איינציקער שטריך, וועלכער איז מכפּר, — אויב מארק־סיזם קען נאָך האָבן א פארגעבונג און ער איז ניט אינגאנצן קיין פאַרפאַלענער, — איז דאָס וואָס זיינע מעשים פאָלגן ניט זיינע דיבורים. ער זאָגט צו אוועקצושטעלן די ארבעטער אין די פלעצער פון די קאַפּי־טאַליסטן, ד. ה. נעמען א נידעריקערן קלאַס און פארבייטן מיט אים א העכערן. אבער דאָס איז בלויז פּלאַפּלעריי. ער מיינט עס ניט. ער טוט פונקט קאפויר ווי ער זאָגט. ער נעמט א העכערן קלאַס, די אָרגאַני־זאַטאָרן, און פארבייט מיט אים א נידעריקערן קלאַס, די קאַפּיטאַליסטן, די אייגנטימער.

ריטשארד הילדרעטה אין זיין ווערק „די טעאָריע פון פּאָליטיק" שרייבט:

„דער קלערוס, די איידל־לייט, די קיניגן, די בורגהער האָבן אלע געהאַט זייער ריי, וועט דען זיין קיינמאָל ניט זיין דער צייטעלטער פון פאָלק — די ארבעטער־מאַסן? אין משך פון די לעצטע דריי פערטל פון א יאָרהונדערט האָבן זיך באוויזן פארטיידיקער פון די פאָלקס־מאסן, פון די ארבעטער און באַוועגונגען... זיינען געשאפן געוואָרן פאר זייער טובה, פון וועלכע מ'האָט פאַר דעם קיינמאָל ניט געוואוסט... ווירקלעך, אַזוי זיינען אייניקע פון די סאָציאלע ענדערונגען, וועלכע קענען באטראכט ווערן ווי פאָרויסלויפער און צייכנס פון דעם זיך־דערנענטערנדיקן צייט־עלטער פון פאָלק". (21)

דאָס איז אַ חתיכה באַאיוויזם!

בענדזשאמין קידד שרייבט:

„די מאכטהאָבנדיקע קלאסן געפינען זיך אין פולן צוריקטריט פאַר דעם ארײנקומענדיקן פאָלק״. (22)

גרעסערע תמימות ווי דאָס איז שווער זיך פאָרצושטעלן! ניט דאָס פאָלק, ניט די מאַסן קומען, נייערט א נייער הערשנדיקער קלאס אדער „טיפּ״ פון אָרגאַניזירער קומט אָן און ער גייט פארנעמען דעם אויבנאָן פון פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן.

ווען מאַרקסיזם־קאָמוניזם־סאָציאַליזם וואָלט געווען אין דער ווירק־לעכקייט אזוי שוטה׳דיק ווי ער זעט אויס צו זיין אין זיינע דרשות און פלאפּלערייען, דעמאָלט וואָלטן געווען גערעכט זיינע קאָנסערוואטאָרן־קריטיקער. די לעצטע טענה׳ן אז מיטן מארקסיזם־קאָמוניזם קומט אַ וואַנדאַליזם, אז די פּאַרווירקלעכונג פון ראַדיקאַל־סאָציאַליזם וואָלט ברענגען מיט זיך א פולשטענדיקן צוזאַמענברוך פון דער גאנצער ציוויליזאציע, אָן אומוועֶרטונג פון אלע אונדזערע ווערטן. אבער אין זייערע טענות זעט מען אז זיי זיינען ניט ווייניקער „נאַאיוו״ פון די קאָמוניסטן.

דזשאָרדזש ברוקס אין זיין ווערק „אינדוסטריע און אייגנטום״ שרייבט:

די מאַרקסיסטן־קאָמוניסטן זאָגן אָפן, אַז זיי ווילן זיך צוריקקערן צו אַ ווילדן צושטאַנד, וואו קיינע פון די העכערע ראַפינירקייטן און נחת־רוח׳ס זיינען ניט באַקאַנט און ניט אָפּגעשאצט.״ (23)

„אויב פּראָגרעס אין דעם פעלד פון אינדוסטריע וואָלט, ווי מיר האָבן געזען, שטארק פאַרהאַלטן געוואָרן אונטער דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאציע, איז עס נאַטירלעך צו דערוואַרטן אז פּראָגרעס אין די קונסטן און וויסנשאַפטן זאָל נאָך מער ווערן איינגעצוימט.״ (24)

אָט־די קריטיקער פארשטייען לחלוטין ניט דעם מאַרקסיזם־סאָציאַליזם. זיי וויסן ניט אז מארקסיזם־קאָמוניזם איז א צוויי־פּנימדיקע דיסציפּלין, וועלכע באשטייט פון נאַאיווויסטישער טעאָריע און מגידות און זייער ליסטיקער, פוקסענער פּראקטיק און מעשים, וועלכע באצוועקן אביעקטיוו די פּאָרמירונג און ארײנפירונג פון א נייעם טיפּ מענטשן, פון אָרגאַני־זאַטאָרן. די חששים און פּחדים פון די צו־פּלייסיקע אָפּאָנענטן פון מארקסיזם־סאָציאַליזם זיינען אַ פּראָדוקט פון זייער אויפפאַסן דעם גאנצן ענין צו נאַאיווויסטיש. זיי אורטיילן וועגן סאָציאַליזם לויט זיינע רייד. זיי פּאָרשטייען ניט אז זיינע רייד קומען בלויז צוצודעקן זיינע היסטאָריש־

אָביעקטיווע כוונות. די רייד נוצט ער אלס א ווענדקע און ווערימל מיט וועלכע ער כאַפּט די נאַרישע פיש צווישן די רויע מאַסן און ניט־דערבאַקענע „אינטעליגענטן". זיינע רייד האָבן אזא געוויכט ווי דאָס דרשנ'ען פון א קאָמיוואָיאַזשאָר אָדער דאָס דבר'ן פון א שדכן.

די מאַרקסיסטן־קאָמוניסטן זיינען אַזעלכע גרויסע בריות אין דער פּראַקטיק פון פּראָפּאַגאַנדע, אז די מיסיאָנערן פון כל־המיני גלויבנס און די אַגענטן פון די אלערליי פאַרזיכערונג־געזעלשאַפטן זעען אויס לגבי זיי ווי חדר־אינגלעך. זייער פּראָפּאַגאַנדע ווערט אזוי כיטרע געפירט, אז זיי האָבן באוויזן צו באַקערן אפילו זייערע געגנער, ד. ה. אפילו די אָפּאָנענטן גלויבן אלץ וואָס די מאַרקסיסטן־סאָציאַליסטן זאָגן זיי. זיי פאָדערן ניט קיינע ראיות, זיי גלויבן אויפן וואָרט, זיי נעמען ערנסט די סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישע יעוואַנגעלישע הבטחות.

עדגאַר ל. הירמאַנס אין זיין בוך „כאַאָס אָדער קאָסמאָס" שרייבט:

„די אלוועלטלעכע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די לעצטע עטלעכע יאָר... שטעלט פאָר מיט זיך די אַנטשלאָסנקייט פון דעם ניט־קוואַלי־פיצירטן און האלב־קוואַליפיצירטן ארבעטער צו באַהויפּטן זיין אייגענעם ווילן און אויסדריקן זיין אייגענע פערזענלעכקייט". (25)

זיכער דאָ איז פאַראַן אנטשלאָסנקייט. אבער די־דאָזיקע אנטשלאָסנ־קייט געהערט צו א נייעם אויפקומענדיקן הערשער־קלאַס. מ'דאַרף זיין א גאָר גרויסער חסיד־שוטה'דיקער בטלן צו מיינען, אז אין אָט־דער באַוועגונג פון קאָמוניזם אָדער פאַשיזם, נאַציזם, קומט דער ארבעטער צום אויסדרוק פון זיין ווילן און פערזענלעכקייט.

ג. ס. ברעטט אין זיין ווערק „די רעגירונג פון מענטשן" שרייבט:

„בלויז א גאָר אויבערפלעכלעכער לייענער פון דער געשיכטע פון אָט־די באַוועגונגען האָט געקענט זיך טועה־זיין און זיי באַטראַכטן אלס א דעמאָקראַטישע עוואָלוציע. די גאַנצע פראַגע האָט זיך געפונען צווישן אַן אַלטער און נייער אַריסטאָקראַטיע, צווישן דער אריסטאָקראַטיע פון געבורט און דער אריסטאָקראַטיע פון רייכטום." (26)

ברעטט שרייבט וועגן רוים. איצט קומט פאָר דאָס אייגענע בלויז מיט עטלעכע היסטאָרישע וואַריאַציעס. די בורזשואַזיע, די גאָלד־אַריס־טאָקראַטיע, ארויסטיילנדיק זיך פון דריטן שטאַנד, האָט פאַרביטן די יחוס און שלאָס־אַריסטאָקראַטיע. און עפּעס ענלעכעס קומט פאָר אין אונדזער צייט. מאַרקסיזם־קאָמוניזם און די איבעריקע נוסחאות און וואַריאַנטן פון סאָציאַליסטישן געדאַנק, געדאַנקענלאָזיקייט און באַוועגונגען, ווי פאַשיזם, נאַציזם, פאַרפאָלגן איין צוועק און דאָס איז אריינצו־

ברענגען א נייע אריסטאָקראַטיע פון בלוט, שווערד, אייזערנער, זעלנער־שער דיסציפּלין און קאַזאַרמישן רעגלאַמענט אנשטאָט פינאַנסן־אריסטאָקראַטיע און זייערע משרתים די „ליבעראלע״ ביוראָקראַטן.

לעסטער פ. וואַרד שרייבט:

„דורך דעם גאַנצן אלטערטום און ווייט אַראָפּ דורך דעם מיטל־אַלטערטום זיינען די גרויסע מאַסן פון דער מענטשהייט געווען שקלאַפן. אביסל שפּעטער זיינען זיי געוואָרן לייב־אייגענע, וועלכע זיינען געווען מחובר־לקרקע, צוגעבונדן צו דעם באָדן. צום סוף, מיט דעם אָפּשאַף פון שקלאַפעריי, דעם צוזאַמענברוך פון דער פעאָדאַלער סיסטעם און דער עטאַבלירונג פון דער אינדוסטריעלער סיסטעם, האָט אָט־די גרויסע מאַסע אָנגענומען די פאָרם פון א פּראָלעטאַריאַט, דער פערטער שטאנד, מיט וועלכן מ׳רעכנט זיך אזוי ווייניק, אז ער ווערט קוים דערמאָנט פון די גרויסע היסטאָריקער פון אייראָפּע. אפילו ביים שלוס פון 18טן יאָרהונדערט, ווען די גרעסטע פון אלע פּאָליטישע רעוואָלוציעס האָט פּאַסירט, איז עס אַלץ געווען בלויז דער דריטער שטאַנד, וועלכער האָט זיך אָנגעזען — דער געשעפטסלייט־קלאַס, דער בירגערטום... אויף דעם קלאַס האָט מען געקוקט פון אויבן אַראָפּ און אים באַטראַכט אלס מינדערווירדיק בלויז די לאַנדבאַזיצער און גייסט־באַזיצער האָט מען געהאלטן פאַר פייאיק צו קאָנטראָלירן די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אָנגע־לעגנהייטן. אָט־דער קלאַס איז איצטער שוין אויבן... די באַוועגונג וועלכע רודערט איצט אויף די געזעלשאַפט איז פארשידן פון וועלכע עס איז פאַרדעמדיקע באַוועגונגען. עס איז ניט אנדערש ווי דער אנקום פון דעם באַוואוסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט. דער קלאַס וועלכער איז פאַר הונדערטער יאָרן געווען שקלאַפן אָדער לייב־אייגענע, זיינען איצטער שטים־געבער אין אויפגעקלערטע מדינות, זיי האָבן זיך דערהויבן צו דעם, אז זיי קענען האָבן אויסזיכטן און זיי הויבן זיך נאָך העכער.״ (27)

ער מאָלט דעם גאַנג פון דער געשיכטע, אָבער אים פעלט די ריכטיקע פאַרשטענדעניש פון די דערשיינונגען. דער דריטער שטאַנד האָט ניט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די לאַנד־באַזיצער אדער פון די קירך־מאַגנאַטן. ער האָט ארויסגעטיילט פון זיין אמאָרפער מאסע א באַשטימטן, מער אדער ווייניק, קלאַס, די בורזשואַזיע. דער אזוי־גערופענער פערטער שטאַנד קען אויך ניט אלס א גאַנצער קומען צו זיך סיידן ער וועט אויס־קריסטאַליזירן א נייעם טיפּ פון אָרגאַניזאַטאָרן. אנשטאָט די גוט־באַזיצער און די געלט־זעק קומען איצטער נייע הערשער, פּראָלעטאַרישע כהנים גדולים, ארבעטער־אָרגאַניזירער. זיי שטייען עס ביי די טויערן פון דער

געמיינשאַפט און פּרובירן זיי עפענען מיט געוואלט, מיט רייאָטן, אויפֿ־שטאַנדן, בונטן, מרידות, רעוואָלוציעס, מלחמות, געפעכטן, געשלעגן און פּאַראַט. אלץ איז גוט, אלע מיטלען זיינען כשר וישר פאר דעם נייעם צוועק פון ארויפזעצן א נייעם קיניג אויף אן אלטן טראָן.

אָבער וואָס האָבן די מאַסן מיט דעם צו טאָן? זיי בייטן זייערע האַרן, זייערע הערשער.

אדונים־פּריצים, רוקט זיך אָפּ, מאכט א ווארע! די פּראָצע־פּריצים קומען.

V

# סאָציאַלער סקעפּטיציזם

„איינע פון די ערשטע שוועריקייטן, וועלכע ס'לוינט צו באַמערקן איז די לעטאַרגיע און די גלייכגילטיקייט פון די דורכשניט־מענטשן.״ (1)

סאָציאַלער דאָגמאַטיזם רופט ארויס אלס זיין נאַטירלעכע רעאקציע אַ סאָציאַלן סקעפּטיציזם. מיט אנדערע ווערטער, סאָציאַלע אָבערגלויבעריי גייט צוזאַמען מיט סאָציאַלן אומגלויבן, סאָציאַלער אפּיקורסות. דאָגמאַטיזם געבוירט אומפאַרמיידלעך, אלס זיין קעגנטייל, וואַנדאַליזם, אַ פּרינציפּנלאָזע באַציאונג.

קאַנט ווייזט אָן אויף דער פאַרקניפּונג פון אַט־די אַקציעס און רעאקציעס אויף דעם געביט פון ריינער פילאָזאָפיע. איך וועל אָן זיין אָנווייזונג אין דעם תחום פון סאָציאַל־פילאָזאָפיע.

„לכתחילה איז איר (פילאָזאָפיעס) רעגירונג, אונטער דער אַדמיניסטראַציע פון די דאָגמאַטיקער, געווען אַן אַבסאָלוטער דעספּאָטיזם. אָבער אזוי ווי די לעגיסלאַטיווע האָט ווייטער באַוויזן שפּורן פון דעם פאַרצייטיקן באַרבאַרישן געזעץ האָט איר אימפּעריע גענומען ביסלעכווייז צוזאַמענברעכן און אינערלעכע מלחמות האָבן געבראַכט צו אַ צושטאַנד פון אנאַרכיע; בשעת די סקעפּטיקער, ווי די נאָמאַדן שבטים, וועלכע האָבן פיינט אַ באַשטענדיקן וואוינפּלאַץ און אַ מיושב'דיקן לעבנסשטייגער, האָבן אַטאַקירט פון צייט צו צייט די יעניקע וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט אין ציווילע געמיינדעס.״ (2)

מיט אנדערע ווערטער, נאָך דעם דאָגמאַטיקער מוז קומען דער סקעפּטיקער, נאָכן פרומאַק גייט דער אויסגעלאַסענער.

אין דעם תחום פון חקירה אזוי גוט ווי אויף דעם געביט פון פּראַקטישן לעבן צייגט זיך אַרויס צו זיין ריכטיק די אַלטע פאַבל מכּוח דעם פאַסטוך דעם ליגנער. ער האָט אָפּגענאַרט די דאָרפסלייט מער ווי איין מאָל מיט זיין שרייען: אַ וואָלף! און דער סוף איז געווען, אז ווען אַ גאַנצע סטאַיע הונגעריקע וועלף האָבן זיך באַוויזן און באַפאַלן די טשערעדעס און דער פאַסטוך האָט אלאַרמירט און געשריען: „וועלף!״

האָבן די פּויערים זיך ניט הערנדיק געמאַכט און ניט געקומען צו זייַן הילף. דער מוסר־השכל ליגט פון אויבנאויף: דער וואָס שאַפט זיך א רעפּוטאַציע פון א שקרן איז ווען ער זאָגט אפילו אמת גלויבט מען אים אויך ניט (אבות דרבי נתן, פרק ל׳, ד׳). דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע באַוועגונגען, לערעס, אידעאָלאָגיעס. די שוואַכע רינגעלעך פון דער קייט קאָמפּראָמעטירן די גאַנצע קייט מיט דעם הכל־שבהכל. איין מנוול־מיטגליד איז גורם דערצו אז א שאָטן פון פאַרדאַכט זאָל פאַלן אויף דער גאַנצער חברה צו וועלכער דער פּאַסקודניאַק געהערט. עפּעס ענלעכס האָט זיך ארויסגעצייגט בנוגע דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. אַמאָל איז ער געווען ביי זיך אזוי פארריסן, אזוי איינגעגלויבט אין זיינע כוחות, אז ער האָט געמיינט דאָס פאר אים זיינען גאָר ניטאָ קיינע פאַרמאַכטע טירן, קיינע פאַרבאַהעלטענישן אין דער נאַטור, ניט אויבן און ניט אונטן. ער האָט טאַקע געגלויבט אז דער גאַנצער נסתר איז פאַר אים נגלה. ער איז געווען זיכער, אז ער ווייסט אלץ, פאַרשטייט אלץ און קען לייענען די פאַרווירטסטע אויפשריפטן אין דעם בוך פון לעבן. אלע זיינע אורטיילן זיינען אמת ויציב. אלע זיינע מסקנות זיינען שטארק און פעסט. אלע זיינע סברות און היפּאָטעזן זיינען סאָליד ווי אייזערנע בריקן. נאַטירלעך נאָך אזא גאווה האָט געמוזט קומען זיין מפּלה. די שעה פון רעוויזיע, פון אונטערזוכונג שלאָגט. די מעטאַ־פיזישע חקירות און פּילפּולים, וועלכע האָבן געהייסן טעאָלאָגיע, האָט מען איצטער גענומען בוחן ובודק זיין מיט זיבן אויגן. מ׳האָט זיי געמאָסטן, געוואויגן און געפונען, ווי דער שטייגער איז אין פאַלן פון שטרענגער אינספּעקציע, אז זייער מאָס און וואָג זיינען פאַלש. א פּשוטע אַנטדעקונג איז אין דער אותו שעה געמאַכט געוואָרן. די אנטדעקונג איז געווען אן איינפאַכע, אבער דערפאר איז זי אָנגעלאָדן מיט אומ־געהויער וויכטיקע קאָנסעקווענצן. זי איז באַשטאַנען אין דעם אלף־בית׳ישן טעזיס: שכל׳דיקייט אוןווירקלעכקייט זיינען ניט אלעמאָל די באַשערטע פּאָר פאַלק. זיי מוזן ניט כסדר שטימען. ניט אלץ וואָס איז, אָדער זעט אויס צו זיין, שכל׳דיק מוז אומבאַדינגט האָבן א חלק אין אַט־דער וועלט פון עקזיסטירנדיקע דערשיינונגען און פאַרלויפיקע פּראָצעסן. א גוט־דורכגעפירטער לשיטתיה, א שטיק חריפות׳דיקע לומדות, א שיין אויפגעבויטע לאָגישע קאָנסטרוקציע מוז זיך ניט גע־פינען תמיד אין איינקלאַנג מיט דעם גראָביונגישן, עם־הארצות׳דיקן רעאַליסטישן לעבן. א שלוס צו וועלכן מ׳קומט אין א ריכטיקן דיאַלעק־טישן וועג מוז ניט זיין אין הסכם מיט אַן אַקטואַליטעט. א שטרענג כשרה סילאָגיסטישע מסקנה, וועלכע פליסט ארויס, על פּי אלע דינים פון

דרך־הישר׳דיקן לאָגישן דענקען, פון דער ערשטער און צווייטער גרונט־לאַגע, מוז ניט אלעמאָל זיין אין קאָרעספּאָנדענץ מיט די פאַקטן. אָט־דער אומשולדיקער אמת בנוגע די באגרענעצונגען פון דעם פארשטאנד, די לימיטאציע פון ספּעקולאַטיווער טעטיקייט בכלל, האָט אזוי איבערגע־שראָקן די דענקער פון יענער צייט, אז פילע פון זיי האָבן פון איבער־ראַשונג און דערשיטערונג פאַרלאָרן זייער גלייכגעוויכט. זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו דעם צד שכנגד, פון איין עקסטרעם צו דעם צווייטן. זיי האָבן פאַרלאָרן דעם באָדן אונטער זייערע פיס און גענומען צווייפלען אין אַלץ מיטאנאנדער.

אָט וואָס דעקארט שרייבט:

„עס איז נויטווענדיק איינמאָל אין לעבן צו צווייפלען אין אלצדינג אויף וויפל עס איז נאָר מעגלעך. און מיר דארפן באַטראַכטן פאר פאַלש אַלע די־דאָזיקע זאַכן אין וועלכע מיר קענען צווייפלען.״ (3)

טשארלעס פּוריע שרייבט:

„איך האָב אָנגענומען, דעמאָלט, פאַר א רעגל פון מיינע אונטער־זוכונגען דעם פּרינציפּ פון אבסאָלוטן צווייפל אין אלע עקזיסטירנדיקע טעאָריעס. דעקארט האָט געהאט א באגריף פון אָט־דעם מעטאָד, אבער בשעת ער האָט זיך בארימט און האָט רעקאָמענדירט צווייפלען, האָט ער געמאכט בלויז א טיילוויזע און אומפּאַסיקע אָנווענדונג פון דעם.״ (4)

א יש פילאָזאָפן זיינען געגאנגען נאָך ווייטער. זיי האָבן זיך ניט באַגענוגענט מיט פרעגן און ספק׳ענען זיך. זיי האָבן אָן מחזקות גענומען פאַרניינען סיי די ראַציאָנאַלע און סיי די רעאַלע אטריבוטן פון פארשטאַנד ווי אויך פון פאַרשטענדעניש. אזוי ארום האָט זיך באקומען א טשיקאווע זאך: דער דאָגמאַטיזם איז צוריק אויפגעריכט געוואָרן. דאָס מאָל פון דער לינקער זייט. א דאָגמאַטי׳שער ניהיליזם האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

בעקאָן שרייבט:

„די נייע אַקאַדעמיע האָט דאָגמאַטיזירט אין איר סקעפּטיציזם.״ (5)

אנשטאָט דעם פּאָזיטיוון דאָגמאַטיזם האָבן מיר איצטער געקראָגן דעם נעגאטיוון. דער טעאָלאָגישער סכאָלאַסטיקער איז געבליבן ביי דאָס זייניקע. ער האָט זיך נאָך אלץ געהאלטן ביי זיין געוואוינהייט. בשעת ׳גלויב און פרעג קיין פראגן׳ איז געווען די רעגל פון דער קירך, איז עס אויך געווען די פּאַסיקע רעגל פון דער סכאָלאַ.״ (6) פאר דעם האָט דער סכאָלאַסטיקער געגלויבט און ניט געפרעגט. איצטער האָט ער ניט געגלויבט און ניט געפרעגט. אנשטאָט גלויבן האָט ער גורס געווען ניט־גלויבן, אבער וואָס איז שייך צו ניט פרעגן קיינע קשיות האָט זיך

גאָרניט געביטן. ער איז געוואָרן א 'דאָגמאַטישער' פרומער ניט־גלוי־ביקער הבל'ניק. אנשטאָט אן אַבערגלויבער איז ער געוואָרן אן אבער־ניטגלויבער.. דעם טעאָלאָגישן סכאָלאַסטיקער האָט נאָכגעטאָן דער סאָ־ציאלאָגישער סכאָלאַסטיקער.

„נאָך דער אינקאָמפּעטענץ וועלכע די פילאָזאָפן האָבן באַוויזן אין זייער ערשטן פּראַקטישן עקספּערימענט — די פראַנצויזישע רעוואָלוציע — האָבן אלע איינגעשטימט צו באַטראַכטן זייער וויסנשאַפט אלס אן אַבעראַציע פון דעם מענטשלעכן אינטעלעקט. דער מבול פון ליכט, וואָס זיי האָבן פּרעטענדירט צו ברענגען אויף די מאָראַלע און פּאָליטישע פראַגן, האָט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין ניט קיין אנדער זאַך ווי נאָר אַ מבול פון פינצטערניש; וואָס אַנדערש, באמת, קען מען געפינען אין די שריפטן פון אָט־די חכמים, וועלכע נאָכדעם ווי זיי האָבן אוועקגעגעבן פינף און צוואַנציק הונדערט יאָר אויף דאָס באַארבעטן פון זייערע טעאָ־ריעס, נאָך דעם ווי זיי האָבן צונויפגעזאַמלט דאָס גאַנצע ליכט פון אלטער־טום ווי אויך פון דער היינטיקער צייט, האָבן געמאכט זייער דעביוט מיט דעם וואָס זיי האָבן געבראכט אזויפיל אומגליקן, וויפל זיי האָבן צוגעזאָגט גליקן, און האָבן גורם־געווען דערצו, אז ציוויליזאציע זאָל זיך אומקערן צוריק צום באַרבאַריזם?

דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון די ערשטע פינף יאָר אין משך פון וועלכע פראנקרייך האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די עקספּערימענטן פון די פילאָזאָפישע טעאָריעס.

נאָך דער קאַטאַסטראָפע פון 1793 זיינען אלע אילוזיעס צערונען געוואָרן, די עטישע און פּאָליטישע וויסנשאַפטן זיינען אָפּגעשלאָגן געוואָרן און פארדאמט געוואָרן — און קאַפּוט. פון יענער צייט האָט מען גע־דאַרפט פארשטיין, אז די מענטשהייט האָט גאָרניט וואָס צו דערוואַרטן פון די עקזיסטירנדיקע טעאָריעס." (7)

די דאָגמאַטישע סיסטעמען, וועלכע זיינען אזוי אָנגעלייגט ביי די מאַסן און ביי א טייל פון דער קליין־מוח'דיקער אינטעליגענציע, מוזן, דורך דעם קאָנטראַסטן־געזעץ, ארויסרופן אן עפּידעמיע פון אנטוישונגען, צווייפלונגען און פארצווייפלונגען. און די אויסדריקער פון אָט־דעם פסיכאָלאָגישן צושטאַנד וועלן קומען צו אונדז מיט אנגראס־פּארניינערישע באהויפּטונגען.

בענדזשאמין דע קאַסערעס שרייבט:

„קיין פּראָבלעם איז קיינמאָל ניט געלייזט געוואָרן, קיין פּראָבלעם וועט קיינמאָל ניט געלייזט ווערן. קיין פּראָבלעם דאַרף קיינמאָל ניט געלייזט געוואָרן, פּשוט דערפאַר, ווייל אין מיין וויזיע פון לעבן, עס זיינען

גאַר ניטאָ קיינע פּראָבלעמען. עס הערשט בלויז א פּאַטאָליטעט. וואָס מיר רופן פּראָבלעמען זיינען קאָמישע פּאַרמעסטונגען פון מענטשן צו רעפאָרמירן אָדער צו לייגן מכוח דער נויטווענדיקייט. די פּראָבלעם־לייזער און די באַלזאַם פּאַרקויפער באַזיצן ניט קיין איינבילדונגס־קראַפט, הומאָר אדער אַ פּסיכאָלאָגישן אריינדרונג. איך וועל זיי אַלעמאָל באַ־האַנדלען ווי פּאַטעטישע חמורים און אויסשטעלונג־פּאַיאַצן." (8)

דער סאָציאַלער דאָגמאַטישער „אידעאַליזם" איז באַנקראָט. ער דערקלערט אָפן אז ער קען ניט צאָלן זיינע וועקסלען, וועלכע ער האָט אַרויסגעגעבן אויף רעכטס און אויף לינקס אויף סומען, וועלכע קענען אויסגעדריקט ווערן בלויז מיט אַסטראָנאָמישע ציפערן. איצט קומט דער אומגלויביקער „רעאַליזם". די אבערראומגלויבעניש איז פון דעם זעלביקן פאַרנעם און פּראָפּאָרציע ווי די אבערגלויבעניש. ביידע זיינען איבער־טריבן, אנגעבלאָזן פון ווינטן, ווייאונגען, רעכטע און לינקע. דער חסיד־שוטה׳דיקער אָפּטימיזם פון דעם שפּרוך „אַלץ איז מעגלעך אין דער ספּערע פון אנגעוועגדטער סאָציאָלאָגיע" ווערט פאַרביטן מיט א ניט־ווייניקער חסיד־שוטה׳דיקן פּעסימיזם פון דעם כנגד־שפּרוך „קיין זאַך איז ניט מעגלעך אויפצוטאָן אויף דעם סאָציאַלן געביט." מ׳קען אָנפילן א גאַנצע ביבליאָטעק מיט די ביכער, בראָשורן, עסייען, פּאַרטראַגן, דיאַלאָגן וואָס זיינען פאַרסמ׳ט מיט אָט דער אבערראומגלויבעניש.

„זיי קענען ניט זען, אז סאָציאָלאָגיע איז פריער פון אַלץ א מענטש־לעכע ווייסנשאַפט און מוז דעריבער... זיך פאַרנעמען מיט דער פּראָבלעם פון סאָציאַלע רעפאָרמען. דערצו, אבער, דאַרף מען זיין באַשאַנקען ניט בלויז מיט א גלויבן אין דעם ענדגילטיקן טריאומף פון אַלץ וואָס איז מענטשיש אין מענטשן איבער אַלץ וואָס איז חיה׳ש און גרויזאַם, נייערט אויך מיט א ווילן טעאָרעטיש צו פאַרשנעלערן אָט־דעם טריאומף, און קיינער קען ניט דערוואַרטן אז אונדזערע געלערנטע, וועלכע זיינען טרענירט אין א שול פון סאָציאַלן סקעפּטיציזם — זאָלן זיין אזוי באַ־שאַנקען." (9)

דער סקעפּטיציזם פון די ווייסנשאַפטלער איז א רעזולטאַט פון דעם דאָגמאַטיזם פון די רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגן.

אויסער די דריי־גראָשענע רעפאָרמער זיינען דאָ גאַנצע לעגיאָנען פון אויסגעשפּראָכענע פאַרניינער, וועלכע האַלטן עס פאַר זייער עסק און, אפשר, אפילו פאַר זייער הייליקער פליכט צו אנטמוטיקן אַלע ערנסטע פאַרזוכן צו ענדערן אונדזערע סאָציאַלע אינסטיטוציעס, צו „פאַרפרירן" אַלע שטראָמען פון ווילנסקראַפט און פּראַקטישן ענטוזיאַזם, וואָס עס ווייזן אַרויס די ווייניקע סאָציאַלע עסקנים, וועלכע באַזיצן פאַרויסזיכט, אנט־

שלאָסנקייט און געזונטן שכל־הישר. וואו די דאָגמע האָט זיך אויסגעבויט איר נעסט, וועט אַלעמאָל קומען די אפּיקורסות און לייגן דאָרטן אירע שווארצע אייער און אויסזיצן אירע משחיתים־קינדערלעך. די צעיאַכמערטע 'אידעאַליסטן' פון צווישן דער אינטעליגענציע געהערן צו דער קאַטעגאָריע פון „פּתי יאמין לכל דבר" (א נאַר גלויבט אלץ). די צערודערטע, פאַר־שיכור'טע, דורכגעפּראָפּאַגאַנדירטע מאַסן גלויבן אין זייער תמימות אין דעם באַלדיקן אָנקום פון סאָציאַלן גואל־צדק. אָט־די טיפּן ווען זיי קריגן דעם ערשטן אָפּניכטערנדיקן זעץ איבערן קאָפּ, ווען זיי לעבן דורך דעם ערשטן אויפטרייסל פון די גרויזאַמקייטן פון דער בלוטיקער רעוואָלוציע מיט איר באַגלייטער, דעם בירגער־קריג — פאַרלירן זיי זיך אינגאַנצן. זיי האָבן גלייך חרטה אויף דעם גאַנצן עסק. זיי נעמען זיך שלאָגן על־חטא. זיי לויפן פון שלאַכטפעלד אין פּאַניק.

דער אמת איז, אז די הוצאות אין לעבנס, די אויסגאַבן אין מענטשלעכע קרבנות, וואָס א רעוואָלוציע קאָסט אָפּ, זיינען קיינמאָל ניט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער הכנסה אין וואוילשטאַנד, צו די איינקיפטן אין אויסבעסער, וואָס זי ברענגט אריין. פון שטאַנדפּונקט פון פּשוט'ער בוכהאַלטעריע און געשעפטסמעסיקייט גיט יעדע איבערקערעניש אן אומגעהויער גרויסן דעפיציט, א פאַרלוסט. ווען די מאַסן דערזעען עס מיט זייערע אייגענע אויגן, ווען זיי לעבן עס אדורך, ווערן זיי אָפּהענטיק, פאַרלירן יעדן אינ־טערעס אין קאָנסטרוקטיוון אָנשטרענג. זיי נעמען, אין פאַרצווייפלונג, גלויבן, אז יעדע סאָציאַלע אנשטרענגונג צו פאַרבעסערן די לאַגע קען געבן בלויז נעגאַטיווע רעזולטאַטן, קען מאַכן ערגער.

די איבערוועגנדיקע מערהייט פון דער באַפעלקערונג, דער רוב מנין פון די אינדוסטריעלע ארבעטער, קרעמערלעך, בעלי־מלאכות, פאַרמער, ציגן ארויס א געמיט־צושטאַנד וועלכן מ'קען כאַראַקטעריזירן אלס אַפּאַ־טיע. זייער אינדיפערענטיזם איז א פועל־יוצא פון א טיף פאַרוואָרצלטן פעסימיזם. זיי דריקן אים אויס מיט זייער שווייגן און פאַסיוויטעט, וועלכע זאָגן ניט־ריידנדיק, אָט־וואָס: מיר האָבן קיינמאָל גאָרניט גע־קראָגן, און צו וואָס פּטר'ן אומזיסט צייט און כוחות. עס וועט סיי ווי סיי פון דעם גאָרניט ארויסקומען.

די מאַיאָריטעט פון פאָלק ליידט פון א כראָנישער סאָציאַלער פאַר־צווייפלונג. ס'רוב מענטשן נעמען דעריבער ניט קיין שום אינטערעס אין סאָציאַלע אנגעלעגנהייטן, סיידן מ'סטימולירט זיי אויף א קינסט־לעכן אופן, מ'רודערט זיי אויף, אדער מ'צווינגט זיי דורך דעם געזעץ, מ'שרעקט זיי מיט א שטראָף.

הערמאַן פיינער אין דער ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקע שרייבט:

„דאָס ניט וועלן שטימען האָט פאַראורזאַכט א באַדייטנדיקע באָאומ־רואיקונג צווישן די שטיצער פון דעמאָקראַטיע און עס איז נאַטירלעך וואָס די רעפאָרמער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דער אידייע פון צוואַנג־שטימונג. די שווייץ, שפּאַניע, אַרגענטינע, בולגאַריע, עסטרייך, ניי־זעלאַנדיע, טשעכאָסלאָוואַקיע, האָלאַנד און בעלגיע האָבן שטראָפן פאַר די וואָס גייען ניט שטימען... די אויסטראַלישע רעגירונג האָט אָנגענומען אָט־די סיסטעם אין יאָר 1924. בעלגיע האָט געצוואונגען אירע שטים־אָפּגעבער אזוי פרי ווי 1893...״ (10)

וואָס ווייזט עס אונדז? אז דאָס פאָלק אין זיינע ברייטע שיכטן איז אינדיפערענט, איז גלייכגילטיק צו אַלע סאָציאַלע אונטערנעמונגען. און וואָס איז דער וואונדער וואָס די אזוי־גערופענע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס שטייען אויף הינערשע פיסלעך, און דער ערשטער בלאָז פון א דיקטאַטאָר קערט זיי איבער.

דער רוב פון דעם בירגערטום אויף וועלכן אייגנטלעך דעמאָקראַטיע דאַרף זיך שטיצן, הערט אויס אַלע פּלענער און פּראָיעקטן פאַר סאָצי־אַלער רעקאָנסטרוקציע מיט א שמייכל פון א ציניקער, פון אַן איבער־געזעטיקטן, ווי איינער זאָגט, איך האָב עס שוין געהערט, איך בין ניט קיין ׳פּריץ׳, איך ווייס, אז עס מיינט גאָרניט. ס׳רוב מענטשן האַלטן זיך פון דערווייטנס סיי פון רעפאָרם און סיי פון רעוואָלוציע־באַוועגונגען. זיי שליסן זיך אָן זייער אומגערן אָן וועלכער עס איז פּאַרטיי. זיי באַ־טייליקן זיך ניט אין די קאָנטראָווערסיעס מכוח די פּאָליטישע פּלאַט־פאָרמעס. זיי געהערן ניט צו קיינעם פון די שטרייטנדיקע צדדים. זיי האַלטן אויף זייער נייטראַליטעט. פאַרוואָס איז דאָס אזוי? ווייל עס זיינען זיי שוין לאַנג דערעסן געוואָרן די „ויצעקו׳ס״, די גוזמאות, די אָנגע־בלאָזענע הבטחות פון די סאָציאַלע רעפאָרמען און די רעוואָלוציאָנערע פּראָיעקטן. זיי האָבן ניט קיין צוטרוי צו די בערג־באַוועגנדיקע פּראָגראַ־מען, וועלט־איבערקערנדיקע סכעמעס. און אין זייער אָפּטרייסלען זיך פון אָט־דעם שקר, אין זייער דערווייטערן זיך פון אָט־די משונה׳דיקע ליגנס און ליגנער — גייען זיי אוועק אזוי ווייט אז זיי קומען צו דער ניט־וויניקער איבערטריבענער סאָציאַלער פאַרניינונג. זיי הערן אויף צו גלויבן אז מ׳קען בכלל עפּעס וויכטיקס אויפטאָן אויף דעם געביט פון סאָציאַלן פאַרקער. זיי זיינען צעעסן פון יאוש און ביטול. און דערפאַר טאַקע האָט דעמאָקראַטיע ניט דעם נויטיקן פונדאַמענט, וועלכער האָט זיך געדאַרפט געפינען אין דעם אַקטיוון אינטערעס צו די צרכי־ציבור וואָס די ברייטע שיכטן פון פאָלק האָבן געדאַרפט אַרויסווייזן. דעמאָ־

קראַטיע ווערט עפּעס ווי אַן אַרויפגעצוואונגענע טובה, אַ ניט־געבעטענע הלוואה. דאָס פאָלק נוצט עס ניט, שאַצט עס ניט אָפּ, וויכט פון דעם.

עקסטרעמען באַגעגענען זיך און פאַרשליסן זייער פאַר׳כישופ׳טן קרייז. די גלויבעניש אין סאָציאַלע ניסים ונפלאות, די איינריידעניש אַז עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו גרינדן אומפּעלערהאַפטע אַנשטאַלטן, די אבערגלויבעריי, — אַז מיר זיינען בכוח, ווען מיר ווילן נאָר, צו שאַפן אַ געמיינדעלעבן, וואָס וועט זיין אָן אַ סירכא, אַ סאָציאַלע צוזאַמענוואוינונג, וועלכע וועט זיך באַזירן אויף אויסגעהאַלטענער סאָלידאַריטעט און אומגעשטערטן שלום־בית — אָט דער מעטאַסאָציאַלאָגישער דאָגמאַטיזם האָט אַרויסגערופן אַלס אַ קעגנזאַץ דעם דיאַמעטראַלישן קאַפּויר, דעם פולשטענדיקן אומצוטרוי, דעם איבערטריבענעם אומגלויבן אין דעם מענטשלעכן דערפינדערישן זשעני, ווען עס קומט צו געזעלשאַפטלעכע ענינים.

# ב

# סאָציאַל־קריטיציזם

„הלואי זאָלן מיר פאַרגעבן מיינע קאָמוניסטישע פריינט! איך וואָלט געווען ווייניקער שטרענג צו זייערע אידייען, ווען איך וואָלט ניט געווען איבערצייגט אין מיין פאַרשטאַנד און אין מיין האַרצען, אז ניט אנדערש נאָר קאָמוניזם און אַלע סאָציאַלע פּאָליטישע און רעליגיעזע אוטאָפּיעס, וועלכע פאַראַכטן די פאַקטן און קריטיציזם, זיינען דער גרעסטער שטער וואָס פּראָגרעס דאַרף בייקומען.״

(P. J. Proudhon, System of Economic Contradictions, Vol. I, p. 281. Boston, 1888.)

## איינלייטונג

# טעאָריע פון סאָציאַלער דערקענטניש

„די לעצטע זאַך וואָס מיר לערנען אין וועלכער עס איז וויסנשאַפט איז ווי כדבעי אָנצוהויבן אונדזער אויספאָרשונג. אויב דאָס איז ניט באמת דאָס לעצטע וואָס מיר לערנען איז עס נאָענט דערצו און וואָס עס בלייבט נאָך צו אנטדעקן מיינט גאָרניט”.

(Robert S. Hamilton, Social Science, p. 3, N. Y., 1874)

דער פילאָזאָפישער קריטיציזם שטעלט פאָר מיט זיך א ווענדפונקט, עס מיינט זיך ווענדן פון דער דערפאָרשונג פון דער אויסערלעכער וועלט צו דער אונטערזוכונג פון דער אינערלעכער וועלט, עקזאַמענירונג פון פאַרשטאַנד־פאַקטן, שכל־דאַטן, די דערקענטניש־מעטאָדן. קריטיציזם האָט זיך פאַרנומען מיט דעם שטודיום פון די מכשירים און כלים פון דער פארשטענדעניש. ער האָט בוחן־ובודק געווען די גילטיקייט פון די דערקענטעניש־אופנים און די פעולה'דיקייט פון די פארשטענדעניש־געציג. ער האָט זיך באַקאַנט מיט דעם מענטשלעכן שכל. ער האָט באקוקט און באַטראַכט דעם אינטעלעקט. ער האָט אויסגעמאָסטן די טיפקייט פון דעם דעת ביי דעם מענטשן דעם בר־דעת. ער האָט געוואויגן די מענטשלעכע אינטעליגענץ אלס אזעלכע. אזוי ארום האָט דער ספעקולאַטיווער געדאנק געמאכט א שריט פאָרויס און ארויפצו. ער האָט פארענדיקט זיין עוואָלוציע־קרייז דורך דעם וואָס ער האָט זיך א קער געטאָן צוריק צו זיך אליין. אנשטאָט אויסצופאָרשן אויסערלעכע אביעקטן האָט ער גענומען אויספאָרשן דעם אינערלעכן סוביעקט, פאָרשן דעם פאָרשער. אנשטאָט זיך צו באַמיען צו פאַרשטיין די קעגנשטאנדן האָט קריטיציזם זיך געפלייסט צו פארשטיין די פארשטענדעניש. ער האָט אנטוויקלט א דיסציפלין פון

געדאנקען־אינטראספעקציע, פון אינערלעכער אינטעלעקטועלער באָאַב־אַכטונג, פון זעלבסט־אַנאַליז. ער האָט געשאַפן ניט קיין פסיכאָ־אַנאַליז, נייערט א „ראַציאָ־אַנאַליז". אזוי־ערנאָך איז אנטשטאַנען א סיסטעם פון דענקען מכוח סיסטעמאַטישן דענקען, א סיסטעם פון וויסן ניט די גרויסע וועלט, נייערט די אָנגעזאמלטע וויסעניש־דאַטן מכוח דער וועלט. קריטיציזם איז וויסעניש מכוח וויסעניש.

מירן ציטירן דעם פראַלעטאַרישן פילאָזאָף, יאָזעף דיעטצגען:

"פילאָזאָפיע שטרעבט ניט בלויז צום אומבאַשטימטן 'פאַרשטיין פון אָביעקטן', נייערט, גיכער, צום ספּעציעלן פאַרשטיין פון אַט־דעם באַזונדערן אָביעקט, וועלכער טראָגט דעם נאָמען פון 'פאַרשטענדעניש'. פילאָזאָפיע ווען זי דערגרייכט דעם קלימאַקס פון איר אנטוויקלונג זוכט צו פאַרשטיין די פאַרשטענדעניש." (1)

סאָציאַל־וויסנשאפט דאַרף טאָן דאָס אייגענע. זי דאַרף זיך אויפהויבן צו א טעאָריע פון סאָציאַל־דערקענטעניש, זי דאַרף ווענדן אירע בליקן אויף זיך אליין, קוקן פונאינעווייניק, ניט פון דרויסן. זי דאַרף זיך ניט אזויפיל עסק'ן מיט דער אויסגעפינונג און פאָרמולירונג פון די געזעצן, די פאַרבינדונגען פון די אורזאַכן און פאָלגן, די איינשטעלונג פון די דערשיינונגען און זייערע זיך־ווידערהאָלנדיקע נאָכגייעניש, די חוזר־חלילה'ס. איר הויפט באַרוף דאַרף זי געפינען אין דער באַארבעטונג און קלאַסיפיצירונג פון די אידעאָלאָגיעס און אידייען, וועלכע הערשן אין סיסטעמאַטיזירטן סאָציאַלן דענקען. די סאָציאַל־וויסנשאפט דאַרף זען דורכצופירן די צעשיידונגס־ליניע צווישן דאָס ווינטשנסווערטע און דאָס דערגרייכבארע, צווישן דעם אידעאַל און רעאַל. זי דאַרף זיך באַמיען פעסטצושטעלן די גרעניצן, אָנצייכענען די גבולים פון די סאָציאַלע מעגלעכקייטן. זי איז מחוייב אָנצוגעבן די ריכטונגען און אָנדייטן דעם מהלך ווי ווייט מיר קענען גיין אומגעשעדיקט צו אונדזער פּטור־געביידע און ניט אראָפּ פון דרך־הישר, ניט פאַרקריכן אין טרוים־לאַנד. מיט איין וואָרט, זי דאַרף דעמאַרקירן די פאַרהעלטנישן צווישן די אידעאַליטעטן און אַקטואַליטעטן.

ווייטער, א סאָציאַל דערקענטעניש־טעאָריע האָט געדאַרפט אויספאָרשן היסטאָריש־אָביעקטיוו די דערשיינונגען וועלכע הייסן בונטן, מרידות, אויפשטאַנדן, איבערקערענישן און אויסגעפינען צי זיי זיינען טאַקע גורם צו א פּאָזיטיוו־פּראָגרעסיווער רעקאָנסטרוקציע פון אונדזער געזעלשאפט־לעכן לעבן. א טעאָריע פון סאָציאַלער דערקענטעניש וואָלט קענען אונדז פיל ארויסהעלפן. זי וואָלט זיין אונדזער מורה־דרך אין די פאַרפּלאָנ־

טערנישן פון די רעפאָרם־טעטיקייטן. א סאָציאַל־דערקענטעניש־טעאָריע וואָלט באַלייכטן די סאָציאַלע פּראָבלעם און זיין אינסטרומענטאַל אין שאַפן א מעטאָדאָלאָגיע פון טיף־טעאָרעטישע און געזונט־פּראַקטישע סאָציאלע דיסציפּלינען.

מיר ווייסן די מענטשלעכע באַגרענעצונגען, מיר קענען אונדזער ביסל ציוויליזאציע און קולטור־דלות, אָבער דאָס איז ניט קיין תירוץ פאר טאָן כמעט ווי גאָרניט אין אָט דער ריכטונג.

I

# קריטיציזם אין סאָציאָלאָגיע

ע. דזש. אורוויק שרייבט:

„די געזעלשאפט געפינט זיך שוין מער ניט אין איר קינדהייט... אירע מיטגלידער הויבן אָן צו ווערן וואכזאַם, פּאַראינטערעסירט, זשוואַוו, רעפלעקטיוו, קריטיש... ניט בלויז פונקציאָנירן אלס מנהג־געבונדענע צעלן.” (1)

די ציוויליזירטע מענטשהייט האָט באוויזן אָנצוקלייבן א גרויסע שפע פון סאָציאלע באשטרעבונגען, אָנצוזאמלען גאנצע אוצרות פון איבערבוי־פּלענער. זיי זיינען געשאפן געוואָרן מיט אן אויסגעשפּראָכענער כוונה. זייער עובדה איז צו דינען אלס ארויסהעלפער אין דער שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער ארבעט פון איבעראנדערשונג פון דעם געבוי און רעכט־מאכונג פון די סטרוקטור־טיילן פון דער געמיינשאפט. אָט־די „פּראָיעקטן” אליין זיינען שטיקער געשיכטע, כראָניקעס פון אמת'ע לעבנס־געשעענישן. זיי זיינען ניט קיין לאַבאָראַטאָריע עקספּערימענטן. אין דעם תחום פון אָנגעווענדטער סאָציאָלאָגיע איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאר עקספּערימענטאציע. דער עקספּערימענטאלער מעטאָד ארבעט דאָ ניט.

ניקאָלאס פּעטרעסקו אין זיין ווערק „פּרינציפּן פון פאַרגלייכנדיקער סאָציאָלאָגיע” שרייבט:

„מיר קענען ניט מאַכן קיינע עקספּערימענטן אין מענטשלעכע פאר־העלטענישן אויף דעם סמך פון אבסטראקטער טעאָריע. און דער פאקט איז, אז אין סאָציאַלן לעבן קומט די טעאָריע נאָך דער פּראַקטיק, און זי האָט מער ווערט פאר דער פארגאנגנהייט ווי פאר דער צוקונפט.” (2)

מ'האָט נאָך געדאַרפט צוגעבן אז אין דער רעפּאַרמאַטאָרישער ווי אויך אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונגען קומט די זאך פאַר אזוי: מ'שאַפט זיך עפּעס א מין „פּראקטישע” טעאָריע, וועלכע איז נאָך דער־ווייל ניט אויסגעפּרובירט געוואָרן, און קיינער אייגנטלעך קען ניט וויסן פאר זיכער אויף וויפל זי וועט ארבעטן אָדער צי זי וועט בכלל ארבעטן.

אָבער אײדער װאָס־װען נעמט מען זיך אמפּערן, קריגן, זיך הרג׳ען איבער איר. און נאָכדעם, אז דער געשלעג איז אריבער, און קרבנות באַצירן די סאָציאַלע שלאַכטפעלדער, — געפינט מען אויס אז די טעאָריע איז לחלוטין אומארבעטזאם. אבער עס איז שוין נאָך אלעמען. מ׳קען צוריק עס ניט כאַפּן. די טויטע פון בירגער־קריג קען מען ניט לעבעדיק מאכן, די היזקים פאַראורזאכט קען מען ניט אומקערן. עס איז פאַרפאַלן. מ׳קען זיך ניט העלפן. א נייער איינשטעל איז איינגעפירט געוואָרן, װעלכער איז א מאָזאאיק פון אלטע און נייע עלעמענטן.

ערענסט דזש. גראָאָװס אין זיין װערק „סאָציאָלאָגיע״ שרייבט:

„עס איז קוים פאראן א געלעגנהייט פאר עקספּערימענטן־מאַכן. דער סאָציאָלאָג דארף נעמען דאָס סאָציאלע לעבן װי ער געפינט עס. זעלטן װען מ׳קען עטאַבלירן א קינסטלעכע סיטואַציע, װעלכע װעט אנטדעקן א באַשטימטע אורזאַך־פאָלגע־פארהעלטעניש. אין פיזיק, כעמיע, ביאָלאָגיע און די איבעריקע נאַטור־װיסנשאַפטן, איז עקספּערימענטאַציע א געװיינטלעכע זאַך, און א דאַנק דעם זיינען טאַקע געמאכט געװאָרן די שנעלע פאָרטשריטן, װעלכע האָבן געבראכט דערצו אז די װיסנשאפט זאָל אויסזען װי זי װאָלט געװען א גיגאַנטישער אלאדדין מיטן מאַגישן לאָמפּ... װען דער סאָציאָלאָג װאָלט געקענט אויספּרובירן זיינע אידייען פון קויזאַציע דורך ענלעכע עקספּערימענטן, װאָלט זיין װיסנשאפט אויך געהאט געמאכט א קאָלאָסאַלן דערפאָלג. עס איז ריכטיק אז אין דעם נאַטירלעכן סאָציאלן סדר־העולם װערן געמאכט עקספּערימענטן, אָבער זיי געפינען זיך ניט אונטער אזא קאָנטראָל װעלכער איז מעגלעך בלויז אין א לאַבאָראַטאָריע.״ (3)

מיר האָבן ניט קיינע סאָציאלע לאַבאָראַטאָריעס. װאָס איז אַ לאַבאָראַטאָריע? דאָס זיינען מיניאַטור־סביבות, װאָס װערן ארומגעצוימט אויף א קינסטלעכן אופן און װערן במחשבה תחילה קאָנטראָלירט, װאו מיר קענען אויספּרובירן אונדזערע װיסנשאַפטלעכע טעאָריעס. װאָס מיינט אויספּרובירן, װי אזוי קען מען אויספּרובירן טעאָריעס? דאָס מיינט נעמען באַשטימטע טעאָריעס און ברענגען זיי אין א פרידלעכן צװעקפולן נאָענטן באַריר מיט די באַשטימטע פאָרויס־איינגעאָרדענטע דאַטן פון סאָציאַלער װירקלעכקייט, און בשעת מעשה זיי זאָרגפעלטיק באַאָבאַכטן און מיט פּינקטלעכקייט באריכטן מכוח דער װירקונג, װעלכע זיי האָבן אויסגעאיבט. אין סאָציאָלאָגיע קענען מיר עס ניט טאָן. מיר פאַרמאָגן ניט קיינע פּרוביר־סטאַנציעס. מיר קענען ניט שאַפן קיין קינסטלעכע סביבה. מיר קענען ניט איזאָלירן אַ באַשטימטע צאָל פאַקטן. דאָ האָבן

מיר צו טאָן מיט מענטשן, מיט א געזעלשאפט. דאָס זיינען אלץ אָביעקטן, וואָס זיינען צו „נאַטירלעך”, צו קאַפּריציעז, צו ווילנספול, צו זעלבסט־שטענדיק אז זיי זאָלן אונדז פאָלגן, אז זיי זאָלן זיך לאָזן מ׳זאָל זיי „קנעטן”, זיך „פאַרשאַפן” מיט זיי.

אויגוסט קאָנט שרייבט:

„יעדע קינסטלעכע באָאומרואיקונג פון וועלכן עס איז סאָציאלן עלעמענט מוז האָבן א ווירקונג אויף אלע איבעריקע עלעמענטן, לויט די צוויי געזעצן פון קאָעקזיסטענץ און נאָכפאָלג; און דער עקספערימענט וואָלט דעריבער, אויב מ׳וואָלט אים בכלל געקענט דורכפירן, פארלירן יעדן וויסנשאַפטלעכן ווערט דורך דעם, וואָס עס איז אוממעגלעך צו איזאָלירן סיי די באַדינגונגען און סיי די רעזולטאַטן פון די דערשיי־נונגען.” (4)

עקספערימענטן אין סאָציאָלאָגיע, ענלעך צו די יעניקע וואָס ווערן געמאכט אין די נאַטור־וויסנשאפטן, דהיינו, פיזיק, כעמיע, איז לחלוטין אוממעגלעך. אבער דאָס מיינט ניט אז מיר זיינען אויף אָט־דעם געביט אינגאנצן אומבאהאָלפן. אויך דאָ האָט די השגחה צוגעגרייט די רפואה פאר דער מכה. מיר פארמאָגן א געשיכטע. מיר האָבן א געוויסע סומע פון פיל־וויניק סיסטעמאַטיזירטע באַריכטן, כראָניקעס פון מרידות, באַ־שרייבונגען פון אויפשטאנדן, פארציילונגען וועגן רעוואָלטן. זיי זיינען אימשטאנד צו ווארפן פיל ליכט אויף אונדזער צוגאנג צו די סאָציאלע פראָבלעמען. אָט־די פארשריבענע זכרונות צייגן אונדז די מעטאָדן, וועלכע מיר האָבן אָנגעווענדט בשעת מיר האָבן זיך באַמיט צו שאַפן נייע פאָרמען פון סאָציאלע פאַרהעלטענישן. די געשיכטע איז די בעסטע לערערין. וואָס איז געשיכטע? דאָס איז דערפאַרונג. וואָס דערציילט אונדז די געשיכטע פון אָלע רעפאָרם־ און רעוואָלוציע־באַוועגונגען? זי פליסטערט איין־איינציקן וואָרט: קריטיציזם.

עס איז שוין לאנג צייט געווען אז מיר זאָלן האָבן איבערגעריסן אלע אונדזערע באַציאונגען מיט דעם נאַאיוויזם. מיר דאַרפן נעמען א קריטי־ציסטישע שטעלונג צו די סאָציאלע פראָבלעמען. מ׳דאַרף גרינטלעך אויספאָרשן אלע סאָרטן פראָיעקטן פון די רעפאָרמיסטן. הן די דעסטרוק־טיווע און הן די קאָנסטרוקטיווע פלענער שטעלן פאַר מיט זיך א גרויסן אינטערעס. איין אָפּשאַצונג־מאָס דארפן מיר אָננעמען סיי פאַר דער קעגנווארט און סיי פאר דער צוקונפט. מיר טאָרן ניט דערלאָזן אז אַ פאַוואָריטיזם זאָל זיך דאָ באַהויפּטן. מיר קענען זיך ניט פאַרגינען צו פירן א טאָפּלטע בוכהאלטעריע, ווי דער נאַאיוויזם טוט עס. בנוגע דער

קעגנוואָרט האָט מען ארויסגעוויזן א שטאַרקן חוש פאר קריטיק. מ׳האָט אויפגעכאפּט יעדע פּגימה, אָנגעצייגט יעדן שטיקל חיסרון, און דערצו נאָך א היפּש ביסל איבערטריבן. מ׳האָט געזען זאכן שווארצער ווי זיי זיינען געווען באמת. בנוגע דער קעגנווארט האָט מען זיך געפירט זוי פאַרצויגענע, צעבאלעוועטע קינדער, כמעט געקאפּריזעוועט. דערפאר בנוגע דער צוקונפט איז מען געווען אינגאנצן „אָן גאַל", אלץ איז געווען גוט. דער קריטישער חוש האָט זיך עפּעס ווי אָפּגענומען. דאָרטן האָט מען געזען בלויז גוטס. די צוקונפט האָט מען אווקגעשטעלט אזוי הייך אויפן פּעדעסטאַל אַז צו איר האָט אפילו א פּיפּס פון קריטיק ניט געטאָרט דערגיין. די צוקונפט איז געוואָרן כמעט עפּעס ווי א מין הייליקע צייט, א געטלעכע צייט, ווען דער „פּראָגרעס" הקדוש וועט באַהערשן אלץ און אלעמען. ארויסזאָגן א ספק, א חשד, א קריטישע באַמערקונג בנוגע א צוקונפט־פּראָיעקט איז געווען פארדעכנט כמעט פאר א זינד, כמעט פאר א לעסטערונג פון סאָציאַלן רבונו של עולם אליין.

מ׳איז געשטאנען אויף די קני פארן אָפּגאָט פון מאָרגן און זיך געמאָליעט צו אים. בשעת דעם „היינט" האָט מען געמאכט מיט בלאָטע צו־גלייך. וואָס האָט מען אויף אים, דעם רשע, ניט אויסגערעדט? די ערגסטע זילזולים זיינען נאָך אלץ געווען צו מילד. אבער דערפאר דער מאָרגן — דאָס איז געווען א הייליקטום. אלע סכעמעס און טרוימען וועגן דעם מאָרגן זיינען שוין ממילא געווען א דבר שבקדושה, און מ׳האָט קעגן זיי אַ וואָרט ניט געטאָרט אויסרידן. מ׳האָט זיי אידעאַליזירט און אידעאַליזירט, געמאכט זיי פאר געטשקעס, צו וועלכע מ׳דאַרף זיך בוקן אבער וועלכע מ׳טאָר בשום אופן ניט אונטערזוכן. דאָס נאָענטע אין צייט, דאָס קעגנווערטיקע איז געווען די טומאה, איז געווען דער כלו חייב. אַלע אויפפירונגען און טואונגען וועלכע זיינען פּראַקטיצירט געוואָרן אין אונדזער צייט אונטער דער געגעבענער עקזיסטירנדיקער סיסטעם זיינען געווען מעיקרא אָפּגעפרעגט, זיינען געווען פול מיט זינד. דערפאר איז דער מאָרגן געווען „כלו זכאי", די ריינקייט, די אָרענטלעכקייט אליין. אָט אזוי פלעגן די „ראַדיקאלן" לויפן פון עקסטרעם צום עקסטרעם. בנוגע דער קעגנוואָרט זיינען זיי געווען פּראָקוראָרן, קטיגור׳ס, בנוגע דער צוקונפט סניגור׳ס, פּאַרטיידיקער. בנוגע דער קעגנווארט איז מען געווען אבלים, כסדר געזעסן שבעה און געלייענט דעם ספר איוב, אבער בנוגע דער צוקונפט איז מען געווען חתנים אין שבעת ימי המשתה. א שמחה, א גליק אויף די קעפּ. די ראַדיקאלן האָבן פאַרמאָגט צוויי פענדזלעך און צוויי קאָלירן. דעם פענדזל מיט דער שוואַרצער פאַרב האָבן זיי גע־ברויכט פאַר די בילדער פון דער קעגנווערטיקערווירקלעכקייט. דעם

פענדזל מיט דער ראָזער פאַרב האָבן זיי גענוצט בכדי צו מאָלן די פּאַנאָראַמעס פון דער פוטוריטעט.

טהאָמאס קאַרלייל אין זיין ווערק „פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט" באַ־שרייבט די שטעלונג פון דעם נאַאיוויסט צו דער פאַרגאַנגענהייט:

„אַלץ איז געווען זינלאָזיקע אומאָרדנונג אין דער פאַרגאַנגענהייט, ברוטאַלער כוח האָט געהערשט אומעטום; טעמפּקייט, ווילדער אומ׳שכל וועלכער האָט זיך בעסער געפּאַסט פאַר א דולהויז ווי פאַר א מענטשלע־כער וועלט!" (5)

דעם אייגענעם געדאַנק דריקט אויס וואָלטער ביידזשהאָט אין זיין ווערק „פיזיק און פּאָליטיק":

„די לאַנגע פאַרגאַנגענהייט האָט אויסגעזען צו זיין איין טעות — א קאָמפּליצירטער גרייז פון וועלכן מ׳דאַרף פטור ווערן אזוי גיך ווי נאָר מעגלעך." (6)

מיר דוכט, אז די שטעלונג צו דער קעגנוואַרט איז נאָך אַן ערגערע ווי צו דער פאַרגאַנגענהייט. די קעגנוואַרט האָבן די ראַדיקאַלן מער געטאַדלט, געזידלט און געשימפּט ווי די פאַרגאַנגנהייט, וועלכע זיי האָבן צייטנווייז גע׳כשר׳ט. קריטיציזם דאַרף זיך באַהויפּטן אין די־דאָזיקעביידע טיילן פון צייט, אנשטאָט דעם פּאָזיטיוויזם און נעגאַטיוויזם, א דואַליזם וועלכער איז זייער שעדלעך, ווייל ער צעשניידט אויף צוויי־ען אונדזער פאַרשטאַנד און אויפפיר, האָבן מיר געדאַרפט איינפירן א געזונטן קריטיציזם. עס וואָלט זיין פאַר אונדז פיל בעסער ווען מיר פאַרוואַרפן דעם עקסטרעמען נעגאַטיוויזם בנוגע אַלע ענינים פון דער קעגנוואַרט און דעם ניט־ווייניקער עקסטרעמען פּאָזיטיוויזם בנוגע די צוקונפטיקע כלומרשט אידעאַליסטישע פאָרמען פון סאָציאַלן פאַרקער. ווי נאָר מיר הייבן אָן צו ריידן וועגן אונדזערע פּלענער בנוגע דעם איבערבוי פון דער געזעלשאַפט אין דער צוקונפט פאַרגעסן מיר גלייך — ווי דער מלאך וואָס איז ממונה אויף שכחה וואָלט אונדז געהאַט געגעבן א שנעל אין דער נאָז, — אַלע אונדזערע טרויעריקע דערפאַרונגען, אַלע אונדזערע האַרץ־צעברעכנדיקע אנטוישונגען, אַלע מכשולים מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַגעגנט אויף אונדזער לאַנגן וועג פון ציוויליזאַציע. מיר וואַרפן ארויס פון אונדזער זיכרון די געדעכענישן מכוח די פּאַסקודנע שפּיצלעך, וואָס די אומ׳ברחמנות׳דיקע ווירקלעכקייט האָט אָפּגעטאָן צו אונדזערע אינספּירירטע חלומות און גליענדיקע גליק־דערוואַרטונגען.

מיר דאַרפן באַגרייפן דעם פשוט׳ן געדאַנק, אז דער צוקינפטיקער צושטאַנד, די צוקינפטיקע נייע איינאָרדענונגען, וועלכע מיר קלייבן זיך

איינצופירן און צו וועלכע מיר ווייזן ארויס אזא קינדערשן צוטרוי, וועלן דאָך אמאָל מוזן ווערן, א דאַנק אונדזערע אנטשיידנדיקע באַמי־אונגען, א טייל פון א קעגנוואַרט, א טייל פון אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן. אלס אזעלכער וועט ער דאָך זיכער ארויסרופן א גאַנצע סדרה פון אומצופרידנקייט־פאַלן. מיר טאָרן ניט מסיח־דעת זיין פון דעם פאַקט, אז אונדזער צוקינפטיקער איינשטעל, וועלכער איז לעת־עתה א ריינער גייסט, א פּראָדוקט פון פאָרשטעלונג, א ריינע פלעקלאָזע נשמה וואָס זוכט א פאַרקערפּערונג, א פאַרווירקלעכונג אין סאָציאַלן לעבן — וועט דאָך אמאָל זיך אָנטאָן אין פלייש און בלוט פון עקאָנאָמיק און פּאָליטיק. און דעמאָלט וועט דאָך מיט אים פּאַסירן דאָס וואָס עס פּאַסירט בכלל מיט יעדן סאָציאַלן „בשר ודם". ער וועט דאָך ניט זיין קיין אויסנאַם פון דעם כלל וואָס אלע ווייסן: דאָס אידעאַלע, ווען עס ווערט רעאַליזירט, גייט אריבער, אויב ניט אין א פולער פאַרלייקענונג פון זיך, אין עפּעס אזעלכעס, וועלכעס איז זייער ווייניק ענלעך צו דעם וואָס עס איז געווען בשעת עס האָט זיך געפונען אין זיין ערשטן אומשולדיקן צושטאַנד.

דערצו דאַרף מען נאָך באַגרייפן אָט־וואָס: די פאָדערונגען וועלכע מיר שטעלן זיך אין סאָציאַלער בוימייסטעריי גייען פיל גיכער, באַוועגן זיך מיט א שנעלערן טעמפּאָ איידער אונדזערע דערגרייכונגען. אונדזערע אָפּשאַץ־אורטיילן זיינען פלינקער פון אונדזערע דעראָבערונגען. דאָס איז שוין דער כאַראַקטער פון יעדן „אויפטו", אויף וועלכן געביט דאָס זאָל ניט זיין, ער מוז בלייבן הינטערשטעליק אין פאַרגלייך מיט דעם לויפער וועלכער הייסט „וואונטש". אונדזערע מעשים רוקן זיך פּאַמעלעך, שלעפּן זיך מיט גרויס מי איבער די דאָרנדיקע וועגן פוןווירקלעכן לעבן, בשעת אונדזערע באַשטרעבונגען, אין ס'רוב פאַלן, ווייסן דעם סוד פון קפיצת־הדרך און יעדער טראָט, וואָס זיי מאַכן, איז א זיבן מייל. אונדזער מאראַלעס — אדער אינטעלעקטועלעס, עס איז קיין נפקא מינה ניט — באַוואוסטזיין איז אַן אויבנשטיבל, וואָס ווערט אויפגעריכט אויף דעם פונדאַמענט פון שטיין־האַרטער רעאַליטעט. און דעריבער מוז עס אלע־מאָל זיין העכער פון אונדזערע ווירקלעכע מעגלעכקייטן. אונדזער סאָ־ציאַלער וואונטש־קרעדיט געפינט זיך כסדר אין א צושטאַנד פון איינ־פלאַציע לגבי דעם מאָגערן גאָלד־פאָנד פון דער ווירקלעכקייט. באַפרי־דיקונג קען קיינמאָל ניט אָניאָגן אונדזערע וועלערס און פאַרלאַנגען. דער אָנבאָט איז אלעמאָל פיל קלענער פון אונדזער נאָכפראַגע סיי פיזיאָ־לאָגיש און סיי סאָציאָלאָגיש, ווייל אונדזערע פאַרלאַנגען שטייען ניט אויף איין אָרט. זיי האַלטן כסדר אין איין גיין פאָרויס און ארויפצו. זיי וואַקסן הן קוואַנטיטאַטיוו און הן קוואַליטאַטיוו.

אַדאַם פערגוסאָן שרייבט:

„די דערגרייכונג פון איין צוועק איז בלויז דער אָנהויב פון א נייער שטרעבונג. און די אנטדעקונג פון איין קונסט איז בלויז די פארלייג־גערונג פון דעם פאָדעם דורך וועלכן מיר ווערן געפירט צו ווייטערע אָנפראַגעס, און בשעת מיר האָפן זיך ארויסצוכאַפּן פון לאַבירינט, ווערן מיר ערשט געפירט צו זיינע עכסט פארווירטע שטעגן.״ (7)

אזוי איז עס. דער מענטש איז א גייער. ער שטעלט זיך ניט אָפּ אין מיטן וועג. און דער וועג האָט בלויז א מיטן, ניט קיין אָנהויב און ניט קיין סוף.

ווי נאָר די באַפרידיקונג קומט צו נאָענט צו דער גרענעץ־ליניע פון אַ באַדערפעניש, אזוי גיך מאכט די לעצטע א טריט פאָרויס. זי קלע־טערט ארויף אויף א העכערן שטאפּל. אונדזערע פארלאנגען פאר תיקונים, דאָס באגרייפן וואָס א בעסער אָרגאַניזירטע געזעלשאפט וואָלט קענען אויפטאָן פאר אונדזער וואוילשטאנד, יאָגן אריבער, נאַטירלעכערוויז, אונדזערע דערגרייכונגען אין דעם דאָזיקן פעלד. מער ווי דאָס. יעדע דערגרייכונג רופט גלייך ארויס א נייעם באַוואוסטזיין, געבוירט א נייעם סאָציאַלן פאַרלאַנג אָדער באַדאַרף, און זיין באַפרידיקונג פאָדערט ווייטער א נייע דערגרייכונג, וועלכע וועט, ווייטער, שאַפן נייע באַדערפענישן, נייע אומצופרידנקייטן, וועלכע וועלן ווידער אמאָל פאָדערן און זוכן א באַפרי־דיקונג, וועלכע וועט ווידער און אבער אַמאָל אַרויסרופן נייע פאָדערונגען. עס איז א מעשה אָן א סוף. עס זיינען ניטאָ אזעלכע דערגרייכונגען, וועלכע זאָלן בלייבן וויסטע עקרות. זיי האָבן אלע זרע של קיימא. זיי שטעלן אויף א נייעם דור פון פאָדערונגען, און וויבאלד דאָס איז אזוי, און קען גאָר אנדערש ניט זיין, זיינען מיר זיכער, אָן קיין ברעקל ספק, אַז אונדזער אידעאַל, ווי שיין ער זאָל ניט זיין, וועט מוזן ארויסרופן א נעגאַטיווע קריטיק קעגן זיך, מ׳וועט אים „ארונטעררייסן״. ווי פּראַכטפול די סאָציאַלע פּאַלאַצן, וועלכע מיר בויען, זאָלן ניט זיין, ווייסן מיר אין פאָרויס, אז זיי וועלן האָבן די אייגענע מערכה, וואָס די אָרימע שטיבלעך, וועלכע מיר האָבן אָפּגעראַמט בכדי צו מאכן פאר זיי פּלאַץ. מ׳וועט זיך קלאָגן אויף זיי ניט ווייניקער, נייערט מער, מחמת אָט־די צרה׳דיקע הייזער זיינען דאָך אַמאָל, אין זייער צייט, אויך באטראכט געוואָרן אלס גרויסע וויכטיקע געביידעס.

דער מזל אדער שלים־מזל פון דער צוקונפט איז דאָס וואָס זי מוז ווערן א טייל פון א קעגנוואַרט, און אלס אזעלכע מוז זיליידן פון געוויסע מיחושים, דיסהאַרמאָניעס, פונדאַמענטאַלע אומאויסגעהאלטנקייטן. און אָט די אומפארמיידלעכע חסרונות אירע וועלן ארויסרופן אן אומצופרידנקייט.

די דאָזיקע אומצופרידנקייט וועט טרייבן מענטשן זיי זאָלן אויסגעפינען פּלענער, מיטלען ווי אַזוי צו באַזייטיקן אָט־דעם נייעם איינשטעל, פּונקט ווי פאַר דעם האָט מען זיך געבראָכן דעם קאָפּ ווי אַזוי אים איינצופירן. אויף אַזאַ׳ן אופן באַקומט זיך אַ המשכ׳דיקער פּראָצעס: די שטרעמונג צו שאַפן נייע אינסטיטוציעס אָדער אויסבעסערן די אַלטע און די שטרעבונג כסדר זיי צו קריטיקירן, אָנצוצייגן זייערע חסרונות און זיי אָפּצושאַפן. אומצופרידנקייט איז אַ פונדאַמענטאַלע מענטשלעכע עמאָציע. אומצופרידנקייט איז ענלעך צו אַן אַפּעטיט. בלויז אַ חולה האָט ניט קיין אַפּעטיט, פילט ניט קיין הונגער. יענע סאָציאַלע גרופּע איז קראַנק, וועלכע פאַרמאָגט ניט אָט דעם געזונט־נאָרמאַלן געפיל. יענע סאָציאַלע גרופּע איז אומקולטורעל, וועלכע קולטיווירט ניט אָט דעם געפיל און דערלויבט אים צו וואַקסן ווילד און צעדרייט. אומצופרידנקייט איז דער טרייב־פעדער אין דעם מעכאַניזם פון פּראָגרעס. אומצופרידנקייט און באַשטרעבונג זיינען, אַזוי צו זאָגן, זעלבסט־גענוגנדיק און זעלבסט־באַשאַפן. זייערע באַמיאונגען אויף דעם געביט פון דאָס סאָציאַלע, ווי אין אַלע אַנדערע תחומים פון מענטשלעכן אָנשטרענג, זיינען אומדערמידלעך און אומאויסשעפּבאַר. אַלע אונדזערע אָנשטאַלטן זיינען אומפולקומען און זיי וועלן בלייבן אומפולקומען.

ע. דזש. אורוויק אין זיין ווערק „פילאָזאָפיע פון סאָציאַלן פּראָגרעס" שרייבט:

„מיר וויסן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אונדזער געזעלשאַפט וועט קיינמאָל ניט זיין פולקומען, פּונקט אַזוי ווי אַלע אונדזערע אויפטואונגען, פון די קערפּערס ביז די קירכעס... ווייל אַזוי איז שוין אונדזער שאַרפער שכל, ער איז קיינמאָל ניט אַזוי שאַרף, אַז ער זאָל קענען לייזן וועלכע עס איז פּראָבלעמען פון אונזער לעבן." (8)

אונדזער שכל, אונדזער שאַרפזין איז דאָ גאָרניט שולדיק. ער איז גענוג שאַרף צו לייזן יעדע פּראָבלעם, אָבער פון דער אַקציע פון לייזונג ווערט ער ניט טעמפּער, נייערט שאַרפער. און גלייך נאָך דער לייזונג ציינט אונדז אונדזער שאַרפערער שכל אַז די לייזונג איז געוועזן צו פאַר־טאָטשנע. מיט אַנדערע ווערטער, אונדזער שאַרפזין איז אַזוי שאַרף, אַז ער קען לייכט אַנטדעקן אַ טעמפּקייט אין אונדזער פאַרדעמדיקן שאַרפזין. מיר זיינען אַזעלכע חריפים, אַז אפילו אונדזער חריפות ווילן מיר פאַר׳חריפ׳ן.

רודאָלף אויקען אין זיין ווערק „סאָציאַליזם און אַנאַליז" שרייבט:

„יעדער איינצלנער פּלאַן פון דאָס גאַנצע באַטראַכט זיך אַלס אויס־געצייכנט אַזוי לאַנג ווי ער איז אין אָפּאָזיציע, אָבער ווי נאָר ער פּרובירט

דענקען קאָנסטרוקטיוו (נאָך מער האנדלען) אזוי געפינט ער גלייך אויס, אַז ער שטייט פּנים אל פּנים מיט א גייער אָפּאָזיציע." (9)

אונדזערע סאָציאלע אַנשטאַלטן וועלן אלעמאָל דינען אלס צילברעטער פאר אונדזערע קריטיק־פיילן. מחמת אין דער אַנטדעקונג פון די פעלערן האַלטן אָפּ אונדזער שכל און אונדזער מאָראל־געפיל זייערע אומשטערב־לעכע ניצחונות. אונדזער אנטוויקלונג און וואוקס צייגן זיך ארויס אויף אַמאָל אין צוויי ריכטונגען: אין דיווירקלעכע דערגרייכונגען און אין דער קריטישער שטעלונג צו דידאָזיקע דערגרייכונגען.

II

# קריטיציזם אָדער ניהיליזם

„ווערדע בעססערונג ניכט די לוסט דער וועלט, זאָווירדעסט דו ניכט פראַגען.‟ (געטהע) (1)

„דער אייביקער רעוואָלט פון מענטשן איז ניט אזוי קעגן זיינע אינסטיטוציעס ווי קעגן דעם געברויך, וואס ווערט פון זיי געמאכט.‟ (2)

פיאָטער לאַווראָוו, דער באַרימטער רוסישער געלערנטער און רעוואָלוציאָנער, האָט אנטוויקלט אין זיינע „היסטאָרישע בריוו‟ א גאַנצע טעאָריע מכוח „קריטיק‟, „די קריטישע געדאנקען פון דער פערזענלעכקייט‟.(3) לאַווראָוו באַהויפּטעט, אז עס קומט א געוויסע צייט אין דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשן, ווען ער ווערט גענוג רייף צו האָבן א קריטישע מיינונג וועגן פארשיידענע זאכן. און ערשט דעמאָלט ווען ער איז פסיכאָלאָגיש און אינטעלעקטועל אימשטאנד צו שאַפן אדער אויפנעמען אזעלכע צענזורירנדיקע מחשבות ווערט ער ראוי צו טראָגן דעם נאָמען פערזענלעכקייט. לאַווראָוו האלט די פיאיקייט צו קריטיקירן, צו געפינען פעלערן איז א ספּעציפישע אייגנשאפט, וועלכע דארף באַוואוסטזיניק, צוועקמעסיק קולטיווירט ווערן, ווייל זי איז דער הויפּט שטריך פון דער קוואַליפיצירטער פערזענלעכקייט. ס׳רוב מענטשן נעמען אָן די אינסטיטוציעס ווי זיי זיינען. זיי אקצעפּטירן דעם סטאַטוס־קוואָ. זיי האָבן ניט דעם דרייסט ארויסצוקומען מיט א קריטישער מיינונג. זיי זיינען פסיכאָלאָגיש ניט גענוג שטארק זיך צו שאַפן אזא מיינונג. דער קריטישער געדאנק איז דער קנין פון די גייסט־אַריסטאָקראַטן. בכדי צו קריטיקירן מוז מען דאָך קודם זיין אומצופרידן. ניט יעדערער קען זיין באַוואוסטזיניק אומצופרידן אויף א ברייטן סאָציאַלן מאַסשטאַב, ווייל אזא אומצופרידנקייט שיקט פאַרויס דעם כוח צו פאַרדאַמען א גאַנצע סאָציאַלע סיסטעם.

וועגן אומצופרידנקייט אלס א פאַקטאָר פון פראָגרעס האָבן פילע דענקער געשריבן. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אביסל לענגער אויף דעם ענין.

אונטער דעם וואָרט „קריטיציזם‟ פארשטייען מיר דאָ די פיאיקייט צו אורטיילן און פאַראורטיילן, ארויסצוגעבן אָפּשאַץ־פּסקים, אָפּצואוועגן

זאַכן אויף די ווערט־וואַגשאָלן און געפינען, אז זיי פעלט געוויכט און וויכטיקייט, און ניט נאָר עס אויסגעפינען, נייערט טאַקע עס ארויסזאָגן. „קריטיציזם" אין דעם־דאָזיקן פשט פון וואָרט איז אן אייגנשאַפט פון מענטשלעכן אינטעלעקט. עס איז א געשאנק געגעבן דעם מענטשן פון דער „נאַטור". א דאנק אָט־דער מתנה האָט דער מענטש געקראָגן א מעגלעכקייט צו פאָרפאָלגן, קודם, זיינע פראַקטישע און, דערנאָך, אויך זיינע טעאָרעטישע צוועקן. אין א משך פון דורות האָט זיך די פיאיקייט פאנאנ־דערגעוויקלט און האָט דערגרייכט א געוויסע רייפקייט. דורך בכיוונ־דיקער איבונג און זאָרגפעלטיקער פלעגונג איז אָט־דער כישרון דערהויבן געוואָרן צו דעם ראַנג און חשיבות פון אן „אָפשאַצער" פון אלע מענטש־לעכע אויפטואונגען. ער איז געוואָרן עפּעס א מין מומחה־מבין. ער פארשטייט זיך אויף אלץ, אויף אלע אויפטואונגען, אונטערנעמונגען, פּלע־נער, פּראָיעקטן, וועלכע ווערן אָנגעווענדט סיי אין תחום פון פּריוואַטע טועכצן סיי אין פעלד פון עפנטלעכע מעשים.

אָט וואָס סיר וויליאם טעמפּל אין זיין ארבעט „מכוח פּאָפּולערער אומצופרידנקייט" שרייבט:

„א געוויסער אומרו פון פאַרשטאַנד און געדאנק, וועלכער זעט אויס צו זיין אוניווערסאל און אומאָפּטיילבאר צוגעקניפּט צו אונדזער נאַטור און קאָנסטיטוציע, די אומצופרידנקייט מיט דעם וואָס מיר זיינען, אדער מיט דעם וואָס מיר באזיצן אין דער קעגנוואַרט אדער געניסן... אָט דער אומרואיקער צושטאַנד, אזוי אלגעמיין און נאַטירלעך פאר דער מענטש־הייט, איז א געוויקס, וועלכער וואקסט אויף אלע באָדנס און אונטער אַלע קלימאַטן, אבער עס זעט אויס אז ער געדייט העכסטנס און וואקסט אמשנעלסטן אין דעם בעסטן מענטשן: 'ער ווערט לייכטער געפלעגט פון דעם שאַרפערן קאָפּ און זשוואַווער פאַרשטעלונג איידער פון די גרעבערע און טעמפּערע קאָנצעפּציעס'." (4)

„קריטיציזם" האָט זיין קוואַל אין דעם אייביקן אומלעשבאַרן דאָרשט נאָך פאָרשונג. ער שטאַמט פון זעלביקן מקור פון וואַנען עס קומט די נייגונג צו באַאָבאַכטונג. ער איז דאָס אייגענע ווי די שטענדיקע באַ־דערפעניש אין אָריענטאַציע. „קריטיציזם" איז די דערהייבונג פון דער אָלפאָרצערנדיקער, כמעט טאַנטאַליזירנדיקער נייגיר. ער ווערט אָבער, גאַנץ אָפט, געבוירן פון בלויזער אומצופרידנקייט.

עדמונד בוירק שרייבט:

„זיך צו קלאָגן אויף דעם צייטעלטער, אין וועלכן מיר לעבן, צו מורמלען קעגן די איצטיקע מאכטבאַזיצער, צו באדויערן די פארגאַנ־גנהייט, צו שאַפן זיך איבערטריבענע האָפענונגען מכוח דער צוקונפט —

אָט דאָס אַלץ זיינען געוויינטלעכע נייגונגען פון דעם גרעסטן טייל פון דער מענטשהייט; באמת, דער אומפארמיידלעכער פועל־יוצא פון דער אומוויסנהייט און לייכטזיניקייט פון „עמך". אזעלכע טענות און מענות האָבן עקזיסטירט אין אלע צייטן." (5)

אומצופרידנקייט, גענומען פאר זיך אליין, איז א נאָרמאַלע דער־שיינונג. בדרך כלל גערעדט, איז זי א געזונטער פענאָמען. ווען יעדער יחיד וואָלט געווען א „שמח־בחלקו", ווען די גרופן וואָלטן געווען צופרידן, ווען די פעלקער וואָלטן געווען שטיל און רואיק, דעמאָלט וואָלט אלץ פארשימלט און פארראַצט געוואָרן. דער לעבן וואָלט ווערן א שטייאיקער זומפּ. די פעלקער און מענטשן וואָלטן צעפוילט געוואָרן. סאָציאַלע צו־פרידנקייט איז בלויז אן אנדער נאָמען, א „מילדער", פאר דער באַציי־כענונג פון דעם פאַרדריסלעכן צושטאַנד פון סטאַטוס־קוואָ פארהייליקונג. סאָציאַלע מנוחה איז בלויז א שיין־קלינגענדיקע אָנרופעניש פאר דעם מאַלאַך פון סטאַטישער עקזיסטענץ, וועגעטירונג. ווען אינדיווידן, שבטים, פעלקער וואָלטן געווען צופרידן מיט זייערע לעבנס־באַדינגונגען, וואָלטן זיי קיינמאָל ניט ארויסגעקראָכן פון דער בלאָטקע, אין וועלכער מיטל־מעסיקייט וויקט זיך ווי אין א כשר'ער מקוה. דעמאָלט וואָלטן קיינמאָל קיינע ענדערונגען ניט געמאכט געוואָרן, קיינע חידושים ניט איינגעפירט געוואָרן, ווייל יעדער שטיקל רעמאָנט־ארבעט פאָדערט אן אָנשטרענג. ווען מ'איז צופרידן מיט דאָס אַלטע וועט מען זיך ניט אָנטאָן א כוח און זען אריינברענגען עפּעס נייעס. אומצופרידנקייט איז דער מלאך, וואָס שטייט איבער יעדן גרעזעלע, שלאָגט אים און הייסט אים וואקסן. אומצו־פרידנקייט טרייבט דעם מענטשן צום אויפטאָן. זי וועקט זיינע אמביציעס, זי שארפט זיין אַפּעטיט. זי וויטאַליזירט זיינע ענערגיעס. אומצופרידנקייט געפּאָרט מיט אומרואיקייט האלט דעם מענטשנס כוחות, — וועלכע זיינען האַלב־פאַרשלאָפן, ווי א בער אין ווינטער־צייט, — וואך און אויף. אומצופרידנקייט טרייבט אים, יאָגט אים, שטופּט אים פאָרויס. זי צווינגט אים צו גיין זוכן דאָס אומבאקאַנטע. זי גיט אים צו מוט און חשק אויפ־צונעמען דעם שיקזאַל־אויפרוף און באַקעמפן מאָנאָטאָנישקייט און רוטין, איינגעשטעלטקייט, איינגעזעסנקייט. מיט אנדערע ווערטער עס איז די אומצופרידנקייט וועלכע מאכט דעם מענטשן גענוג בראָוו און אפילו עזות'דיק אז ער זאָל זיך פאַרמעסטן מיט דער טראַדיציע, מיט די פאַר־הייליקטע מנהגים, מיט די פון קדמונים'דיקע געוואוינהייטן, ער זאָל ארויס־טרעטן פאר די העכערע פאַרמען פון לעבן, פילן און טראכטן. אומצו־פרידנקייט איז דער רוח החיה אין דער מעשה־מרכבה פון דער דערפינדונג. אומצופרידנקייט איז דער ווינט אין די זעגלען פון פּראָגרעס.

וויליאם גאדווין שרייבט:

„מיר זיינען קיינמאָל ניט באפרידיקט, מיר פילן אלעמאָל די באדער־פעניש פון דעם וואָס מיר האָבן ניט. און אָט־די שטענדיקע אומבאַ־קוועמלעכקייט שטופּט אונדז פאָרויס. אונדזער נאַטור אנטהאלט אין זיך אַ פּרינציפּ פון גרענעצלאָזער אמביציע.״ (6)

ווען אונדזערע פאָרעלטערן וואָלטן געווען צופרידן מיט זייער לעבן אויף די בוימער אדער אין די היילן, וואָלטן מיר נאָך עד־היום דארטן געזעסן, פאררוקט ערגעץ אין די געדיכטע פון ששת־ימי־בראשית וועל־דער, בכדי זיי זאָלן זיך נעמען „בויען״ וועלכע עס איז „געביידעס״ — האָבן זיי, אלס א תנאי קודם למעשה, געמוזט פילן אן אומצופרידנקייט מיט דעם וואָס זיי האָבן געהאט און מיט דעם פלאַץ וואו זיי האָבן זיך געפונען. ווען אונדזערע אבות־אבותינו וואָלטן געווען צופרידן מיט זייערע געצעלטן וואָלטן מיר ניט פארמאָגט אונדזערע הייזער. ווען „די געצעלטן פון יעקב׳ן״ וואָלטן זיין גוט, ווי עס זאָגט זיך אין מה־טובו, וואָלטן מיר קיינמאָל ניט קומען צו „די וואוינונגען פון ישראל״... און ווען מיר וואָלטן געווען צופרידן מיט אונדזערע שטיבלעך, וואָלטן מיר ניט בויען קיין מויערן, קיין פּאַלאַצן, קיין טעמפּלען, קיין הימל־קראַצערס.

בערטראַן בראַליי פּאָעטיזירט:

„איך בין דער אומצופרידן.

איך בין דער פיינט פון זאַכן ווי זיי זיינען.

דער קעמפּער פאר זאַכן ווי זיי דאַרפן זיין.

עס איז געווען מיין ניט־הויזן מיט כאַאָס וועלכעס האָט געשאַפן דעם איינגעפונדעוועטן אוניווערס. און מיין אָנוועזנהייט אין געהירן פון דער אנטראָפּאָאיד־מאַלפּע איז געווען דער אָנפאַנג פון מענטשלעכן פּראָגרעס.

דורך די יאָרהונדערטער האָב איך געפלאַקערט אין די הערצער פון די מענטשן, טרייבנדיק זיי כסדר פאָרויס צו בעסערע זאַכן...

איך מאַך די דענקער צו דענקען און די טרוימער צו טרוימען.

איך בין די ענדערונג. איך בין פּראָגרעס. איך בין דער אומצו־פרידן.״ (7)

ווען מיר וואָלטן געווען צופרידן מיט דער פינצטערניש פון די נעכט, מיט דער קעלט פון די ווינטערס, וואָלטן מיר זיך ניט אָנגע־שטרענגט צו אנטדעקן פייער, דעם קוואַל פון ליכט און היץ. ווען מיר וואָלטן געווען צופרידן מיט דער שלעפּעניש פון אונדזערע שקאַפּעס, וואָס וואָלט אונדז געטריבן צו שאַרפן אונדזערע מוחות, איינצושפּאַנען אונדזער שעפערישן זשעני בכדי צו דערפינדן, פאר דעם, דאַמף, דערנאָך,

עלעקטריציטעט. אומצופרידנקייט איז דער בלוט־שטראָם, וואָס קלאַפּט אין האַרצן פון מענטשן. דערפינדונג, אָט־די „מוזע פון פייער" האָט פאַר איר מוטער די נויטווענדיקייט און פאַר איר פאָטער דעם „אומצופרידן."

אַרטהור דזשיימס טאָרד אין זיין ווערק „טעאָריעס פון סאָציאַלן פּראָגרעס" זאָגט:

„עס ליגט אַ שטיק אמת אין דער אידייע, אַז אומצופרידנקייט מיט דעם „קעגנווערטיקן איינשטעל" איז די העכסטע טוגנט." (8)

אַלאַן ל. בענסאָן זאָגט:

„סאָציאַליסטן פריידיקן אומצופרידנקייט בלויז מיט אָרימקייט, וואָס קומט פון רויבעריי, און אַלע רשעות'ן, וואָס קומען זי באַגלייטן." (9)

יע, אומצופרידנקייט איז אַ טייערער אוצר, אבער מ'דאַרף וויסן ווי אים צו געברויכן. די צרה איז וואָס צו אָפט כאַפּט די אומצופרידנקייט אַריבער די מאָס, און דעמאָלט ווערט זי עפּעס אַ מין קאַפּריזערײַ. און פאַר דער מעטאַמאָרפאָזע דאַרף מען זיך היטן. מ'טאָר ניט דערלאָזן דערצו, אַז קריטיק זאָל אַריבער די גרענעץ פון געזונטער מבינות און אַריינפאַלן אין לאַנד פון הוילן ביטול. אויף וויפל קריטיק איז געזונט, אויף אַזויפיל איז מבטל־מאַכונג שעדלעך. קריטיקירן מיינט ניט קאַפּריזעווען, פאַרדאַמען אַלץ און אַלעמען. קריטיציזם איז ניט קיין ניהיליזם. קריטיציזם מיינט אַן עמאַציאַנעלע אומצופרידנקייט, וועלכע ווערט געמעסיקט פון פאַרשטאַנד. קריטיציזם איז אַן אויסברוך פון פאַרדאַמונג, וועלכער איז אַרומגעהעפט מיט אַ זוים פון באַמערקונגען וואָס אַנטהאַלטן עלעמענטן פון אַ דערקלערונג אָדער אַ באַרעכטיקונג. בשעת דער וואולגאַרער ניהיליזם איז דאָס בושעווען פון אומגעצוימטע געמיט־געוויטערס. ער איז דאָס פאַנאַנדערשפּילן זיך פון ווילדע געפילן, דער אויפבראַוז פון דערביטערונג, דער אויסגוס פון חמה, פון רוגזא. קריטיציזם טראָגט מיט זיך, ווי אַ הערה אויף דעם גליון, אַן אַנמערקונג ביי דעם סאַמע אונטן פון זייטל. די אַנמערקונג זאָגט אונדז, אַז כאָטש די קריטיק איז, פון איין זייט, פאַרניינענדיק, דעסטרוקטיוו איז זי אבער, פון דער צווייטער זייט, באַיאָענדיק, קאָנסטרוקטיוו. קריטיציזם זאָגט אונדז, ניט אַרויסריידנדיק עס מיטן פולן מויל, אַז דער איינשטעל וועלכן ער רייסט אַרונטער, איז שיין, פיין און גענוג אַרנטלעך, ניט געקוקט אויף אַלע זיינע פעלערן, ווייל ער דערלויבט אַז מ'זאָל אים קריטיקירן. דאָס וואָס מ'קען אַרויסקומען אין דער עפנטלעכקייט און זאָגן וואָס מ'טראַכט וועגן אים, און זאָגן עס אָפן, ניט פאַרשטעלטערהייט דורך סודות און רמזים —

איז א מעלה וועלכע קויפט אויס כמעט אַלע זיינע חסרונות. אזוי ארום באַקומט זיך, אז ווען מ׳פאַרדאַמט אן איינשטעל ליגט אין דער פאַרדאַמונג גופא א מין דן־זיין לכף־זכות. ניהיליזם וויסט פון דעם ניט. ער האָט ניט קיינע אָפּהאַלטונגען. ער וויל אַלץ מאכן „תחת־חרב״, איבערלאָזן נאָך זיך א מבול פון נעגאַציע, א פולשטענדיקן חורבן. קריטיציזם איז עפּעס א מין סאָרט ווייטאָק־געפיל. בלויז א לעבעדיקער אָרגאַניזם קען ליידן יסורים און איז פּייאיק זיך צו באַקלאָגן, צו קרעכצן, זיפצן, וויינען און אויקען. די טויטע זיינען פריי פון אַלע ווייטאָקן. זיי זיינען שטיל. זיי שרייען ניט, זיי האָבן קיין תרעומות ניט. זיי זיינען פּטור פון אַלץ. זיי ליגן זיך אין דר׳ערד און באַקן בייגל, און קיין זאַך גייט זיי ניט אָן, אויף וויפל מיר וויסן וועגן זיי, און מיר וויסן וועגן זיי זייער ווייניק, אזוי ווייניק, אז כמעט גאָרניט.

עפּנטלעכער קריטיציזם איז א סימפּטאָם פון געזונטקייט פאַרן סאָציאַלן קערפּער. דער אויפדעק פון ווידערשפּרוכן, קעגנזאצן, דער אויפווייז פון חסרונות אין א געגעבענער עקאָנאָמישער אדער פּאָליטישער דיסציפּלין באַווייזט, אז דער עטאבלירטער איינשטעל איז פונדאַמענטאַל סאָליד און צופרידנשטעלנדיק אמווייניקסטן וואָס אַנבאַלאַנגט דעם פּרט פון געבן א מעגלעכקייט צו די אומצופרידענע אויסצודריקן זייער אומ־צופרידנקייט אויפן קול, ארויסצוקומען אין דער עפנטלעכקייט מיט זייערע טענות. און דאָס אליין איז שוין אזוי גוט ווי א האלבע פאַרריכטונג פון אלע פעלערן. דאָס ציייגט אז די קריטיקירטע סיסטעם קען געבן א געלעגנהייט צו א געוויסער גרופּע זיך צו פאַרנעמען מיט דעם שטודיום פון דער געגעבענער סיסטעם „על מנת לקנטר״...

אין א מער קאָנקרעטער פאָרם. מיר נעמען די קריטיק פון קאַפּי־טאַליזם בנוגע זיינע צוויי הויפּט אָפּטיילונגען, נעמלעך, עקאָנאָמיק און פּאָליטיק, וועלכע עס האָבן אזוי געלונגען אנטוויקלט די סאָציאַלע דענקער. אָט־די קריטיק אליין צייגט דאָך אונדז, אז די פאַר׳משפּט׳ע סיסטעם איז געננוג מענטשלעך אז זי זאָל טאָלערירן אירע קריטיקער. זי הערט אויס אירע קעגנער. זי פאַרשפּאַרט זיי ניט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן אָדער געפענגענישן, ווי דער קאָמוניזם, פאַשיזם און נאַציזם באַגייען זיך מיט די, וועלכע האָבן די העזה צו זאָגן א וואָרט קעגן זיי.

מיט אנדערע ווערטער, אָן א דעמאָקראַטישער קולטור וואָלט קיין קריטיק ניט געווען מעגלעך. יעדע קריטיק, ווי שאַרף זי זאָל ניט זיין, זאָגט אליין מיטן זעלביקן מויל אז עס האָט נאָך ניט אזוי שלעכט, אויב

מ׳קען נאָך קריטיקירן. ווייל אויב עס וואָלט געהאַלטן גאָר שלעכט, וואָלט מען שוין קריטיקירן אויך ניט געטאָרט.

די הויפּט אייגנשאַפט פון קריטיציזם באַשטייט אין דעם פאַרשטיין „קריטיק״ אויף א קריטישן אופן. „קריטיציזם״ איז די קריטיק פון קריטיק, דאָס באַגרייפן טיפער די קריטיק אליין. יעדע פאַרדאַמטע סיסטעם איז ניט פאַרדאַמט צוליב דעם אליין, וואָס זי גייט, אזוי צו זאָגן, צו בית־דין, הערט אויס דעם פסק־דין. דאָס וואָס זי דערלויבט אז מ׳זאָל זי פארמשפּט׳ן מאכט אז זי זאָל ניט פאַר׳משפּט ווערן אינגאנצן אויך דעמאָלט, ווען זי ווערט פאַר׳משפּט.

III

# רעאַל און אידעאַל

דזשאהן מייספילד זינגט:

„ניט פאר אונדז צופרידנקייט, רואיקייט און מנוחה, ווייל מיר גייען זוכן א שטאַט, וואָס מיר וועלן קיינמאָל ניט געפינען. עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ אויף דער ערד פאר אונדז, פאַר אַזעלכע ווי מיר, וועלכע זוכן א פאַרבאַהאַלטענע שטאַט, וואָס מיר וועלן קיינמאָל ניט זען.״ (1)

ניקאָלאַי בערדייעוו אין זיין ווערק „דער סוף פון אונדזער צייט״ שרייבט:

„די האָפענונג צו פארבייטן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם מיט א סאָציאַליסטישער איז שוין אויך צוגענומען געוואָרן. אויך אין דעם האָבן מיר שוין פאַרלאָרן אונדזער גלויבן. מחמת סאָציאַליזם איז שוין מער ניט אומזיכטבאר, א קעגנשטאַנד פון גלויבן, און אויף אזוי פיל אויף וויפל ער איז אָנווענדבאַר און א וויסעניש־סיסטעם, איז ער אזוי שלעכט ווי דער קאַפּיטאַליזם אליין. ער פאַרפירט די מענטשהייט אין א געסל פון וועלכן עס איז ניטאָ קיין ארויסגאנג.״ (2)

מאַקס שטירנער שרייבט:

„דער קעגנאנאנדער פון רעאל און אידעאל איז אומפאר׳שלומ׳באר, דער איינער קען קיינמאָל ניט ווערן דער צווייטער. אויב דער אידעאל וואָלט ווערן א רעאל, וואָלט דאָך דער אידעאל אליין בלייבן, אבער ניט דער רעאל.״ (3)

דער רעאַל און אידעאַל זיינען צוויי קאַטעגאָריעס. איינער שטעלט פאָר מיט זיך דעם איז, דער צווייטער רעפּרעזענטירט דעם באַדאַרף־צו־זיין. דער איינער איז פאַרנומען מיט דאָס אקטועלע. דער צווייטער גיט זיך אָפּ מיט דאָס איינגעבילדעטע אָדער ספּעקולאַטיווע. דער אידעאַל איז דער מאָראלער באגריף אין דעם ברייטסטן פשט פון וואָרט, ווען ער ווערט אָנגעווענדט אויף דעם גאנצן תחום פון מענטשלעכן אנשטרענג. דאָס תופס זיין פון דעם רעאַל, פון דאָס עקזיסטירנדיקע, דאָס אָפּשאצן פון דעם איז מוז אומפארמיידלעך ארויסרופן די השגה מכוח דעם אידעאל,

ווי מיר זאָלן דעם לעצטן ניט אויסטייטשן. בכדי דער רעאַל זאָל ווערן אָפּגעשאַצט ווי געהעריק, אָדער אפילו בלויז פאַרשטאַנען, מוז ער, לויט דער נאַטור פון דעם פּראָצעס פון מענטשלעכן דענקען, ווערן פאַרגליכן מיט זיין קעגנזאַץ, מיט זיין קעגנטייל, יעדנפאַלס מיט עפּעס, וואָס איז פאַרשידן פון אים. אזוי אַרום ווערט דער אידעאַל געבויט פון סאַמע ריפּ פון דעם רעאַל.

מיר פאַרהערלעכן דעם רעאַל, דעם עקזיסטירנדיקן איינשטעל, מיר פאַרהייליקן די עטאַבלירטע איינאָרדענונג. מיר אידעאַליזירן דעם סטאַבילירטן, פאַרהאַרטעוועטן שטייגער. מיר ראַציאָנאַליזירן אַלע דערשיינונגען. מיר פאַר׳שכל׳ען אַלע פּראָצעסן. מיר דערקלערן זיי, מיר פאַרענטפערן זיי, מיר לייגן אין זיי אַריין חכמה, מיר שרייבן זיי צו מיין און מיינונג. מיר שפּינען די פעדים און וועבן דעם לייוונט פון פאַרהעלטעניש; מיר פאַרפלעכטן די באַציאונגען צווישן די פענאָמענען. מיר פאַרקניפּן די פאַרבינדונגען צווישן די געשעענישן. דאָ באַהאַנדלען מיר זיי אַלס באַזונדערע איינהייטן, דאָ אַלס טיילן פון אַ גרעסערער גאַנצקייט, פון וועלכע זיי זיינען בלויז די באַשטאַנדטיילן. בקיצור, מיר זיינען פאַרנומען מיט דעם וואָס מיר פּאַסן זיי אויף אין טערמינען פון פּערצעפּציעס און באַגריפן. אָבער דאָס אַלץ איז מער ניט ווי אַ האַלבע אַרבעט. מיר שטעלן זיך דאָ ניט אָפּ. מיר גייען ווייטער. מיר פאַנטאַזירן אויס אַ צוגאַב. מיר קלערן אויס אַ צולייגעכץ, אַ המשך פון דעם רעאַל. מיר מאַכן פּירושים אויף דעם ספר פון נאַטור. מיר פאַרשענערן דיווירקלעכקייט. מיר אַנדערשן זי איבער. מער ווי דאָס. מיר איבן אויס אונדזערע פּרעראָגאַטיוון אַלס אָפּשאַצער, אַלס ריכטער. מיר פאַר׳משפּט׳ן אייניקע פון אירע פּראָצעסן, בשעת מיר פאַרטיידיקן אַנדערע, זיינען מלמד־זכות אויף זיי. מיר שטעלן אוועק אַן איבערוועלט אויף דעם פונדאַמענט פון דער וועלט. און אָט־דער בנין של מעלה, הגם ער איז אַ פּראָדוקט פון אונדזער שעפערישער איינבילדונגס־קראַפט, איז, אָבער באמת, אַ געלויטערטער, דורכגעפילטערטער, דורכגעזיפּטער רעאַל, אַ זיין וועלכן מיר האָבן אָפּגעוואָשן פון זיינע פלעקן חסרונות, און דערנאָך אים אָנגעקליידט לויט אונדזערע האַרץ־פאַרלאַנגען. אין אַנדערש מאָל נעמען מיר דעם רעאַל און טראַנספאָרמירן אים על־פּי אונדזערע נשמה׳דיקע מוסטערן, שכל׳דיקע מאָדעלן. אָט־די טבע צו באַשיינען און באַ׳חנ׳ען די עקזיסטירנדיקע וועלט און מוסיף־צו־זיין צו איר אַ ניט־עקזיסטירנדיקע, אַן אויבערוועלט, איז אונדזער צווייטע, אפשר גאָר ערשטע, נאַטור. אַלץ צו וואָס מיר רירן זיך צו מיט אונדזער מענטשלעכן אינטעלעקטועלן אָדער עמאָציאָנעלן אָטעם באַלעבן מיר, אידעאַליזירן מיר.

דעם אויסערלעכן פיזישן באַשטאַנד האָבן מיר באַקרוינט מיט אַן אינערלעכן פּסיכאָלאָגישן „קיום". אויף דער עולם־הזה האָבן מיר אויפֿגעריכט אַן עולם־הבא. די אומפֿולקומענהייט האָבן מיר פֿאַרטונקט אין דער פֿולקומענהייט. דעם זינדיקן, אומגערעכטן, אומאָרנטלעכן מענטשן, דעם רשע, האָבן מיר דערהויבן צו דער מדרגה פֿון אַן איבער־מענטשן, פֿון אַ צדיק, אַן איש־האלהים, אַ פּערזענלעכקייט. אונדזער באַגרענעצטן שפּאַן פֿון לעבן האָבן מיר אויסגעצויגן און אים באַפֿעלן זיך צו פֿאַרמעסטן מיט דער אייביקייט, מיט דעם עולם־ועד. אונדזער אַרומגעצוימטן רוים האָבן מיר אויסגעברייטערט און אים געמאַכט אַזוי לאַנג ווי דער אין סוף און אָן שיעור. אונדזער אויפֿפֿיר וואָס איז פֿראַגמענטאַריש, צעשויבערט און שטאַרק גע׳שעטנז׳ט האָבן מיר דערהייכט, סיסטעמאַטיזירט און פֿאַרוואַנדלט אין אַן עטישער הנהגה, וועלכע ווערט דיקטירט פֿון דעם קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו. מיר נעמען אונדזערע צופֿעליקע האַנדלונגען, אַקציעס, רעאַקציעס, באַדינגטע רעפֿלעקסיעס, קאָנוואַלסיווע, קאַפּריציעזע נייגונגען־ענטפֿערונגען און מיר מאַכן פֿון זיי אַ פֿיליגראַן פֿון מאָראַלע מעשים טובים, פֿון בכיוון׳דיקע וואָילטעטיקע טואונגען. דעם טויט האָבן מיר „געמאַכט אַ טויט", מיר האָבן פֿאַרמולירט, אַמווייניקסטן אין אונדזערע געלוסטונגען און באַשטרעבונגען, דעם אידעאַל פֿון ביאָלאָגיע: די אומפֿאַרדערבלעכקייט, די אומפֿאַרגייענגלעכקייט פֿון מענטשלעכן לעבן. מיר האָבן געשאַפֿן אַן עקזאַלטירטע וויזיעהאַפֿענונג פֿון אומאויפֿהערלעכן המשך פֿון אונדזער לעבן.

אָט־די צוויי קאַטעגאָריעס פֿון רעאַל און אידעאַל ווילן זיך קיינמאָל ניט צוזאַמענגיסן. קיינמאָל וועלן זיי זיך ניט פֿאַרשמעלצן. זיי מוזן, לויט זייער נאַטור און די טערמינען אין וועלכע זייער נאַטור ווערט באַשריבן, וואוינען באַזונדער, יעדער אין זיין אייגענעם רשות היחיד. זיי מאַכן שבת און וואָך פֿאַר זיך. צווישן זיי גייט אָן אַן אייביקע געלאָפֿוועטעניש. דער אידעאַל פֿאָלגט נאָך דעם רעאַל אדער ער לויפֿט אים פֿאַרויס. ער שפּרייזט אָבער קיינמאָל ניט זייט ביי זייט מיט אים. דער רעאַל באַמיט זיך מיט כל־הכוחות צו ווערן אַ טייל פֿון דעם אידעאַל, צו פֿאַרקערפּערן אים. ער קען עס אבער בשום אופֿן ניט באַווייזן. ער פֿאַלט כסדר אדורך. זיינע באַמיאונגען האָבן ניט קיין דערפֿאָלג. ניט דערפֿאַר ליידט ער אַ נידערלאַגע, ווייל אַ געוויסער באַשטימטער אידעאַל איז אומפּאַסיק צו ווערן לייב פֿון לייב און ביין פֿון ביין פֿון דעם רעאַל. נייך, ניט צוליב דעם. ער קען ניט האָבן קיין הצלחה אין זיין אונטערנעמונג פּשוט דערפֿאַר וואָס זיי, דער אידעאַל און דער רעאַל, געהערן צו צוויי באַזונדערע וועלטן. ווי נאָר אַ באַשטימטע פֿאָרם פֿון דעם

אידעאַל ווערט מער אדער ווייניקער מאַטעריאַליזירט, אזוי גיך באַווייזט זיך א נייע פאָרם. אן אנדער מאַניפעסטאַציע פון דעם אידעאַל נעמט מיניען און מאַניען, נעמט סילועטעווען זיך אויף דער האָריזאָנט־ליניע פון אונדזער גייסטיקער זעאונג. דער אידעאַל שוועבט ארום אויף זיינע שניי־ווייסע דורכזיכטיקע און זונענזוכנדיקע פליגלען, און אזוי, פאַר־בענקטערהייט, הויערט ער איבער דעם נודנעם, מאַרודנעם, גרויען, כמורנעם רעאַל, דעם איינוואַוינער פון יאָמער־טאַל. דער רעאַל האָט ניט קיין ברעקל שאנס אָנצוויאָגן דעם אידעאַל. דעם בילד פון דעם אידעאַל קען מען ניט נעמען און אריינפאסן אין די ראַמלעך פון רעאַל. ווי נאָר מ׳„פאַקט״ דעם אידעאַל, מ׳נעמט אים אריין אין דער קלעם, אזוי כאַפּט ער זיך ארויס. ער רייסט זיך ארויס פון די הענט פון דער ווירקלעכקייט. ער הויבט זיך אויף איבער די גבולים און איינצוימונגען פון דער רעאַליטעט. צווישן דעם אידעאַל און רעאַל ליגט אן אָפּגרונט און מ׳קען אים ניט אריבערשפּאַנען. קיין אינזשענער קען דאָ קיין בריק ניט אויפהענגען. דער תהום מוז זיך טיפן און ברייטן. קיינער קען אים ניט אריבערשפּריזן ניט צופוסן, מיט קליינע רעפאָרמעלעך, ניט רייטנדיק אויף דעם רויטן פערד פון רעוואָלוציעס, ניט שיפנדיק זיך אין אָקרענטן פון סאָציאַלע דערפינדונגען.

ווען דער נאַאיווער געדאַנק פאַרגלייכט אָט־די צוויי, שעפּט ער גרויס נחת־רוח פון די פּריזמאַטישע שיינקייטן, ער ווערט אנטציקט פון די זיבן חנ׳ען פון רעגנבויגן־קאָלירטן אידעאַל, בשעת ער קאָרטשעט זיך אין דרייען פון די יסורים און ווייטאָקן, וואָס דער רעאַל פאַרשאַפט אים מיט זיינע גראָבקייטן, מיאוסקייטן. פאַרגלייכן אָט די צוויי איז ווי פאַרגלייכן פּרוכט מיט בליעכץ. דער רייץ פון פאַרבן, דער צויבער פון ריחות איז אויף דער זייט פון קוויט. די פּרוכט איז ממשות׳דיק, באַ־טעמ׳ט, אָבער איר פעלן דער ניואַנסן־פאַרנעם, צייכענונגען־צעשפּיל, קאָנטורן־פאַרטראַכט, מיט וועלכע די בלום איז באַרימט.

דזשאהן סטוארט מיל שרייבט:

„אבער צו מאַכן דעם פאַרגלייך אנווענדבאַר, וואָלטן מיר באַדאַרפט פאַרגלייכן קאָמוניזם וואו ער איז אמבעסטן מיט דעם רעזשים פון אינדי־ווידועלן אייגנטום ניט ווי ער איז, נייערט ווי מ׳האָט אים געקענט מאכן.״ (4)

די צרה איז אבער וואָס דאָס וועט קיינמאָל ניט געטאָן. מ׳נעמט אַלע מאָל א סיסטעם, וואָס איז נאָך אין דער סטאַדיע פון אן אידעאַל, און מ׳פאַרגלייכט זי מיט א סיסטעם, וואָס איז שוין לאַנג א רעאַל. אזוי

נאַרט מען זיך אָפּ, דעם אייגענעם חכם, און מ׳נאַרט אָפּ די מאַסן וועלכע זיינען אוודאי קיין גרויסע חכמים ניט. די פאַנטאַזיע פון די מאַסן צעשפּילט זיך, זייער ענטוזיאזם צעכוואַליעט זיך ניט דורך די בפּועל־ממש׳דיקע מעלות טובות וועלכע דער נייער פּלאַן לייגט פאָר, נייערט דורך דעם פאַקט אליין וואָס די נייע צוגעטראַכטע סיסטעם איז אן אידעאל און, היוצא, עפּעס אזעלכעס נאָך וואָס מ׳גאַרט, עפּעס אזעלכעס וואָס ליידט ניט פון די אלע פעלערן, וועלכע שטייען צו צו יעדער סיסטעם וואָס פונקציאָנירט ביי יחידים אדער גרופּן. ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער אונטערשייד וואָס ליגט צווישן צוויי שוין פּאַרווירקלעכטע סיסטעמען, וועט זייער חילוק קיינמאָל ניט זיין אזוי האמעטנע, אז עס זאָל בכוח זיין ארויסצורופן די מאָס פון פּאַטאָס, דעם גראַד פון ביז־צו־וויס אנגע־גליטער התפּעלות, וועלכן אן „אידעאַלע אָרדענונג״ איז מסוגל ארויסצו־פּאָמפּען פון ברונעם פון דער מענטשלעכער זעל דווקא אַדאַנק דעם וואָס זי איז אן אידעאַל און דעריבער איז זי, ברוך השם, לגמרי ריין פון דעם שטויב פון דער ערד.

עס איז ניט ארץ ישראל און מצרים, וועלכע זיינען אוועקגעלייגט געוואָרן אויף די וואָגשאָלן און אָפּגעוואויגן געוואָרן אין פּודן, פונטן, לייטן, בכדי אויסצוגעפינען געַנוי דעם מעלות־געוויכט פון איינעם לגבי דעם אנדערן, פון דעם לאַנד פון דעם פרייען מענטשן לגבי דעם בית־עבדים, דער תפיסה פאר די שקלאַפן. ניין, ניט דאָס. ניט אזוי זיינען די צוויי לענדער פאַרגליכן געוואָרן. ארץ מצרים איז שוין געווען א באַזעצטע, א פאַרלעצטע, א באוואוינטע, ממילא, א באוויינטע לאַנד. בשעת ארץ ישראל איז געווען א לאַנד פון צוזאָג, א לאַנד פאַרגעשטעלט אין וויזיעס, אויסגענייט מיט איינגעבילדעטע צייכענונגען, באַצירט מיט אויסגעדוכטע קאָסטבאַרקייטן, באַפּוצט מיט אויסגעטראַכטע אייגנשאַפטן. קיין ממשות׳דיק לאַנד, ווי הייך דער קאָעפיציענט פון זיין באַדן־פּרוכט־באַרקייט זאָל ניט זיין, וועט קיינמאָל זיך ניט קענען שטעלן אויף איין ברעטל מיט א לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק. זיכער ניט. באשר נאָר א לאַנד פון אינספּיראַציע און אַספּיראַציע, א לאַנד געמאָלן מיט שוואונג פון פאַנטאַזיע, מיט זונג פון טרוים, קען אָננעמען די אויסטערלישע צווייפאַכיקע געשטאַלט: א טשערעדע פון קי מיט שווערע אייטערס פון וועלכע עס גיסט זיך מילך און, אין דער זעלביקער צייט, א שווארם פון זשומענדיקע שטאַכל־לאָזע בינען, וואָס גיבן האָניק מיט דער פּולער האַנט. אזא מחייה׳דיקער פּלאַץ איז אַנגעוויזן אויפן אַטלאַס פון אוטאָפּיע, טרוים קאַרטאָגראַפיע. קיין שטיק ווירקלעכע געאָגראַפיע, קיין וואָר טאָפּאָגראַפיע קען דערמיט ניט קאָנקורירן.

יעדער סאָציאַלער אידעאַל כל־זמן ער האָט נאָך ניט פאַרזוכט פון עץ־החיים, כל־זמן ער איז נאָך ניט מאַטעריאַליזירט, שײַנט און לויכט אַריבער יעדן עקזיסטירנדיקן רעאַל, יעדן פונקציאָנירנדיקן רעזשים. דער רעאַל איז אַלע מאָל אַ געמיש פון גוטס און שלעכטס. דער רעאַל האָט צו טאָן מיט דער ווירקלעכקייט, מיט די מענטשן ווי זיי זײַנען, מיט דער מענטשלעכער סביבה ווי זי איז. און מיר ווייסן פון דערפאַרונג אַז זי איז ניט שטאַרק געהייבן. בשעת דער אידעאַל מאַכט זיך פון דעם אַלעם ניט ווויסנדיק. ער איגנאָרירט אפילו די „טרויעריקע" פּערספּעקטיווע, אַז אויב ער וועט באמת וועלן ווערן אַ רעאַל וועט ער דאָך מוזן זיך באַטייליקן אין די ניט זייער זויבערע אונטערנעמונגען פון דעם ווירקלעכן לעבן, וועלכן ער פאַרדאַמט אַזוי שטרענג און היציק.

וועגן אַ סיסטעם, וועלכע אַרבעט, פונקציאָנירט, אורטיילט מען ניט לויט אירע „אידעאַליסטישע" זכיות און פאַרדינסטן. מ'נעמט זי ניט אַזוי ווי זי ווערט באַשריבן אין די ביכער, וועלכע עס האָבן פאַרפאַסט אירע פאַרערער. מ'משפּט זי לויט אירע מעשׂים, גוטע און שלעכטע, מצוות און עבֿירות וועלכע זי באַגייט אין דער פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און קולטורעלער ווירקלעכקייט. מ'באַטראַכט ניט איר פּאָרטרעט, איר אָפּשפּיגלונג, ווי זי ווייזט זיך אַרויס אין די דרשות פון אירע מגידים, אין די זעל־אויסגיסונגען פון אירע מליצי־יושר בשעת זיי פירן אָן אַ קאַמפּאַניע פאַר איר. ניין, אַזוי האַנדלט מען ניט. מ'באַקוקט און מ'באַטראַכט זי אין לעבן, אויף דער גאַס, אין מאַרק, אויפן פאַבריק, אין די חושכ'דיקע קוילנגרובן, אין די שווינדלערישע בײַנק, אויף דער פיבערדיקער בירזשע און ענלעכע ערטער פון שאַכער־מאַכער, פון קאָרופּציע. מיט איין וואָרט, מ'באַקוקט זי בשעת איר תקלה. ווען אָבער מ'באַטראַכט דעם אידעאַל, נעמט מען אים בשעת ער זיצט בכבוד גדול אין זײַן התבודדות־שטיבל, בשעת ער געפינט זיך אין זײַן העלפאַנטביינטורעם, די קריין פון אל־דאָס גוטס אויף זײַן קאָפּ, דער הימלישער חן אויף זײַן ליכטיקן פּנים, אין דעם מאָמענט ווען ער האָט גרויס הנאה פון דעם פאַרבלענדנדיקן שײַן פון דער צוקונפט־שכינה. מיר נעמען דעם אידעאַל, ווי ער זעט אויס ווען באַשריבן און באַזונגען אין די הימנעס, אין די פּראָפּאַגאַנדע בראָשורן און „הייליקע ספרים". מיר נעמען אים ניט אין דער געשטאַלט פון אכזר, פון בלוט־פאַרגיסער און מענטשלעכע לעבנס־פאַרהאַסער, אויך ניט אין דער צורה פון דעם טענצער אויף אַלע חתונות, פון קאָמפּראָמיסלער. מיט איין וואָרט, ווי ער וועט האַנדלען אין לעבן, ווען ער וועט אַרויס פון הייליקן ספר און אַרײַן אין טמא'ן סייף, אין שטאָלענער אומ'ברחמנות'דיקער שווערד. מיר נעמען

אים אין דעם מאָמענט, ווען ער איז „דער זקן וואָס זיצט אין ישיבה" און לערנט הלכות עקאָנאָמיק, פּאָליטיק און קולטור, בשעת׳ן לערנען, אין דער הייליקער תורה איז אלץ גוט און שיין.

פארשטייט זיך אז אונטער אזעלכע אומשטענדן פון פארגלייך מוז דאָך דער אידעאל שטיין מיט טויזנט קעפּ און הערצער העכער פון רעאל, ווייל דער לעצטער ווערט דאָך געגומען אין הור־האַ, אין דאָס שמייען און האווען פון ווירקלעכן לעבן, מיט זיינע הויט־שינדענדיקע פּירעכצן, מיט זיינע אינטריגעס, הינטערפיסלעך אונטערשטעלונגען, מיט זיין שמוציקער קאָנקורענץ, מיט זיין גנבה, גזלה, רציחה און רמאות.

דעם רעאַל קען מען פארגלייכן צו א געזעצלעכער ווייב, איר פּנים איז שוין א רעכט ביסל צעקנייטשט, דער מויל צעקרימט, דער שטערן צעאַקערט. זי איז פארהאָרעוועט, פאַרפּראַצעט פון קינדער האָבן, האָדעווען, באלעבאַטישקייט פירן, רייניקן די שטוב, קאָכן די מאָלצייטן. זי איז איצט אין קעלער, די ארבל האָט זי פאַרקאָשערט. זי שטייט איבער א באלייע פול מיט וואַסער און לייג. זי וואַשט מיט גרויס התמדה די גרעט פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, וועלכע, אָן עין־הרע, האָט זיך שוין היפּש צעוואקסן, און מ׳קען זיך ניט דערלויבן אוועקצוגעבן די וועש, און קיין דינסט אין הויז איז אויך ניטאָ. די הכנסה דערלויבט ניט.

דער אידעאל איז געגליכן צו דער אָנלאָקנדיקער געליבטער. זי איז יונג און שיין, זי איז אָנגעפּודרעוועט, די בעקלעך אָנגעשמירט אזש זיי בליען ווי רויזן. די ליפּן אָנגערוזשט, אַזש זיי שפּריצן מיט בלוט. עס טראָגט זיך פון איר ריח גן־עדן, וועלכער איז אימפּאָרטירט פון פּאריז אין פּערפיום פלעשעלעך. אירע משה און אהרן זיינען הייך, שטייף, תקיף ביי זיך. זי איז אויסגערוט. זי זיצט זיך און שמייכלט געמיטלעך רייצנדיק אין קורצן קליידל, א זיידנזאָקנדיקע פוס אויף א פוס פארלייגט תאווה׳דיק. עס פארכאפּט דער אָטעם, קוקנדיק אויף איר, פון ליידנשאפט, פון גלוסטעניש.

איז עס עפּעס א וואונדער וואָס אזויפיל צווישן אונדז כוח־גברא׳דיקע זכרים זיינען גרייט אָפּצוגט׳ן זייערע געזעצלעכע פּלונית׳טעס און זיך לאָזן פארפירן פון אָט־דער יפהפיה...

IV

# נאַאיווער רעאַליזם

ראָבערט ס. האַמילטאָן אין זיין ווערק „סאָציאַל־וויסנשאַפט" שרייבט:

„...אין פינטל אריין האָט געטראָפן א היינטיקער חכם, ווען ער האָט געזאָגט: 'די נאָענטסטע זאַך צו דער לייזונג פון א פראַגע איז זי גוט צו שטעלן'. דאָס איז אומשטרייטבאַר ריכטיק." (1)

וואָס פאַרשטייען מיר אונטער דעם וואָרט „לייזונג", ווען מיר געברויכן אים אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ענין „סאָציאַלע פּראָבלעמען"? מיינט אָט־דער וואָרט „לייזונג" די באַזייטיקונג פון די חסרונות, וועלכע מיר האָבן אַנטדעקט און אנטבלויזט, אדער ער באדייט די פונקט פאַרקערטע פּראָצעדור, נעמלעך, די פאַרגרעסערונג, פאַרמערונג פון אָט־די פּעלערן? מיר ווילן פרעגן נאָך מער, וואָס מיינט, אייגנטלעך, דערקלערן אַ זאַך, אויסטייטשן זי וויסנשאַפטלעך? אין דער וויסנשאַפט צו געבן א דערקלערונג מיינט ארומנעמען א גרויסע צאָל דערשיינונגען און רעדוצירן דאָס אומבאַוואוסטע אין זיי צו דאָס באַוואוסטע. מיט אַנדערע ווערטער, מ'שאַפט אַן אילוזיע פון א דערקלערונג דורך דעם וואָס מ'פאַרגרעסערט די סומע פון די דערשיינונגען וועלכע פאָדערן א דערקלערונג, זאָגן „דרשוני". אזוי ארום באַווייזט מען אז ניט דווקא אָט־דער באַזונדערער פאַל בעט א באַליכטונג, פאַרלאַנגט אַן אויסטייטשונג, נייערט אַלע פאַלן פון דער אייגענער קאַטעגאָריע, אָן אַן אויסנאַם, פאָדערן אַן אויפקלערונג. בקיצור, וואָס טוען מיר, ווען מיר 'דערקלערן' כלומרשט א דערשיינונג? מיר בויען אויף א ברייטע פאַראַלגעמיינערונג פון שמאָלע פראַגמענטן פון איינצלהייטן. דאָס איז גאָר.

פונקט אזוי האַנדלען מיר, ווען עס קומט צו לייזן א סאָציאַלע פּראָבלעם. מיר נעמען די געגעבענע פראַגע און ציען זי אויס. מיר ברייטערן זי אויס אזוי, אז זי קען ארונטערקומען אונטער אן אַלגעמיין־היסטאָרישן פּרינציפּ. לויט דעם מנהג פון די וויסנשאַפטן איז אזוי: מיר סיסטעמאַטיזירן, מער אדער ווייניק, געוויסע דאַטן. מיר קלאַסיפיצירן און סאָרטירן באַשטימטע באַגריפן און אויפפאַסונגען. און אָט־די

שטיקל ארבעט גיבן מיר אויס פאר א „דערקלערונג", ד. ה. מיר פאַר־וואַנדלען א געוויסע אָרדענונג פון זיך־ווידערהאַלנדיקע דערשיינונגען אָדער פאַקטן אין א ראַציאָנאַלער „פיקטיוויטעט". פונקט אויף דעם זעלביקן שטייגער פאַרוואַנדלען מיר א ׳ווידערשפרוך׳, א קעגנזאַץ אין א פונדאַמענטאַלן זאַץ, אין א סימן מובהק פון אונדזער געזעלשאפט לעבן. אַט־די „פאַרוואַנדלונג" רופן מיר אָן „לייזונג".

מיר וועלן נעמען אלס אילוסטראַציע דעם קאָלעקטיוויסטישן וועג פון לייזן די אייגנטום־פראַגע. כל־זמן דער פראָצעס פון עקספּראָפּריאַציע, וואָס קומט פאָר אין אונדזער ווירטשאפטלעך לעבן, איז ניט פולשטענדיק, און, אלס פועל־יוצא פון אָט־דער ניט־בשלימות׳דיקייט, געפינען מיר יחידים, וועלכע באַזיצן נאָך פריוואט אייגנטום, קומען מיר פנים־אל־פנים מיט א פראָבלעם. זי באשטייט אין דעם וואָס א גרויסע צאָל יחידים פאַרמאָגן ניט קיין נכסים אין א גרויסער קוואַנטיטעט און א יש יחידים פאַרמאָגן יאָ. דער סאָציאַלער סייסמאָגראַף רעגיסטרירט, אונטער אזעלכע אומשטענדן, ציטערנישן און טרייסלעענישן, אומאָרדנונגען וועלכע ווערן פאַראורזאכט פון דעם מאנגל פון גלייכגעוויכט אין דעם געמיינשאפט־לעכן פארקער. וואָס רעקאָמענדירט קאָמוניזם? זיין פאָרשלאָג באשטייט אין דעם אָפשאָף פון פריוואט אייגנטום. דאָס הייסט, ער דערפירט דעם פראָצעס פון עקספּראָפּריאַציע צו זיינע עקסטרעמע קאָנסעקווענצן. וויבאלד איינינקע פארמעגן רייכטימער און אנדערע ניט און דעריבער קומען פאָר רייסערייען, קנאה־שנאה, איז דער אויסוועג קלאָר: קיינער זאָל גאָרניט האָבן, און אָן עק און א סוף. אלע וועלן זיין גלייך פאר דער ניט־האָבעניש, ניט־פאַרמעגעניש. קאָמוניזם, אייגנטלעך, מיינט די אוניווערסאַליזאציע, די ברייטסטע פאַרשפרייטונג פון אָרימקייט. דלות דארף ווערן פאראַל־געמיינערט, דארף ווערן דער כלל אין דער אָרגאַניזירטער געזעלשאפט. דאָס מיינט אז די אינסטיטוציע פון פריוואט אייגנטום ווערט אָפגעשאפט. אָט־דער פלאַן ווערט פאררעכנט, און מיט רעכט, פאר א וויסנשאפט־לעכער לייזונג פון דעם פריוואט אייגנטום פראָבלעם. מאקס שטירנער זעצט אויס קעגן דעם פראָיעקט. אים געפעלט ניט דער ענטפער, וועלכן קאָמוניזם גיט אויף דער פראגע פון אָרימקייט און רייכקייט. שטירנער מעג זיך זיין גערעכט פראַקטיש, פון שטאנדפונקט פון יחיד און יחיד׳ס באַקוועמלעכקייט. אבער וואָס איז שייך דער „וויסנשאפטלעכקייט" פון דער לייזונג איז זי פולשטענדיק קאָרעקט.

מאקס שטירנער שרייבט:

„מיר וועלן פון זיי אלעמען מאכן „שלעפּערס", מיר אלע מוזן האָבן גאָרניט בכדי אלע זאָלן האָבן." (2)

„׳שלעפּעריזם׳ פון קאָמוניזם איז דערפירט דורך דעם הומאַניטאַרן פּרינציפּ צו אַן אַבסאָלוט אָדער צו דעם העכסטן שלעפּעריזם.״ (3)

אויף די וואָגשאָלן פון דער „וויסנשאַפטלעכער״ לייזונג האָבןביידע פאַלן דיזעלביקע וואָג: אָדער אַלע זאָלן ווערן רייך אָדער אלע זאָלן ווערן אָרים.

לאָמיר זיך ווענדן פון קאָמוניזם צו זיין אנטיפּאָד. מירן באַטראַכטן דעם עקסטרעמען אינדיווידואַליזם, וואָס זאָגט ער צו דער פראגע מכוח אָרימקייט און עשירות? ער טענה׳ט, אַז אייגנטום דארף ווערן דער הויפּטשטריך אין דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם עקאָנאָמישן סוביעקט, אז יעדער מיטגליד פון דער געגעבענער געמיינדע אדער אַסאָציאַציע דארף באַזיצן לכתחילה א גלייכן חלק אין דעם רייכטום פון דעם לאַנד, און אז קיין לחלוטין אומפארמעגלעכע זאָלן גאר ניט זיין. דאָ ווערט אָנגעווענדט דער אייגענער מעטאָד, מ׳גייט אדורך די זעלביקע פּראָצעדורע, הגם מ׳דערגרייכט דעם צווייטן עק. פּריוואַט אייגנטום ווערט דערקלערט פאַר דעם אַקס, ארום וועלכן עס דרייען זיך אלע לעבנס־אָנגעלעגנהייטן פון דער געגעבענער גוט־איינגעאָרדענטער געמיינדע. דער קאָמוניסטישער ווי דער אינדיווידואַליסטישער פּלאַן זיינען מעטאָדיש דער זעלביקער, הגם אין פּראַקטיק זיינען זיי ווייט איינער פון אנדערן ווי מזרח פון מערב. און כל־זמן לאָגיק האָט ניט צוגעטראַכט קיינע נייע מעטאָדן, וועלכע זאָלן זיין פארשיידן פון די יעניקע, וואָס ווערן געברויכט אין דער וויסנשאַפט בכלל, קענען מיר זיך ניט פאַרווילן מיט פאַלשע האָפענונגען, אז אויף דעם געביט פון דער סאָציאַלער וויסנשאַפט וועלן מיר קענען טאָן אזעלכעס, וואָס ווערט אין קיין אַנדערן צווייג פון דער וויסנשאַפט ניט געטאָן. וואָס אין דער וויסנשאַפט אין אלגעמיין הייסט א „דערקלערונג״ רופן מיר עס אין דער אָנגעווענדטער סאָציאלער וויסנשאַפט א „לייזונג״. און אזוי ווי דאָרטן איז עס ניט מער ווי בלויז א פאַראַלגעמיינערונג — אזוי איז עס דאָ אויך בלויז אן אויסשפּרייטונג, א אוניווערסאַליזאציע.

דעם קעגנזאץ פון אַרבעט און קאַפּיטאַל פירן מיר אונטער א טיפערן און ברייטערן קעגנזאץ, נעמלעך, דעם קאָנפליקט, וואָס וויטערט צווישן אַרבעט און אָרגאַניזאציע פון ארבעט. דער דאָזיקער קאָנפליקט ווערט, ווייטער, אויפגעפּאַסט אלס די אייביקע מחלוקת וואָס גייט אָן צווישן די צוויי קאַטעגאָריעס, דאָס פיזישע און דאָס סאָציאלע אין דעם תחום פון דער ווירטשאַפט. איין סאָרט ענערגיע ווערט פארשווענדט אין דעם פּראָצעס פון פאַרוואַנדלען קעגנשטאַנדן אין פּראָדוקטן, וואָס זיינען צו־געפּאסט צו זייער ראָלע אלס באַפרידיקער פון אונדזערע באַדערפעניש.

דער צווייטער סאָרט ענערגיע ווערט פארברויכט אויף דער פאַרוואַנדלונג פון פיזישער ענערגיע אין סאָציאלן פלאַנמעסיקן אנשטרענג. מיט אנדערע ווערטער, מ׳נעמט פיזיאָלאָגישע אָדער פסיכאָלאָגישע ארבעט, האנט און קאָפּ־פּראַצע און מ׳לייגט אויף איר ארויף דעם שטעמפּל פון א סאָציאַלן ווערט. אזוי ארום געווינט דער קעגנזאץ סיי אין דער טיף און סיי אין עלטער, ער נעמט ארום א היסטאָרישע עפּאָכע פון א גרעסערער לענג און דויער. אָט־די פאַרטיפונג און אויסברייטערונג פון דעם ווידער־שפּרוך רופט דאָס נאַאיווע דענקען א „לייזונג״ פאר עקסעלענץ.

די סתירה צווישן ארבעט און קאַפּיטאַל הייבט מען אויף צו אַ העכערן ניווא, מ׳שטעלט זי אוועק אויף א פלאַך פון א פיל גרעסערער אַלטיטוד. אָבער די אויפהייבונג פאַרלאַנגט אלס א פאַרבאַדינג אן אינ־טענסיווע קאָמפּליצירונג פון דער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור. אין משך פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג וועט אָט־די סתירה אויפגעהייבן ווערן נאָך העכער ביז זי וועט קומען צו דעם אונטערשיד וואָס ליגט צווישן דערפינדונג און אימיטירונג־דורכפירונג. אין דעם פּראָצעס פון פאַרגעזעלשאַפטלעכונג קומען מיר וויז־א־ווי מיט דער אַנטקעגנשטעל־לונג פון ארבעט און אָרגאַניזאַציע פון ארבעט, פון דעם אָרגאַני־אָרגאַניזירער און דעם אָרגאַניזירטן. אָבער די ווידערשפּרעכיקייט איז נאָך גאַנץ ווייט פון דעם זעניט. דער אידעאָלאָג, וועלכער איז לעת־עתה פאַרהוילן אין דער טראַכט פון דעם אָרגאַניזאַטאָר, וועט מיט דער היס־טאָרישער צייט דורכברעכן דעם שאָלעכץ פון די איינפאכע און ריינע אָרגאַניזאַציאָנעלע אקטיוויטעטן און ער וועט זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון א דערפינדער פון נייע פאָרמען. ער וועט איבערלאָזן הינטער זיך די עקזעקוטיווע פונקציעס, וועלכע אויף יענער סטאַדיע פון אנטוויקלונג, וואָלטן ווערן א רשות־הרבים, אין וועלכן דער דורכשניט־מענטש וועט האָבן א דריסת־הרגל. וואָלט דאָס מיינען אז מיר עלימינירן אינגאנצן די סתירה? צו דעם נאַאיוון געדאנק מעג עס דערשיינען אין אזא פאָרם, אָבער דער קריטישער דענקער וועט ניט משפּט׳ן מכוח דער דאָזיקער דערשיינונג אויבערפלעכלעך. ער וועט אריינבליקן אין תוך, אין שרש דבר. ער וועט באגרייפן אז פונקט דאָס פארקערטע קומט דאָ פאָר: דאָס אן איינצלנער פאַל ווערט ארונטערגעפירט אונטער אן אלגעמיינעם דענאָמינאַטאָר. מ׳נעמט דעם ווידערשפּרוך צווישן ארבעט און קאַפּיטאַל און דערנאָך, צווישן ארבעט און ארבעט־אָרגאַניזאַציע און מ׳רעדוצירט אים צו דער אלגעמיינער סתירה צווישן אָריגינאַליטעט און נאָכמאַכונג, באַנבערעכעריי און נאָכפּאָלגעניש. אין מענטשלעכן אויפפיר זיינען פאַראַן צוויי אַנטיפּאָדן: אייגנאַרטיקייט, אויפברעכעריי און סטאַדעמעסיקייט,

רוטינעריי. וואו נאַאיוויזם זעט אַן ענטפער, אַ לייזונג, דאָרטן זעט קרי־טיציזם אַ נייע שטעלונג פון דער אייגענער פראַגע.

אָבער צווישן די „פּראַקטישע" סיטעמען פון סאָציאַל־רעפאָרמיזם קען מען געפינען אויך אזעלכע וואָס טראָגן אויף זיך אַלע סימנים פון נאַאיוויזם, אַט די נאַאיוויסטן אָדער נאַאיוו־רעאַליסטן צווישן די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן אָדער רעפאָרמאַטאָרן מיינען טאַקע באמת צו לייזן די אומלייזבארע סאָציאַלע פּראָבלעמען. דעם סיכסוך צווישן ארבעט און קאַפּיטאַל האָבן זיי בכוונה צו לייזן דורך דעם ארויסטרייב פון רשע קאַ־פּיטאַל פון דעם ווירטשאַפטלעכן הויז אזוי אַז די צינדערעלאַ פון ארבעט זאָל פאַרנעמען זיין פּלאַץ. צו דער־דאָזיקער נאַאיוו־רעאַליסטישער שול געהערן די עקאָנאָמישע טעאָריעס פון טאָלסטאָי, וויליאַם מאָריס און אנדערע, טינקעלערע און העלערע, ליכטער אין דעם הימל פון רעפאָרם.

טאָלסטאָי שרייבט:

„דער תמצית פון דעם וואָס איך וויל אייך זאָגן איז אָט־וואָס, איך ראָט אייך, ארבעטער, אין ערשטן פּלאַץ, אַז איר זאָלט פאַרשטיין אין וואָס איר נויטיקט זיך... איר נויטיקט זיך בלויז אין איין זאַך — פריי לאַנד אויף וועלכן איר וואָלט קענען וואוינען און האָבן חיונה." (4)

טאָלסטאָי האָט באמת געמיינט אַז אזוי ארום האָט ער געלייזט די עקאָנאָמישע פּראָבלעם, אַז ער האָט געהאָלפן די געזעלשאַפט פטור צו ווערן פון אירע באַלעבאַטישקייט־פּאַרווירעניש. מיט דער זעלביקער תמימות׳דיקער ערנסטקייט האָט טאָלסטאָי פאַרגעלייגט צו לייזן די פראַגע פון דערקענטעניש: ער האָט אונדז גע׳עצה׳ט אַז מיר זאָלן זיך אומקערן צו די אבסורדן און אָבערגלויבערייען פון די פּאַרצייטיקע דורות און אזוי ארום זיך באַפרייען פון דער מיזאַמער סיזיף־ארבעט פון קלעטערן באַרג ארויף צו די הייכן פון מענטשלעכער פארשטענדעניש און פאַרשטעניש. —

האָבנדיק הינטער זיך עפּעס אַן ענלעכקייט פון אַ מאַסן־באַוועגונג ווייזט זיך רעאַל־נאַאיוויזם ארויס אין די מעשים פון די יעניקע ארבעטער, וועלכע האָבן דערקלערט אַן אָפענע מלחמה דער טייוולאָנישער מאַשין, דעם קאַפּיטאַליסטישן שד, וועלכער איז פאַרקערפּערט אין אייזן און שטאָל. די ארבעטער, — ניט זייענדיק קיין אינטעליגענטן, וועלכע באַ־גענוגענען זיך, ווי אַלע פריסטער, מיט ליפּן־ארבעט, מיט אַ „נשלמה פרים שפתינו," — האָבן טאַקע פּראַקטיצירט דאָס אין וואָס זיי האָבן געגלויבט און וואָס זיי האָבן געפּריידיקט. זיי האָבן בפועל ממש גע־בראָכן די מאַשינען, פאַרניכטעט די נייע דערפינדונגען. ניט זעלטן האָבן זיי צוזאמען מיט די דערפינדונגען אומגעבראַכט אויך די דער־פינדער.

אַט ווי מארקס און ענגעלס באשרייבן די דאָזיקע טאַקטיק:

„זיי (די פּראָלעטאַריער) ריכטן זייערע אַטאַקעס ניט קעגן די בורזשואַזע פּראָדוקציע־באַדינגונגען, נייערט קעגן די פּראָדוקציע־געצייג אליין, זיי פאַרניכטן אימפּאָרטירטע סחורות, וואָס קאָנקורירן מיט זייער אַרבעט, זיי צעברעכן די מאַשינעריע, זיי צינדן אונטער די פאַבריקן, זיי ווילן מיט געוואַלד רעסטאַווּרירן דעם פאַרשוואונדענעם סטאַטוס פון דעם אַרבעטער אין דעם מיטעלעלטערטום.״ (5)

די אַרבעטער האָבן פּראָסט און פּשוט געפירט א קאַמף קעגן דער מאַשין, דאָס הייסט, באמת, קעגן קאַפּיטאַליזם און קעגן קאַפּיטאַל, אויף דעם נאַאיוועסטן אופן. די־דאָזיקע מאַשין־ברעכער האָבן געהאַט א ספּע־ציעלן נאָמען. מ׳האָט זיי גערופן „לודדיסטן.״

„דער נאָמען איז געשאַפן געוואָרן אונטער די פאָלגנדיקע אומשטענדן: אין א דאָרף אין לייצעסטערשייר האָט געלעבט בערך אין יאָר 1779 א מאַן, וועלכער איז געווען אַביסל געשטערט, ער האָט געהייסן נעד לוד. פון אים פלעגן אַלע אָפּשפּאָטן און איבערהויפּט פלעגן אים טשעפּען די באַדיונגען. איינמאָל ווען ער איז געווען זייער צערייצט פון זיינע פּייני־קער, האָט ער איינעם פון זיי אָנגעיאָגט ביז אין שטוב אריין, אזוי ווי ער האָט דעם חברה־מאַן ניט געקענט פּאַקן האָט ער פון צאָרן צעבראָכן די זאָקן־שטריק מאַשינען, וועלכע האָבן זיך דאָרטן געפונען. פון דעמאָלט אָן, וואו מ׳האָט נאָר געפונען צעבראָכענע וועב־ אדער שטריק־מאַשינען, פלעגט מען זאָגן, אז לוד איז דאָרטן געווען.״ (6)

„די לודדיסטן... האָבן זיך צוערשט באוויזן אין נאָטטינגהאַם און אין די שכנ׳ישע קעגנטן נאָענט צום ענד פון 1811... די אומאָרדנונגען האָבן זיך אָנגעהייבן מיט ברעכן זאָקן און שפּיצן־מאַשינען און זיי האָבן אָנגעהאַלטן דורכן ווינטער און דעם קומענדיקן פרילינג. זיי האָבן זיך פאַרשפּרייט אין יאָרקשייר, לענקשייר, דערבישייר און לייצעסטערשייר... אין 1816 האָבן די אומאָרדענונגען ווידער אויסגעבראָכן.״ (7) „אין אָקטאָבער האָבן א גרויסע צאָל מענטשן... צעבראָכן דרייסיק מאַנישען אין נאָטטינגהאַמשייר, דערפאַר וואָס די מאַשינען האָבן געמאַכט אזא מין סאָרט שפּיצן... ביי וועלכן די אַרבעטער האָבן ניט געקענט גענוג פאַרדינען.״ (8) „אָן ענלעכע באַוועגונג איז פאָרגעקומען אין דייטשלאַנד אין משך פון די אכצן־פערציקער יאָרן צווישן די סילעזיער וועבער. דאָס האָט באשריבן וואָלף, א פריינט פון מאַרקסן. גערהאַרד הויפּטמאַן האָט עס גענומען פאַר זיין טעמע אין זיין באַרימטער דראַמע „די וועבער.״ אין רוסלאַנד האָבן ענלעכע אומאָרדענונגען אויסגעבראָכן אין די אכציקער פון לעצטן יאָרהונדערט.״ (9)

דער קאַמף איז געפירט געוואָרן איבער דער גאַנצער לענג פון דער פראָנט־ליניע. אַלע דערפינדער האָט מען גע׳רודפ׳ט. די דערפינדער אין ס׳רוב פאַלן זיינען געווען אמת׳ע מארטירער.

זיי האָבן געהאַט זייער פיל אויסצושטיין לטובת דער מענטשהייט. זיי האָבן געקעמפט מיט מוט און קוראַזש פאַר דער באפרייאונג פון דער מענטשהייט פון דער קללה פון פראָסטער ארבעט. אבער די ברכה, וואָס די מאַשין ברענגט, האָט מען ערשט געקענט זען פיל שפּעטער. אפילו אין אונדזער צייט איז די מאַשין נאָך אלץ א געמיש פון קללה און ברכה. און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס די ארבעטער, וועלכע האָבן געמוזט זיין נאַאיוו. — ד. ה. זיי האָבן געזען דעם שאדן וואָס די־דאָזיקע דערפינדונג ברענגט גלייך אויפן אָרט — האָבן געקעמפט קעגן די דער־פינדונגען און די דערפינדער אין וועלכע זיי האָבן געזען זייערע בלוטיקע שונאים, וואָס נעמען צו ביי זיי דעם ביסן פון מויל.

מחמת דער שולד פון אָט־דעם קאַמף זיינען פילע דערפינדונגען פאַר־פאַלן געגאַנגען און פילע דערפינדער זיינען אומגעקומען. דער טעכני־שער פראָגרעס פון דער מענטשהייט האָט זיך פאַרהאַלטן, פארשפּעטיקט אויף פילע יאָרן.

„עס איז וואַרשיינלעך אז דעניס פּאַפּין... איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געמאַכט א מאָדעל פון א דאַמף־שיפל. ער האָט צוזאַמענ־געשטעלט, אין 1707, א קליינע מאַשין, וועלכע ער האָט אריינגעפּאַסט אין א שיפל און האָט עס אָפּגעשיקט קיין ענגלאנד, אז מ׳זאָל עס אויס־פּרובירן אויף דער טעמזע. אין מינדען האָבן די שיפלייט אויפן טייך וועסער, וואָס האָבן מורא געהאַט אז אָט־די דערפינדונג וועט ביי זיי צונעמען זייער חיונה, געכאַפּט דאָס שיפל און עס פארניכטעט.״ (10)

„די אנטיקוואַרן באַהויפּטן, אז די רוימער האָבן געוואוסט פון דער דרוק־קונסט, נאָר זיי זיינען געווען קעגן דעם, ווייל דאָס וואָלט צונעמען די פּרנסה פון די איבערשרייבער.״ (11)

גוטענבערג איז אויך שיער ניט געוואָרן קיין „קדוש״ פאַר זיין אויפטו.

„די מעשה (וועגן דעם דרוק־פּרעס) האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט און זי האָט אויפגערייצט די איבערשרייבער פון מאַנוסקריפּטן, וועלכע האָבן מורא געהאַט אז די פּרעס וועט זיי רואינירן עקאָנאָמיש. גוטענבערגס שונאים האָבן אים געצוואונגען צו אַנטלויפן קיין סטראַס־בורג. מ׳האָט ביי אים צוגענומען אלץ וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט. ער האָט זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן.״ (12)

די זעלביקע מאָס פון פאַרפאָלגונגען געפינען מיר כמעט אויף אלע געביטן פון האנטווערקעריי.

„דאָס איז געווען אין 1733, ווען דזשאהן קיי האָט רעוואָלוציאָניזירט די מלאכה פון וועבן. די וועבער... זיינען געווען אזוי אויפגעקאָכט אז זיי האָבן זיך ארייַנגעריסן צו אים אין הויז, פאַרניכטעט יעדע מאַשין, וועלכע זיי האָבן נאָר געפונען... קיי האָט געמוזט אנטלויפן קיין פאַריז, וואו ער איז גלייך נאָכדעם געשטאָרבן אין אָרימקייט און פארגעסנ־הייט.״ (13)

„דזשיימס האַרגריווס... האָט דערפונדן די שפּינענדיקע דזשעני, א נאָמען נאָך זיין ווייב. אבער ווי נאָר די שפּינער האָבן זיך דערוואוסט פון זיין דערפינדונג זיינען זיי געוואָרן מלא רציחה. מ׳האָט באַפאַלן זיין הויז, זיין שפּינענדיקע דזשעני האָט מען צעבראָכן אויף שטיקלעך און ער און זיין ווייב האָבן זיך קוים ארויסגעראטעוועט גאַנצע.״ (14)

„קראָמפּטאָן האָט געארבעט פינף יאָר זייער פלייסיק און בסודי־סודות. צום סוף פון דער צייט איז זיין „שפּינענדיקער מוילאייזל״ געוואָרן א פּראַקטישע מאַשין... די־זעלביקע בלעקבוירנער וועבער און שפּינער, וועלכע האָבן ארויסגעטריבן די האַרגריווס פון זייער היים, האָבן איצט באַפאַלן קראָמפּטאָנען און האָבן פאַרניכטעט זיינע מאַשי־נען.״ (15)

„נאָך מאָנאַטן פון טראַכטן און ווידערהאָלטע עקספּערימענטן איז דער קראָפּט־וועבשטול געוואָרן פּאַרטיק אלס א פּראַקטישע מאַשין... אָבער ניט קאַרטרייטס עלטער, נאָר זיין גייסטלעכער באַרוף, נאָר זיינע אומגעהויער גרויסע פאַרדינסטן פאר די געווערקשאַפטן פון ענגלאַנד האָבן אים געראַטעוועט פון פאַרפאָלגונגען... די מייסטער און די אר־בעטער־יונגען אלע זיינען ארויס קעגן אים.״ (16)

מיר האָבן געבראַכט די עטלעכע פאַקטן בכדי קלאָר צו מאכן דעם כאַראַקטער פון דעם וואָס מיר רופן סאָציאַלער נאַאיוויזם. ער שטעלט פאַר מיט זיך, אין זיינע פּראָסטערע סאָרטן, אויסגעשפּראָכענעם באַרבאַ־ריזם. נאַטירלעך עס זיינען פאַראן אויך אנדערע פאָרמען פון פארביטערטן קאַמף קעגן „קאַפּיטאַל״, פאָרמען וועלכע זיינען אביסל מער ראַפינירט, ווייניקער פּראַ־אדם׳דיק, אבער זיי אלע טראָגן אויף זיך די חתימה פון נאַאיוויזם, וועלכע מ׳זעט לייכט ארויס אין זייער „אויסגעהאלטנקייט״, אומקאָמפּראָמיסלעכקייט.

נאָך א סך יאָרן פון דערציאונג און אויפקלערונג־ארבעט צווישן די האָרעפּאַשניקעס האָבן די לעצטע געביטן זייער שטעלונג צו די אויפ־טואונגען, וועלכע זיי האָבן, לכתחילה, באטראַכט אלס שעדלעך פאר זייערע

אינטערעסן. אמת, די אויפקלערונג־ארבעט איז אָנגעפירט געוואָרן פון די עלעמענטן וועלכע גרייטן זיך צו דער ראָלע פון ארבעטער־הערשער, ארבעטער־אדונים. אבער זיי האָבן פאַרט היפש אויפגעטאָן בנוגע דער נאָרמאַליזירונג פון די באַציאונגען פון די ארבעטער צו די „אנשטאַלטן״ פון זייערע קלאַסן־שונאים... פאַר דעם האָבן די ארבעטער געקעמפט קעגן אינדוסטריאַליזם און זיינע מאַניפעסטאַציעס אין מאַשינעריע, אין די צייט־און־מי איינשפּאָרנדיקע אויפטואונגען. איצט האָבן זיי פאַרקירעוועט אויף דעם קאַמף פאַר די העכערע פאָרמען פון זיין אנטוויקלונג, פון זיין אויסברייטער, פון וועלכע זיי דערוואַרטן א פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרקלענערונג פון די ארבעט־שעה׳ן און א גלייכצייטיקע פאַרגרעסערונג פון דער באַלוינונג. די ארבעטער האָבן אנגעהייבן צו פאָדערן זייער טייל אין דעם צוּוואוקס פון די פּראָדוקטן, וועלכער קומט פון דעם פאָרטשריט פון פּראָדוקטיוויטעט, א פאָרטשריט וועלכער איז א פועל־יוצא פון דערפינדונג. דערפינדונג איז, אָבער, ניט קיין קינד פון ארבעט, קוואַליפיצירטער אדער ניט־קוואַליפיצירטער, נייערט אַ פּראָדוקט פון מענטשלעכער שעפערישקייט. מיט אנדערע ווערטער די באַוואוסטזיניקע ארבעטער קעמפן מער ניט קעגן „קאַפּיטאַליזם״, זיי ווילן מער ניט אָפּשטעלן די פּראָגרעס־רעדער. זיי טוען פונקט דעם היפוך. זיי באַמיען זיך צו פארשנעלערן זיין טעמפּא, וועלכער איז סיי ווי סיי ניט קיין לאנגזאַמער.

און וואָס טוען די „קלאַסנבאַוואוסטזיניקע״ ארבעטער, די ארבעטער, וועלכע זיינען אָנגעקראָפּט און אָנגעשטאָפּט מיט סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטיש־מאַרקסיסטישע אידייען? זיי קעמפן ניט קעגן קאַפּיטאַליזם, נייערט פאַרקערט פאַר׳ן קאַפּיטאַליזם, פאַר דעם איבערגאַנג פון נידעריקע פאָרמען צו העכערע פאָרמען פון קאַפּיטאַליזם, פאָרמען וועלכע מ׳קען באַצייכענען מיט די צוויי צונויפגעבינדעטע ווערטער „שטאַט־קאַפּיטאַליזם״ אָדער פּאַן־קאַפּיטאַליזם. זיי העלפן איבערגיין וואָס שנעלער פון דער פאַרגלייכענישמעסיק קליינער אונטערנעמונג צו דער קאָלאָסאַלער אינדוסטריעלער איינהייט, וועלכע ווערט פלאַנירט און ווערט אָנגעפירט אויף א מלוכה־מאַסשטאַב. אנשטאָט צו באַקעמפן דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס די ארבעטער האָבן געטאָן אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פון דער נייער ערא, באַקעמפן זיי איצטער די דיסאָרגאַניזאַטאָרישע עלעמענטן פון קאַפּיטאַליזם. אָט־די ענדערונג אין דער טאַקטיק — ווי נעגאַטיוו מיר זאָלן זיך ניט פאַרהאַלטן צו דער שטאַטיסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ פון די מאַרקסיסטן, וועלכע טראָגט אין זיך די געפאַר פון אריינברענגען דעם טאָטאַליטאַריאַניזם — איז א רעזולטאַט פון א בעסערער און טיפערער פאַר־

שטענדעניש פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. אָט־דער 'איבערקער' ציִיגט אָן אויף א מער ראַציאָנאַלן, ווייניקער עמאָציאָנעלן צוגאנג צו אינ־דוסטריעלע טעטיקייטן. סאָציאַליזם־קאָמוניזם אין זיין מאַרקסיסטישער אינטערפּרעטאציע אקצעפּטירט, אין תוך, דעם קאַפּיטאַליזם. דאָס מיינט אַז ער איז פאַר גרויס־אינדוסטריע און פאַר הייך־אנטוויקלטער מאַשי־נעריע. ער קריטיקירט דעם קאַפּיטאַליזם פאַר דעם לעצטנס מאַנגל אין קאָאָרדינאציע און ראַציאָנאַליזאציע. אנשטאָט דעם היינטיקן קאַפּי־טאַליזם וועלכן מ'דאַרף אָנרופן פּאָלי־עקאָנאָמיק אָדער אינדיווידועל עקאָ־נאָמיק, וויל דער מאַרקסיזם איינפירן א מאָנאָ־עקאָנאָמיק אדער א נאַציאָ־נאַלע עקאָנאָמיק, א שטאָט־עקאָנאָמיק. פון דעם שטאַנדפּונקט קען מען זאָגן, אז דער מאַרקסיזם האָט אַרויסגעוויזן א העלדישע גבורה אין באַ־פרייען סאָציאַליזם־קאָמוניזם פון די פּענטעס פון נאַאיוויזם.

די „פאַרניינונג" פון קאַפּיטאַליזם, פאַרשטאנען אויף א נאַאיוון אופן, האָט ארויסגערופן צום ספּעקולאטיוון לעבן א צאָל שולן. אייניקע פון זיי האָבן פאַרגעלייגט אָפּצושאַפן קאַפּיטאַליזם מכל וכל,(17) און זיך אומקערן צו די פאַר־קאַפּיטאַליסטישע מאָדוסן פון פּראָדוקציע און דיס־טריבוציע. אנדערע, ווידער, האָבן זיך ארומגעטראָגן מיט די פאַנטאַס־טישע פּלענער וועגן א ווידערגעבורט פון די קאַפּיטאַליסטישע אַנשטאַלטן וועלכע דאַרפן גע'כשר'ט, געשייערט און אָפּגערייניקט ווערן פון זייערע זינד פון מאָנאָפּאָל און עקספּלואַטאַציע.(18) זייער טרוים באַשטייט אין דער רעסטאווראציע פון פרייער קאָנקורענץ אָן די מכשולים און שטע־רענישן מצד פון די טראַסטן און קארטעלן, וועלכע שטיקן און דריקן און מאכן־צו־גאָרניט די מעלות טובות פון דעם פרייען עקאָנאָמישן געראנגל.

דאָס איז אלץ וואָס איז שייך די ווירטשאפט־פּראָבלעמען.

נאַאיוויזם בנוגע די פראגן, וועלכע דרייען זיך ארום די באַגריפן פון מאַכט, אויטאָריטעט, רעגירונג, שטאַט, איז א מוסטער פון וואולגאַ־ריטעט, אומאַכטונג פאר געשיכטע, סאָציאַלער נייטווענדיקייט און מענטש־לעכער נאַטור. דער דאַזיקער פּאָליטישער נאַאיוויזם ווערט געוויינטלעך אָנגערופן „אַנאַרכיזם", הגם ער האָט זייער ווייניק אינאַלגעמיין מיט די טעאָריעס פון די יעניקע, וועלכע האָבן געשאפן אָט־דעם „יזם". פּונקט ווי אין קאַפּיטאַל אזוי אויך אין מאַכט זעען די נאַאיוויסטן גאָרניט חוץ פון א רשעות, וועלכע מ'דארף פארניכטן, אויסרייסן מיטן וואָרצל, אויס־קאָרעניען מיט אן אייזערנער אַנטשלאָסנקייט. קיין פּרייז, וועלכן מ'זאָל דארפן באצאָלן אין מענטשלעכע קרבנות און קולטור־אוצרות, איז ניט

צו הייך אבי פטור צו ווערן פון אַט־דער מרשעת און אויסליייזן די מענטשהייט.

„ראַדיקאַלן" פון אַט־דעם מין, אומשולדיקע כפרה־הינדלעך פון פּול־שטענדיקער נאַאיוויטעט, זיינען ניט אימשטאנד אָפּצושאַצן ווי געהעריק אַ סיטואַציע. זיי זיינען ניט מסוגל צו באַגרייפן אַז קאַפּיטאַל פונקט ווי אָרגאַניזירטע מאַכט זיינען אַ בייז בלויז אויף אזוי פיל אויף וויפל זיי גיבן אַ מעגלעכקייט פאַנאַנדערצואוויקלען פאר אונדזערע אויגן ברייטערע פּערספּעקטיוון און קלערערע אויסזיכטן מכוח דער צוקונפט, וועלכע וואָלט געבן בעסערע געלעגנהייטן פאר אן המשכ׳דיקן אומגעשטערטן נאָכאַנאַנד־גייענדיקן פּראָצעס פון אנטוויקלונג. דעריבער ווערן טאַקע סיי קאַפּיטאַל און סיי מאכט דערקלערט פאר אומצופרידנשטעלנדיק און זיי ווערן פאַר־דאַמט. זייערע געגעבענע פאָרמען ווערן באַטראַכט אלס פעלערהאַפטע אין דעם מאָמענט, ווען די אָביעקטיווע באַדינגונגען, און זייערע סוביעקטיווע אָפּשפּיגלונגען אין דעם באַוואוסטזיין פון מענטשן, ווערן צייטיק פאר אן ענדערונג, וועלכע קען דורכגעפירט ווערן אזוי, אז זי זאָל זיין אויך אן אויסבעסערונג. דאָס איז א פּאַל פון וואקסן. עס איז אן איבערגאַנג פון קינדהייט צו יינגלשאַפט, פון יינגלשאַפט צו בחור׳שאַפט און, דערנאָך, צו דערוואַקסנקייט. אויף די דורכגייענגען שטופן קוקט מען פון אויבן־אַראָפּ. מער ווי דאָס. מ׳בראַנדמאַרקירט זיי אלס „חייבים", אלס „פושעים". הגם באמת זיינען זיי בלויז אונטעראַנטוויקלט, און דאָס זעט מען ווען מ׳לייגט זיי אוועק זייט־ביי־זייט מיט די צוקונפטיקע מעגלעכקייטן און ווינטשנווערטיקייטן. אָבער די וואולגאַרע נאַאיוויסטן, די גאַסן־משיחים־לעך, זיי קענען ניט באַגרייפן דעם מין פון „קריטיציזם", מיט וועלכן מ׳האָט געשמיסן אזוי אומברחמנות׳דיק די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג. זיי האָבן ניט משיג־געווען, אז אַט־די קריטיק איז א סימפּטאָם פון נאַטיר־לעכן וואקסן מיט אַלע די ווייטאָקן און יסורים, וועלכע קומען אלס באַגלייטער פון דעם קרעפטן־פאַנאַנדערוויקל. אן אונטערגעוויקסיקע, א פאַרמינדערטע שטאַטור פון א סאָציאַלן אנשטאלט איז אָנגענומען צו באַ־צייכענען מיטן עפּיטעט „שלעכטס", בייז. מ׳נעמט א סאָציאַל־טעכנישע השגה און מ׳פאַרוואַנדלט זי אין עפּעס עטישעס, בכדי אויף אזא שטייגער צוצוגעבן סטימול, חשק און טרייב־קראַפט צו דעם ווילן פאר פאַר־בעסערונג, פאר אנטוויקלונג.

עדוארד קארפּענטער אין זיין ווערק „ענגלאנדס אידעאַל" שרייבט אַזוי:

„יעדע מענטשלעכע אינסטיטוציע איז גוט אין איר צייט, און דער־נאָך ווערט זי שלעכט — דאָך מעג מען צווייפלען צי זי איז טאַקע באמת

שלעכט פאר זיך אליין גענומען, אדער בלויז דערפאַר, וואָס אויב זי וועט פאַרבלייבן וואָלט זי שטערן דעם ווייטערדיקן שריט.״ (18)

„שלעכטס״, „בייז״ בנוגע אַנשטאַלטן זיינען ווערטן־אורטיילן, וועלכע מ׳פאַסט מיט דער איינציקער כוונה אַנצורעגן, אונטערצושטופּן, צוצוטרייבן. אָט־די פאַרדאַמונגען זיינען צוגאָב־געוויכטן, וועלכע מ׳וואַרפט ארויף אויף די וואָגשאָלן בשעת די איבערגאַנג־עפּאָכן. אָט־די אידעאַליסטישע „אימ־פּאָנדעראַבילן״ „אומגעוויכטלעכקייטן״ האָבן וואָג און איבן אויס א וויר־קונג. זיי זיינען איינע פון די עכסט בעל־פּעולה׳דיקע פאַקטאָרן, וועלכע העלפן מאכן קאָנסטיטוציאָנעלע און אינסטיטוציאָנעלע רעמאָנטן.

די פּאַרצייטיקע מענטשן פלעגן באַצייכענען יעדן איראַציאָנאַלן אויפפיר אלס „זינד״. זיי האָבן געוואָלט אז דער מענטש זאָל זיך אויפפירן ווי געהעריק, זאָל ניט אַראָפּגיין פון דרך־הישר. זיי האָבן אים געשראָקן מיטן באגריף „עבירה״.

אין דער אוועסטע, דער הייליקער שריפט פון די פּאַרסן, געפינען מיר אַזאַ שטעלע:

„אויף אלערליי עבירות, וועלכע איך האָב געטאָן אין שייכות צום הימל בנוגע מעטאַלן, אויב איך האָב ניט געהאַלטן דעם מעטאַל ריין און ציכטיק, אויב איך האָב אים אוועקגעלייגט אין א פייכטן פלאַץ און ראָסט האָט זיך אויף אים ארויפגעכאַפּט... האָב איך חרטה מיט די געדאַנקען, ווערטער און טאָטן.״ (19)

קאַליע מאַכן א שטיקל מעטאַל, אים ניט באהאנדלען כדבעי האָט זיך ביי די פּאַרסיאַנער גערעכנט פאר אן „עבירה״. עס איז אינטערעסאַנט אז אין יידיש מיינט דאָס וואָרט „עבירה״ אויך ניט דווקא זינד אין רעליגיעז עטישן פשט פון טערמין; נייערט, איינפאַך, אלץ וואָס מ׳טוט ניט אזוי ווי באַדאַרף־צו־זיין, אלץ וואָס מ׳פירט איבער, און עס פאַרדריסט דערנאָך. „עס איז אן עבירה די צייט, די געלט״ — דאָ באַדייט עס „א שאָד.״ יעדער שאָדן איז אן עבירה.

די פּאָליטישע פּראָבלעם פון מאכט אויטאָריטעט ווערט באהאנדלט פון די נאַאיוויסטן ניט בעסער ווי זיי האָבן טראַקטירט די פראגע פון קאַפּיטאַל און מאַשין. די מעטאָדן וועלכע די פּאָליטישע נאַאיוויסטן לייגן פאָר און צייטנווייז ווענדן אָן אין זייער קאמף קעגן דער רעגירונג דערמאָנען שטארק אָן די וואַנדאַליסטישע עובדות, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט אין געפעכט קעגן די טעכנישע דערפינדונגען. דאָס איז א מין פּאָליטישע מאַשינען־ברעכעריי. זיי ווילן פשוט צעברעכן די קאָמו־נאַלע איינאָרדענונגען. די פּאָליטישע נאַאיוויסטן, פּונקט ווי זייערע ברי־דער די עקאָנאָמישע נאַאיוויסטן, ווילן צעשטערן דעם פּאָליטישן אַפּאַראַט

אָדער נאָך בעסער, דעם גאַנצן מעכאַניזם פון דער געזעלשאַפט אלס אן אָרגאַניזירטער אײנהײט. (20)

קריטיציזם נעמט א „קריטיציסטישע" שטעלונג צו בײדע אינסטיטוציעס, צו קאַפּיטאַל און אויטאָריטעט. קריטיציזם קען ניט אקצעפּטירן סאָציאַליזם מחמת דעם, וואָס ווען קאַפּיטאַל ווערט סאָציאַליזירט, ווערט ער באמת שטאַטיזירט, ביוראָקראַטיזירט. און דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן ווערט דעמאָלט פאַרוואַנדלט אין א קאַזאַרמע־רעזשים מיט א „דערזשימאַרדע" רעגלאַמענטאַציע. אינדוסטריעלע פּראָצעסן, ווען מ'באַטראַכט זײ פון שטאַנדפּונקט פון מענטשלעכן עלעמענט, וואָס איז אין זײ אַרײנגעוועבט, זײנען ניט סאָציאַל, נײערט אינטעראינדיווידועל און אינטערקלאַסנמעסיק. א געוויסע צאָל פּערזאָנען מיען זיך צוזאַמען, אַרבעטן בציבור. זײ שאַפן א מין אַרטעל. יעדער יחיד אַרבעטער טראָגט צו זײן חלק, באַטײליקט זיך אין די פּראָדוקטיווע און דיסטריבוטיווע פּראָצעסן מער אָדער ווײניקער ביודעים. און דעריבער טאָר קאַפּיטאַל בשום אופן ניט ווערן סאָציאַליזירט, נײערט אינטעראינדיווידואַליזירט. אינטעראינדיווידואַליזאַציע אין שײכות צו ווירטשאַפט מײנט אײנפירן א שותפות־סיסטעם, שאַפן א מין אַקציעס־געזעלשאַפט וועלכע וואָלט זײן אַזוי די גרויס, מיר נעמען דעם סוף־פּסוק פון אַנטוויקלונג־פּראָצעס, ווי די גאַנצע ציוויליזירטע מענטשהײט. אלס א צוגרײטונג צו אָט־דעם ווײטן אידעאַל, וואָלט בירגערטום געדאַרפט ווערן טראַנספאָרמירט אין אן עקאָנאָמישער אינסטיטוציע מיט אַקציעס, וועלכע געהערן צו די בירגער פון דער געגעבענער פּאָליטישער קערפּערשאַפט. דאָס אײגענע דאַרף געזאָגט ווערן מכוח מאַכט־אויטאָריטעט. די אינסטרומענטן פון אַדמיניסטראַציע און רעגולאַציע, דער סאָציאַל־פּאָליטישער פאַרקער וואָלט דאַרפן דורכגײן א פּראָצעס פון אינטעראינדיווידואַליזאַציע. זײ וואָלטן זיך דאַרפן אָפּטײלן פון טעריטאָריע. די פאַרוואַלטונג וואָלט זיך נעמען אָריענטירן אויף דעם מענטשן אלס אַזעלכן, זיך רעכענען מיט זײנע איבערצײגונגען און שאַפן געמײנשאַפט פאַראײניקונגען־צוזאַמענלעבונגען אויף דעם סמך פון אידײען־געמײנשאַפט, דאָקטרינען־שכנה'שאַפט.

אינטעראינדיווידואַליזם פאָדערט דעם אײנפיר פון „א פּאָליטישן אַוועקשטעל, וואָס איז באַזירט ניט אויף בלוט־פאַרגיסונג, בלוט־פאַרוואַנדשאַפט, בלוט־פּרובירונג, אויף ראַסע און אָפּשטאַם־געמײנשאַפט, אויך ניט אויף אויסערלעכער געאָגראַפישער שכנה'שאַפט, לאָקאַל־נאָענטקײט, נײערט אויף אן עטישן, ריכטיקער, עגאָקראַטישן יסוד, אויף פּסיכאָלאָגישער און לאָגישער נאָכבאַרשאַפט. לויט דעם אינטעראינדיווידואַליזם דאַרף דער אײנלעב פון די מיטמענטשן זיך האַלטן אויף דער פעסטער

באַזע פון א גרונטיק דורכגעטראַכטן איינשטים, צוזאַמענפאַל פון אנשוי־אונגען און קאנגרוענץ פון איבערצייגונגען.״ (אבא גאָרדין, פרינציפּן און צוועקן־דערקלערונג פון דער יידיש־עטישער געזעלשאפט ז. 5, 1936).

אָט וואָס דזש. ווארדען שרייבט:

„בלויז ווען די שטימע אדער אינסטרומענט לאָזן ארויס פאַרשיידענע טענער, איינער נאָך דעם אנדערן, דעמאָלט באקומען מיר א מעלאָדיע; און בלויז ווען די פארשיידענע טענער קומען ארויס צוזאמען, דעמאָלט פראָדוצירן מיר א הארמאָניע. דער הויפּט־טאָן, זיין פינפטל, זיין אכטל, זיין צענטל, ווען זיי קומען צוזאַמען שאַפן זיי אַן אנגענעמען אקאָרד, אָבער די דאָזיקע טענער זיינען פאַרשידן איינער פון אנדערן און זיי האַלטן אויף זייער באזונדערע אינדיווידואַליטעטן. אפילו אויך דעמאָלט בשעת זיי אסאָציאירן זיך אויף דעם נאָענטסטן אופן; אזוי ארום בשעת אלע לאָזן זיך הערן צוזאַמען קען דער דערפארענער אויער אונטערשיידן איינעם פון די איבעריקע. זיי גיסן זיך קיינמאָל ניט צוזאמען, זיי פאַראייניקן זיך קיינמאָל ניט אין איין קלאַנג. אפילו אין די העכסט קאָמפּליצירטע, אין די עכסט באַצויבערנדיקסטע האַרמאָנישע אַסאָציאַציעס. אויב דאָס וואָלט געווען דער פועל־יוצא, ווען זיי וואָלטן פארלירן זייערע אינדיווידואַליטעטן אין אַסאָציאַציע און זיי וואָלטן זיך פאַראייניקן אין איין קלאַנג, וואָלט די גאַנצע מוזיקאלישע האַרמאָניע געווען אומבאַוואוסט אדער זי וואָלט אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד, פּונקט ווי די סאָציאַלע האַרמאָניע איז אָפּגעווישט געוואָרן דורך געוואלדטאַט, וואָס ווערט אויסגעאיבט איבער די אינדיווידואליטעטן פון די מענטשן. א דאנק דער אומפארניכטבארער אינדיווידואַליטעט פון יעדן טאָן אין מוזיק געניסן מיר אזויפיל פון אָט־דער האַרמאָניזירנדיקער קונסט. און ווען מיר וואָלטן אזוי וואַכזאַם אָפּגעהיט די גלייכוויַז אומצעשטערבארע אינדיווידואליטעטן פון די מענטשן, וואָלטן מיר שאַפן א האַרמאָנישע געזעלשאפט.״ (21)

די מוזיקאַלישע אילוסטראַציע אדער אַנאַלאָגיע איז זייער שיין און רייך. אירע סטרונעס זיינען אבער צופיל אָנגעצויגן. קיין אינסטרומענט לאָזט ניט ארויס קיינע טענער אין א באַשטימטן נאָפלאָג, אין א דעפיניטיוון סדר, סיידן מ׳הייסט אים עס טאָן. יעדע האַרמאָניע אין מוזיק האָט הינטער זיך א הארמאָניזאַטאָר. יעדער ניגון פאַרמאָגט א מנגן. פון זיך אליין שפּילט זיך עס ניט. יעדע מעלאָדיע האָט א „מעלאָדירער״. די טענער האַרמאָניזירן אונטער דער שטרענגער השגחה פון דעם מוזיקער, וועלכער איז אליין ניט קיין טאָן, נייערט א מהות פון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. ער שטייט איבער די פאַרשיידענע טענער און קלאַנגען. דאָס אייגענע בנוגע דער מענטשלעכער געזעלשאפט. די אינדיווידואַלי־

טעט איז טאַקע אומצעשטערבאַר. אבער די אינדיווידואַליטעטן דאַרפן דאָך קאָמבינירן בכדי צו שאַפן „אַ סאָציאַלע האַרמאָניע", וועלכע איך וואָלט, גיכער, רופן אַן „אינטעראינדיווידועלע האַרמאָניע". און דאָ באַווייזט זיך גלייך אַ פּערזענלעכקייט, וועלכע טורעמט איבער די איבעריקע אינדיווידואַליטעטן, ניט אינגאַנצן אומגלייך צו דעם מוזיקער, וועלכער שטייט העכער פון אינסטרומענט און העכער פון די טענער, וואָס דער אינסטרומענט ברענגט אַרויס. אויף אַזאַ אופן קומט אַריין אַ יעראַרכיזאַציע. מיט אַנדערע ווערטער, אינטעראינדיווידועלע פאַרהעלטענישן נעמען אָן דעם כאַראַקטער פון אינטער־קלאַסן באַציאונגען, און עס איז ניטאָ קיין עצה קעגן דעם.

סטעפען פּוירל אַנדריוס שרייבט אין זיין ווערק „די ריכטיקע קאָנסטיטוציע פון רעגירונג":

„ניט דער איבעררייס פון פאַרהעלטענישן, נייערט די שאַפונג פון אונטערשיידבאַרע און אומאָפּהענגיקע פּערזענלעכקייטן צווישן וועלכע פאַרהעלטענישן קענען עקזיסטירן. וואָס מער אונטערשיידבאַר עס זיינען די פּערזענלעכקייטן, און וואָס פאַרזיכטיקער זיי ווערן געהיט און פּרעזערווירט, אַלץ אינטימער קענען זיין די פאַרהעלטענישן און צוזאַמענשטויסונגען אָדער שטערונגען." (22)

אָבער אַט־די אונטערשיידבאַרע, אָפּגעזונדערטע פּערזענלעכקייטן דאַרף מען דאָך האַלטן צוזאַמען. און דאָס איז דאָך אייגנטלעך די ספּעציעלע פונקציע פון דער געזעלשאַפט. און בשעת אַט־די פונקציע ווערט אויסגעפּילט קומט אַריין דער אינטעראינדיווידואַליזירער אין דער פאָרם פון אַ סעגרעגירטער גרופּע, אין דער בחינה פון אַ העכערן קלאַס פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאָרמאַציע. דעריבער קענען מיר ניט זיין קיין הונדערט־פּראָצענטיקע „אינדיווידואַליסטן", ווי מיר קענען ניט זיין, גלייכוויז, קיין „סאָציאַליסטן". מחמת נאָך אַלעמען לעבן מיר ניט אין אַ געזעלשאַפט, נייערט אין אַן אינטעראינדיווידואַל, וועלכער איז אַרויפגעבויט אויף אַן אינטער־קלאַסן פונדאַמענט.

אַזוי אַרום ווערט דער קעגנזאַץ, וועלכער געפינט זיך צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, דערהויבן צו דער שפּאַלטונג, וועלכע ליגט צווישן פיזיאָלאָגישער האַרמאָניע און סאָציאַלער פּראַצע, אָרגאַניזאַטאָרישן אַנשטרענג. אין דעם פעלד פון פּאָליטישע אַקטיוויטעטן וועט דער ווידערשפּרוך, וועלכער געפינט זיך צווישן סאָציאַלער אַרבעט און פּאָליטישער טואונג, אויפגעהויבן ווערן און אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַן אַנדער פּלאַן, ער וועט אַריינגעטראָגן ווערן אין דער סטראַטאָספער פון דידאַקטיק. פילע וועלן זיין באַשעפטיקט פּאָליטיש אָרגאַניזאַציאָנעל, בשעת די ווייניקע, די

העכערע לייטנדיקע מינאָריטעט וועט לענקען אָט־די טעטיקייט דורך דעם, וואָס זי וועט שאַפן בעסערע מעטאָדן, מחדש זיין מער פּעולה׳דיקע מיטלען פאַר דער אָרגאַניזאַציע און רעאָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט. אויף אַזאַ שטייגער ווערט דער ווידערשפּרוך, וואָס צייגט זיך צווישן דער סאָציאַלער אַרבעט, וועלכע הייסט געוואַלדטאַט, און מאַכט־אויטאָריטעט, וואָס באַדייט די אָרגאַניזירונג פון געוואַלדטאַט, אָדער פון סאָציאַלער אַרבעט, אָט־דער ווידערשפּרוך ווערט ניט אויפגעלייזט, ווערט ניט אָפּגעשאַפט, ווי די נאַאיוויסטן וואָלטן וועלן, נייערט ער ווערט דערהויבן, סובלימירט.

נאַאיוויזם אַלס אַזעלכער, איז אַ שטיק באַרבאַריזם אין דעם תחום פון אידעאָלאָגיע. און די פּראָגראַם, וועלכע ווערט אַנטוויקלט אויף אָט־דעם נאַאיוו־טעאָרעטישן יסוד, קען זיין ניט אַנדערש ווי רעאַקציאָנער, רעטראָגרעסיוו.

מכוח דער פראַגע פון אַרבעט און קאַפּיטאַל ווי אויך בנוגע דער פּראָבלעם פון געוואַלדטאַט און אויטאָריטעט האָט קריטיציזם צו זאָגן זיין וואָרט און ער וועט צייגן דעם ריכטיקן וועג, דעם וועג פאָרויס.

V

# קלאַסנקאַמף, אויפשטאַנדן און רעוואָלוציע

פראַנקלין ה. גידדינגס אין זיין ווערק „שטודיען אין דער טעאָריע פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט” שרייבט:

„די קאָלאָסאַלע באַוועגונגען, וועלכע שטראָמען איינע אויף דער אַנדערער בשעת זיי פליסן פאָרויס צוזאַמען. איינע איז דער גרופּן־קאַמף פאר הערשאַפט און לעבנס־מיטלען. די צווייטע איז דער קלאַסנ־קאַמף פאר ארויפשטייג און איינקונפט.” (1)

אַדאַם פערגוסאָן אין זיין ווערק „ציווילע געזעלשאַפט” ברענגט א אינטערעסאַנטע ציטאַטע פון סאָקראַטן אין וועלכער ער כאַראַקטעריזירט די מענשלעכע נאַטור מיט אירע ווידערשפּרוכן:

„׳עס זיינען דאָ אייניקע אומשטענדן אין דער מערכה פון דער מענטשהייט׳, זאָגט סאָקראַט, ׳וועלכע באַווייזן, אז די מענטשן זיינען באַשטימט על־פּי השגחה צו פריינדשאַפט און חבר׳שאַפט. דאָס איז זייער קעגנזייטיקעס נויטיקן זיך איינער אין צווייטן; זייער קעגנזייטיקער מיטלייד־געפיל; זייער חוש פאר קעגנזייטיקע טובות און די פארגעניגנס וועלכע א געזעלשאפט פאַרשאַפט. עס זיינען דאָ אנדערע אומשטענדן, וועלכע טרייבן זיי צו מלחמות און מחלוקת; די אנטציקונגען און פאַר־לאַנגען, וועלכע זיי צייגן ארויס פאר געוויסע קעגנשטאַנדן, זייערע קעגנ־געזעצטע פּרעטענזיעס, און די אויפרייצונגען וועלכע זיי לייגן פאַר קעגנ־זייטיק אין דעם קורס פון זייערע קאָנקורענציעס.” (2)

דער טעזיס, אז די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז די געשיכטע פון קלאַסנקאַמף (מאַרקס) אזוי גוט ווי די אנטיטעטישע אויסערונג, אז די געשיכטע פון דער מענטשלעכער ראַסע איז די געשיכטע פון קעגנזיי־טיקער הילף (קראָפּאָטקין), קריגן א באזונדערן מיין, ווען זיי ווערן באַלויכטן מיט דעם שיין פון קריטיציזם. סאָציאָלער נאַאיוו־רעאַליזם פאַרשטייט די באַהויפּטונג מכוח דעם קלאסנקאמף אין דעם בוכשטעבלעכן

פשט: די נידעריקע פלאַסטן פון דער געזעלשאַפט פירן אַ קאַמף קעגן די העכערע. אַט־דער קאַמף איז דער באַוועגער, די טרייבקראַפט פון דער ציוויליזאַציע. דער קאַמף פון די פאַרשקלאַפטע מאַסן קעגן זייערע הערשער־קלאַסן איז דער שעפער פון נייע פאָרמען, פאַראורזאַכט די אויפ־ריכטונג פון א נייעם געזעלשאַפט־בנין, וועלכער האלט זיך אויף א מער ראַציאָנאַלן און מער יושר׳דיקן פונדאַמענט.

וואָס מער נאַאיוויטעט מ׳שטאַפּט אריין אין די־דאָזיקע דערקלערונגען פון די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, אלץ מער אַפּשיי און דרך ארץ צייגט מען ארויס צו דעם כלומרשטן ריטשאג פון פּראָגרעס, נעמלעך, דער רעוואָלט, אויפשטאַנד, די מרידה, דער בונט.

דזשאָרדזש סארעל שרייבט:

„דער קלאסנקאמף איז דער אלף און ת׳ פון סאָציאליזם.״(3)...

„געבן צו פאַרשטיין דעם אַרבעטער־קלאַס, אַז זיין גאַנצע צוקונפט הענגט אָפּ פון קלאַסנקאמף.״ (3־א)

דניאל דע־ליאָן שרייבט:

„סאָציאַליזם אַנערקענט אין דער היינטיקער געזעלשאַפט די עקזיס־טענץ פון א קלאסנקאמף און אז די ליניע וועלכע טיילט פאַנאַנדער די קעמפער איז די עקאָנאָמישע ליניע, וועלכע זונדערט אָפּ די אינטע־רעסן פון דעם אייגנטימער קאַפּיטאַליסטן קלאס פון די אינטערעסן פון דעם אומפארמעגלעכן קלאַס פון דעם פּראָלעטאַריאַט.״ 3־ב)

אַ מאַרקסיסט, אין אַט־דעם פּרט פון קלאסנקאמף ווי אין א סך אנדערע פּרטים, פאַרנעמט דעם זיכערן מיטן־וועג. צו אן אמת׳ן „הייליקן״ אבסורד איז אַט־דער קולט פון קלאסן־געראנגל רעדוצירט געוואָרן פון די באַקוניניסטן. אַנדערע פון באקונינס נאָכפאָלגער זיינען אוועק אזוי ווייט ווי צו פּריידיקן רעוואָלט לשם רעוואָלט. דער גייסט פון נעגאַציע, פון ניהיליזם, די בונטאַרישע עמאָציעס זיינען קולטיווירט געוואָרן. זיי האָבן געמאכט פון קלאסנקאמף א מין עבודה זרה, א מין קומיר פאר וועלכן מ׳דאַרף זיך בוקן.

באַקונין שרייבט:

„דריי פונדאַמענטאלע פּרינציפּן שטעלן צוזאַמען די וועזנטלעכע באַ־דינגונגען פון דער גאַנצער מענטשלעכער אנטוויקלונג, געזעלשאַפטלעכער אדער אינדיווידועלער, אין דער געשיכטע: 1) מענטשלעכע אַנימאַליטעט; 2) געדאַנק; 3) רעוואָלט.״ (4)

נעטשאַיעוו איז געגאַנגען נאָך ווייטער. עס איז דען דאָ א שיעור צו אַט־די שטימונגען און געדאנקען:

„דער רעוואָלוציאָנער ווייסט בלויז איין ווינשאפט: דאָס איז צעשטערונג... די זאך בלייבט אלעמאָל די אייגענע: דער שנעלסטער און ווירקזאַמסטער וועג, וועלכער איז נאָר מעגלעך, צו פאַרניכטן די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג... טאָג און נאַכט מוז ער האָבן בלויז איין געדאַנק — אומברחמנות׳דיקע צעשטערונג... טרייב דאָס פאָלק צו אן אומאויפהערלעכן רעוואָלט.״ (5)

אַלע די־דאָזיקע באַהויפּטונגען ציַיגן איין זאך און דאָס איז, אַז אָט־די פלאַם און פייער־שפייענדיקע רעוואָלוציאָנערן האָבן ניט פאַרמאָגט קיין היסטאָרישן בליק אויף זאכן. זיי האָבן אויף קיין איין מינוט ניט אָפּגע־ריסן די אויגן, וועלכע זיינען געווען עפּעס ווי צוגעקלעפּט צו דעם וויַיטן צוקונפט־האָריזאָנט, פון זייערע באַליבטע פּטור־זעאונגען. זיי האָבן ביי זיך ניט געקענט פועל׳ן אַראָפּצולאָזן זייערע פאַר׳חלום׳טע בליקן אין דער חושכ׳דיקער טיפעניש פון געשיכטע־ברונעם און א קוק טאָן דער פאַר־גאַנגענהייט אין פּנים אריין, זיך דערקונדיקן ווי זי האָט אויסגעזעען.

דער כוח פון מאַרקסיזם, (אַז אַך און וויי ס׳אַרא גבורה דאָס איז!) סיי אלס א פּראַקטישע דיסציפּלין און סיי אלס א טעאָרעטישע אויפפאַסונג, באַשטייט אין דעם פאַקט, וואָס ער האָט זיך באַמיט אויסצומיידן עקסטע־מען. ער איז פאַרזיכטיק, כמעט מעשה באַלעבעסל, זיידענער יונגער־מאַנטשיק. ער האָט זיך געהאַלטן אין מיטן. ער האָט ניט פאַרלאָרן זיין באַלאַנס. אמת, מאַרקסיזם איז אויסגעשפּראָכן ווען ער רעקאָמענ־דירט דעם קלאַסנקאַמף. ער באַטראַכט דעם קלאַסן־געפעכט פאַר דעם לאָקאָמאָטיוו אין צוג פון סאָציאַלן פּראָגרעס. אָבער צו דעם אייגענער צייט הייסט ער געברויכן אים, אויב ניט מיט מעסיקייט איז מיט באַ־רעכנטקייט, מיט חשבון, מיט איינזעעניש. מ׳זאָל אים לאָזן קורסירן לויט א באַשטימטער פּראָגראַם אויף א סיסטעמאַטישן תכלית־מעסיקן אופן. אַזוי ארום, עפּעס ווי בלא־יודעים, טראָגט דער מאַרקסיזם אריין אין געפעכט א נייעם עלעמענט און דאָס איז באַוואוסטזיניקייט, אויסגערע־כנטקייט. מיט איין וואָרט, פּלאַנמעסיקייט. אויף אזא שטייגער קומען מיר צו א נייער פאָרם פון געראַנגל, אין וועלכן די ראַציאָנאַלע און עמאָציאָנעלע עלעמענטן ווערן געהאַלטן כמעט ווי אין גלייכגעוויכט. און וויבאלד אזוי, שטעלט זיך די פראגע: וואָס איז וועזנטלעך אין דעם צוזאַמענשטעל פון געשלעג, צי דער באַשטאַנדטייל, וועלכער הייסט קאַמף, צוזאמענשטויס, צי דער צווייטער טייל, וואָס הייסט פּלאַנמעסיקייט, אָר־גאַניזירטקייט. באמת, מען וואָלט די פראגע ניט געקענט ענטפערן, ווען ניט די באַריכטן פון די בלוטיקע אויפשטאַנדן און בונטן, וועלכע

האָבן איבערגעלאָזן נאָך זיך ניט קיין אנדערע שפּורן־דערגרייכונגען ווי בלויז קברים און קאַטאַקאָמבן פון די נידערגעשלאָגענע מורדים.

העברי זעע אין דער „ענציקלאָפּעדיע פון די סאָציאַלע וויסנשאַפטן" אין זיין אַרטיקל „אַגראַרישע באַוועגונגען", שרייבט:

„אין משך פון דעם פריען פעאָדאַליזם זיינען פּויערים־אויפשטאַנדן פאָרגעקומען ניט אָפט. זיי פלעגן אויסברעכן בלויז דעמאָלט, ווען די לאַגע איז, באמת, געווען אומדערטרעגלעך, ווי אין די צייטן, ווען מ'האָט אַזוי גרויזאַם אונטערדריקט די דזשעקערי אין 1358. פון אַ באַדייטנדיקער ערנסטקייט זיינען געווען די באַוועגונגען פון די טוטשינער אין דרום, (1380־1383) די אויפשטאַנדן פון די קראַקוואַנטער בשעת דעם חורבן פון די רעליגיעזע מלחמות סוף 16טן יאָרהונדערט, און דער רעוואָלט פון די ניו־פּיעדס פון נאָרמאַנדיע אין 1639... דער אויפשטאַנד פון די 'רויטע היטעלעך' (1675)" (6) „פילע פאַראייניקונגען פון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער זיינען געשאַפן געוואָרן צווישן די פּויערים (ווי דער באַרימטער בונדשוך) און אַלע באַוועגונגען האָבן זיך געענדיקט מיט דעם בלוטיקן פּויערים קריג אין 1525... לוטער האָט שטרענג קריטיקירט דעם פּויערים־קריג. נאָך אַ שרעקלעכן געראַנגל האָבן די פּריצים זיך אַרויסגעוויזן צו זיין די זיגער און די פּויערים זיינען צוריק אַריינגעפאַלן אין זייער מצב פון לייב־אייגנטום." (7). „דער פּויערים־אויפשטאַנד וועלכן עס האָבן אָנגעפירט דזשאָהן באָל און וואַט טיילער אין 1381 ...די אומאָרדנונג פון 16טן יאָרהונדערט ווערט אילוסטרירט דורך דעם בונט מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט ראָבערט קעט אין נאָרפאָלק אין 1549 און וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם אויפפיר פון דעם איידל־לייט־שטאַנד." (8) די קעגנערשאַפט פון די פּויערים (אין לאַטוויע און עסטאָניע) צו די דייטשע פּריצים (דייטשע ריטער פון דעם טעווטאָנישן אָרדן) האָט אָנגעהאַלטן פילע יאָרהונדערטער. צווישן די מער וויכטיקע פון די דויערנדיקע אויפשטאַנדן צו וועלכע דאָס האָט געפירט זיינען געווען די אומרוען פון 1343, 1560, 1784, 1806 און די בונטן וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין משך פון די פערציקער און פופציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט." (9)

אָט־די אויפשטאַנדן זיינען אומברחמנות'דיק אונטערדריקט געוואָרן. זיי זיינען, פּשוט, דערטרונקען געוואָרן אין בלוט. אַזוי אַז פון די־דאָזיקע באַריכטן איז לייכט אָפּצולערנען איין זאַך און דאָס איז, אַז בונטן און מרידות, אליין און פאַר זיך גענומען, פירן ניט צו אַ דערלייכטערונג פון יאָך פון די באַדרענגטע און אַפּשיטאַ שוין אַז זיי ברענגען ניט קיין באַפרייאונג. און ווען אַן אויפשטאַנד גיט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן דאַרפן

זיי געשטעלט ווערן אויפן חשבון פון פּלאַנמעסיקייט און צוועקמעסיקייט מיט וועלכער דער אויפשטאַנד איז אָנגעפירט געוואָרן. מיט אנדערע ווערטער, בכדי א קלאַסן־אויפשטאנד זאָל ברענגען פּרוכט מוז ער זיין אָרגאַניזירט, ד. ה. עס דאַרף זיין א העכערער קלאַס אין עמבריא, וועל־כער זאָל אָנפירן מיטן אויפשטאנד, און דער דאָזיקער קלאַס דאַרף זיך געפינען בשעת מעשה אויף א געוויסער מדרגה פון רייפקייט.

די בונטאַרן צווישן די ראַדיקאַלן, זייענדיק נאַאיוויסטן, האָבן עס ניט געוואָלט באַגרייפן. א היפש ביסל פאַרשטאַנד און אריינטראַכטונג ווייזן ארויס די מארקסיסטן, אבער אויך זיי זיינען ווייט פון דעם אמת־וועג, פון א קריטישער אויפפאַסונג פון אָט־די בונט־דערשיינונגען. אפילו די געשולטע און מיושב׳דיקע מאַרקסיסטן טייטשן אויס דעם שפּרוך פון זייער רבי׳ן בנוגע דער וויכטיקייט פון קלאַסנקאמף אויף אַ נאַאיוון שטייגער, הגם ניט אזוי קינדיש־נאַאיוו ווי די שטורם־פויגל פון סאָציאל־רעוואָלוציאָנאַריזם, וועלכע, על־פּי טעות, רופן זיך אַמאָל אָן „אַנאַר־כיסטן״. אויך די מאַרקסיסטן נעמען אָן פאַר אן אַקסיאָמע, אז די רעדער פון דער געשיכטע דרייען זיך ארום דעם אַקס פון רעוואָלטן און אויפ־שטאַנדן, און זיי האַלטן תמיד אין קלאַפּן אין די פּראָפּאַגאַנדע פּויקן, אין בלאָזן די שופר׳ס, אין ארומטראָגן די רויטע פאָנען און באַפעלן די מאַסן צו מאַרשירן פּאָטענציעל אדער טעאָרעטיש...

אין שמאלערס ענטפער צו טרייטשקען לייענען מיר:

„די אוניווערסאלע געשיכטע איז א נאָכפאָלג פון געפעכטערייען פון די אונטערדריקטע קלאַסן קעגן די אונטערדריקער־קלאַסן.״ (10)

ער זאָגט נאָך מארקסן, באַמקעט נאָך ווי דער שטייגער איז פון אָט־די חוזר׳ס...

מארקסיזם באהויפּטעט, אז די מאַסן קעמפן קעגן די העכערע קלאַסן, זיינען זיי מנצח, ווארפן זיי ארונטער פון זייער גדולה און בזה־האופן מאַכן די מאסן געשיכטע, ברענגען וויכטיקע ענדערונגען סיי אין דער סטרוקטור און סיי אין די פונקציעס פון דער געזעלשאפט. דער אמת איז, אז אין דער רעקאָרדירטער געשיכטע געפינען מיר ניט קיין איין באַריכט וועלכער זאָל באשטעטיקן די מארקסיסטישע אויפפאסונג. די מאַסן באַזיגן ניט די העכערע קלאסן, און זייערע זיגן, ווען עס פאסירט אמאָל אז זיי קומען ארויס זיגרייך פון א געפעכט, האָבן ניט קיין אריכות ימים, זיינען עפעמער. זייערע טריאומפן האָבן זייער א קורצן לעבנס־שפּאַן. די פשוטע סאָלדאַטן צעבונטעווען זיך קעגן זייער קאָמאַנדיר. זיי הייבן אים אויף די שפּיצן פון זייערע באַיאָנעטן, אבער גלייך נאָכ־דעם קומט אן אנדער קאָמאַנדיר, אן אנדער גענעראל און ער פירט זיי.

מער ווי דאָס, דער בונט ווערט אינספּירירט, ווערט אָנגעפירט פון דעם וואָס וועט ווערן זייער גענעראַל אביסל שפּעטער. אין דעם עצם אויפ־שטאַנד קעגן פירערשאַפט ווערן די מאַסן געפירט פון א פּאָטענציעלן הערשער־פירער. זיי קענען ניט ארויס פון אָט־דעם סאָציאַלן כישוף־קרייז. דער מארקסיסט אדער דער נאַאיווער היסטאָריקער גיט אָפּ א באַריכט אין וועלכן עס שטייט געשריבן, אז די נידעריקע שיכטן האָבן זיך צעבונטעוועט קעגן די העכערע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. אבער דאָס איז א געשיכטלעך אפּטישער אָפּנאַר. דאָס איז א מיראַזש. די ממשות׳דיקע ווירקלעכקייט ווייזט אונדז אן אנדער בילד איינגאַנצן. די אויפקומענדיקע יונגע קלאַסן פירן א קאַמף קעגן די אָפּקומענדיקע, אָפּשטאַרבנדיקע קלאַסן. די ארויפשטייגנדיקע פּלאַסטן פון דער געזעל־שאפט שטויסן זיך צוזאַמען מיט די אראָפּזינקענדיקע. עס איז א קאַמף פאר הערשאפט, פאר עקספּלואַטאַציע. די פראַגע איז: ווער וועט באַ־הערשן די מאַסן, ווער וועט זיי עקספּלואַטירן?

ארטהור וואלעס קאלהון אין זיין ווערק „סאָציאַלער אוניווערס" באַ־שרייבט דעם פּראָצעס פיל ריכטיקער ווי די מאַרקסיסטישע כיטרע תמימים.

„אַזאַ קאַמף פאר דער פּריווילעגיע פון עקספּלואַטירן די מאַסן האָט כאַראַקטעריזירט גלייך פון אָנפאנג די געשיכטע פון ציוויליזאציע." (11)

אָט־אזוי דארף מען פארשטיין די געשיכטע פון דעם קלאַסנקאַמף. די קלאַסן קעמפן צווישן זיך. דער קאַמף ווערט געפירט, ניט ווי די נאַאיוויסטן מיינען, פאר דעם אָפּשאַף פון עקספּלואַטאַציע, נייערט פאר דעם ווער עס זאָל זיין דער עקספּלואַטאַטאָר.

דאָ דארף מען נאָך צוגעבן, אז דער קלאַסנקאַמף איז בלויז א טייל פון דער אינערלעכער געשיכטע פון דער געזעלשאפט. עס איז אָבער פאַראַן אן אויסערלעכע געשיכטע און אן אויסערלעכער קאַמף, וועלכער שפּילט אין דער היסטאָריע פון דער מענטשהייט א פיל וויכטיקערע און פיל בלוטיקערע ראָלע פון דעם אינערלעכן צוזאַמענשטויס. דער אויסער־לעכער אספּעקט פון דער געשיכטע ווערט געשריבן אויסשליסלעך מיט א שפּיז וואָס טריפט מיט בלוט פון שכנים, פיינטלעכע שבטים, שטאַמען פעלקער, נאַציאָנען. ווי סיר וואָלטער ראַליי דריקט זיך אויס: „די גע־וויינטלעכע טעמע און ארגומענט פון דער געשיכטע איז מלחמה." (12)

די אינערלעכע געשיכטע פון דעם ציבור־לעבן ווערט געשריבן דורך אַ קאַמף, וועלכער קומט פאַר האָריזאָנטאַל צווישן צוויי קאָנטר־אַגענטן פון דעם זעלביקן אינדוסטריעלן פּראָצעס אויף וויפל דער עצם אַקט פון געפעכט ווערט רעגיסטרירט, און ווערטיקאַל אויף וויפל עס איז

שייך די צוועקן און היסטאָרישע רעזולטאַטן וועלכע זיינען דא אריינ־געפּאָלכטן.*) מיט אנדערע ווערטער, דאָס סאַמע קעמפן, די פיזיאָלאָגישע ענערגיע־פאַרשוועגדונג, ווערט דורכגעפירט, ווי עס איז אַלעמאָל דער פאַל, פון די מאַסן, בשעת די הכנסות פון ניצחון ווערן אַפּראָפּריאירט פון די נייע הערשער. די עצם דערשיינונג פון קלאַסנקאַמף איז קלאַסנ־געטיילט, ווי ס׳רוב סאָציאַלע אַקטיוויטעטן זיינען: איין טייל, די איבער־וועגנדיקע מערהייט איז פאַרטאָן אין שלאָגן זיך, אין געבן און כאַפּן קלעפּ, בשעת דער צווייטער טייל, די קליינע אויסדערוויילטע מינדערהייט איז פאַרנומען מיט לענקען און ריכטן דעם געפעכט, דעם קלאַסן־געפעכט.

גראַאוו סאַמועל דאָו שרייבט:

„באמת, סאָציאַלער קאָנטראָל האָט אָנגענומען די פאָרם פון א קלאַסן־קאָנטראָל אין אזא אָדער אין אַן אַנדער פאָרם כמעט אויף א אוניווערסאַלן שטייגער.״ (13)

די קלאַסן־צעטיילונג איז א פונדאַמענטאַלע דערשיינונג. זי דרינגט אדורך אַלץ־מיט־אנאנדער אין דעם סאָציאַלן לעבן. עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ פאַלץ וואו זי זאָל ניט זיין. זי נעמט אדורך אלע פּראָצעסן און דער־שיינונגען, וועלכע קומען פאָר אין די גרענעצן פון דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט. עס זיינען ניטאָ קיין יוצא־מן־הכלל׳ס פון דעם דאָזיקן כלל פון קלאַסן־סטראַטיפיקאַציע.

די קנאה־שנאה פון די נידעריקע שיכטן צו די העכערע קלאַסן איז אין דער בחינה פון אַן אישה, אָן דער באַפרוכפּערונג פון אן אנ־פירנדיקן קלאַס קען זי גאָר ניט געבוירן. דער מאַסן אַנטאַגאָניזם איז א פאַל פון קריצן מיט ציינלאָזע דזשאַסלעס און ביילן אימפּאָטענטע פויסטן. בונטן זיינען קיין נייס ניט. די מאַסן האָבן זיך כסדר געבונטעוועט. מ׳האָט כסדר געהאַט מרידות. אויפשטאַנדן מיינען פּאָזיטיוו גאָרניט.

אלדזשערנאָן סידניי שרייבט:

„מיר ווייסן פון זייער וויניק קליינע שטאַטן און פון קיין איינעם ניט פון די גרויסע, וועלכער זאָל זיין פריי פון בונטן פון אונטערטאַנען.״ (14)

די מאַסן זיינען תמיד געווען אומצופרידן. אבער וואוהין האָט זיי אָט־די אומצופרידנקייט געבראַכט? זייערע מרידות האָבן זיך אומפאַר־מיידלעך געענדיקט מיט בלוטיקע שטראַף־עקספּעדיציעס, מיט אגולנע עקזעקוציעס, מיט שמיץ און תליות. די נידעריקע שיכטן האָבן זיך תמיד געבונטעוועט. אבער די געשיכטע פון די־דאָזיקע בונטן קען מען ניט

---

*) זע, אבא גאָרדין, אידישער וועלט־באַנעם, „קלאַסנקאַמף האָריזאָנטאַל און ווערטיקאַל״, ז. 79־76. „קאָמוניזם אונמעסקד״, ז. 22־21.

לייענען אָן טרויער און דעם איכה ניגון... אַט־די מרידות האָבן ניט דיק־טירט די אַנגאַלן פון פּראָגרעס. זיי שטעלן פאָר מיט זיך דעם גרויז־לעכסטן לייען־שטאָף. אַט־די כראָניקעס זיינען אָנגעזעטיקט מיט שרעק און אומגליק, עס רינט פון זיי מיט בלוט פון אומזיסטע אומנישטע קרבנות. די אויפבורעניש, בושעוועניש, די פּוטשן האָבן געבראַכט זייער ווייניק נוצן. זייער בייטראַג צו די סאָציאַלע רעפאָרמען איז אַ כמעט אַ נעגאַ־טיווער.

אין דעם אמאָליקן רוים, כמעט ווי אין דעם צאַריסטישן רוסלאַנד, האָבן כסדר געפלאַקערט מרידות. אבער די פּאָזיטיווע פּועל־יוצא׳ס פון אַט־די אויפּרודערונגען זיינען געווען נול. די אויפשטאַנדן האָבן געזייט ווינט און געשניטן געוויטערס.

מיר וועלן זיך באמיען געבן אַ קורצן איבערבליק פון די רעוואָלטן אין דער געשיכטע פון אַ טייל פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט.

טוצידיד שרייבט:

„די גרויסע ערדציטערניש איז פּאָרגעקומען (464 ב. ק.) און נאָך איר איז געקומען דער אויפשטאנד פון די העלאָטן, וועלכע האָבן פאַר־נומען איטאָהאָמע... אין דעם צענטן יאָר פון באַלאַגערונג האָבן די פאַר־טיידיקער פון איטאָהאָמע... זיך אונטערגעגעבן צו די לאַצעדעמאָ־ניער.״ (15)

מירן ברענגען אייניקע שטעלן פון טהעאָדער מאָממסענס „געשיכטע פון רוים.״

„שקלאַפן קאָנספּיראַציעס און שקלאַפן מלחמות האָבן אויסגעבראָכן אומעטום. אין איטאַליע האָבן די אומאָרדענונגען־סצענעס... זיך אָנגע־הויבן פון דאָס ניי, פּלוצלונג זיינען די רוימער געווען געצוואונגען צו כאַפּן און היגריכטן אין דער רעזידענץ־שטאָט אַ 150, אין מינטורנע 450, אין סינועססא בערך 4000 שקלאַפן. נאָך ערגער, ווי מ׳קען זיך לייכט פאָרשטעלן, איז געווען די לאַגע אין די פּראָווינצן. אויף דעם גרויסן שקלאַפן־מאַרק אין דעלאָס און אין דער אַטטיק אין די זילבער־מינען האָט מען אין דער זעלביקער צייט געמוזט איינטאמעווען די צע־בונטעוועטע שקלאַפן מיט באוואָפנטע כוחות. די מלחמה קעגן אַריסטאָ־ניקוס און זיינע „זונשטעטישע״ אין קליין אזיע איז בעצם געווען אַ מלחמה פון גוטבאַזיצער קעגן די צעבונטעוועטע שקלאַפן. אבער ערגער ווי אומעטום, זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז געווען די לאַגע אין סיציליע, דאָס אויסדערוויילטע לאַנד פון דער פּלאַנטאַציע־סיסטעם. באנדיטעריי איז שוין לאַנג געווען אַ שטענדיקע צרה, איבערהויפּט אין אינערלאַנד. דאָס האָט געגומען אויסוואַקסן אין אַן אויפשטאַנד. דאמאָפילוסן, אַ רייכער

פלאַנטאַטאָר פון עננא... האָבן באַפאַלן זיינע פאַרביטערטע דאָרפישע שקלאַפן און האָבן אים דער׳הרג׳ט. דערנאָך... האָט די באַנדע זיך צונויפגעקליבן אין שטאָט עננא, און דאָרטן האָבן זיי איבערגע׳חזר׳ט די זעלביקע ארבעט אויף א גרעסערן מאַסשטאַב. די שקלאַפן, אלע ווי איינער, זיינען אויפגעשטאַנען קעגן זייערע האַרן, זיי האָבן זיי דערמאָרדעט אדער פארשקלאַפט. זיי האָבן איינגעלאַדן זיך צו שטעלן אין דער שפּיץ פון דער שווין באַדייטנדיקער מורדים־ארמיי א פאַקוסניק פון אַפּאַמייע אין סיריען... פאַרדעם אלס שקלאַף האָט ער געהייסן עננוס, איצטער אלס הויפּט פון די אויפגעשטאַנענע האָט ער זיך א נאָמען געגעבן אַנטיאָכוס דער קיניג פון די סיריער... כמעט אז דער גאַנצער אינדזל איז געווען פארנומען פון די רעבעלן, די צאָל פון וועלכע, לויט די מעסיקסטע חשבונות, האָט דערגרייכט צו 70,000, וועלכע זיינען געווען פּייאיק צו טראָגן געווער. די רוימער זיינען געווען געצוואונגען פאר דריי יאָר, איינס נאָך דאָס אנדערע (132, 133, 134 ב. ק.) צו שיקן קאָנסולן און קאָנסולארע ארמייען קיין סיצילינע ביז, נאָך עטלעכע אומאנטשיידנדיקע און אפילו אומגינציקע צוזאַמענשטויסונגען, דער בונט איז צום סוף איינגעשטילט געוואָרן דורך דאָס פארנעמען פון טורראָמעניום און עננא. די עכסט אנטשלאָסענע קעמפער פון צווישן די מורדים האָבן זיך פאר־קליבן אין אַט־דער לעצטער שטאָט, בכדי צו האַלטן זייערע פּאָזיציעס אין דער אומבאַזיגבארער פעסטונג. די קאָנסולן לוציוס גאַלפורניוס פּיזאָ און פּובליוס רופיליוס האָבן זי באַלאַגערט גאַנצע צוויי יאָר און זיי האָבן זי באַצוואונגען צום סוף דורך הונגער, ניט מיט וואָפן.״ (16)

„אריסטאָניקוס האָט זיך פלוצלונג באַוויזן אין דער שפּיץ פון זיין ארמיי, „די בירגער פון דער זונענשטאָט״, מיט אנדערע ווערטער, פון די שקלאַפן, וועמען ער האָט באַפרייט אין די מאַסן, ער האָט באַהערשט די לידישע שטעט פון טהיאַטירע און אפּפּאָלאָניס אזוי גוט ווי א טייל פון די אַטטאַלישע ישובים און האָט געגעבן באַנדעס פון די טהראַציאַנישע פריי־קעמפער זיי זאָלן זיך אָנשליסן אָן זיין ארמיי. דער קאַמף איז געווען אַן ערנסטער... צום סוף פון 131 ב. ק. האָט א רוימישער חייל געלאַנדעט אין אַזיע... מאַרקוס פּערפּעננא האָט אַטאַקירט אַריסטאָניקוסן... זיין ארמיי האָט ער צעטריבן, אים אליין האָט ער גענומען געפאנגען אין סטראַטאָניציע און אביסל שפּעטער אים היגגעריכטעט אין רוים.״ (17)

„אַט די בונטן פון די שקלאַפן, וועלכע האָבן זיך צעוואקסן פון אויפ־שטאַנדן צו מלחמות... פלעגן זיך ווידערהאָלן איבערהאַנייס מיט א טרויער־ריקער אוניפאַרמיטעט. נאָך אַמאָל, אזוי ווי דרייסיק יאָר צוריק, האָט אן אויפברויזונג אדורכגענומען די שקלאַפן־קערפּערשאַפט פון דער רוי־

מישער אימפעריע... אבער דער הויפּט־פּלאַץ פון אלע אָט־די שרעקלעכע אויפרודערונגען איז געווען אין סיציליע מיט אירע פּלאַנטאַציעס און מחנות פון שקלאַפן... אָט־דער צווייטער סיציליען שקלאַפן־קריג האָט געדויערט גאַנצע פינף יאָהר.״ (18)

פלוטאַרך שרייבט:

„קיין באַריכט פון די דורכגעפאַלענע מרידות קען ניט זיין פולשטענדיק אויב ער דערמאָנט ניט די ברידער טיבעריוס און קאיוס גראַקכי, וועלכע האָבן א העלדישן און טראַגישן נאָמען.״ (19)

דער עכסט דרייסטער רעוואָלט פון שקלאַפן איז דער, וועלכן עס האָט אינספּירירט און אָנגעפירט ספּאַרטאַק פון טהראַציע. ער איז געווען פרי אין הארבסט פון 73 ב. ק. אין דער גלאַדיאַטאָרן טרעניר־שולע אין קאַפּוּאַ.

„ניין מאָל האָט ער צעשלאָגן די רוימישע ארמייען און האָט געצוואונגען די רוימישע רעגירונג צו שיקן קעגן אים די שטאַרקסטע ארמיי און דעם באַרימטסטן גענעראַל בכדי אים צו באַזיגן. פינף טויזנט פון זיינע צעזייטע און צעשפּרייטע נאָכפאָלגער האָבן זיך צוזאַמענגעכאַפּט מיט פּאָמפּייען, און זיי זיינען אומגעקומען. די אנדערע, וועלכע זיינען אנטרונען געוואָרן אין די בריטאַנישע היגלען, האָט קראַססוס איינציקווייז פּאַרטיליקט. זעקס טויזנט געפאַנגענע האָט מען געקרייציקט איבער דער גאַנצער לענג פון דעם וועג, וואָס ציט זיך פון קאַפּוּאַ ביז רוים.״ (20) „זעקס טויזנט קרייצן פון וועלכע עס הענגען געפאַנגענע שקלאַפן זאָגן עדות מכוח דעם, אז ארדענונג איז צוריק איינגעשטעלט געוואָרן און אז עס איז אָפּגעהאלטן געוואָרן א זיג פון דעם אנערקענטן רעכט איבער דעם לעבעדיקן אייגנטום וואָס האָט רעוואָלטירט.״ (21) „די זיגער מיט פרייד און געקרוינט מיט בלומענקראַנצלעך האָבן זיך צוריקגעקערט קיין רוים איבערן „טרויעריקן וועג״ אונטער די געשרייען פוןליידנדיקע און די קללות פון די שטארבנדיקע.״ (22) „דער תהום פון עלנט און וויי, וועלכער עפנט זיך פאר אונדזערע אויגן אין דעם אומגליקלעכסטן פון די פּראָלעטאַריאַטן, לאָזן מיר איבער אויסצומעסטן צו די וועלכע וועלן האָבן א האַרץ אריינצוקוקן אין זיין טיף.״ (23)

אזוי שרייבט מאָממסען וועלכער איז געווען זייער ווייט פון דעם ראַדיקאַלן לאַגער.

מיט דער רוימישער געשיכטע, מיט דעם אלטערטום, הויבט זיך ניט אָן און ענדיקט זיך ניט אָט־די מגילת־איכה פון די בונטן וועלכע זיינען דערשטיקט געוואָרן.

פויל וואָן דייק אין דער געשיכטע פון פראַנקרייך שרייבט:

„אין פרילינג פון 1358 איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד פון די פויערים, וועלכער האָט זיך פאַרשפּרייט ווי אַ פּריירי־פייער ביז ער האָט פאַרכאַפּט אַ גרויסן טייל פון צפון־פראַנקרייך... מ׳האָט זיי גערופן די דזשייקס... אַ צונאָמען פאַר אַ דאָרפסמאַן... דער קיניג פון נאַוואַרע... האָט אויפגעקליבן אַ מאַן טויזנט באַוואָפנטע... האָט אַטאַקירט די פויערים, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיינע פירער און ער האָט זיי צעשלאָגן... צוואַנציק טויזנט קרבנות זיינען אומגעקומען אין דער ראַכע פון די אידל־לייט.״ (24)

„אַ פערטל פון אַ יאָרהונדערט האָט מען דעם גייסט פון רעוואָלט געזען אין איראָפּע אומעטום צווישן דעם בירגערטום. עס איז געווען אַן אויפשטאַנד פון ריענצי אין רוים, אַן אויפשטאַנד פון וואַט טיילער אין ענגלאַנד, און עטיען מאַרסעל און די זשאַקס, און די מיילאַטינער, די טוטשינער און די ׳רייטע היטעלעך׳״. (25)

מ׳דאַרף דאָ אויך ניט דורכלאָזן אָן דערמאָנען דעם אויפשטאַנד וואָס סאַוואָנאַראָלאַ האָט אָנגעפירט אין פלאָרענץ, וואו ער האָט געגרינדעט די רעפּובליק פון די אָרימע. אים און זיינע נאָכפאָלגער האָט מען הינגעריכט אין 1498.

„אין די אויפשטאַנדן פון די פויערים אין דייטשלאַנד אין יאָר 1525 זיינען אומגעקומען מער ווי הונדערט טויזנט פויערים, און די וואָס זיינען געבליבן לעבן האָט מען פאַרשקלאַפט אויף דעם ערגסטן אופן.״(26)

דער אויפשטאַנד פון די אַנאַבאַפּטיסטן האָט אויסגעבראָכן דעם 9טן פעברואַר 1534... זיי האָבן געהאַט אַ סך אָנהענגער אין צפון־דייטשלאַנד און נידערלאַנד... אָבער מ׳האָט דעם אויפשטאַנד דערטרונקען אין בלוט און די שטאָט מינסטער איז געפאַלן דורך פאַרראַט. (27)

דער אויפשטאַנד פון סטענקע ראַזין איז אויסגעבראָכן אין 1667. דעם בונט האָט מען דערשטיקט. סטענקען האָט מען געבראַכט קיין מאָסקווע, וואו מ׳האָט אים הינגעריכטעט דעם 6טן יוני 1671. „מ׳רעכנט אַז בערך אַ הונדערט טויזנט קרבנות זיינען געפאַלן אין דער אונטער־דריקונג פון אויפשטאַנד.״ (28)

אין מאַי 1773 איז אויסגעבראָכן דער פּוגאַטשאָווער בונט. פון אַ בונט איז עס אַריבער אין אַן אמת׳ן פויערים־קריג. דער אויפשטאַנד איז דורכגעפאַלן. פּוגאַטשאָוו איז הינגעריכטעט געוואָרן אין מאָסקווע יאַנואַר 1775. די דאָליע פון די פויערים איז נאָך דעם נאָך ערגער געוואָרן. (29)

דורכקוקנדיק אַט־דעם רעיעסטער פון מרידות קען מען קומען צו איין באַשלוס:

יעדער רעזשים איז איינגעפירט געוואָרן און ארויסגעפירט געוואָרן פון א גאנצער סעריע פון בונטן און אויפשטאנדן. מ׳קען זאָגן אז אָט־די בלוטיקע גלוט פון רעוואָלטן גליט אין אַלע פּאַרטאָגן און אַלע פאַרנאַכטן פון דער געשיכטע. אבער אָט־די אויפרודערונגען, די דאָזיקע „אתערותא׳ס פון אונטן״ האָבן ניט געשפּילט קיין פּאָזיטיווע ראָלע אין דער געשיכטע פון פּראָגרעס. זיי האָבן וויניק וואָס געהאָלפן דירעקט אין געשטאָלטן די בעסערע מערכות פון די מאַסן סיידן אומדירעקט דורך דער איינשאַ־פונג פון א נייעם אָנפירנדיקן קלאַס.

דזשיימס עדוארד ראָססינגאָל שרייבט:

„ה. מ. הינדמאן דער נעסטאר פון דעם בריטישן סאָציאַליזם אין ׳די עוואָלוציע פון רעוואָלוציע׳ (1921) גיט צו, אַז דער גוואַלדטאָט אויסדרוק פון קלאסנקאמף ווי, דהיינו, די בונטן פון די שקלאַפן און גלאַדיאַטאָרס אין רוים האָט קיינמאָל גאָרניט אויפגעטאָן, און ווען זיי וואָלטן געווען דערפאָלגרייך, וואָלטן שקלאַפעריי און צירקן אָנגעגאנגען ווי פאר דעם... דאָס אייגענע די מרידות פון די לייב־אייגענע אונטער דעם פעאָדאַליזם... האָבן וויניק וואָס צו טאָן מיט דער אָנטאָרטונג פון לייב־אייגנטום. עס איז א פאַקט, אַז לייב־אייגנטום איז אריבער צו פרייער לאַנד־ארענדע הויפּטזעכלעך דורך דעם וואָס די גוטבאַזיצער האָבן פאַרלאַנגט ארענדע־געלט אַנשטאָט שלעכטער באַדינונג, קיניגלעכע באשטייערונג בכדי אָנצו־פירן מלחמות אין פרעמדע ־לענדער און אנדערע סיבות, וועלכע האָבן ניט קיין שייכות צום קלאסנקאמף, האָבן דערצו גורם געווען.״ (30)

די מאַסן האָבן רעוואָלטירט, ווען לייבאייגנטום איז איינגעפירט געוואָרן אזוי גוט ווי אין משך פון זיין לאנג־אויסגעצויגענער עקזיסטענץ, אזוי גוט ווי ווען מ׳האָט אים געגעבן א מאַרשיר־צעטל, און מ׳איז איבער־געגאנגען פון לייבאייגנטום צו „פרייהייט״ וואָס מיינט געדונגענשאפט. אָבער אָט־די אַלע בונטן פאַרמאָגן ניט קיין גרעסערע חשיבות ווי דאָס וואַרפן זיך און בריקענען זיך פון א קינד בשעת די מוטער קאָמט אים די האָר און וואַשט אים דעם פּנים. דער ביישפּיל איז אביסל א צו גראָבער, כמעט א באַליידנדיקער, אָבער ער טרעפט פונקט אין פּינטל אריין. דער קלאסנקאמף ווערט א פּראָגרעסיווער געשיכטע־מאכנדיקער פאַקטאָר בלויז אין דעם מאָמענט, ווען צו דער אוואנסצענע פון געזעל־שאפטלעכן לעבן נעמט זיך דערנענטערן א קלאַס, א בעלן אויף הער־שאַפט. אָט־דער נייער קלאס וועלכער איז נאָך לעת־עתה אומבאוואוסט־זיניק פון זיין אייגענער עקזיסטענץ און זיינע אָפּגעזונדערטע אינטערעסן, גיט א נעם דעם „קלאסנקאמף״ און אפּראָפּריאירט, אזוי צו זאָגן, די דער־

ביטערטקייטן, די אנטריסטונגען, די אויפגעבראכטקייטן וואָס לעבן און פולסירן אין די הערצער און טואונגען פון די מאַסן. ער אוטיליזירט זיי. ער הויבט זיי אויף צו א געוויסער הייך פון דערקענטעניש, פון געוואָרוערונג, פּאָראויסזיכט און פּלאַנמעסיקייט. און ערשט דעמאָלט, ניט פריער, קומט פון די בונטן עפּעס ארויס. ד. ה. ווי שוין אויבן אָנגעדייט אז דעם „קלאַנסקאַמף" אליין מוז אָנפירן א ׳קלאַס׳, א העכערער קלאַס.

עדען און צעדאר פּויל אין זייער ווערק „קרעאַטיווע רעוואָלוציע" שרייבן:

„דער רעוואָלוציאָנערער אימפּולס קומט טאַקע באמת פון די מאַסן, אָבער ער איז בלינד, און ער וואָלט פירן בלויז צו אן אומווירקזאַמן רעוואָלט, סיידן א געגנוגענדיקע מינאָריטעט עקזיסטירט, וועלכע ווייסט וועלכן צוועק זי פאַרפאָלגט און די מיטלען וואָס דאַרפן דערצו געברויכט ווערן און איז צוגעגרייט אויף אלע אופנים אויסצונוצן די גינציקע געלעגנהייט." (31)

מיט אנדערע ווערטער, דער אויפקומענדיקער קלאַס אָרגאַניזירט דעם קלאַסנקאַמף און ער שאַפט פון דעם כאַאָס פון געשלעגערייען און געפעכטערייען אן עמבריאָ פון א נייעם סאָציאַלן איינשטעל. אָט־דעם עמאַציאָנעלן האַס און די קאָנוואולסיווע אויפטרייסלונגען, וועלכע ווערן אָרויסגערופן פון דעם בלינדן ווילן צו צעשטערונג, נעמט דער נייער קלאַס און מאכט פון זיי א צוועקמעסיקע אינסטרומענטאַליטעט פון אויפבויאונג־איבערבויאונג. עס מיינט אזוי: בשעת דער ארבעט פון לייטן דעם סטיכישן פּראָצעס פון קאמף ווערט צעמענטירט מיט בלוט און אמביציעס, עמאָציעס און פאַרשטאַנד, א נייע סאָציאַלע פאָרמאַציע, א סאָלידע קערפערשאַפט פון א נייעם הערשנדיקן קלאַס.

קיונג דוירק האָר אין זיין ווערק „סאָציאַלע געזעצן" שרייבט:

„פּראָפעסאָר ראָס... באשרייבט מיט קלאָרקייט צען ׳ליניעס פון עקספּלואַטאַציע׳, דהיינו: קינדער־עקספּלואַטאַציע דורך די עלטערן, פרויען דורך מענער, ארימע דורך רייכע." (32)

עקספּלואַטאַציע גייט אדורך צוויי שטופן. זי הייבט אָן מיט א נעגאַטיוו און גייט אריבער צו א פּאָזיטיוו. די זאך קומט פאָר אזוי: דער אלטער הערשער־קלאַס „עקספּלואַטירט" ארבעט, נוצט אויס אירע פּאָזיטיווע אקטיוויטעטן, די קאָנסטרוקטיווע אקציעס פון די נידעריקע מאַסן. דער אויפקומענדיקער און אָנקומענדיקער קלאַס טוט דאס איי־גענע, ער פאַרמאָגט די אייגענע עקספּלואַטאַציע־פּראָגראַם, נאָר ער הייבט אָן, ער מאכט זיין היסטאָרישן דעביוט מיט דער עקספּלואַטאַציע פון

דעם נעגאַטיוו. ער עקספּלואַטירט די דעסטרוקטיווע טאַטן פון די מאַסן. דער אָנפאַנגער־קלאַס מאַכט אן התחלה מיט דעם פארניינענדיקן טייל און שפּעטער־צו גייט ער אריבער צו דעם באַיאַענדיקן טייל פון זיין פּראָגראַם. ער פאַנגט אָן צו ׳עקספּלואַטירן׳, ריכטיקער, צו ראַפינירן, באַארבעטן, פאַראיידעלן די מאַסן, זייערע מרידות, זייערע סטרייקן, זייער תאווה צו הריגות, שחיטות, בונטן. אביסל שפּעטער, ווען ער ווערט שטארקער און רייפער, נעמט ער זיך פּילן בכוח צו עקספּלואַטירן די נוצלעכע פּאַך־באַשעפטיקונגען פון די מאַסן. אַט־דער אַריבערשפּייז איבער דער דעמאַרקאַציע־ליניע פון דעם נעגאַטיוו צום פּאָזיטיוו אין דעם עקספּלואַטאַציע פּראָצעס באַצייכנט דעם איבערגאַנג פון קריג צו זיג פאַר דעם אויפקומענדיקן קלאַס. דער ארויפשטייגנדיקער הערשער־קלאַס מאָביליזירט אַלע צעשטערנדיקע אַגענטורן און ענערגיעס וועלכע טשאַטעווען אויפן דעק פון דער אַלטער געזעלשאַפט. ער טוט עס מיט דער כוונה אראָפּצוזעצן זיין פּאַרויסגייער. אַלעווילדע אומאיינגעצוימטע ליידנשאַפטן, וועלכע זיינען פאַרשטעקט אין די טונקעלע ווינקעלעך, ליגן באַגראָבן אָנגעכמורעטע, אנגעבויזערטע אין ׳אונטער־גרונט׳ פון סאָציאַלן לעבן, ניט האָבנדיק קיין העזה זיך צו באַווייזן אין די עפנטלעכע און אָפענע פּלעצער — נעמט דער אָנקומענדיקער קלאַס און נוצט זיי אויס אין זיין קאַמף קעגן דעם הערשנדיקן מיעוט. ער לאָזט אַראָפּ פון קייט אַלע פאַרשמידטע געלוסטונגען, ער באַפרייט דאָס לייב, ער שאַפט אָפּ א סך פאַרבאָטן. ער לאָזט די ווילדע אינסטינקטן זיך צעהוליען. (33). אָבער אַט־דער אָנפאַנג־פּעריאָד האַלט לאַנג ניט אָן. נאָך דער אוטיליזאַציע פון די פאַרניינענדיקע כוחות, פון די דעמאַנישע קרעפטן און סטיכיעס, שלאָגט די שעה פאַר א נייעם רעזשים. עס הייבט זיך אָן דאָס טאַמעווען, איינצוימען, אריינגעמען אין די הענט, פּענטענען די „פאַגאַנדערגעיאָגטע פערד״. דער נייער הערשנדיקער קלאַס נעמט אָן די שטרענגסטע מיטלען בכדי צו דיסציפּלינירן די צעווילדעוועטע הפקר־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. יעדער אויפקומענדיקער קלאַס הייבט אָן זיין היסטאָרישע קאַריערע מיט דער אָרגאַניזאַציע פון דעם קלאַסנקאַמף פּראָצעס.

סיר וואָלטער ראַליי שרייבט:

„נאָך א שטרענגער אונטערזוכונג קען מען קוים געפינען אז וואסער־עס־איז פון די פילע בירגער־קריגן, פון וועלכע די געשיכטע דערציילט אונדז, איז אויסגעבראָכן בלויז פון די אָפענע מיסברויכונגען אין דער רעגירונג... פון דעם פאָלגט, היוצא, אז די כיטרעריי וואָס איז אָנגע־

ווענדט געוואָרן לגבי אייניקע שוואַכע מענטשן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט אנדערע און וועלכע זיינען באַצוואונגען געוואָרן פון דעם רייכטום און אויטאָריטעט פון אייניקע זייער אַמביציעזע פּערזאָנען, איז דער הויפּט קוואַל פון אַלע בירגערלעכע בלוט־בעדער.″ (34)

דער ציטירטער מחבר טראַכט אין טערמינען פון פּערזאָנען און זייערע קעגנזייטיקע פאַרהעלטענישן, בשעת מיר באַהאַנדלען די־דאָזיקע ענינים ווי אויפשטאַנדן, רעוואָלטן, בירגער־מלחמות פון אַ קלאַסן־שטאַנד־פונקט. אבער ער דריקט אויס דעם אייגענעם געדאַנק, נעמלעך, אַז ווען מיר געפינען די מאַסן היגערריסן פון אַ שטרייט, מעגן מיר כמעט תמיד זיין זיכער אַז מיר וועלן געפינען עמיצן וועלכער שטייט אויסער זייערע רייען און ער פירט זיי, וועקט זיי אויף, גיט זיי אונטער חשק. דער צוזאַמענבראַך פון דעם אַלטן רעזשים קומט אַלעמאָל פאַר אונטער דעם קראַך און קנאַל פון באַשולדיקנקידער און שטראַשנדיקער פּראָזעאָלאָגיע, וועלכע ווערט באַגלייט מיט אַ פאַרבלענדענדיקן שיין פון ראַקעטן און פייער־קונצן פון צום הימל אַרויפשיסנדיקע הבטחות און פאַר׳שיכור׳נדיקע וויזיעס. די צוזאָגונגען ווערן געגעבן צו דעם המון־עם פון די געפירטע. די הבטחות זיינען אַלע אויף דעם חשבון פון דער נאָענטער און ווייטער צוקונפט, און די שטרענגע באַשולדיקונגען און בייסנדיקע קריטיק איז אַלץ אויפן חשבון פון דער קעגנוואַרט.ביידע מיטלען ווערן געברויכט אַלס בייטשן מיט וועלכע מ׳טרייבט די מאַסן צו אַקטיוויטעט.

נאָך דעם פּעריאָד פון צעשטערונג קומט די צייט פון אויפבויאונג. איצטער הייבט זיך אָן די שווערע אַרבעט פון איינסליוזען די צעבושעוועטע וואַסערן. די צעשמאַיעטע שטראָמען, די פאַרפּלייצנדיקע טייכן מוז מען צוריק אַריינבערענגען אין זייערע נאָרמאַלע ברעגעס, מ׳מוז זייערע וואַסערן אַראָפּדריקן צו דעם פאַרדעמדיקן ניוואָ. ווי נאָר די בויאונג־אַרבעט הייבט זיך אָן אַזוי גלייך באַווייזן זיך, דייטלעך אָפּגעצייכנט, אויף דעם סאָציאַלן עקראַן די סילועטן פון די אונטערטרייבער און אויפזעער. וואָלטן ווירקלעך די רעוואָלטירנדיקע מאַסן געווען דער טרייב־כוח פון דעם נייעם רעזשים — און ניט ווי דער פאַל איז די איניציאַטיווע מינדער־הייט, דער נייער אויפקומענדיקער קלאַס, וועלכער באַלעבט און אָרגאַ־ניזירט די מאַסן — וואָלט אין דער צייט פון איבערגאַנג, אין דעם שווערן מאָמענט פון אָנהייבן דעם נייעם קורס פון קאָנסטרוקטיווער אַקטיוויטעט, אויסברעכן אַ פרישע סאָציאַלע ערדציטערניש. די נייע אומצופרידנקייט פון די מאַסן וואָלט פאַראורזאַכט אַ נייע אויפטרייסלונג

און ארויסגערופן א „פּערמאַנענטע רעוואָלוציע.״*) מחמת די אנטוישונגען פון די מאַסן, זייער אַנטלויפן פון רעוואָלוציאָנערן פראָנט, זייער מאַכן פליטה, זייער אָפּציען, ווייזט זיך ארויס בשעת מ׳נעמט אריבערגיין פון דער פאַרניינונג צו דער באַיאָונג. אָבער דעם שטורם מאַכן ניט די ברויזנדיקע כוואַליעס, נייערט דאָס בלאָזן פון ווינט; און די כוואַליעס, ווי נאָר דער ווינט ווערט שטילער, באַרואיקן זיך, ווערן שאַ־שטיל און קושן מיט הכנעה פון קנעכט די פיס פון די פעלזנשטיינער, וועלכע זיי האָבן געשמיסן, א מינוט פאַר דעם, מיט אזא רוגזא און חמה, קעגן וועלכע זיי האָבן זיך אזוי געקאָכט און געזידט. די כוואַליעס ווערן איינגעטאמעוועט, הגם זייער קנאַלן און שאַלן טראָגן זיך נאָך אויף די פליגלען פון א רעקאַרדירטן עכאָ. זיי צעשמעטערן די שטילקייט פון דער לופט. זיי וואַרפן אָן א פּחד אויף די ניט־איבערגעשפּיצטע. אבער די „יודעי־חן״ שרעקן זיך ניט פאַר די פּוסטע גוואַלדן. די מאַסן בלייבן אָן אַן אָנפירנדיקן קלאַס. זיי זיינען דערצאָרנט, אדער ווי די נאאיוויסטן דריקן זיך אויס, זיי זיינען אָפּגע־נאַרט, פאַרראַטן, באשווינדלט — אבער זיי זיינען אימפּאָטענט און זייער צער און צאָרן איז סטעריל. זייער עקר׳דיקע אנטוישונג קריגט איר אויסדרוק אין בלויזן מורמלען, קאַפּריזעווען, זיך באַקלאָגן, באַוויינען זייער בידנע דאָליע. זייער קנאה־שנאה איז ווי א קרקע־בתולה — אמאָל געדולדיק, אמאָל אומגעדולדיק בונטאַריש, אבאָרטיוו־רייאָטיש — זי ליגט און וואַרט אויף דעם אָנקום פון א נייעם פירער־קלאַס, וועלכער וועט זיין בכוח צו פערטיליזירן זייערע אקומולירטע טענות־און־מענות, באַפרוכפּערן זייערע פאַרדרוסן און פירן זיי צו נייע קאמפן — און נייע אנטוישונגען. די אומשטירצונג פון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג שיקט פאָרויס דעם אויפקום פון א פּראָספּעקטיוון הערשער־קלאַס. און דאָס פאַרגיין אין שוואַנגערשאַפט, פורעמען דעם עובר, טראָגן און אויס־טראָגן דעם רעוואָלוציע־עופעלע אין דער טראכט פון דער געמיינשאַפט נעמט א היפּשע ביסל צייט. ניט אלע ניין חדשים, ניט יעדן יאָר ווערן נייע קלאסן געבוירן... די געשיכטע איז ניט אין איילעניש. און זי

*) מארקס דריקט זיך אויס: „זייער מלחמה־רוף מוז זיין: די רעוואָלוציע אין פּערמאַנענץ.״ (35) די מעשה איז אָבער אזוי: א רעוואָלוציע לויט איר נאַטור נאָך איז ניט און קען ניט זיין קיין פּערמאַנענטער ענין. דאָס אָנשרייען אויף איר אָדער גלאַט שרייען אין דער וועלט אריין וועט זי ניט צווינגען צו בייטן איר נאַטור. טראָצקי האָט זיך אָנגעכאפּט אָן אָט־דער פראַזע פון מאַרקסן און ער האָט געוואָלט אויפבויען אויף דעם אַ גאַנצע טעאָריע. די פראַזע איז ניט מער ווי אַ פּוסטע פראַזע, און טראָצקיס טעאָריע איז דעריבער געווען פאַר׳משפּט צו בלייבן ריינע פראַזעאָלאָגיע, שייך־ריידעריי און פּיין־שרייבעכץ אָן קיין שום וויסנשאַפטלעכן גרונט.

קעלבט זיך ניט אַזוי אָפט, ווי אַנדערע מיינען. רעוואָלוציעס קומען פֿאָר נאָך לאַנגע אינטערוואַלן.

עס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך אַז די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע אומוואַלצונגען ברענגען מיט זיך מער ווי בלויז איבערטאַשירונגען אין דעם פּערסאָנאַל פון דעם דירעקטירנדיקן קאָלעקטיוו. מאָדיפיקאַציעס און שינויים פון גרויסן באַדייט ווערן דורכגעפירט. די באַדינגונגען פון לעבן און אַרבעט מאַכן אַדורך אַ טראַנספאָרמאַטיוון פּראָצעס. לכתחילה ווערן זיי באַגלייט מיט אַן אָנפאַנגלעכן אַראָפּזינק פון די לעבנס־סטאַנדאַרטן. אָט דער אַראָפּזינק ווערט קאָמפּענסירט דורך אַ שפּעטערדיקן אַרויפשטייג, וועלכער וועט אַריבעריאָגן אַלע פאַרדעמדיקע מאַרקירונגען. רעוואָלוציעס בדרך כלל רעגיסטרירן, נאָך אַ לענגערער צייט, אַ פאַרגרעסער אין דער סומע פון די קאָמפּאָרטן, וואָס די מאַסן געניסן, פון די פּראָדוקטן וועלכע עס קריגן און פאַרברויכן די ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. מיר באַאָבאַכטן אַן אַבסאָלוטן אַרויפהייב פון דעם ניוואָ פון וואוילשטאַנד און אַ פאַרהעלטעניסמעסיקן אַראָפּפאַל, אַ רעלאַטיווע פאַרערגערונג פון די באַדינגונגען. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז די דיסטאַנץ, וועלכע ליגט צווישן די העכערע און נידעריקערע פלאַסטן ווערט פאַרגרעסערט און פאַרברייטערט. ווי געזאָגט, דער ניוואָ פון וואוילשטאַנד פון די מאַסן הייבט זיך אויף, אָבער אין פאַרגלייך מיט די אַפּעטיטן, די פאַרלאַנגען, וועלכע ווערן סטימולירט פון זייער ווילן נאָכצוטאָן, וועלכע ווערן צעוואַרימט פון די צוזאָגונגען און פאַרשאַרפט און פאַרשפּיצט פון קנאה — זינקט ער אַראָפּ אַלץ נידעריקער און נידעריקער. מיט אַנדערע ווערטער, די דיפערענציאַציע צווישן די שיכטן, די דיסטאַנץ צווישן דעם באַפעלנדיקן אויבן און דעם פאָלגנדיקן אונטן, ווערט כסדר גרעסער, טיפער און ברייטער. מיר וועלן געברויכן אַ סטערעאָטיפּישע פאָרמולע, וועלכע פּרעטענדירט ניט אויף מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט:

די פאָדערונגען פון די מאַסן פאַרמערן זיך אין אַ געאָגראַפישער פּראָפּאָרציע, בעת די מעגלעכקייטן פון זייער באַפרידיקונג פאַרגרעסערן זיך אין אַן אַריטמעטישער פּראָגרעסיע. אַזוי אַז וואָס ווייטער מיר באַוועגן זיך אַלץ ברייטער צעשיידן זיך די עקספּעקטאַציעס פון די רעאַליזאַציעס. אָט־דער פאַנאַנדערגאַנג פון די וואונטשן און די דערגרייכונגען וועלכער איז פּראָפּאָרציאָנעל, ביז צו אַ געוויסן גראַד, צו דעם מרחק, וועלכער ליגט צווישן דעם אויבן און אונטן אין דער געזעלשאַפט, דינט אַלס אומאויסשעפּלעכער קוואַל, פון וואַנענט עס שפּרודלען אַרויף די אומרוען.

דאָס איז דער אומאויסלעשבאַרער וואולקאַן פון וועמענס קראַטער מ׳דאַרף דערוואַרטן די צוקונפטיקע רעוואָלוציאָנערע פייער־שפּיאונגען און לאַווע־אויסגוסן.

וואָס מער פאַרשטענדעניש פאַר אָט־די סאָציאַלע דערשיינונגען עס ווערט פאַרשפּרייט צווישן די מאַסן און דער אינטעליגענציע — וועמענס עם־הארצות בנוגע סאָציאַלע ענינים קאָנקורירט שטאַרק מיט דער אומ־וויסנהייט פון די פינצטערע מאַסן — אַלץ גלאַטער און רואיקער וועט פליסן דער שטראָם פון סאָציאַלן לעבן, און אַלץ נענטער צו דער ליניע פון ווירקלעכע מעגלעכקייטן און ניכטערע רעאַליטעטן וועלן זיך האַלטן די סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָרישע פּראָיעקטן. זיי וועלן אויסמיידן די אוטאָ־פּיסטישע עקסצעסן און זייערע אומפאַרמיידלעכע באַגלייטער — בלוט־בעדער.

דעם שפּיץ פון דער פּיראַמידע פון סאָציאַלן בנין קען מען בשום אופן ניט אָפּהאַקן, סיידן פאַר א קורצער ווײַלע פון אן איבערגאַנגס־פּעריאָד און מיט דער דייטלעך אויסגעשפּראָכענער כוונה אויפצוהייבן דעם אַפּעקס נאָך העכער אַזוי, אַז ער זאָל מיט דער צייט טורעמען העכער פון דעם וועלכן מ׳האָט אראָפּגענומען. די סאָציאַלע דיפערענציא־ציעס וועלן תמיד זיין מיט אונדז. עס האַנדלט זיך בלויז וועגן א דעטאַל, וואָס זאָל דינען אלס איר אַנטפלעקונג און ווען און אין וועמען זאָל זי זיך מאַניפעסטירן. ווייטער, מיר דאַרפן באַגרייפן, אַז מיר זיינען אַזוי בכוח אָפּצושטעלן דעם איבערשיכטונג־פּראָצעס, וועלכער מוז פאָרקומען אין באַשטימטע צייטן, ווי מיר זיינען אימשטאַנד צו באַפעלן דעם ים ער זאָל אויפהערן צו קאַטשען זיינע כוואַליעס, שיקן זיינע וואַלן קעגן די האַרצלאָזע פעלזן און אינערטישע ברעגן. דער דערפאָלג פון די היסטאָריש סאָלידע באַוועגונגען איז פאַרזיכערט. די פּראָגרעסיוו־אָפּענ־סיווע כוחות קען קיינער ניט צוריקשלאָגן. קיין רעאַקציאָנערער וואָפן אין דער וועלט קען גאָרניט טאָן קעגן די אָנגרייפנדיקע אגרעסיווע פאָר־אויסגייענדיקע קרעפטן. אָבער מיר מוזן האַלטן אין קאָפּ, אַז בכדי איינצופירן א נייעם איינשטעל פאָדערן זיך נייע פרישע ענערגיעס און אַגענטן, נייע לייטנדיקע גייסטער. א נייער קלאַס מוז זיין צוגעגרייט צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם אַלטן, ער מוז שטיין מוכן־ומזומן אָנצוגיין מיט דער אַרבעט פון פירערשאַפט, פון אָרגאַניזאַציע. גלאַט אַזוי זיך רעוואָלוציאָנערע אויפברויזונגען, בונטאַרישע אויפשטורעמענישן, רעכנונגלאָזע פּוטשן זיינען אַרויסגעוואָרפן, אומזיסטע מי, א ברכה לבטלה.

הענרי טהאָמאס באַקל שרייבט:

„אויפשטאַנדן זיינען בכלל אומגערעכט. רעוואָלוציעס זיינען אַלעמאָל גערעכט. אַן אויפשטאַנד איז צו אָפט דער משוגענער און ליידנשאַפט־לעכער אָנשטרענג פון אומוויסנדיקע פּערזאָנען, וועלכע ווערן אומגע־דולדיק צוליב וועלכער־עס־איז אוממיטלבאַרער באַליידיקונג, און זיי נעמען זיך ניט די מי אויסצופאָרשן אירע ווייטע און אַלגעמיינע סיבות, אָבער אַ רעוואָלוציע... איז אַ פּראַכטפולער און אימפּאָזאַנטער ספּעקטאַקל, מחמת צו דער מאָראַלער אייגנשאַפט פון אויפגעבראַכטקייט, וועלכע ווערט אַרויסגערופן פון דער אָנוועזנהייט פון אַ שלעכטס, ווערן צוגעגעבן די אינטעלעקטועלע אייגנשאַפטן פון פאָרויסזיכט און קאָמבינירונג.” (36)

די פראַגע איז בלויז ווי אַזוי צו דערקענען, ניט לאחר־המעשה, נאָר קודם למעשה צי דער רעוואָלט וועט בלייבן אַן אויפשטאַנד און ניט מער, צי ער וועט אויסוואַקסן אין אַ מעכטיקער רעוואָלוציע. נאָכאַלעמען מוז דאָך אַ רעוואָלוציע מיט עפּעס און וואו־עס־איז און ווען־עס־איז אָנהייבן. און זי קען ניט אָנפאַנגען אַנדערש ווי מיט אַן אויפשטאַנד. און עס מוזן דאָך פאָרקומען אייניקע אומגעלונגענע מרידות אַלס פּראָבעס איידער איינע גיט זיך איין און זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ רעוואָלוציע.

פראַנקלין ה. גידדינגס שרייבט:

„אַן אומגעלונגענע רעוואָלוציע איז אַ רעוואָלט און אַ דערפאָלגרייכער רעוואָלט איז אַ רעוואָלוציע.” (37)

די־דאָזיקע באַהויפּטונג איז צו פּראַקטיש. זי אורטיילט פון די מסקנות צוריק צו די גרונטלאַגן, פון סוף ווייסט זי דעם אָנהויב. אַ רעוואָלוציע איז אַ גאַנצע סעריע פון אויפשטאַנדן וועלכע צום סוף שטעלן זיך אַרויס צו זיין דערפאָלגרייך. אָבער פאַרוואָס זיינען רעוואָלוציעס דער־פאָלגרייך? אונטער וועלכע אומשטענדן קענען זיי זיין געקרוינט מיט הצלחה?

דער אונטערשייד פון אַן אויפשטאַנד און אַ רעוואָלוציע סאָציאָלאָגיש אויפגעפאַסט באַשטייט אין דעם: אַ רעוואָלוציע איז אַן אונטערנעמונג וואָס ווערט דורכגעפירט פון אַ קלאַס, וועלכער האָט שוין דערגרייכט צו אַ געוויסער שטופע פון צוזאַמענגעבונדנקייט און סאָלידאַריטעט; אַ רעוואָלט, ווייטער, איז אַן אַקציע פון העלדישע אינדיווידן, מיטגלידער פון אַן אויפקומענדיקן קלאַס. יעדע רעוואָלוציע ווערט באַגלייט פון אַ סעריע פון בונטן און אויפשטאַנדן אַזוי גוט ווי זי ווערט אונטערגעפירט און פאָרויסגעגאַנגען פון אַ גאַנצער ריי פון מרידות און רעוואָלטן.

אומפּאַראַנטוואָרטלעכע העצונגען, אויפּרייצונגען צו איבערקערענישן זיינען די פּאַרגיפטיקטע פּירות פון נאַאיוויזם. בונטאַרישער אַוואַנטוריזם איז א רעזולטאַט פון א מיספאַרשטענדעניש בנוגע דעם עצם ענין פון דער רעוואָלוציע־דערשיינונג אלס א נאַטירלעכן פענאָמען פון קלאַסן־טויש אינערהאַלב די גבולים פון א דעפיניטיווער פּאָליטישער איינהייט.

אבערגלויבעריי, וואו זי זאָל זיך ניט געפינען, צי אויף דעם געביט פון רעליגיע צי אין דעם פעלד פון סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָרישער פּראַק־טיק, איז תמיד רעאַקציאָנער ביז צו דעם קליאַק פון די ביינער, הגם זי געברויכט גאַנץ אָפט אָרכי־רעוואָלוציאָנערע און פּראָגרעסיווע פראַ־זעאָלאָגיע.

VI

# קריסטנטום און ניטצשע

ווען מיר ווארפן אַ בליק אויף דעם קריסטנטום, אַנטדעקן מיר גלייך אַ ווידערשפּרוך צווישן דאָס פריידיקן און האַנדלען. קריסטנטום איז אן אויסגעצייכטער „נאה־דורש", אבער ווען עס קומט צו מקיים זיין איז ער שוין גאָרניט אזא מהודר. דערפאַר טאקע האָבן אים זיינע אָפּאָנענטן געבראַנדמאַרקירט אלס „די אָרגאַניזירטע צביעות". ניט איין פּיקח האָט זיך לוסטיק געמאכט אויף זיין חשבון. צווישן די ביטערע אָפּשפּע־טער פאַרנעמט דעם אויבנאָן דער שאַרפצונגדיקער העגריך היינע. ער האָט ארייגעלייגט זיין גאַנצן געווירצטן סאַרקאַזם אין די באַרימטע ציילן: „איך קען דאָס ליד, איך קען דעם פאַרפאַסער, זיי טרינקען ווייץ און פריידיקן וואַסער"...

די אַפּאָסטאָלישע פּראָפּאַגאנדע פון קריסטנטום אין דער יעוואַנגע־לישער פּרימיטיוויטעט איז אזוי געשיקט מאַניפּולירט און אזוי קלוג אַנגעפירט געוואָרן, אַז דעם קריסטנטום האָט זיך איינגעגעבן אָפּצונאַרן אזא גרויסן בעל־מוח ווי ניטצשע איז זיכער געווען. די פאַרשטעלעניש, די מאַסקירונג האָט אויסגעזען אזוי נאַטירלעך, אזוי אמת'דיק, אז ניטצשע האָט זי אָנגענומען פאר דעם ריכטיקן פּרצוף־פּנים.

ער האָט גאנץ געשמאק אָנגעזידלט דעם קריסטנטום. ער האָט אים סטיגמאַטיזירט אלס „די מאָראַל פון די שקלאפן". ער האָט אים באַ־צייכנט אלס אַ פּראָדוקט פון דעקאָדענץ.

אין „אַנטי־קריסט" שרייבט ניטצשע בזה הלשון:

„דער קריסט און די אַנאַרכיסטן זיינעןביידע דעקאַדענטן; זיי זיינען ביידע אומפייאיק צו האַנדלען אויף אן אנדער אופן ווי בלויז דיסאיג־טעגרירנדיק, פאַרגיפטנדיק און פאַרדאַרבנדיק, פונקט ווי די בלוט־זויגער... קריסטנטום איז געווען דער וואַמפּיר פון דער רוימישער אימפעריע." (1)

לויט מיין פאַרשטאַנד, שטעלט דער קריסטנטום פאָר מיט זיך די מאָראַלע קאָנצעפּציעס פון די יעניקע שקלאפן, וועלכע האָבן זיך געגרייט

צו ווערן הערשער, וואָס זיי זיינען טאַקע, אביסל שפּעטער, געוואָרן. דער קריסטנטום איז די אידעאָלאָגיע פון די יעניקע פּראָספּעקטיווע האַרן, וועלכע האָבן געוואוסט ווי אזוי אויסצונוצן די שקלאַפן, ווי אזוי צו אפּעלירן צו זייערע פאַרלאַנגען, בייגונגען, ווי אזוי אויסצואַרבעטן אזא סיסטעם פון מאָראַל, וועלכע וואָלט קענען דינען אַלס א צוצי־קראַפט פאַר די באַדרענגטע און פאַרשקלאַפטע. אַט דער אַקט פון רעקרוטירן די שקלאַפן, ארייַנקריגן זייערע סימפּאַטיעס, איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אזויפיל געשיקטקייט און געניטקייט, אז אפילו אזא טיפער דענקער ווי ניטצשע איז געכאַפּט געוואָרן אויף דער ווענדקע פון פּראָפּאַגאַנדע. ער האָט געאורטיילט פון דעם קריסטנטום לויט דעם לעצטנס ווער־טערלעכן אויסזען. ער האָט גענומען ערנסט און אויבערפלעכלעך די אַגיטאַציאָנעלע פּראַזעאָלאָגיע.

דער קריסטנטום האָט באוויזן צו באַזיגן גאַנץ אייראָפּע, דעם טייל פון דער וועלט וועמען עס איז באַשערט געווען צו ווערן, — זיכער ניט אָן דעם איינפלוס פון דעם קריסטנטום—דער עכסט ציוויליזירטער פלאַץ. זיין קאָלאָסאַלן זיג האָט ער צו פאַרדאַנקען דעם אומשטאַנד וואָס זיין רעטראָגרעסיע, זיין צוריקשריט איז געווען פון א סוביעקטיוון כאַראַק־טער, בשעת זיינע פּראָגרעסיווע שריט זיינען געווען פון אַן אָביעקטיוון כאַראַקטער. די „בשורה טובה‟, דער יעוואַנגעליום, ווען ער האָט פּראָ־קלאַמירט, צו געבורויכן א מאָדערנעם פּאָליטישן זשאַרגאָן, די דיקטאַטור פון די קבצנים אין קערפּער, גייסט און קעשענע, האָט געהאַט אין זינען, האָט זיך באַמיט איינצופירן א דיקטאַטור פון די רופאים פון די קער־פּערליכע, גייסטיקע און עקאָנאָמיש־פּאָליטישע מיחושים, די דיקטאַטור פון די „מענטשן־כאַפּער‟, פון די פירער. און דער פירער פון די פירער, דער בן־אדם, דער אויסלייזער, איז דערהויבן געוואָרן צו דער דרגאַ פון אַ גאָט.

דהורדזשאַטי פּראַזאַד מוקערדזשי אין זיין ווערק „פונדאַמענטאַלע השגות אין סאָציאָלאָגיע‟ שרייבט:

„די אידייען פון די ערשטע קריסטנטום־טאָטעס זיינען ניט פאַר־ווירקלעכט געוואָרן, מחמת אזא פאַרווירקלעכונג וואָלט זיך ווענדן אָן דעם אריינמישן זיך פון א דריטן צד פון מענטשן, וועלכע האָבן געקראָגן זייער מאַכט פון איין מענטשן, וואָס האָט געהאַלטן דעם שליסל צו דעם איבערוועלטלעכן קיניגרייך. די הויפּט־אויטאָריטעט האָט געהערט צו דעם אַפּאָסטאָלישן נאָכפאָלג.‟ (2)

דער דורכפאַל פון קריסטנטום דערקלערט זיך ניט דורך דער שולד פון געוויסע פּערזאָנען אָדער פון „א דריטן צד פון מענטשן‟. רעליגיע

בכלל אלס אזעלכע איז אריסטאָקראַטיש, און איבערהויפּט נאָך דער קריסטנטום. גאָט איז אַן אַריסטאָקראַט... דער זון פון גאָט אנטהאלט אין זיך דעם פונדאַמענטאַלן באַגריף פון אַן ערבלעכער יחוס־אַריסטאָ־קראַטיע... דעם פּלאַן פון אַן אויסלייזונג וועלכן עס פירט אדורך אַן אויסלייזער האָט אויסגעלייזט דעם קריסטנטום, ריכטיקער, דעם יעוואַנ־געליום, פון זיין רעאקציאָנערן כאַראַקטער, פון זיין נאַריש־נאַאיוון דע־מאָקראטיזם, וועלכער איז דערפירט געוואָרן אין דער „בשורה טובה" צו דעם אבסורד פון שטעלן דעם שוטה איבער דעם חכם, דעם עם־הארץ איבער דעם געלערנטן, דעם קראנקן איבער דעם געזונטן. דער יעוואַנ־געליזם פּראָקלאַמירט דאָך לכאורה די דיקטאַטור פון דעם דרייפאַכיקן פּראָלעטאַריער, וועלכער איז ניט נאַר אַן פּארמעגן, נייערט אויך אָן לייב און לעבן, אָן געזונט, אָן פאַרשטאַנד און אָן וויסן.

ווי בעווערידזש אין דער „ענציקלאָפּעדיע פון רעליגיע און עטיק" שרייבט:

„עס קען כמעט קיין ספק ניט זיין אז דער נאָמען (אביאַאָנים) (אביונים) איז גענומען פון העברעאיש... לכתחילה איז עס געווען א צונעמעניש, וועלכע די אידן האָבן זיי געגעבן בכדי צו באַצייכענען די יעניקע וואָס האָבן אָנגענומען דעם גלויבן פון ישו דעם משיח און האָבן, באמת, געהערט צו די אָרימע קלאסן." (3)

מ'דארף אפילו ניט אָנקומען צו דער השערה פון אַן איבעררופעניש־נאָמען. די זאך איז פשוט בתכלית. עס איז געווען א באוועגונג פון קבצנים און דלפנים, פון די פּראָלעטאַריער פון יענע צייטן, וועלכע האָבן זיך גערופן „אביונים", פּונקט ווי די היינטיקע פּראָלעטארישע פּאָליטישע פאַראייניקונגען רופן זיך „ארבעטער פּארטייען". די אביונים האָבן זיך געהאלטן אָן דעם אַלט־אָרטאָדאָקסישן פארשטיין פון קריסטנטום אלס א „בשורה טובה", אלס א לעבנס־לערע. זיי זיינען געווען קעגן דער קאַטוי־לישער קירך מיט איר ריין־גייסטיקן סימבאָליש־מיסטישן אויסטייטש פון די אולטרא־דעמאָקראטישע שטעלן פון יעוואנגעליזם. זיי האָט פּאַר־דראָסן דער אָפּווייך פון דער ערשטער ריכטיק־אָנגעצייכנטער ליניע. זיי האָבן פאַרדאַמט דעם אָפּקער פון דעמאָקראטיזם און אוועקקער צום אַריסטאָקראַטיזם. זיי זיינען געווען, צו געברויכן א היינטצייטיקע אַנאַ־לאָגיע, עפּעס א מין „ארבעטער־אָפּאָזיציע". זיי האָבן געפאָדערט פון קריסטנטום, אז ער זאָל האַלטן זיינע עקאָנאָמיש־פּאָליטישע הבטחות און ער זאָל ניט פארקירעווען אויפן וועג פון מיסטיציזם און ספּירי־טואַליזם און אזוי ארום, דורך א הינטער־טירל מאַנעוורע, שליסן א בונד

מיט די עקאָנאָמיש און גייסטיק רייכע, מאַכן א יד־אחת מיט די פּאָליטיש מעכטיקע, מיט די הערשער און געוועלטיקער.

ע. וו. צענקער שרייבט:

מ׳דאַרף ניט פאַרגעסן, אז דער קריסטנטום איז געווען לכתחילה א פּראָלעטארישע באַוועגונג... אין די שפּעטערדיקע צייטן, ווען די קירך האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין, הויפּטזעכלעך, א פּראָלעטארישע באַוועגונג און ווען דער קריסטנטום איז ארויפגעשטיגן פון די קאַטאַקאָמבן צו דעם קיניגלעכן פּאַלאַץ און טראָן, האָבן די האָפענונגען פון די אָרימע לייט און די אונטערדריקטע פאר דעם דערגענטער פון דער טויזנט־יאָריקער מלכות פאַרלאָרן זייער אומשולדיקן כאַראַקטער און ׳מילעניאַליזם׳ איז געוואָרן פון זיך אליין אן אפּיקורסות.״ (4)

גאַנץ נאַטירלעך, דאָס הימל־קיניגרייך האָט געמיינט, אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער קריסטנטום־באַוועגונג, עפּעס ממשות׳דיק־פּאָליטישעס. די מלכות־השמים האָט געמיינט די אומשטירצונג פון דעם האַרן־רעזשים און דעם איינפיר פון א דיקטאַטור פון די שקלאַפן, פון די אביונים. משיחיזם ביי אידן האָט אָנגעהויבן מיט דער אידייע און אויפגאַבע פון דער באַפרייאונג פון אידישן פאָלק פון אונטערן יאָך פון זיינע באַדרענגער, אָבער אָט־דער משיח, ישו, האָט ניט אויסגעפירט זיין שליחות, זיין נאַציאָנאַלע שליחות און ער איז גאָר געשטאָרבן אויפ׳ן קרויץ. ער האָט גאָרניט געקענט אויפטאָן פאר דער אויסלייזונג פון זיין אייגענעם פאָלק. די שטרעבונג צו באַפרייען אן שהיות דאָס אידישע פאָלק האָט מען געדאַרפט אויפגעבן. די לאַגע איז געווען האָפענונגסלאָז. א יאוש האָט ארומגעכאַפּט די געמיטער. דעמאָלט האָט פיל געשאַפן די אידייע פון א קריסטוסן, פון אן אינטערנאַציאָנאַלן, אוניווערסאַלן משיח, וועלכער דאַרף קומען באַפרייען ניט בלויז איין פאָלק, נייערט די גאַנצע מענטשהייט, אלע אונטערדריקטע. פיל האָט פאַרוואַנדלט דעם נאַציאָנאַלן משיחיזם אין א קלאַסן־משיחיזם. משיחיות האָט טאַקע אָנגעהויבן בניחותא אלס א לאָקאַל נאַציאָנאַלע באַשטרעבונג און באַוועגונג. זי איז אָבער, א דאַנק איר דורכפאַל אויף דעם קלענערן מער קאָנקרעטן מאַסשטאַב, אריבערגעגאַנגען די ענגע נאַציאָנאַלע גבולים. אויב באַנקראָטירן, דורכפאַלן קען מען דאָך עס טאָן אויף אן אומגעהויערן קאָלאָסאַלן פאַרנעם. ניט ישראל אליין נויטיקט זיך אין א גואל־צדק. די מענטשהייט אלס א גאַנצע, די גויים דאַרפן אויך האָבן א משיח, אויב ניט קיין נאַציאָנאַלן איז א קלאַסן־משיח. צווישן די הערשנדיקע, געוועלטיקענדיקע פעלקער געפינען זיך אויך אידן, ד. ה. אונטערדריקטע באַ׳עוולה׳טע שיכטן וועלכע דאַרפן האָבן א

משיח ניט ווייניקער ווי די אידן. די אידייע וועלכע איז אויסגעוואקסן אויף דעם אידישן באָדן קען ווערן איבערגעפלאנצט אויף א פרעמדן באָדן. דער געוויקס וועט זיך לייכט אקלימאַטיזירן. די לערע מכוח דעם מילעניום, מכוח דער גאולה, האָט געהאט אַ סאָציאלן, און עקאָנאָמיש פּאָליטישן אונטערגרונט. אבער די „אויסלייזונג" וועלכע האָט זיך ניט מאַטעריאליזירט אויף דעם נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב האָט נאָך ווייניקער שאַנסן געהאט פאר פארווירקלעכונג אויף דעם אוניווערסאל־גראַנדיעזן מאַסשטאַב. אויב דער אידישער משיח איז ניט געקומען פאר די אידן איז ער זיכער ניט געקומען צו די ניט־אידן, די צווייטע אויפגאבע, דורכצופירן ווי געהעריק, איז מעיקרא געווען אן אוממעגלעכקייט. און די קירך ווערנדיק פּאָפּולער, קריגנדיק א סך אָנהענגער האָט גענומען — צום אָנהייב אומגערן, שעמעוודיק, דערנאָך גערן, חוצפה׳דיק, — פאַרלאָזן די קבצנים מיט זייערע צעהיצטע האָפענונגען־דערוואַרטונגען, מיט זייער אומגעדולד און מאַטעריאַליסטישן אויסטייטש פון דעם קריסטנטום און האָט זיך גענומען „פּאַגי־בראַטן" מיט די רייכע און שטאַרקע, וועלכע האָבן געהאט זייער משיח אדער, ריכטיקער, האָבן געקענט געדולדיק וואַרטן אויף זיין צווייטן אָנקום, וועלכער איז זיי ווינציק וואָס אָנגעגאנגען. דעמאָלט זיינען די אלטע אָרטאָדאָקסישע אידייען און פאַרשטענדעניש פון דעם קריסטנטום גענומען באטראכט ווערן פון דער אָפיציעלער קירך פאַר אַפּיקורסישע, פאַר שעדלעכע. זיי זיינען געשאָפן געוואָרן אין א פאַרדעמדיקן פּעריאָד פון נידערגעשלאָגנקייט. זיי האָבן זיך שלעכט אריינגעפּאסט אין דעם געמיט־צושטאַנד וועלכער האָט רעפלעקטירט דעם נייעם מצב וועלכן די „טריאומפירנדיקע קירך" האָט פארנומען.

אנטאניא לאַבריאָלאַ אין זיין ווערק „סאָציאליזם און פילאָסאָפיע" שרייבט:

„דער קריסטנטום האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די נידערגעשלאָגענע, די ארויסגעוואָרפענע, די פלעביייער, די שקלאַפן, די פארצווייפלענדיקע מענגעס פון יענע גרויסע שטעט." (5)

לעאָן לעוויסאָן שרייבט:

„צו די אָרימלייט איז דער קריסטנטום געקומען מיט א בשורה פון האָפענונג, אבער דער אָפּגרונט צווישן די אָרימע און רייכע, מיט דער אַנטאָרטונג פון דער קירך, געניצט נאָך עד־היום." (6)

דער יעוואַנגעליזם האָט אפּעלירט צו די שקלאַפן, צו די אביונים, צו די נידעריקסטע פון די נידעריקע, צו דעם דריי־בונד, דעם חוט־המשולש פון אָרימקייט אין געזונט, גייסט און סאָציאלן סטאַטוס. אבער

צו דער זעלביקער צייט האָט ער אויפגעהויבן ביז אין הימל אריין די אַריסטאָקראַטיע פון גייסט, אין דער שפּיץ פון וועלכער עס איז גע־שטאַנען דאָס לעמעלע וואָס איז געווען אומשולדיק ווי אַ טויב און ליסטיק ווי אַ שלאַנג...

קארל מארקס שרייבט:

„די סאָציאַלע פּרינציפּן פון קריסטנטום האָבן גערעכטפערטיקט די שקלאַפעריי פון די קלאַסישע צייטן; זיי האָבן גלאָריפיצירט דעם מיטל־עלטערישן לייב־אייגנטום־רעזשים... די סאָציאַלע פּרינציפּן פון קריס־טנטום האָבן געפּריידיקט אַלע אייגנשאַפטן פון דער קאַנאַליע.״ (7)

בנוגע דער ערשטער באַהויפּטונג, וואָס מארקס מאַכט, אַז די סאָ־ציאַלע פּרינציפּן פון קריסטנטום האָבן פאַרטיידיקט די פּאָזיציעס פון די רייכע כנגד די אָרימע, קען מען בלויז זאָגן, אַז דאָס איז ניט אַלעמאָל געווען דער פאַל. דער אַפּאָסטאָלישער קריסטנטום איז געווען קאָמו־ניסטיש. אויך אין די מאָנאַסטירן האָט מען פּראַקטיצירט אַ געוויסן קאָמוניסטישן שטייגער. וואָס איז אָבער שייך „די אייגנשאַפטן פון דער קאַנאַליע״, פון „הינטישקייט,״ נעבאַכדיקייט, רעזיגנאַציע, הומיליאַציע איז דאָס געווען אַלעמאָל בלויז סימולאַציע, אַ צו־פלייסן. דער קריס־טנטום איז עכסט קאָמפּליצירט. ער איז שוין גאָרניט אַזוי פּשוט ווי ער זעט אויס צו זיין. ער אַנטהאַלט אין זיך צוויי עלעמענטן, ער איז אַ צוזאַמענגעשטעלטער פּראָדוקט. אָט־דער צווייפּאַכיקער כאַראַקטער פון דעם קריסטנטום איז אים בייגעשטאַנען און האָט אים געפירט פון זיג צו זיג. אין אַ משך פון יאָרהונדערטער האָט דער קריסטנטום געשפּילט אַ העכסט פּראָגרעסיווע ראָלע אין די אַנגעלעגנהייטן פון דער געזעלשאַפט. ער האָט געדינט ווי אַן אומאיבערגעריסענער רוף צו אַ אוניווערסאַלן שטאַט וואו עס וואָלט זיין בלויז „איין פּאַסטוך און איין טשערעדע.״(8) אַ קיניגרייך פון הימל״ אויף דער ערד, אַ פּאָליטישע צוזאַמענוואוינונג, וועלכע וואָלט זיך האַלטן אויף איבערצייגונגען, און ניט אויף לאָקאַל־געאָגראַפישע יסודות. קאַטאָליציזם האָט ווייניק וואָס געהאַלטן פון די ליליפּוטישע פּאָליטישע אייגהייטן, מלוכה׳שע איינטיי־לונגען און מדינה־מחיצות, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן פון די טאָפּאָגראַפישע באַדינגונגען. קאַטאָליציזם האָט אין פּרינציפּ אַנערקענט בלויז איין גרויסן פאַראיין פון פעלקער, פון פערזאָנען.

סטענליי אַלפרעד מעללאַר אין זיין ווערק „באַפרייאונג״ שרייבט:

„דער פאַקט פון מיין געבורט בינדט מיך צו צו אַ געוויסן סאָרט פון אַן אויסערלעכער וועלט, ער באַשטימט אין פאָרויס צו אַ געוויסער מאָס די באַדינגונגען פון מיין לעבן און צייכנט אָן די קאָנטורן פון מיין

ערדלעכער מערכה. די קייטן זיינען געשמידט פון שטאָל. איידער איך בין נאָך געבוירן געוואָרן האָט שוין אויטאָריטעט געפאָדערט זיין קרבן.״ (9)

אָט די קייטן זיינען פון פלייש און בלוט, אָבער זיי זיינען שטאַר־קער פון אייזן, ווייל זיי פּרעדעטערמינירן אונדז. דאָס איז דער אומגליק מיטן נאַציאָנאַליזם, ראַסיזם. ער שטעלט אוועק איבער מיר א הערשער, וועלכער איז עלטער פון מיר און, דעריבער, שטאַרקער פון מיר. איך קען ניט ארויסשפּרינגען פון מיין הויט. איך קען ניט אויסשפּייען מיין בלוט. איך קען ניט אויסטאָן מיין פליישענע קאַפּאָטע. און אָט־דער שטיקל „בשר ודם״ „דער לייב און ביין״, באהערשט מיך, אונטערדריאָכט מיך, געוועלטיקט איבער מיר, לאָזט מיך ניט אָפּ.

דער קריסטנטום האָט זיך באַמיט מיט כל־הכוחות צו צעררייסן אָט־די קייטן פון לייב. דער קריסטנטום האָט פּראָקלאַמירט די לערע מכוח דער צווייטער געבורט, דעם פּסיכאָלאָגישן געבוירן ווערן. (10) דער קריסטנטום האָט געפּריידיקט די אידייע אז דער מענטש, — דער יחיד, דאַרף זיך אליין געבוירן דורך אן אקט פון באקערונג, „פון וואַסער און גייסט״. דער קריסטנטום האָט געוואָלט באפרייען דעם מענטשן פון די לימיטאציעס פון ביאָלאָגיע, פון אָפּשטאַם, פון יחוס, פון ארויסקום.

דער קאַטאָליציזם האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך א געזונטע פאָרם פון קאָסמאָפּאָליטיזם. אָט־וואָס סען־סימאָן שרייבט: „מיר פילן אזא שטאַרקן ביטול פאַר די יאַרהונדערטער וועלכע מיר רופן דער ׳מיטל־עלטעריזם׳... און מיר שענקען ניט קיין אויפמערקזאַמקייט צו דעם פאַקט, אַז דאָס איז געווען די איינציקע צייט ווען די פּאָליטישע סיסטעם אין איראָפּע איז געשטאַנען אויף א סאָלידן גרונט, אויף א אוניווערסאַלער אָרגאַניזאציע.״ (11)

דעם דאָזיקן אויפטו פון א אוניווערסאַלער פאַראייניקונג דאַרף מען אוועקשטעלן אויפן קרעדיט פון קריסטנטום, פון קאַטאָליציזם.

ניטצשע דער פּריידיקער פון אַריסטאָקראַטיזם, דער אַפּאָסטאָל פון דער „בשורה טובה״ מכוח דעם אָנקום פון דעם נייעם מענטשן, פון דעם איבער־מענטשן, האָט פאַרזען דעם פאקט, אז דער קריסטנטום, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער האָט ארומגעפּראַנטעוועט אין דעם קאַמעלן־האָר מלבוש און האָט זיך געגערט מיט האָניק פון ווילדע בינען, איז געווען באמת די לערע מכוח דער אויבערמענשהייט. ווי טהאָמאַס קאַרלייל דריקט זיך אויס: „דער קריסטנטום איז דער העכסטער ביישפּיל פון אַ העלדן־קולט.״ (12). דער חכם ניטצשע האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון דעם מאַניער און אופן פון אויסדרוק וועלכע עס געברויכט דער

„נייער טעסטאַמענט". אַט דעם צווייִדייטיקן בוך דאַרף מען לייענען מיט גרויס פּאַרזיכטיקייט און מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז די ווערטער, וואָס ווערן דאָ געברויכט, האָבן אַלעמאָל אַן אונטער־קאָנאָטאַציע פון פשט, רמז און דרוש. דער קריסטנטום, דער יעוואַנגעליזם האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז די אידעאָלאָגיע פון די שקלאַפן, בשעת ער איז געווען, באמת, די אידעאָלאָגיע פון די פירער פון די שקלאַפן. דער קריסטנטום איז געווען די לערע פון די „באַפרייער", און, דעריבער, די נאַטירלעכע פּני און האַרן פון די באַפרייטע. די פּראָספּעקטיווע שקלאַפן־הערשער האָבן אוטיליזירט די אומצופרידנקייט פון די באַדרענגטע, און זיי האָבן געמאַכט פון איר א שטורמבאַק, מיט וועלכן זיי האָבן געבראָכן די הערשאַפט פון די געצנדינער, צעשמעטערט די פעסטונגען פון די פּאַגאַניסטישע אומאפּהענגיקע קליינינטשקע מלוכה'לעך. יעוואַנגעליזם אנטהאַלט אין זיך אַלע זוימען, פון וועלכע עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דער פּאַפּסטום אלס א גייסטיקע און פּאָליטישע אינסטיטוציע מיט דער שטאָלצער גראַנדיעזער פּרעטענזיע צו הערשאַפט און געוועלטיקייט, מיט אירע קאָלאָסאַלע געלעגנהייטן און מעגלעכקייטן פון אַן אוניווערסאַלער אָרגאַניזאַציע.

טהאָמאַס ערסקין שרייבט:

„אונטער דער קריסטלעכער דיספּענסאַציע אַט די וועלטלעכע קאַריערע געמאַכט פּאַמעלעכן, אָבער דייטלעכן, פּאַרשריט... מיט וועלכן פּאַנאַטיזם, אויב ניט מיט דער וואָרימער איבערגעבנקייט פון פרומע קריסטן, זיינען די ענגלישע פרייהייטן געראַטעוועט און געהייליקט געוואָרן ?" (13)

ניטצשע האָט פאַרגעסן, אָדער ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז מימיקריע ווערט פּראַקטיצירט פון אַלע סאָציאַלע גרופּירונגען (זע אבא גאָרדין, אידישער וועלט־באנעם ז"ז 59־56), אַז ווערבאַלע מימיקריע איז א זייער פאַרשפּרייטער פענאָמען, וועלכן מ'באַאָבאַכט אין סאָציאָלאָגיע אין איבערגאַנג־צייטן. ניטצשע אידענטיפיצירט דעם „פּעריאָד פון אַגיטאַציע" אין דעם קריסטנטום מיט דער גאַנצער לערע און פּראַקטיק. מ'דאַרף וויסן דעם פּרייז פון פּראָפּאַגאַנדע. זי זעצט אדורך א געוויסע פונקציע אין דער סכעמע פון זאַכן, נעמלעך, דאָס אויפהעצן פון די שקלאַפן קעגן זייערע הערשער מיט דעם דייטלעכן, אָבער ניט אויסגעשפּראָכענעם, מיין, גיכער, מיט דער פאַרהוילענער כוונה, אוועקצושטעלן אין זייער שפּיץ בייע הערשער, גרעסערע בעלי־פּעולה.

ווען דער קריסטנטום וואָלט באמת געווען פון א נידעריקער פּראָבע, ווען ער וואָלט פאַרקערפּערן די געמיט־צושטאַנדן און באַגריף־געשמאַקן

פון די שקלאַפן, וואָלט ער קיינמאָל ניט געוואָרן זיגרייך. די ווירקלעכקייט וואָלט אים פאַרוואָרפן פונקט ווי זי האָט גע׳פסל׳ט צענדליקער אנדערע לערן און סענטימענטאַלע איבערפלעכלעך „וואוילע” באַוועגונגען. דער אומצווייפלהאפטער דערפאָלג פון דעם קריסטנטום זאָגט עדות מכוח זיין וויטאַליטעט און אמת׳דיקייט, אין דעם פראַגמאַטישן פשט פון וואָרט, מכוח זיין דורכדרינגלעכן אריינבליק אין דעם קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פון געעזלשאפטלעכן לעבן. זיינע היסטאָרישע אויסברוכן, זיינע פארגלאָצט־קייטן, זיינע פארקרימעניש, זיינע קרענקלעכקייטן, זיין שמן־זית־זכ׳יקייט, זיינען געווען בלויז העוויות, אקטיאָר־שטיק. אין הארצן איז ער געווען געזונט און שטארק. זיינע איבערטרייבונגען, זיינע פאַרטויבנדיקע געוואלד־געשרייען, זיין הייך־טענערדיק יעלה׳נען זיינען געווען ניט מער ווי צו־פאַסונגען צו מאסן־פסיכאָלאָגיע. מיט אנדערע ווערטער, זיינע נאַאיוויס־טישע עלעמענטן זיינען געווען קאָמפּלאַזש, סימולאציע, בשעת זיינע קרי־טיציסטישע פאַרשטענדעניש פאַר די סאָציאלע פארהעלטענישן זיינען געווען עכט, ראַיעל. ווי אלע קאָסטבארע זאַכן, האלט ער זיין יאנדרע־קריטיציזם פארבאהאלטן. ער באַשיצט און באַשירמט אים מיט א שאָלעכץ פון נאַאיווו־ריידעריי.

***

אלץ וואָס איך האָב געזאָגט מכוח דעם קריסטנטום איז ריכטיק בנוגע דעם מארקסיזם־לעניניזם. ער האָט געמאכט א דערפאָלג א דאַנק זיין לערע פון פּירערשאַפט און אָרגאַניזאַטאָרישקייט, וועלכע קויפן אויס אָלע זיינע זינד פון סאָציאַלער אָבערגלויבעריי, וועלכע ער פאַרשפרייט צווישן די מאסן מיט אזא משוגה׳ם פלייס און אזא שטארקן חשק. זיין לערע מכוח „לידעריזם”, פירערשאפט טראָגט ער פאַרשטעקט אונטער א פליגל פון א אינפלוגיקער סתירה. מאַרקסיזם האָט א טעזיס מכוח דער שעפערישקייט פון די מאסן. ער פארניינט די ראָלע פון דער פערזענ־לעכקייט אין דער געשיכטע־שאפונג. מאַרקסיזם פארוואַרפט די חשיבות פון דער פראָווידענציעלער פערזענלעכקייט. דעם אדם גדול, דעם זשעני טיילט ער צו בלויז א סובארדינירטע ראָלע פון אן אויסדריקער פון די פאַרלאַנגען, וואונטשן, באַשטרעבונגען פון די מאַסן, וועלכע זיינען עס די כלומרשט אמת׳ע פורעמער פון די מערכות און שעפער פון אלע ווערטן, סיי עקאָנאָמישע און סיי קולטורעלע. אָט־די לכאורה׳דיקע נידערשאצונג פון דער השגחה־עליונה׳דיקער פערזענלעכקייט, די אַבראָגירונג פון איר מאַכט, האָט א טיפערן און פארקערטן אויסטייטש. זי מאכט פון פּירער אַן אָראַקל, וועמענס שפּרוכן און באַפעלן זיינען אומפעלערהאפט. ער זאָגט דאָך ניט ארויס זיין פערזענלעכע מיינונג. ער דריקט דאָך ניט אויס זיינע

אייגענע געדאנקען. ער איז דאָך אַ מין סאָציאַלער „מעדיום”. פון אים רעדט ארויס דער אלגעמיינער ווילֿ, דער „קול־שדי” פון די אָרגאַניזירטע, זעלבסט־באַוואוסטזיניקע מאַסן. און די לעצטע קענען דאָך ניט מאַכן קיין טעות. זיי מוזן דאָך אַלעמאָל אונטער אלע אומשטענדן, זיין גערעכט. זיי גייען דאָך כסדר אין ריכטיקן וועג. אין זיי רעדט דאָך דער „רוח־הקודש” פון קלאַס.*) זייער דרך, ריכטיק אדער אומריכטיק, גערעכט אדער אומגערעכט, איז דאָך זייערער און דעריבער איז ער אלעמאָל דער ריכטיקער דרך. עס איז מענטשלעך, וואָס איז שייך דעם יחיד, צו בלאָנדזשען, אבער דאָס קען ניט טאָן דער „הייליקער” קלאַס. ער קען ניט אַראָפּ פון וועג, ווייל ער איז אי גייער אי וועג, ער איז אליין דער דרך הישר פון פּראָגרעס. היוצא אז דער קלאַסן וואָרט־זאָגער איז באַשאָנקען מיט אַן אבסאָלוטן אויטאָריטעט פון פּאָליטישער אלוויסנהייט, פון סאָציאָלאָגישער חכמה עליונה, און זיין וואָרט און ווילן, זיין באַפעל איז געזעץ פאַר די געפירטע מאַסן. אזוי אז דער מאַרקסיזם פאַרניינענדיק די ראָלע פון דער פּערזענלעכקייט אין דער געשיכטע איז פון דער פאַרניינונג אריבער אין אַן איבערטריבענער באַאַוונג. ער איז געקומען אין באָלשעוויזם צו דער כמעט פאַרגעטערונג פון דער פּערזאָן פון דעם פירער, לענין און, דערנאָך, סטאַלין.

די טעאָריע פון פירערשאַפט האַלט זיך אויף דעם אָפּשאַף פון פּריוואַט־אייגנטום רעכט בנוגע אידייען, גייסטיקע נכסים, אזוי גוט ווי די אויסשליסלעכע אָרגאַניזאַטאָרשאַפט בכלל באזירט זיך אויף דעם אָפּשאַף פון פּריוואַט אייגנטום רעכט בנוגע פּשוטע, מאַטעריעלע קעגנשטאַנדן.

פאַרשפּיצט די אידייע פון פירערשאַפט האָבן די תלמידים פון די קאָמוניסטן, די דייטשע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. אבער, באמת, איז ביי די באָלשעוויקעס לענין און סטאַלין ניט קיין קלענערע אָפּגעטער, ווי היטלער איז ביי די נאַציס. און אָט־די פירערשאַפט אידייע און פּראַקטיק גיט זיי זייער טריפה׳נעם דערפאָלג און טריפה׳נע גבורה.

---

*) „מיין עולם וועט קיינמאָל ניט איינשטימען אויף אַן אירטום” (מוהאמעד).

VII

# אַריסטאָקראַטיע — דעמאָקראַטיע

וואָס איז אזוינס אן אריסטאָקראַטיע? מירן ציטירן אריסטאָטעלס פּאָליטיק:

„אריסטאָקראַטיע... דאָס הייסט אזוי אדער דערפאר וואָס די הערשער זיינען די בעסטע מענטשן, אָדער דערפאר וואָס זיי האָבן אין זינען די בעסטע אינטערעסן פון דעם שטאַט און די בירגער.״ (1)

וואָס איז א דעמאָקראַטיע?

מירן אויסהערן וואָס פעריקל האָט צו זאָגן מכוח דעם ענין:

„אָט־די פאָרם אונדזערע, וועלכע באלאנגט ניט צו די וויניקע, נייערט צו דער גאַנצער קערפּערשאפט פון פאָלק, הייסט דעמאָקראַטיע.״ (2)

ווען איך קוק זיך גוט צו צו די־דאָזיקע צוויי סיסטעמען פון פּאָליטישער פּראַקטיק, בין איך געצוויגט צו זאָגן, אז א דעמאָקראַטיע איז דער געזונטער, נאָרמאַלער, ריכטיקער סאָרט פון אן אריסטאָקראַטיע. דער מאָקראַטיזם איז אן אריסטאָקראַטיזם וועלכן מ׳באמערקט ניט, וועלכער רופט זיך ניט אָן מיט אזא נאָמען, און, דעריבער, האָט מען אויף אים ניט קיין תרעומות און מ׳זעצט קעגן אים ניט אויס.

טהאָמאס קארלייל שרייבט:

„דער קליגערער, דער בראַוועדער — אָט די זיינען די אמת׳ע אריסטאָקראַטיע אומעטום און תמיד, — זיי אנטוויקלען זיך צו אַ הערשנדיקן קלאַס.״ (3)

אַ דעמאָקראַטיע איז אן אריסטאָקראַטיע וועלכע ווערט דורכגעפילטערט, וועלכע גייט אדורך דעם זייער פון צושטים פון די באהערשטע. אמת׳ע דעמאָקראַטיע — איז ריכטיקע, עכטע אַריסטאָקראַטיע.

דזשאהן סטוארט בלעקי שרייבט:

„דעמאָקראַטיע שענקט א פרייע קאריערע צו טאלאנט, צו ציווילער אויפטוערישקייט אין דער גרעסטער צאָל פון פּיאיקע אינדיווידן.״ (4)

אן אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט מורא פארן „עמך״, וואָס מיידט אויס א צוזאמענטרעף מיט דעם „דעמאס״, וואָס וויכט פון זיין מטמאַזייענדיקן קאָנטאקט, וועלכע פארבאהאלט זיך הינטער גראטעס און ווענט

פון ספעציעלע פריווילעגיעס און יורידישע פראָטעקציע, איז ניט ווערט דעם נאָמען „אריסטאָקראַטיע" וואָס זי טראָגט אויף זיך. זי איז צו פּחדנ׳דיק, צופיל שוואַכלינג צו האָבן אַ סאָציאַלאָגישן באַדייט. אזא מין „פּני" שטעלט פאָר מיט זיך א הייפעלע דעגענעראַטן, א גרופּקעלע פון כשל־ברכ׳דיקע, עבר־ובטל׳דיקע אינדיווידן, וועלכע האָבן אריבערגע־לעבט זייער אייגענע נוצלעכקייט אין דער סאָציאַלער לעבנס־סכעמע. אלס אזעלכע, אלס מאוחר׳ס, אלס טרוקענע לולבים און פארדאַרטע איתרוגים מיט אָפּגעביסענע פּיטומ׳ס דאַרפן זיי מאכן פּלאַץ פאַר דעם אָנקום פון נייע כוחות, וועלכע רייסן זיך אַרויף פון אַלע זייטן און שטויסן זיי אַרויס, טרייבן זיי אַרויס פון דער געזעלשאַפטלעכער עקזיסטענץ־שטוב. זיי זיינען שוין לאַנג ניט די „בעסטע", די „עליטע", נייערט א חברה פון פארלעגענע זקנים, עבר־זמנ׳יקעס ווען טאָג האַלט ביי זיין פאַרנאַכט. זיי האַלטן ביי אויסגעלאָשן ווערן מיט די לעצטע שטראַלן פון דער פארגייענדיקער זון פון דער עפּאָכע. די אמת׳ע אריסטאָקראַטיע איז די אַזוי־גערופענע דעמאָקראַטיע, וועלכע מיינט, ניט ווערטלעך־פילאָלאָגיש, נייערט ווירקלעך־פּאָליטיש די הערשאַפט פון אַן אויסדער־ווילטער גרופּע פון פּערזאָנען, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, האָבן מאַטיקולירט. זיי ווייסן ווי זיך צו באַגיין מיט די מאַסן, ווי אַזוי צו פירן און לייטן די פאָלקס־מענטשן און די לעצטע זאָלן גאָר מיינען אַז זיי זיינען גאַנצע בעלי־דעות.

עדוארד פ. מארפי אין זיין ווערק „די פּאָליטישע לערע פון היילינק טהאָמאַס" שרייבט:

„אטהען איז געווען פּאַרטיק פאַר אַ דעמאָקראַטישער ערא בלויז אין דעם גאָלדענעם יאָרהונדערט פון פעריקל׳ן (445־431)... טעאָרעטיש האָט געהערשט דאָס פאָלק, פּראַקטיש — פעריקל." (5)

א דעמאָקראַטיע איז א „פּראַקטישע" אריסטאָקראַטיע. די מעטאָדן וואָס ווערן אָנגעווענדט אין דער אַקציע פון רעפּרעזענטאַציע, די מיטלען וועלכע ווערן געברויכט מיטן צוועק אויסצוגעפינען דעם ווילן פון דער עלעקטאָראַט־קערפּערשאַפט ווערן באַדינגט פון דער שטופע פון פּאָלי־טישן באַוואוסטזיין און רייפקייט, וועלכע די מאַסן ציגן אַרויס, פון איין זייט, און פון דעם קאַפּאַציטעט פון געזונטער אויסדערוויילטקייט, סעלעק־טיוויטעט, זאַפטיקער פּראַמינענץ און האַפטיקער דערהייבנשאַפט, וועלכע עס ווייזט אַרויס די אויבערשטע גרופּע, פון דער צווייטער זייט. ווי ה. דזש. לאַסקי דריקט זיך אויס: „פון איר גלייכהייט אין בירגערשאַפט (אין א דעמאָקראַטישער רעגירונג־פאָרם) פליסט אַרויס א רולאָזע ענער־גיע, א דורכדרינגענדיקע וויטאַליטעט." (6) אַלץ ווענדט זיך אָן דעם

ווי הייך איז דער צייכן וועלכן די אויסדערוויילטע מארקירן איבער דעם ניוואָ פון די יעניקע וועמענס נאָמען איז לעגיאָן און וועמען זיי, אלס פאָרשטייער, זיינען מחויב צו פירן, צו מדריך זיין. יעדער איינשטעל אין דער געזעלשאפט גייט אויף דעם וועג, וואָס פירט פון די ווייניקע צו די פילע, פון די „מעטים" צו די „רבים". מער ווי דאָס, יעדע אידייע, יעדע אידעאָלאָגיע, וואָס איז א בר־קיימא גייט אדורך אָט־דעם ציקל פון אנטוויקלונג. אין אָנהייב אָפּעלירט זי צו די בעסטע עטלעכע, נאָך א געוויסער צייט, ווערט זי דער ליבלינג פון די פילע אָדער גאר כמעט פון אַלעמען. אין אָט־דעם מאָמענט ווען זי ווערט א קנין הכלל, נעמט איר קאָנקורענטין, אידייע, סיסטעם אדער לערע, צוציען צו זיך, געווינען אויף איר זייט די אויסדערוויילטע מוחות. די שארפע קעפּ, די פלינקע תפיסות קערן זיך אָפּ מיט אַ איבערזעטיקונג־געפיל פון דער אנדערקענטער, אויסגעדראשענער וואָרהייט אדער איינשטעלונג־אינסטי־טוציע און לאָזן זיך ארויס זוכן נייע אנטפּלעקונגען, וועלכע וועלן מיט דער צייט אויך ווערן געשמאקלאָז און פארוואַרפן פון א נייעם קרייז אינטעלעקטואלן, סאָציאל־פילאָזאָפישע פיינשמעקער. וחוזר חלילה. אָט אזוי דרייט זיך דאָס רעדל. אלע טייכן פון געשעענישן, פון לערן, פון אמת'ן, ווערטן איילן זיך אויסצולײדיקן זייער אינהאַלט אין דעם אייבי־קייט־ים, און דער ים ווערט קיינמאָל ניט פול. יעדער דרייסטער געדאנק הייבט אָן מיט דעם וואָס ער דערווערבט זיך די לאָיאַליטעט פון עטלעכע יחידי־סגולה און פארענדיקט זיין קאריערע מיט דער אנערקענונג און צוגעהעריקייט פון די מענגעס.

די אזוי־גערופענע דעמאָקראַטישע פעריאָדן קומען נאָך די אזוי־גערופענע אריסטאָקראַטישע צייטן. דעמאָקראַטיע איז דער סוף־פּסוק פון א פּאָליטישער סדרה. דעמאָקראַטיזם איז דער „אינדיאַנער־זומער" פון א הערשנדיקן קלאַס. אריסטאָקראַטיזם איז זיין פרילינג. אזוי גייט עס, פון אויבן, פון די פּני, אראָפּצו צום דעק, צו דעם המון־עם. די בורזשואזע וועלט איז געווען אריסטאָקראַטיש אין אירע ערשטע רעגירונג־פּראָבעס. זי האָט עטאַבלירט די מאָנאַרכיעס איבער כמעט גאַנץ אייראָפּע מיט די ווייניקע אויסנאַמען וועלכע דינען אלס א באשטעטיקונג פון דער רעגעל. זי האָט געברויכט אין דער פּאָליטישער פארוואַלטונג געוויסע באַגרענצנדיקע קוואַליפיקאַציעס. זי האָט זיך געקייקלט דעם גאַנצן וועג בארג־אראָפּ ביז זי האָט דערגרייכט צו אַ פול־באַפעדערטער דעמאָ־קראַטיע, וועלכע רעאַליזירט זיך מיט דער הילף פון אן אלגעמיינעם וואַל־רעכט. דער קלאַס פון די אייגנטימער, די בעלי־נכסים, זיינען געוואָרן ביי זיך אזוי תקיף, זייער „אוחז־ביד" אין סאָציאַלן לעבן איז

געוואָרן אזוי זיכער און אַלץ ארומפאסנדיק, אז זיי האָבן ארויסגעלאָזן פון האַנט די יורידישע קאַטעגאָריעס, די פארמעגן־קוואַליפיקאַציעס און שטייער־צאָלונגען וכדומה פילטערס און זייערס מיט דער הילף פון וועלכע די רייכע האָבן געהאלטן די אָרימע, די אומגעווינטשטע עלע־מענטן, פון דער ווייטנס און ניט דערלאָזט זיי זאָלן זיך מישן אין די פּאָליטישע אָנגעלעגנהייטן פון דעם געזעלשאפטלעכן לעבן — אָט־די גאנצע פּאַראַפערנאַליא, די קינסטלעך־יורידישע מיטלען האָבן זיי פאר־בראַקירט. זיי האָבן זיך אין זיי מער ניט גענויטיקט. זיי האָבן איצטער מאָנאָפּאָליזירט דעם פעלד פון פּאָליטיק דורך דעם ארומוועג פון עקאָ־נאָמיק. זיי האָבן אומגעוואָרפן א היפשע צאָל פון יורידישע אונטער־שפּארענישן, ווייל זיי האָבן זיי באטראכט אלס איבעריק. זיי זיינען געווען זיכער, אז די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע געביידע, וועלכע זיי האָבן באוויזן אויפצוריכטן, איז גענוג סאָליד. אוניווערסאל שטים־רעכט איז די לעצטע פאזע פון בורזשואזן ראַדיקאַליזם. דאָס איז דער „עושה־שלום" פון ליבעראַליזם. מיטן סאָציאַליזם אין אזא אדער אַנ־אנדער פאָרם (קאָמוניזם, פאַשיזם אדער נאַציזם) קומט ארויף אויף דער היסטאָרישער בינע פון פּאָליטישן לעבן א נייער קלאַס און ער פארנייגט זיך פארן פּובליקום, א פרישער ציקל הייבט זיך אָן צו דרייען פון דאָס נייַ, פון ערשטן סעקטאָר, נעמלעך, פון אריסטאָקראַטיע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען פון א דיקטאַטור. אַן ארבעט־אריסטאָקראַטיע, א פּראָצע־פּריצימשאפט ווערט געשאפן. נייע קוואַליפיקאַציעס פון אַן אָרגאַניזאַ־טאָרישן כאַראַקטער ווערן איינגעפירט. פּאָליטישע קוואַליפיקאַציעס פארנעמען דעם פּלאַץ פון די עקאָנאָמישע אָפּפילטערונגען וועלכע מ'האָט גע'פּסל'ט. סעניאָריטעט, פּארטיי־פרומקייט, מדרגות פון לאָיאַליטעט צו דעם פירער און צום נייעם אויפקומענדיקן מיעוט ווערן אנערקענט אלס די פּאַקטאָרן וועלכע באשטימען דעם מצב פון יעדן יחיד. דאָס זיינען אַלץ אטריבוטן פון אַן אריסטאָקראַטיע פון א נייעם סאָרט, אַן אריסטאָקראַטיע וועלכע איז זיך ניט מודה אין איר אריסטאָקראַטיזם, וועלכע איז ניט זעלבסט־באַוואוסטזיניק.

ווען אַן אריסטאָקראַטיע דערגרייכט די סטאַדיע פון זעלבסט־באַוואוסט־זיין, נעמט זי אריבערגיין אין איר פארניינונג, אין איר היפּוך. זי ווערט עפּעס ווי א מיסברויכונג פון דער געזונטער און טיכטיקער הערשאפט פון דעם מיעוט, פון דעם „אוואנטוריסטישן", איניציאַטיוון, ענערגעטישן מיעוט, וועמענס אינטעגריטעט איז פון א שטארקערן פאזער, וועמענס איבערצייגונגען גייען טיפער, וועמענס קאַפּאַציטעטן פאר אָרגאַניזאַציע שטייגן העכער פון די יעניקע פון דער מאַיאָריטעט.

סאָציאַליזם, אין זיינע פאַרשיידענע נוסחאות פון קאָמוניזם, פאַשיזם, נאַציזם א. א. וואַריאַנטן, אין פאַל ער ווערט איינגעפירט, וועט אין ס׳רוב לענדער עטאַבלירן אַן „אַריסטאָקראַטישן" רעזשים. איך שטעל מיר פאָר, אַז די עטלעכע מדינות, וועלכע זיינען בייגעשטאַנען, אין דעם פאַרדעמדיקן פעריאָד פון דעם אויפקום פון דעם בורזשואַזן קלאַס, דעם ניסיון און האָבן זיך ניט אונטערגעוואָרפן אונטער די חומרות פון דער מאָנאַרכישער טיראַניי, וועלן איצטער אויך אויסהאַלטן דעם אַנגריף פון דעם אַרויפשטייגענדיקן אָרגאַניזאַטאָרן־קלאַס און וועלן ניט דער־לאָזן איינפירן אַ דיקטאַטור, וועלכע איז אַ האַרטער האַרבער דופּליקאַט פון דער אויטאָקראַטיע.

סאָציאַליזם זייענדיק ניט נאָר אַ מאַסן־באַוועגונג, נאָר אויך אַ לערע, מער, כמעט אַ מין פּסעוודאָ־רעליגיע מוז זיין, לויט זיין מהות נאָך, אַריסטאָקראַטיש. רעליגיע איז תמיד געווען אַריסטאָקראַטיש, ווייל זי האַלט זיך אויף איבערצייגונגען און גלויבונגען. און אַז מיר האַלטן שוין דערביי וועלן מיר צוגעבן, אַז די וויסנשאַפט איז ניט ווייניקער אַריסטאָקראַטיש, אויסשליסלעך, עקסקלוסיוו. געלערזאַמקייט איז די רע־פּובליק פון די יעניקע וועלכע שטודירן, דענקען, עקספּערימענטירן, באַאָבאַכטן, לערנען אָפּ איין זאַך פון דער צווייטער.

אין אָט־דעם תחום איז ניטאָ קיין גלייכהייט. דאָ קומען צום אויסדרוק פּיאיקייטן און מדרגות פון אויסצייכענונג. דאָס אייגענע דאַרף געזאָגט ווערן בנוגע קונסט. אַלע דיסציפּלינען אין וועלכע געשיקטקייט, ווירטואָזיטעט, מומחה׳דיקייט שפּילט אַ ראָלע זיינען, אַזוי צו זאָגן, אַריסטאָקראַטיש. פּיאיקייט איז בשום אופן ניט קיין שטיק פלאַך־לאַנד. זי איז איינגעטיילט אין טאָלן, היגלען און בערג. די לעצטע האָבן שפּיצן, הייכן. רעליגיע אין פּראָסטן געצנדינערישן פּשט האָט פּאָסטולירט אַ גאָט, דעם אַריסטאָקראַט פון אַלע אַריסטאָקראַטן אין דעם העכסטן מיין פון וואָרט. זיין מלכות איז געווען אַלמעכטיק, אויטאָקראַ־טיש. די וויסנשאַפט איז די קעניגרייך פון דער פּאַראַלגעמיינערונג. וויפל איינער זאָל ניט זיין אינדוקטיוו, זיך רעכענען מיט די „דעמאָ־קראַטישע" פאַקטן, מיט דעם „עמך" פון די איינצלהייטן, כל־זמן ער שאַפט אַ געדאַנקען־סיסטעם, מוז ער ווילנדיק־ניט־ווילנדיק ווערן אַריסטאָקראַטיש, ד. ה. דעדוקטיוו. „די וויסנשאַפט איז אַריסטאָקראַטיש", האָט אויסגעשריען ראַבעספּיער, ווען מ׳האָט פאַר׳משפט לאַוואַזיען דעם גאון פון כעמיע, „די רעפּובליק דאַרף ניט האָבן קיינע סאַוואַנטן". דער מאַרקסיזם־סאָציאַליזם אויף וויפל ער איז אַ דאָקטרינע מוז ער בהכרח זיין אַריסטאָקראַטיש. ער פאָדערט פאַרשטענדעניש, אינטערפּרעטאַציע.

אזוי ארום סעגרעגירט ער א פריסטערשאפט, א גלחים׳טום, מארקסיס־טישע „גייסטלעכע״. מארקסיזם־סאָציאַליזם, ווי די פּאָליטישע לערעס און סיסטעמעס, וועלכע זיינען אים פאַרויסגעגאַנגען, וועט גיין אויף דעם פון־קדמונים באשטימטן וועג בארג אראָפּ און בארג ארויף, ווי מ׳וויל קען מען דעם מארשרוט באצייכענען, צו א דעמאָקראטיע. ווען ער וועט ווערן דעמאָקראטיש, דעמאָלט וועט זיך באווייזן אויפן האָריזאָנט א נייע סיסטעם פון הלכה און מעשה, וועלכע וועט ווידער אמאָל אַנהייבן קנעלן די תורה פון דעם אריסטאָקראטישן בראשית ברא ביזן דעמאָקראטישן „לעיני כל ישראל״.

וואָס זעען מיר אין סאָוויעט־רוסלאנד, פאשיסטישער איטאַליע, נאַצי־דייטשלאנד? די עלעקטאראלע רעכט פון דער באפעלקערונג ווערן באַגרענעצט. די אַלטע סאָוויעטישע קאָנסטיטוציע האָט ניט געדולדעט קיינע דירעקטע וואלן און קיין געהיימען שטים־אָפּגעב. די נייע סאָוויעטן־קאָנסטיטוציע דערלאָזט ניט קיינע קאָנקורירנדיקע פארטייען. זי אנער־קענט בלויז די קאָמוניסטישע פארטיי אלס א לעגאלע קערפּערשאפט, זי איז די בת־יחידה׳לע. דעמאָקראטיע פאר דעם אויפקומענדיקן קאָמיסארן קלאס איז א צו גרויסע מותרות־זאַך, א צו גרויסער לוקסוס. ער קען זיך עס ניט דערלויבן. די קאָמוניסטן זיינען נאָך אַלץ קנאַפּע אויפטוער אלס פּאָליטישע פירער. דער אוואַנגאַרד־קלאַס איז נאָך אלץ צו שוואך. ער איז ניט זיכער מיטן אייגענעם לעבן, מיט זיין דערפאָלג. זיינע דער־אָבערונגען זיינען ניט גענוג פארפעסטיקט. ער פלייסט זיך מיט כל הכוחות צו פאַרנעמען די פּאָזיציעס, וועלכע דער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס האָט פאר דעם געהאלטן. אבער ער איז נאָך ניט „אין די פעדערן״. ער וואקסט ערשט. ער גייט, ער איז נאָך ניט אָנגעקומען. ער איז יונג, א ביסל אומגעלומפּערט. ניט ארומגעטאָקט, ניט ארומגעשניצט. ער איז גראָב, ווילד, ברוטאל, חיה־רעה׳דיק, פרא־אדם׳דיק.

ה. נ. ברייפסאָרד שרייבט:

„די נאַציס זיינען חד־בדרא׳ס אין באַרימען זיך מיט זייער ברוטאַ־ליטעט. ׳ברוטאל׳ ווי די לייענער פון „מיין קאמף״ און פון היטלערס רעדעס ווייסן איז זיין באַליבטער אדיעקטיוו: עס ווערט געברויכט ווי א טערמין פון לויב.״ (7)

ברייפסאָרד איז א בריטישער סאָציאַליסט און דאָס הארץ לאָזט אים ניט אוועקצושטעלן די באָלשעוויקעס, די פארדעמדיקע אנ״ש, אויפן זעלביקן ברעטל מיט די נאַציס. ווי איך זע זיינען זיי אלע „אין שווארץ־יאָר״ אָן אונטערשייד צי זיי פארבן זיך רויט, ברוין אדער שווארץ...

אָט ווי טראָצקי גיט איבער לעונינס ווערטער, וועלכע ער האָט געהערט פון זיין „הייליקן מויל":

„אויב מיר זיינען ניט גרייט צו שיסן אַ סאַבאָטאַזשניק און אַ ווייס־גווארדייער וואָס פאַר אַ סאָרט גרויסע רעוואָלוציע איז עס?" (8)

לענין שרייבט:

„די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איז אַן אומ׳ברחמנות׳דיקע און אַנטשיידענע מלחמה, וועלכע עס פירט אָן דער נייער קלאַס קעגן זיין מעכטיקן שונא, די בורזשואַזיע." (9)

סארעל שרייבט:

„מ׳האָט זיך ניט געקווענקלט צו דערמוטיקן די ארבעטער ניט צוריקצוהאלטן זיך פון ברוטאַליטעט, ווען דאָס האָט געקענט זיין פון נוצן." (10) „די ארבעטער האָבן גענוג ענערגיע צו פארשטעלן דעם וועג די מיטלקלאַס קאָרופּטירער, ענטפערנדיק אויף זייערע אָנבאַטונגען מיט איינפאכער ברוטאַליטעט." (11) „דער קלאָרער און ברוטאלער אויס־דרוק פון קלאַסנקאַמף." (12)

פון די עטלעכע ציטאַטן איז זיך לייכט צו איבערצייגן, אַז היטלער האָט ניט אויפגעטאָן קיין נייעסן אויך אין דעם פּרט פון געברויכן „ברוטאַליטעט". די דייטשע נאַציס האָבן אויף דעם קיין מאָנאָפּאָל ניט, די רוסישע קאָמוניסטן האַלטן דעם אייגענעם פּאַטענט.

און וואו האלט עס מיט די פאַשיסטן?

אַט־וואָס מאַרינעטי שרייבט מכוח פוטוריזם און פאַשיזם:

„מיר שטיצן דעם פּאַטריאַטיזם און מיליטאַריזם, מיר זינגען הימנס צו מלחמה, די איינציקע היגיענע פון דער וועלט, די דערהייבנסטע אַנצינדונג פון ענטוזיאַזם און ברייטהארציקייט, דער נאָבעלער באַפּטיזם פון העלדנשאַפט אָן וועלכן די ראסן ווערן פארשלאָפן אין זייער ליידיק־גייערישן עגאָאיזם." (13)

מאַריא קארלי שרייבט:

„און מיר וועלכע אין אַ משך פון פערצן יאָר האָבן געקעמפט פאַר דער טעאָריע און פּראַקטיק פון ענערגיע, פון פויסט." (14)

דזשיאוואַני גענטיל זאָגט:

„פאַשיזם מיינט קריג קעגן אינטעלעקטואליזם... דאָס זאָל זיין אונדזער באַרבאַרישקייט." (15)

„ווי גוט עס איז זיך צו פילן ווי אַ באַרבאַר." (16)

לכן עס איז קלאָר, אַז דער „הייליקער דריילינג" איז אייניק ווען עס קומט צו ברוטאַליטעט און באַרבאַריזם. יונגע הערשער־קלאַסן זיינען ווי ווילדע חיות, ווי אמת׳ע פּראים.

סיר ראָבערט פילמער שרייבט מיט ביטערקייט, אבער ער זאָגט ארויס א ביטערן אמת:

„באטראכט צי די גרויזאמקייטן פון אלע אימפעראַטאָרן וועלכע האָבן ווען עס איז געוועלטיקט אין א שטאָט האָבן פאַרגאָסן כאָטש־בי א פערטל פון דעם בלוט, וואָס מ׳האָט פארגאָסן אין די לעצטע הונדערט יאָר פון דער גלאָררייכער געמיינשאפט. די רציחות פון טיבעריוס דאמיציאן און קאָממאדוס, ווען מ׳לייגט זיי צוזאמען, קענען זיך ניט פארגלייכן מיט דער בירגערלעכער טראגעדיע, וועלכע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דעם איין אויפשטאנד צווישן מאריוס און סוללאַ. אפילו סוללאס חלק אליין (ניט צו דערמאָנען די מעשים פון מאריוסן) איז געווען 90 סענאַטאָרן הינגע־ריכטעט, פופצן קאנסולן, צוויי טויזנט זעקס הונדערט אײדל־לייט און א הונדערט טויזנט אנדערע. דאָס איז געווען דער העכסטער פונקט פון דער רוימישער פרייהייט. און איצט לאָמיר לייענען טאַציטוסן און סוע־טאָניוסן און זען אויב אלע זייערע אכזרים אימפעראַטאָרס קענען זיך פאר־גלייכן מיט אָט־דער פאָלקס־נידערטרעכטיקייט אין אזא אוניווערסאלן מאָרד פון בירגער אדער בירגער שחיטה.״ (17)

דאָס איז אלץ אמת. די אויפקומענדיקע שררות זיינען גרעסערע גזלנים ווי די שוין איינגעזעסענע. די נייע הערשער מוזן טעראָריזירן די באַפעלקערונג בכדי ארויסצוקריגן פון איר א מינימום פון געהאָרכזאמקייט. די נייע הערשער האָבן ניט קיין טראַדיציע הינטער זיך. זיי האָבן זיך ניט אויף וואָס אָנצושפּארן ווי בלויז אויף די באַיאָנעטן.

לעניןן זאָגט:

„עס איז נאַטירלעך, אז די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער זאָלן הינריכטן מענשעוויקעס.״ (18)

דער אמת איז אָבער אז די ארבעטער, ווי רעוואָלוציאָנער זיי זיינען ניט געווען, האָבן ניט הינגעריכטעט קיינע מענשעוויקעס. די שיינע ריינע „רעוואָלוציאָנערע״ ארבעט האָט געטאָן די קאָמיסאראָקראַטיע, וועלכע האָט זיך געוואָלט איינשמועסן, אז זי טוט וואָס די ארבעטער הייסן זי טאָן און ניט, פארקערט, אז די ארבעטער טוען וואָס זי הייסט זיי.

אבבאט לארענס לאָועל שרייבט:

„די הערשאפט פון טעראָר אין פראנקרייך האָט זיך אָנגעהייבן... אין אַ צייט ווען די מאכטהאַלטונג איז געווען ניט זיכער... דאָס אייגענע איז אמת בנוגע דער סאָוויעט־רעגירונג.״ (19)

לעניןן: „מ׳קען זיך ניט פאָרשטעלן די דיקטאַטור פון פראָלעטאַ־ריאַט אָן טעראָר און געוואלדטאַט.״ (20)

אויפקומענדיקע קלאַסן, פּאַרוועניוס, ווי אויפשטייגנדיקע דינאַסטיעס בראַדזשען אלעמאָל ביזן האלדז אין בלוט. זיי בויען זייערע פּאָליטישע בנינים אויף פונדאַמענטן פון שאַרבנס.

„מיר האָבן געפונען דעם ריכטיקן וועג... און דאָס איז דער רויטער טעראָר." (21)

„פרייהייט האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט זינט זי איז פּראָקלאַמירט געוואָרן... קיינמאָל האָט דאָס פאָלק ניט געהאט ווייניקער פרייהייט, אפילו אונטער ליודאָוויקן דעם עלפטן אָדער קאַרדינאַל רישעליו אדער אין די עכסט דעספּאָטישע מלוכות ווי אין משך פון דעם גאנצן פּעריאָד, וואָס האָט זיך געצויגן זינט די ערשטע רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן." (22)

ל. טראָצקי שרייבט:

„די רעוואָלוציע אַרבעט אויף דעם אייגענעם אופן: זי דערהרג'ט יחידים און שרעקט אָפּ טויזנטער." (23)

אַזוי פירן זיך נייע קלאַסן ווען זיי גייען צו דער מאַכט, צו דעם אַקט פון אוזורפּאַציע. זיי זיינען הונגעריק ווי וועלף און אזוי יושר'דיק און אזעלכע בעלי־רחמים ווי די וועלף אין ווינטער־צייט.

ווען דער אויפגעקומענער קלאַס נעמט ווערן רייף, איינגעגלויבט אין זיינע אייגענע כוחות, נעמט ער ווערן בעסער, איינגעהאלטענער, געשטעלטער, ווייניקער בעל־גאווה און ווייניקער מערדער. מיט איין וואָרט, ער ווערט דעמאָקראַטיש, ליבעראל. און דעמאָלט נעמט זיך באַווייזן א נייער קלאַס מיט זיין גראָבקייט, ווילדקייט, ברוטאַליטעט. די געשיכטע פון פּאָליטיק איז א חד־גדיא, דער מלאך־המות שעכט דעם שוחט. אזוי אז מ'קען זאָגן אז ליבעראלע און דיקטאַטאָרישע, ריכטיקער דעמאָקראַטישע און אריסטאָקראַטישע מעטאָדן און רעזשימען אלטערנאַטירן, קומען איינס נאָך דאָס אנדערע אין דער פּאַנאָראַמע פון דער געשיכטע. אָט־דיביידע מעטאָדן ווערן אָנגעווענדט פון דעם אייגענעם קלאַס לויט דעם עלטער, סטאַטוס און מצב: אין זיין יוגנט איז ער א „ווילדער מוילאייזל", דיקטאַטאָריש ברוטאַל, אויף דער עלטער ווערט ער געטאמעוועט, ציוויליזירט.

VIII

# גלײַכהייט

1

## אריינפירנדיקע אָנמערקונגען

אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע זיינען געשאַפן געוואָרן דריי ווערטער; דער דריילינג האָט געדינט אלס א קריג־רוף אויפצוזאַמלען אלע די וואָס זיינען אומצופרידן, פילן זיך באַ־עוולה׳ט, אַלע נידערגעשלאָגענע, אלע געטראָטענע אונטער די פיס, א רוף צו גיין צו דעם לעצטן אנטשיידענעם שלאכט פאר סאָציאלן יושר. דער דאָזיקער דריי־וואָרט איז געווען דער עמוד־אש וואָס האָט באדארפט פארטרייבן די חרפה ובושה שאָטנס פון דער גייסטיקער שקלאפעריי וועלכע האָבן פארפינצטערט די מענטשלעכע, אינטעלעקטועלע און מאָראָלע, אנשטרענגונגען. בלויז דריי ווערטער זיינען זיי געווען, אבער וואָסערע ווערטער, פון וועלכער דערהייבענער קוואַליטעט! גלייכהייט, פרייהייט און ברידערלעכקייט!

אַט־וואָס דער מאַרטירער באביאָף שרייבט אין דעם „מאַניפעסט פון די גלייכע:

„גלייכהייט! דאָס איז דער ערשטער פארלאנג פון דער נאַטור, די ערשטע באדערפעניש פון מענטשן, דער הויפט צונויפבונד פון יעדער רעכטלעכער אַסאָציאַציע!... מיר ווילן אָדער עכטע גלייכהייט אדער טויט!... פאָלק פון פראנקרייך, עפנט אייערע אויגן און הערצער... אנערקענט און פראָקלאַמירט מיט אונדז די רעפובליק פון די גלייכע!" (1)

וואָס קען זיין ערגער פון א פוסטן וואָרט־נוס, וואָס האָט א דיקן שאָלעכץ און ניט קיין ברעקל יאנדרע! וואָס איז מער באַצויבערנדיק ווי א באפליגלטער בת־קול וואָס קומט אַראָפּ פון תכלת׳דיקן הימל!

פּ. דזש. פרודאָן, א דענקענדיקער זון פון פראנקרייך, האָט געהערט צו די אויסגעניכטערטע און ער דערלויבט זיך צו זיין אן אָפּשפּעטער, אפילו, א לעסטערער:

„ברידערלעכקייט! ברידער, וויפל אייער הארץ געלוסט, מיט איין תנאי, אז איך זאָל זיין דער עלטסטער ברודער, און איר די ייִנגערע.״ (2)

עס איז ניט שווער אויפצובלאָזן אַ זייפנבלעזל, עס אָנפילן מיט וואַרימער לופט פון אָטעם. אבער עס איז לחלוטין אוממעגלעך אריינצובלאָזן אין אים אַ לעבעדיקע נשמה. עס איז אויך לחלוטין אוממעגלעך אריינצוטאָן אין אָט־דעם מאַנטשיקן באַלון עפּעס ממשות׳דיקעס.

זיינען מיר דען ניט באַקאַנט מיט אַזעלכע פאַלן, ווען ווערטער האָבן געפייניקט דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד פאַר הונדערטער און הונדערטער יאָרן. זיי האָבן געהאַלטן געפּלעפּט דעם מענטשלעכן שאַרפזין. זיי האָבן דורכגעוואָרפן אַלע פאַרזוכן זיי פאַנאַנדערצושיפרירן. זיי האָבן צונישט געמאַכט אַלע אָנשטריינגונגען אַריינצולייגן אין זיי אַ מינימאַל־ראַציאָנאַלן פשט, און די יחידים, די באַזיצער פון אַ קריטישן שכל, האָבן אָנגעוואָרן זייער געדולד מיט אָט־די יסורים־פאַרשאַפנדיקע ווערטער. זיי האָבן גענומען די־דאָזיקע ווערבאַלע אָנשיקענישן און האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן אויפן שמיעטניק, וואו אַלע פרעטענציעזע פּלוידערייען, אַבסורדן וואַלגערן זיך, אָדער זיי האָבן באַגראָבן אָט־די „דברות״ בכבוד גדול אין אַ באַרג שמות ערגעץ אין אַ מקום־קדוש אונטער אַ באַלעמער.

עס איז אמת, אז דער פאַרלאַנג אויסצוגלייכן, אויסצופרעסן אַלע קנייטשן און פאַלדן פון דער געזעלשאַפט איז פיל עלטער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. „די סטאָאיקער זיינען באמת געווען די ערשטע אין אייראָפּע, וועלכע האָבן ...געפּריידיקט די גייסטיקע גלייכהייט פון דער מענטשהייט.״ (3) דאָס גאַנץ נאָך דעם צושטאַנד ווען אַלע און אַלץ וועלן ווערן רעדוצירט צו איין סטאַנדאַרט, וועלן אַרונטערגענומען ווערן אונטער איין דענאָמינאַטאָר, אָט־די פאַרצערנדיקע תאווה צו איינפאָרמיקייט, סטרוקטור־פשטות, האָט געלעבט אין די הערצער פון די בעסטע מענטשן פון קדמונים אָן. אָט־די ליידנשאַפט האָט געהאַט איר נעסט אין דעם מוח פון אַלע מאָראַל־דענקער זינט דער טאָג פון עטישער קולטור האָט זיך פאַררויטלט מיט זיין פרימאָרגן. און אָט־דער וואונטש איז פאַרטראָטן אין זייערע מאָנומענטאַלע ווערק.

קריין ברינטאָן שרייבט:

„פאַר די אַטהענער פון פינפטן יאָרהונדערט... האָט גלייכהייט געמיינט דאָס אייגענע וואָס אין אונדזער יאָרהונדערט... איזאָנאָמיאַ, גלייכהייט פאַרן געזעץ... איזאָטימיאַ, גלייכער רעספּעקט פאַר אַלעמען, און איזאָגאָריאַ, גלייכע פרייהייט פון וואָרט און, פאַלגלעך, פון פּאָליטישער אַקציע.״ (4)

גלייכהייט אין איר עמבריאנעלן צושטאַנד איז אַן אַלטע אידייע, זי איז, אפשר, אזוי אַלט ווי אונדזער עטישע קולטור.

מאַטיו אַרנאָלד שרייבט:

„געמיינשאַפט מיט דעם גייסט פון אַ געזעלשאַפט איז ווערזנטלעך, דעריבער, אַ געמיינשאַפט מיט דעם גייסט פון גלייכהייט.״ (5)

אָן דעם גלייכהייט־פּרינציפּ איז די געמיינשאַפט קיין געמיינשאַפט ניט, אזוי קומט אויס לויט מאַטיו אַרנאָלד.

טהאָמאַס פון אַקווין שרייבט:

„אַלע מענטשן זיינען גלייך פון נאַטור,״ (6) „קיינער איז ניט בעסער פון אנדערן לויט דעם דרך פון דער נאַטור.״ (7)

די גלייכהייט־אידייע האָט אירע וואָרצלען אין אַלטערטום. די פראנצויזישע רעוואָלוציע האָט די דאָזיקע אידייע פאָרמולירט איבער־אַניס, זי אַרטיקולירט. זי האָט פּרובירט אַנצוטאָן אָט־די אומבאַשטימטע פאָדערונג אין יורידישע קליידער.

אין די פראנצויזישע פאַרלאַמענטאַרע אַרכיוון לייענען מיר: „די נאַטור האָט געמאַכט די מענטשן גלייך, בלויז זייערע פּערזענלעכע אייגנ־שאַפטן הייבן אויף אייניקע איבער די אנדערע.״ (8)

אָט־די לערע מכוח גלייכהייט טיילט דעם שיקזאַל פון די אנדערע ענלעכע לערן־באַשטרעבונגען. גלייכהייט איז אַ פרומער וואונטש, אַ נשמה־לעכצונג, אַ זעלישע באַגערעניש. זי קען אָבער קיינמאָל ניט ווערן וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט אָדער באַוויזן, אָדער פּראַקטיש פאַר־ווירקלעכט.

„אַ, ווען מענטשן און פעלקער... וואָלטן קולטיווירן אָט־די טוגנט (פון גלייכהייט) און מאַכן פון איר אַן הלכה־למעשה.״ (9)

אַזעלכע פאַרלאַנגען און לעכצונגען פון ראַדיקאַלע פּאָליטיקער זיינען איינגעפונדעוועט אין נאַאיוון רעאַליזם, נאָך וועלכן עס קומט אומבאַ־דינגט דער פּעריאָד פון קריטיציזם.

ווען איך וואָלט זיך דערלויבט אַן אַנאַלאָגיע, וואָלט איך זאָגן, אַז אין דער אָנגעווענדעטער סאָציאָלאָגיע אָדער אין דער פּאָליטישער וויסנ־שאַפט וועט פאָרקומען דיזעלביקע ענדערונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין אַסטראָנאָמיע אַ דאַנק דעם ביישטייער פון קאָפּערניקן (1543־1473). לויט דער אויבערפלעכלעכער באָאַבאַכטונג און נאַאיוון דענקען, וועלכע זיינען געווען פאַרטראָטן אין דער פּטאָלעמייאישער טעאָריע, איז אויסגעקומען, אַז די ערד איז געווען דער צענטער פון דער זונען־סיסטעם און די זון און די פּלאַנעטן האָבן זיך געדרייט אַרום איר. קאָפּערניק האָט רעוואָלו־ציאָניזירט די אַסטראָנאָמישע באַגריפן און אָבסערוואַציע. ער האָט אונדז

געלערנט אז ריכטיק איז גאָר דאָס פאַרקערטע, נעמלעך, אז די ערד דרייט זיך גאָר ארום דער זון.

די אָנגעווענדטע סאָציאָלאָגיע דערוואַרט אזא איבערקערעניש אין איִרע פונדאַמענטאַלע באַגריפן. מ׳וועט דאַרפן רעוואָלוציאָניזירן די רעוואָלוציאָנערישקייט פון די רעוואָלוציאָנערן, זייערע פאַרעלטערטע השגות.

פּיאָטער קראָפּאָטקין שרייבט:

„די פאַרהערשנדיקע טענדענץ פון די מאָדערנע געזעלשאַפטן איז דאָס קומען צו גלייכהייט.״ (10)

באַקונין באַפעלט:

„פאַרניכט אלע אינסטיטוציעס פון אומגלייכהייט, עטאַבליר די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע גלייכהייט פאַר אלעמען.״ (11)

אין אונדזער דור האָט די גלייכהייט־איבערגלויבעריי פאַרכאַפּט די מוחות און האָט באַצוואונגען די הערצער פון מיליאָנען מענטשן. כמעט אַלע טעאָרעטיקער, וועלכע געהערן צו דעם רעפאָרמיסטישן לאַגער ווי אויך די יעניקע, וואָס שווערן זיך ביי דעם רעוואָלוציאָנערן פּרינציפּ, פאַרזיכערן אונדז, אז די געזעלשאַפט געפינט זיך אויף דעם וועג, וועלכער פירט צו גלייכהייט. דער פּשוטער אמת איז, אבער, פונקט פאַרקערט. מיר גייען אוועק פון גלייכהייט, פון א פאַרהעלטענישמעסיקן צושטאַנד פון גלייכהייט, צו אן אומגלייכהייט, צו אן אינטענסיווערער, טיפערער אומגלייכקייט. אונדזער דעסטינאַציע־פונקט ליגט אין דער ריכטונג פון ברייטערע דיווערגענצן, קלערערע און בולטערע דיפערענציאַציעס. אומגלייכהייט דאַרף ווערן אנדערקענט פאַר דעם פונדאַמענטאַלן פּרינציפּ פון פּאָליטישער וויסנשאַפט. „מיר דאַרפן איבערלאָזן הינטער זיך די פונדאַמענטאַלע נאַרישקייט אז גערעכטיקייט פאָדערט גלייכהייט.״ (12) „אזוי לאַנג ווי עס עקזיסטירט אַן אונטערשייד צווישן וועלכע עס איז צוויי קעגנשטאַנדן, אין אַרומנעם, פאָרם אדער קאָליר... וועט זיין אומגלייכהייט.״ (13)

וויליאַם סעמועל לילי אין זיין ווערק „א יאָרהונדערט פון רעוואָלוציע״ שרייבט:

„נו, נעמט די דרייפאַך הייליקע פאָרמולע: פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט... פרייהייט? זי פאַרשווינדט מיט דער פיקציע פון א האַמאָגענעטישער מענטשהייט... גלייכהייט?... אומגלייכהייט איז די רעגל אומעטום. אומגלייכהייטן פון געזעץ האַלטן זיך אויף די אומגלייכהייטן פון פאַקט. ברידערלעכקייט? יע, די ברודערשאַפט פון קין און הבל.״ (14)

פראָגרעס ליגט אויף דעם וועג, וואָס פירט אומאָפּנייגבאר צו אומ־גלייכהייט, פארשיידנארטיקייט, רייכטום פון פאָרמען און ניואנסן און פון דער סטאנדארטיזירטער איינפאָרמיקייט און צוואַנגראָק...

2

# גלייכהייט און פאַראַלגעמיינערונג

וואו געפינען מיר גלייכהייט? מיר געפינען זי ניט אין דעם קיניגרייך פון די בעלי־חיים. מיר באַגעגענען זי ניט אין דער רעפּובליק פון די פיזישע קעגנשטאנדן. ניט אין ביאָלאָגיע און ניט אין פיזיק קענען מיר אנטדעקן אָט־דעם מאָדנעם מהות וועלכער איז ארויסגעזויגן פון געדאנקען־פינגער. צוויי בערג וואָס זאָלן זיין גלייך אין אלע איינצלהייטן, צוויי טייכן וואָס זאָלן זיין אידענטיש אין אלע פּרטים — האָבן מיר נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן. בקיצור, עס איז ניטאָ קיין דופּליקאציע, קיין רעפּליקע אין דער ממשלה פון דער נאַטור.

וויליאם גאָדווין שרייבט:

„לייבניץ אינפאָרמירט אונדז אז עס זיינען ניטאָ קיין צוויי בלעטלעך אויף א בוים אין דעם גרעסטן גאָרטן וועגן וועלכע, נאָך אן אונטער־זוכונג, מ'וואָלט געקענט זאָגן אז זיי זיינען פולשטענדיק ענלעך." (15)

עס איז פאַראַן אַזאַ שווינדלענדיקע און גריבלענדיקע וואַריאיטעט פון באַדינגונגען, אזא דערשטוינענדיקע שפע פון אורזאכן, פאקטאָרס און זייערע באַוואונדערנדיקע פילפאַכיקייט פון אקציע־אופנים און מאָ־דוסן פון זעלבסט־באַהויפּטונג, און ווי אזוי איז עס גאָר מעגלעך, אז פון אָט־דעם ווירבלווינט, פון אָט־דער לאַבירינטישער פארווירעניש זאָל זיך באקומען, אלס א פועל־יוצא, א קנעכטישע רעפּיציטיע פון אידענטישע פּראָצעסן, אן הכנעה'דיקע, מעשה־משרת, ווידערהאָלונג פון דערשיינונ־גען.

עס איז גאָר ניטאָ קיין שיעור צו די אינדיווידואליסטישע שטריכן פון דער וועלט, אין וועלכער מיר געפינען זיך. עס איז ניטאָ קיין פּלאץ פאר די פאָרמאַליסטישע ביוראָקראטישע איבערזאָגענישן פון געשעענישן דאָרטן, וואו שעפערישע קאפּריציעזיטעט איז די רעגל.

און אויב אזוי, פרעגט זיך, וואו קענען מיר קריגן דעם הסכם און היכשר אויף די אויפגעבויטע פאראלגעמיינערונגען, אלגעמיינע אורטיילן, לאנג און ווייט אויסגעצויגענע אויפפאַסונגען, פארשפּיצטע און אויסגעברייטערטע

אַנשויאונגען, וועלכע מיר שאַפן זיך איין און וועלכע מיר געברויכן מיט אזא חשק און עקשנות?

דער ענטפער איז, אז מיר טוען עס אויף אונדזער אייגענער אחריות. אויף דער דאָזיקער פּראָצעדור האָבן מיר אַן אייגענעם פּאַטענט. מיר האָבן אליין אויסגעטראַכט אונדזער מעטאָדאָלאָגיע. דאָס האָט באמת כמעט ווי גאָרניט צו טאָן מיט דער אויסערלעכער וועלט אלס אזעלכער, מיט יענע פּראָצעסן און דערשיינונגען, וועלכע רינגלען אונדז ארום.

קיונג דוירק האר שרייבט:

„עס זעט אויס אז אלע מענטשן אין דער חרש שוטה וקטן קאַטע־גאָריע האָבן א טענדענץ צו פאַראַלגעמיינערן; וואָס אינטעליגענטער דער מענטש איז אלץ שאַרפער איז זיין פייאיקייט אויפצונעמען טיפן פון געשעענישן... אָן דער פייאיקייט אויפצונעמען טיפן פון געשעענישן וואָלט מען זייער וויניק געקענט לערנען: יעדע נייע דערפאַרונג וואָלט דעמאָלט געווען לחלוטין אומבאַגרייפלעך, און דאָס לעבן וואָלט געווען א שטענדיקע איבעראַשונג.״ (16)

גלייך ווי מיר הייבן אָן צו פאָרמירן אונדזערע באַגריפן, באַאַרבעטן אונדזער אלגעמיינע קאָנצעפּציעס, נעמען מיר, באמת, און מאַכן צו די אויגן, בכדי מיר זאָלן ניט דאַרפן אָנקוקן די דאַקוטשענדיקע איינצלהייטן, די סינגולאַריטעטן, די קאַפּריזן, די איינמאָליקייטן, די משונה צייכענונ־גען אדער אפילו די איינפאַכע באַזונדערקייטן, וועלכע געפינען זיך אין די דערשיינונגען, וועלכע מיר אונטערזוכן. די גאַנצע צייט האַלטן מיר דעם פאָקוס פון אונדזער אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט אויף דאָס עכסט טיפּישע. מיר רעקאָרדירן די טשערעדעמעסיקייט וואָס געפינט זיך אין די פענאָמענען.

פרידריך ניטצשע שרייבט אין זיין „פריילעכער קלוגשאַפט״:

„די וועלט, פון וועלכער מיר ווערן באַוואוסטזיניק, איז בלויז אַן איבערפלעכלעכע און סימבאָלישע וועלט, א פאַראַלגעמיינערטע און וואול־גאַריזירטע וועלט; ווייל אלץ פון וואָס מ׳ווערט באוואוסטזיניק, ווערט דורך דעם אליין פלאַך, מאָגער, פאַרגלייכענישמעסיק טעמפּ — א פאַר־אַלגעמיינערונג, א סימבאָל, א כאַראַקטעריסטיק פון דער טשערעדע, ווייל מיט דער אנטוויקלונג פון באַוואוסטזיין ווערט אלעמאָל פאַרבונדן א גרויסע ראַדיקאַלע פּערווערזיע, א פאַלסיפיקאַציע, א פאַראויבערפלאַכונג און א גענעראַליזאַציע.״ (17)

אלץ וואָס מיר זוכן, אלץ אין וואָס מיר זיינען פאַראינטערעסירט איז די ענלעכקייט, סימילאַריטעט, די כדומה׳קייט. מיר אַנטדעקן די גענע־ראַליטעט. מיר וויכן, ווי פון עפּעס וואָס איז טאבו, פון די פּריוואַט־

אינטימע, זיך־ניט־ווידערהאַלנדיקע עלעמענטן. מיר פאַרנעמען זיך מיט דער אויספורעמונג פון אַבסטראַקציעס. מיר מאַדעלירן די „הפשטות". און דאָס איז דער סוד און יסוד פון אונדזער פסיכאָלאָגישן און לאָגישן פאַרקער. אָט אזוי און ניט אנדערש פונקציאָנירט ער. אונדזערע פסיכאָ־לאָגישע און לאָגישע אקטיוויטעטן באשטייען פון דעם, וואָס מיר קאָנ־סטרוקטירן אויספאַסונגען, עטאַבלירן פאַרבינדונגען, שאפן ראַציאָנאלע פאָרמולירונגען, פּראָדוצירן ספעקולאטיווע סיסטעמאטיזאציעס, לשיטתיה־גייעכצן. מיר האָבן תמיד צו טאָן מיט דאָס אומרעאלע, אומאויסשליס־לעכע, אומאימאַנענטע, וואָס איז אָנגעזאמלט און ארייִנגעלייגט אין דער דערשיינונג. מיר עוסק'ן זיך מיט איין זאך און דאָס איז — פאַרוואַנדלען דאָס אינדיווידועלע אין דאָס אלגעמיינע, דאָס לאָקאלע — אין דאָס אוני־ווערסאלע, דעם קעגנשטאנד אדער פראָצעס — אין דער אלגעמיינער אידייע פון א קעגנשטאנד אדער פראָצעס. אונדזער אויפמערקזאמקייט איז געשאָנקען דער צונויפקייטלונג פון סיבה און מסובב, דער צונויפ־פאָרונג פון דער פאַר־זאַך, אורזאך, און דער נאָך־זאַך, פאָלגע. צו דער־קענען די וועלט מיינט אומבאדינגט אראָפּצואוואַרפן פון דער קאגניציע־שיף דעם גאַנצן באַלאַסט פון די איינצלנע פאלן. דערקענטעניש אלס אזעלכע באדייט די רעדוצירונג פון דאָס פארשיידענע צו דאָס אידענטישע. וויסעניש מיינט צוזאַמענברענגעניש, גרופּירונג, צונויפזאמלונג. מיר, ווײ־סער, טוען אָט־וואָס: מיר סאָציאָלאָגיזירן, אדער פּאָליטיזירן די מתבודדים, די נזירים־דערשיינונגען. מיר נעמען די פראָצעסן, וועלכע לעבן אין פרישות פון דער וועלט, און שטעמפלען זיי אָפּ מיט דער אלגעמיינער חתימה פון דעם קהל. מיר גייען ניט ווייטער. מיר מאכן ניט איין טריט טיפער אין דער געדיכטעניש פון דער נאַטור, פון קעגנשטאנדן און פּאַסי־רונגען. מיר שטעלן זיך צופרידן מיט דעם וואָס מיר פעריאָדיפיצירן די געשעענישן און קלאַסיפיצירן די אָביעקטן. דערקענטעניש איז א מענטשלעכער אויסטראכט און אויפטו. די בארעכטיקונג דערפאר ליגט אין דער פּראַקטישקייט, אין דער ארבעטזאמקייט, ניצלעכקייט, אין די אקאָמאָדאציעס און באַקוועמלעכקייטן וואָס אזא דערקענטעניש גיט אונדז. עס איז געגוג צו זאָגן אין איר זכות, אז טעכניש איז זי דערפאַלגרייך, גיט גוטע רעזולטאַטן.

3

# גלייכהייט און טעכניק

דער מענטש האָט, אַזוי צו זאָגן, פּסיכאָלאָגיזירט די אויסערלעכע גרויסע וועלט אַזוי גוט ווי זיין אינערלעכן קאָסמאָס, זיין קליין וועלטעלע. איך מיין צו באַהויפּטן אַז דער מענטש עלימינירט אַלע באַזונדערקייטן, אַלע עקשנים, די ניט־קאָנפאָרמיסטן, אַלע די וואָס ווילן זיך ניט אויפ־פירן כמנהג־המדינה. ער נעמט אויף בלויז די פאָלגער, די נאָכגעביקע. ער כאַפּט אויף בלויז די אַלגעמיינע קאָנטורן און סילועטן, די אַלגעמיינע סימנים און שטריכן. אָבער אַזאַ האַנדלונג איז באַגרענעצט, זי געפינט זיך אין די ד׳ אמות פון דער דערקענטעניש. וואָס העכער אונדזער וויסעניש הייבט זיך אויף, אַלץ מער אַבסטראַקט, מער פילאָזאָפיש, מער פּינקטלעך, מער אויסגעהאַלטן ווערט זי און אַלץ ווייטער רוקט זי זיך אָפּ פון דער וועלט מיט איר ענדלאָזער פילפאַכיקייט, פילפאַרביקייט און פילפאָרמיקייט.

דעריבער קוקן מיר אויף דעם מאַניזם, דאָס רעדוצירן אַלץ און יעדן צו אַ פולשטענדיקער אוניווערסאַליטעט — ווי אויף דער גרעסטער דער־גרייכונג, דער ווichטיקסטער דעראָבערונג אין וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע. מיר זעען אין מאָניסטישן וועלט־באַנעם דעם שפּיץ פון אַבסטראַקטן גע־דאַנק, דעם אַפּאָגיי פון אויסגעהאַלטנקייט. דער וועג פון דערקענטעניש פירט אָן אָפּנייגונגען, פון דער איינצלקייט און פאַרשיידנקייט צו דער אַלץ־אַרומנעמענדיקער און אַלץ־דורכדרינגענדיקער גענעראַליזאַציע.

עס איז אַלעמען באַקאַנט די קאָנטראָווערסיע מכוח געשיכטע צי זי איז אַ וויסנשאַפט, צי ניט, צי זי איז פאַרנומען מיט דער אונטערזוכונג און באַשרייבונג פון דאָס אַלגעמיינע, אָדער זי איז זיך מתעסק מיט דעם אויספאַרש פון דאָס איינצלנע.

דזשאַהן א. האָבסאָן אין זיין ווערק „ראַציאָנאַליזם און הומאַניזם״ שרייבט:

...„געשיכטע חזר׳ט זיך קיינמאָל ניט איבער — דער חידוש, דאָס אומפאָרויסגעזעענע, דאָס אומפאָרויסזיכטבאַרע, קריכן כסדר אַריין... דער בלויזער פאַקט, וואָס אַ סיטואַציע, וועלכע האָט צו טאָן מיט אַן אַקט פון אויסוואַל, האָט שוין איינמאָל פּאַסירט, דערלאָזט ניט, אַז דיזעלביקע סיטואַציע זאָל פאָרקומען אַ צווייטן מאָל, מחמת דער פאַקט און געדעכע־ניש פון דעם אויסוואַל אין דער פאַרגאַנגענהייט זיינען נייע פאַקטאָרן אין דער סיטואַציע, וועלכע איז בנוגע אַלדאָס איבעריקע די זעלביקע.״ (18)

אָבער מיר מוזן איגנאָרירן אָט־די אלע „חידושים״. מיר האַלטן זיך פאר די באַנאַליטעטן, אניט וואָלט אונדז ׳צעטראגן׳ אָט־די אין־לשער׳דיקע עשירות פון פאקטן. דער שלל פון סעפּאראַטע פארלויפונגען, וועלכע ווערן אקומולירט און רעקאָרדירט, וואָלטן אונדז אינגאנצן צע־טומלען און מיר וואָלטן ניט וויסן אויף וועלכער וועלט מיר זיינען.

פראנקלין ה. גידדינגס שרייבט:

„עפּטער ווי ניט ווערט א סצענע אין דער געשיכטע ווידערהאָלט אין פאַרשיידענע פלעצער און מיט וואריאציעס איידער די וויטערדיקע סצענע אין דער דראַמאַטישער אָרדענונג ווערט געשטעלט און תמיד ווערט אַ גאַנצער אָקט איבערגע׳חזר׳ט. אָקט צוויי (מיטלאַלטערטום געשיכטע) איז אן איבער׳חזר׳ונג פון אָקט איינס אלטערטום־געשיכטע) (מיט וואַרי־אַציעס; אקט דריי (מאָדערנע געשיכטע) איז א ווידערהאָלונג פון אקט צוויי, וויטער, מיט וואַריאַציעס.״ (19)

אָט־די רעפּעטיציעס, די ווידערהאָלונגען, פון וועלכע גידדינגס רעדט, זיינען ניט קיין שטיקער „ווירקלעכקייט״. זיי זיינען „פיקטיוו״. מיר זעען זיי אין אזא ליכט. מיר קענען זיי אנדערש ניט זען. אין אונדזער מאָדערנער צייט זעען מיר א ווידערהאָלונג פון מיטלאַלטערטום. אונדזער „זעאונג״ האָט מיט די געשעענישן אליין און פאר זיך ווייניק וואָס צו טאָן. אונדזער „זעאונג״ און באשרייבונג איז א פּראָדוקט פון אונדזער אויפפאסונג פון די געשעענישן.

צו דערקענען געשיכטע איז מעגלעך אונטער איין באַדינגג און דאָס איז צו נעמען אָט־דעם ספּעציעלן עץ־הדעת און גלייך פון אָנהייב אָפּהאַקן אלע זיינע צווייגן אזוי, אז עס זאָל בלייבן דער הוילער שטאָם, און דעם שטאָם דאַרף מען אונטערזעגן אזוי אז עס זאָל בלייבן דער פּיען, און דעם פּיען דארף מען אויסגראָבן און איבערלאָזן פון אים ניט מער ווי די וואָרצ־לען. מיט אנדערע ווערטער די דערקענטעניש פון געשיכטע מיינט די טעכ־ניקאַליזירונג פון געשיכטע. די טעכניקאַליזאציע פון געשיכטע קען דורכ־געפירט ווערן פיל־ווייניק דערפאָלגרייך בלויז נאָכדעם ווי מיר האָבן זי שוין אדורכגעלאָזט דורך דער מיל פון פּסיכאָלאָגיזאציע. דאָס הייסט מיר דארפן דעם גאנצן מאַטעריאל ארויפנעמען אויף דעם לאָגיש־מאַטע־מאַטישן קאָפּול. בקיצור, מיר דארפן באַהאַנדלען דעם היסטאָריע־שטאָף אינערלעך טעכניש. און ערשט דערנאָך, נאָך די אלע הכנות און הכשרות קענען מיר צוטרעטן צו דעם וואָס מיר וועלן רופן עקזעמפּלאַריזם, ד. ה. מיר וועלן שאַפן פאָרמעס, באַדינגונגען, צוזאַמענטרעפונגען און אָט־די „שאַפונגען״ אונדזערע וועלן מיר קאָמבינירן, פורעמען לויט באשטימטע מוסטערן, צונויפקניפּלען.

פ. ניטצשע שרייבט:

„דער פּאָסטולאַט פון פּלוראַליטעט שיקט תמיד פאָרויס, אַז עפּעס עקזיסטירט וואָס מאַניפעסטירט זיך באזונדער, אבער עס איז פונקט דאָ וואו די דעלוזיע הערשט.״ (20)

פולשטענדיקע גלייכהייט, אמת׳ע זעלביקייט געפינען מיר בלויז אין דעם תחום פון מאַטעמאַטיק. דאָרטן זיינען די גראַדע ליניעס אידענטיש, די גראַדע ווינקלען זיינע זעלביק, ווייל דאָ שטייען מיר מיט ביידע פיס אויף דעם פעסטן באָדן פון פסיכאָלאָגישער טעכניק. דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט פולשטענדיקער אידענטיפיקאַציע. אלע גראַדע ווינקלען זיינען באמת איין ווינקל. די גאנצע געאָמעטרישע וועלט פאַרמאָגט בלויז איין גראַדן ווינקל און איין גראַדע ליניע. דאָ קומט אלץ אין איין צאָל, אלץ אחד׳יק, יחיד׳יק. און די דאָזיקע גראַדע ליניע און דעם דאָזיקן גראַדן ווינקל לייגט געאָמעטריע פאַר צו אלע פעלקער אונטער אלע אומשטענדן, פאַר אלע צייטן און פאַר אלע געלעגנהייטן. אומעטום באַגעגענען מיר די אייגענע געאָמעטרישע פיגור און די זעלביקע קאָנפיגוראַציע, וועלכע איז אָמניפּרעזענט.

דער מענטש איז זעלביק מיט זיך אליין, ווען ער ווערט גענומען אויף דעם זעלביקן אָרט און אין דעם זעלביקן מאָמענט.

צוויי איז גלייך צו צוויי מיינט אז מיר פאַרמאָגן בלויז איין „צוויי״. אלץ וואָס אזעלכע באהויפּטונגען זאָגן קומט צו דער הוילער פאַרזיכערונג, אז א׳ קען ניט זיין אויפאמאָל און צו דערזעלביקער צייט אי א׳ און אי ניט א׳.

אין „פסיכאָלאָגיע״, אין דער קאָנצעפּטואַליסטישער אינדוסטריע אדער פּראָדוקציע פון דער וועלט, האָבן מיר צו טאָן מיטן טיפּ, מיט דער גאַטונג, מיט דער גרופּע, מיט דעם קלאַס א. א. וו. אין טעכניק באַשעפטיקן מיר זיך מיט דעם עקזעמפּלאַריזם, אנשטאָט דעם עפּיסטעמאָלאָגישן טיפּיזם, פּעריאָדיזם, קלאַסיזם וכדומה.

א באַגרענעצטע מאָס פון גלייכהייט, אן איינגעצוימטן רוים פון זעלביקייט געפינט מען אין דער טעכניק, וואו א געוויסע צאָל עקזעמפּלאַרן ווערן אָפּגעגאָסן אין דעם אייגענעם פורעם, ווערן אָפּגעשטעמפּלט מיט דער זעלביקער חתימה.

אויסגלייכונג, גלייכמאכונג, ניט פון דער וואַריאַיטעט וועלכע מיר פּראַקטיצירן אין אונדזער פסיכאָלאָגיע און לאָגיק, נייערט פון די עצם אָביעקטן — דאָס איז די עובדא פון טעכניק. פון דער פסיכאָלאָגישער באַאַרבעטונג פון דעם אוניווערס גייט דער מענטש אריבער צו דער פיזישער איבעראַרבעטונג פון דער וועלט. אזויערנאָך פאַרקערפּערט דער

מענטש זיינע אידייען אין אָביעקטן און פּראָצעסן. בזה־האופן ווערט אייגנטלעך עקזעמפּלאַריזם געבוירן. אין דער טעכניק באַגעגענען מיר זיך מיט עקזעמפּלאַרן. דער פורעם, דער שטאמפּ זיינען די אייגענע. דער עקזעמפּלאַר־פּראָדוקט וועלכער ווערט אָפּגעגאָסן אין דעם אייגענעם פורעם און קומט פון א מאַטעריאַל וואָס איז כמעט דער זעלביקער — אנטהאלט אין זיך א מאקסימום פון די זעלביקע אייגנשאפטן. איין עקזעמפּלאַר אונטערשיידט זיך פון די איבעריקע, וועלכע זיינען געמאכט געוואָרן פון דעם זעלביקן מאַטעריאַל און אונטער כמעט די זעלביקע באַדינגונגען, בלויז אויף אזויפיל אויף וויפל זיינע באַשטאַנדטיילן וואַריאירן, און די אומשטענדן, אונטער וועלכע די פורעמונג־אַקציע איז פאָרגעקומען, ענדערן זיך, זיינען דיווערסיפיצירט. צוויי קאָפּיעס פון דעם זעלביקן בוך קענען זיך ניט אונטערשיידן איינע פון דער אנדערער אין א גרויסער מאָס. זייער טעקסט איז דער אייגענער, אָן וועלכע עס איז אָפּווייכונגען פון נוסחאות און גירסאות. בלויז דער פּאַפּיר און די טינט איז א האָרעלע פאַרשיידן. אבער אזוי ווי סיי דער פּאַפּיר און סיי די טינט זיינען אליין אויך פּראָדוקטן, וועלכע האָבן זיך באקומען דורך א טעכנישן פּראָצעס, אונטערשיידן זיי זיך בלויז אזוי וויית, ווי איין עקזעמפּלאַר קען זיך פאַנאַנדערגיין מיט א ברודער־עקזעמפּלאַר.

4

## גלייכהייט און נאַטור

לאַטראָפּ סטאַדדאַרד אין זיין ווערק „דער רעוואָלט קעגן ציוויליזאציע" שרייבט:

„עס איז, באמת, ניטאָ אַזאַ וואָרט ווי גלייכהייט אין דער נאַטורס ווערטערבוך. מיט א פאַרגרעסערנדיק אומגלייכער האַנט צעטיילט זי רייכטימער, שיינקייט, שטאַרקייט, אינטעליגענץ, געניאַליטעט — אַלע די אייגנשאפטן וועלכע גיבן זייערע אייגנטימער א סופּעריאָריטעט איבער זייערע מיטמענטשן." (21)

אין דער פיזישער ווי אין דער ביאָלאָגישער וועלט פון דערשיינונגען געפינען מיר ניט קיינע עקזעמפּלאַרן. און זעלבסטפאַרשטענדלעך, וועגן גלייכהייט קען מען זיך אפילו ניט פאַרהיקען.

ווי האַלט עס בנוגע מענטשלעכע וועזנס? קיינער איז ניט גלייך צו א צווייטן. איינער איז שטאַרק, געזונט, הייך, א יונג מיט ביינער, דער צווייטער איז א שוואכלינג, קוים וואָס ער לעבט, קליין־געוויקסיק. איינער

איז שיין, מיט אן הדרת־פּנים, דער צווייטער איז מיאוס. עס איז אויך דאָ א גרויסע פאַרשיידנקייט אין דעם צוזאַמענשטעל פון גייסטיקע, פּסיכאָלאָגישע און לאָגישע כוחות און פאַקטאָרן, א וואַריאיטעט פון אויסשטאַלטונגען, פון באַגאַבטקייטן. די מענטשלעכע נאַטור ווייסט ניט פון קיינע גלייכהייט „חכמות״.

אין דעם רשות פון די אומבאַלעבטע קעגנשטאַנדן איז ניטאָ קיין שפּור פון גלייכהייט. די דיפערענצן זיינען פון א קוואַנטיטאַטיוון און קוואַליטאַטיוון כאַראַקטער. אין דער ספערע פון די בעלי־חיים, פון די לעבעדיקע באַשעפענישן, קען מען ניט אנטדעקן אפילו א זכר פון גלייכהייט. עס איז אויך ניטאָ קיין גלייכהייט אין תחום פון פּסיכאָלאָגיע. די זעלישע פּרצופים, קאָנסטיטוציעס און געשטאַלטן זיינען פאַרשיידן. די פּסיכישע פייאיקייטן ווייזן ארויס אן איבערפלוס פון פאַרשיידנאַרטיקע פאָרמען, שפּאַנונגען, מדרגות.

און וואָס הערט זיך עפּעס מכוח סאָציאָלאָגיע? דאָ קען מען קיין גלייכהייט ניט געפינען אפילו אויף א רפואה. דאָ איז די ממשלה פון גראַדאַציעס, פון דרגאות, פון א יעראַרכיע. דאָ שטייט דער פּראָווערביאַלער לייטער. דער אונטערשטער שטאַפּל זיינער ליגט טיף באַגראָבן אין דער קאַלטער ערד, בשעת דער אויבערשטער טרעפּל וואַרימט זיך אין דער זון און טובל׳ט זיך אין דער תכלת־מקווה. די געזעלשאַפט אין איר נאַטירלעכן צושטאַנד ווייסט ניט פון קיין גלייכהייט־פּראָיעקטן...

אָבער איז דאָ א מעגלעכקייט איינצופירן גלייכהייט אדער, וואָס איז ווייניקער, לכל־הפּחות עקזעמפּלאַריזם אין דעם תחום פון דער אָנגעווענדטער סאָציאָלאָגיע, אין די פאַרהעלטענישן וואָס וועבן זיך צווישן די מענטשן?

די פראַגע איז צי מ׳קען דערגרייכן גלייכהייט אויף א קינסטלעכן אופן, דורך פּלאַנירונג, דורך דעם וואָס מ׳וועט אויסגלייכן דעם באָדן, אויפהייבן די נידעריקע פּלאַסטן און אַראָפּלאָזן די העכערע, לויט דער געטלעכער פאָרמולע פון „משפּיל גאים ומגביה שפלים״? אָט־די פראַגע וואָלט פירן צו אן אביסל אלגעמיינערער פראַגע: איז מעגלעך צו באַטראַכטן די פּאָליטישע טעטיקייט אלס א מין סאָרט פון סאָציאַטאַרער אינזשענעריי? וועגן „סאָציאַלער טעכניק״*) האָט פיל געטרוימט דער באַרימטער טשארלס פוריע, וועלכער האָט טאַקע געברויכט דעם וואָרט „סאָציאטארער אינזשענער״. ער האָט זיך אליין באַטראַכט אלס אזעלכן. די פראגע איז, לכן, צי מיר זיינען אימשטאנד צו שאַפן א סאָציאלע טעכנאָלאָגיע, צי

*) וו. גאָרדין, סאָציא־מאַגיק און סאָציא־טעכניק. מאָסקווע, 1919 (רוסיש.)

מיר קענען האָבן ביי אונדז אין דער געזעלשאַפט אַזעלכע מיני פּראָפּע־סיאָנאַלן ווי „סאָציאַטאָרע אינזשענערן?" לויט מיין פאַרשטיין נאָך מוז די פראַגע געענטפערט ווערן מיט א ניין. דאָס קען ניט געשאַפן ווערן.

א. שעפלע שרייבט:

„די גאַנצע טענדענץ פון דער מענטשלעכער ראַסע, ווי מ'זעט עס אין דער געשיכטע, איז געווען צו ווערן מער און מער פּילפּאַלטיק. אומ־גלייכהייט איז אין אונדז אריינגעוועבט פון געבורט דורך ירושה." (22)

די ריידערייען מכוח גלייכהייט, מכוח דער פאַרווירקלעכונג פון די עגאַליטאַרישע באַשטרעבונגען איז אַן אַקט פון זעלבסט־אָפּנאַרעריי און אָפּנאַרעריי. גלייכהייט איז א סאָציאָלאָגישער מיטאָס מיט וועלכן מ'וויל פאַנאַנדערטשוכען די איינבילדונגס־קראַפט, סטימולירן די איניציאַטיוו פון די מאַסן, וועלכע זיינען היפּש שלעפּערדיק. דאָס איז א מיטל מיט וועלכן מ'פּרובירט וועקן זייער אָפּגעשלאָפטן ווילנס־כוח.

ווען מ'קוקט אויף דעם ענין פון אַט־דעם שטאַנדפּונקט, קען מען זאָגן אז די מליצה'דיקע דרשות מכוח גלייכהייט האָבן א וועלכן־עס־איז פּראַגמאַטישן ווערט. הגם זייער לאָגיק הינקט „אויף אַלע פיר פיס"... די לערע מכוח גלייכהייט געהערט צו דער סאָציאָלאָגישער אַלכעמיע. וואָס איז געווען די עובדא פון אַלכעמיע? זי האָט געשטעלט זיך אַלס אויפגאַבע צו פאַרוואַנדלען אַלע מעטאַלן, די גראָבסטע און נידעריקסטע אין די קאָסטבאַרסטע און איידלסטע. מיט איין וואָרט, זי האָט געוואָלט פאַרווירקלעכן דעם פּרינציפּ פון גלייכהייט אויף דעם געביט פון מעטאַ־לורגיע.

ענריקאָ פערריי אין זיין ווערק „סאָציאַליזם און די מאָדערנע וויסנ־שאַפט" שרייבט:

„אַזוי ווי עס זיינען ניטאָ קיין צוויי בלעטער, וועלכע זאָלן זיין אידענטיש גלייך אַזוי איז אין דער גאַנצער וועלט ניטאָ קיין צוויי מענטשן, וואָס זאָלן אין אַלע הינזיכטן זיין גלייך איינער צום צווייטן,— פונדעסטוועגן האָט יעדער מענטש, בלויז מחמת דעם וואָס ער איז א מענטשלעך ווזען, דאָס רעכט אויף עקזיסטענץ אַלס מענטש, און ניט אַלס שקלאַף אדער א לאַסט־בהמה." (23)

פערריי רעדט וועגן דאָס „רעכט", דאָס רעכט אויף עקזיסטענץ. ער געברויכט א באַגריף, וועלכער שטעלט פאַר מיט זיך א יורידישע קאַטע־גאָריע, א מהות וואָס קען בשום אופן ניט פאַרגלייכן זיך מיט דער ווירקלעכקייט. ער קען אפילו ניט דינען אלס א סוראָגאַט. נאָכמער, אין זיין באַהויפּטונג מאַכט ער אַזא שפּרונג, ווי להבדיל ריש לקיש איבערן ירדן. אדער מענטשן זיינען גלייך, אדער איינער דאַרף ווערן א „לאַסט־

בהמה״. עס זיינען דאָ געגוג צווישן־שטופן. מ׳קען זיך אָפּזאָגן פון דעם פּרינציפּ פון גלייכהייט און דאָך ניט לאָזן דעם מענטשן אראָפּזינקען צו דעם מצב פון א שקלאַף אדער גאָר א בהמה וואָס טראָגט משא אויף זיך.

דער פאַקט אליין, וואָס לערעס מכוח גלייכהייט ווערן גענומען ערנסט פון א געוויסער צאָל וויסנשאַפטלער איז א באַווייז אז די אָנגעווענדטע סאָציאָלאָגיע האלט נאָך פאַר איר „יהי אור!״ איך פארשטיי אז די עגאַליטאַרישע אָנשויאונגען האָט מען געמוזט, צו א געוויסן גראַד, דולדן, מחמת דעם וואָס קיינעם האָט זיך ניט געוואָלט זיין דער „שגץ״ און פאַרלעצן די געפילן און פאַרטשעפּען די אָבערגלויבערייען פון די מאַסן, וועלכע די אומפאַראַנטוואָרטלעכע אַגיטאַטאָרן, די פּראָספּעקטיווע הערשער, האָבן פאַרדרייט די מוחות און מיילער אויף לינקס. אָבער די־דאָזיקע אידייען ווערן טאַקע אויף אן אמת פאַרטיידיקט מיט אן אָנשטעל פון וויסנשאַפטלעכער רעזאָנירונג — און דאָס איז שוין א „וויסנ־שאַפטלעכער סקאַנדאַל.״ דאָס ציגט אונדז אז די אָנגעווונדטע סאָציאָלאָגיע געפינט זיך נאָך אין אירע וויקעלעך, ארומגערינגלט מיט שווערמערייען און פוסטע פאַנטאַזיעס, אז זי איז קוים בכוח צו ציען די פאַנאַנדערשייד־ליניע צווישן דאָס דערגרייכבאַרע און ווילד־פאַנטאַסטישע.

ע. ט. קאַמפּאַגנאַק אין זיין ווערק „געזעלשאַפט און איינזאַמקייט״ שרייבט:

מענטשן זיינען פאַרשיידן אין זייערע פונקציעס... און זייער אומ־גלייכהייט ווערט געמאָסטן... ווען אייניקע מענטשן פאַרנעמען זיך מיט דערזעלביקער באַשעפטיקונג... זאָגן מיר איינער איז בעסער פון דעם אנדערן... דער בעסטער איז דער וואָס טוט די זאַך... בעסער פון די איבעריקע.״ (24)

אָט־אזוי זיינען טאַקע מענטשן. אפילו אין זעלביקן פאַך און זייענדיק די זעלביקע מומחים וועלן זיי דאָך טאָן די זעלביקע זאַך יעדער לויט זיינע כוחות, לויט זיינע פייאיקייטן. גלייכהייט צווישן מענטשן וואָלט מען געקענט איינפירן, ווען מיר וואָלטן, קודם כל, די מענטשן אליין האָבן אויסגעגליכן. ווי אזוי קענען מיר אָבער אויסגלייכן די מענטשן? עס איז קיין ספק ניט, אז אין פאַל מיר וואָלטן געווען אימשטאַנד צו שאַפן א קינסטלעכן מענטשן, מיר וואָלטן פּראָדוצירט אזעלכע ראָבאָטס אדער האָמונקולס אָדער אויסגעזעסן זיי ווי הינדעלעך בצורת אדם אין אן אינקובאַטאָר אויף א גרויסן מאַסשטאַב, וואָלטן מיר פון זיי און פאַר זיי געקענט שאַפן א גלייכע געזעלשאַפט. פאַר די טעכנישע מענטשן וואָלטן מיר איינפירן א טעכנישע גלייכהייט. פאַר די „נאָרמאַלע נאַטוראַלע״

מענטשן קען מען קיין גלייכהייט ניט שאפן. און אלע באַמיאונגען, אין דער דאָזיקער ריכטונג, פון די נאַאיוויסטן איז א קאַמף מיט ווינטמילן בשעת א געוויטער.

ראָבערט אוען אין זיין ווערק „א ראַציאָנאַלע סיסטעם פון דער „געזעלשאפט" שרייבט:

„די אָרגאַניזאציע פון צוויי מענטשלעכע וועזנס איז קיינמאָל ניט פינקטלעך ענלעך בשעת געבוירן ווערן, אויך קען ניט די קונסט דערנאָך פאָרמירן פון קינדהייט ביז רייפקייט צוויי אינדיווידן אזוי, אז זיי זאָלן זיין פרעציז ענלעך." (25)

אויב די אינדיווידן זיינען ניט ענלעך, ווען מיר נעמען זיי איינציק־וויז, אפשיטא שוין ווען מיר נעמען זיי בציבור. ווען זיי פאראייניקן זיך, שאפן קאָמבינאציעס, ווערן זיי נאָך ווייטער אַוועקגערוקט פון דער פשטות און פרימיטיווקייט פון גלייכהייט. די אומגלייכהייט פון אַ פיזיאָ־לאָגישן און פסיכאָלאָגישן כאַראַקטער ווערט גע׳כפל׳ט אויף דער סאָציאָ־לאָגישער אומגלייכהייט. נאָך בעסער: די פיזיאָלאָגישע אומגלייכהייט ווערט געטאָפּלט אויף די פסיכאָלאָגישע דיפערענציאַציעס און די סומע וועלכע מיר קריגן פון דער דאָזיקער טאָפּלונג־אָפּעראַציע ווערט נאָך אַמאָל גע׳כפל׳ט אויף דעם סכום פון די דיווערגענצן, וואָס זיינען אנט־שטאַנען אין דער סאָציאַלער אומגעבונג. אזויערנאָך האַלט די אומגלייכ־הייט אין א כסדר׳דיקן פראָצעס פון וואקסן. זי ווערט מער קאָמפּליצירט, מער פאַרוויקלט.

## 5

# גלייכהייט אין סאָציאָלאָגיע

אפילו דאָס נאַאיווע דענקען האָט געמוזט צוגעבן, אז מיר זיינען כמעט אומבאהאָלפן ווען עס קומט צו דער גלייכמאכונג פון מענטשלעכע וועזנס אין דעם פשט פון עקוואַליזירן זייערע פיזיאָלאָגישע קאָנסטיטוציעס, נעמלעך, פיגורן, מראה א. א. וו. מיר קענען ניט צוגעבן, זאָגט אונדז דער יעוואַנגעליום, צו אונדזער געוואוקס אפילו איין צאָל. מיר קענען אויך ניט אראָפּנעמען פון אונדזער שטאַטור, אפילו קיין איין מילימעטער ניט.

מיר זיינען ניט קיין גרעסערע בריות ווען עס האנדלט זיך מכוח פסיכאָלאָגישער גלייכשאלטונג.

אויגוסט קאָנט שרייבט:

„די פשוטע פיזישע אומגלייכהייטן, וועלכע ציִען צו די אויפמערק־זאמקייט פון די אויבערפלעכלעכע באָאָבאַכטער זיינען א סך ווייניקער מערקעוודיק, ווי די אינטעלעקטועלע און מאָראַלע אונטערשיידן; און דער ציוויליזאציע־פּראָצעס איז גענייגט צו פאַרגרעסערן אָט־די מער וויכטיקע דיפערענציאציע." (26)

אַנדערע מענטשן האָבן „אייזערנע קעפּ", בשעת אַנדערע טראָגן צעבערס אויף זייערע פּלייצעס, אנשטאָט קעפּ. דאָ זעט מען דעם זשעני, ניט ווייט פון אים שטייט דער טאַלאַנט, דער מאַן מיט די אומגעוויינטלעכע פייאיקייטן, און גלייך הינטער זיי פּוּזשעט ארום דער הדיוט, דער פאַר־שטאָפּטער מוח. אָט־דאָ בליט זיך פאַנאַנדער דער שעפער, דער דער־פינדער, דער אויפטוער, דער מחדש פון נייע אידייען, דער אומדערשראָ־קענער פאָרשער, דער בראַוער אַנטדעקער, דער דרייסטער רייזנדער, דער וואַגזאַמער דענקער, און לעבן זיי וואַקסט, מעשה קראָפּיווע, דער נאָכאַנאַנדיקער נאָכמאַכער, דער אָפּהיטער און אויפהאַלטער פון אַלע הבלים, פון אלע רוטינע געדאַנקען און שאַבלאָנע סטערעאָטיפּישע טואונגען.

די מענטשלעכע נשמה, דאָס באַוואוסטזיין, דער פאַרשטאַנד און שכל זיינען נאָך אַלץ ניט „דאָס האַנדווערק פון מענטשן." הגם מיר האָבן אויפגעטאָן א היפּש ביסל אין דעם פעלד פון פּסיכיאַטריע און גייסט־היגיענע, מיר האָבן געמאַכט באַדייטנדיקע אַנטדעקונגען אין „רעפלעק־סאָלאָגיע" און „קאָנדיציאָלאָגיע". אין דער זעלנוועלט הערשט נאָך אלץ די נאַטור ווי דער אמת׳ער אויטאָקראַט, און איר הערשאַפט ווערט ניט באַשטריטן אדער אפילו געשטעלט אונטער א פראַגע־צייכן.

אָבער איז ניט סאָציאָלאָגיע א פּראָדוקט פון קולטור? פרעגט אונדז דער פריידיקער פון עגאַליטאַריזם. איז ניט סאָציאָלאָגיע דער געביט, אויף וועלכן דער מענטש און זיין בכוונה־תחילה אויסגערעכנטער אויפיר קען אויפטאָן זייער פיל, מער ווי אומעטום? ווערט דען ניט די סאָציאַלע סביבה, די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע טעטיקייט־ספערע, קאָנטראָלירט פון מענטשן? קענען מיר דען ניט איינפירן א נייעם איינשטעל? זיינען מיר דען ניט בכוח צו ברענגען דעם צייטאַלטער פון יושר און שכל? קענען מיר דען ניט עקוואַליזירן אַלע מענטשן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, עטאבלירן פאר זיי אידענטישע באַדינגונגען פון וואוילשטאַנד?

איך וואָלט ענטפערן: יע, די געזעלשאַפט קען באַטראַכט ווערן פון א געוויסן שטאַנדפּונקט אלס א פּראָדוקט פון אונדזער ציוויליזאציע. זי איז טאקע דער שטאָלץ פון דער מענטשלעכער שעפערישקייט. דאָך טאָר מען ניט פארגעסן אז די געזעלשאַפט איז ניט קיין מעכאַניזם אדער א

טעכנישער אַפּאַראַט. מיר ווען קיינמאָל ניט זיין אימשטאַנד צו שאַפן אַ סאָציאַלע טעכניק אין דעם פולן פשט פון וואָרט. בלויז פיזיק האָט אַזאַ דיסציפּלין אַלס אַ צוגאָב. בלויז פיזיק קען דערלויבן די עקזיסטענץ פון „עקזעמפּלאַריזם", ווייל דאָרטן האָבן מיר צו טאָן מיט „טויטער" מאַטעריע, מיט אומבאַלעבטע קעגנשטאַנדן. אין דער פּראָווינץ פון טעכניק רעכענען מיר זיך לחלוטין ניט מיט דער „נאַטור" פון דעם מאַטעריאַל, מיט זיינע איינגעבוירענע אייגנשאַפטן, כאַראַקטעריסטיקס און קוואַליטעטן. מיר האָבן ניט קיין רחמנות אויף אים. מיר שאַנעווען אים ניט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן זיין, אַזוי צו זאָגן, פּערזענלעכקייט, זיין אייגענער קאָנסטיטוציע. מיר דערנידערן אים פון אַ זאַך פאַר זיך און לשם זיך אַליין צו אַ זאַך פאַר אונדז, פאַר אונדזערטוועגן, פאַר אונדזער געברויך, באַנוץ און באַדינונג. ער איז געוועזן אַ קעגנשטאַנד. איצט מאַכן מיר פון אים אַ פּראָדוקט, אַ מוסטער, אַן עקזעמפּלאַר. מיט אַנדערע ווערטער, מיר פאַרקערפּערן אין אים אַ געוויסן צוועק, מיר טוען אין אים אריין אַ באַשטימטן תכלית, וועלכער דינט אונדזערע אינטערעסן, וועלכער איז גוט פאַר אונדז, ניט פאַר דער זאַך אַליין.

אָבער אין תחום פון קולטיווירונג האָבן מיר שוין ניט אַזאַ פרייע האַנט. דאָרטן קענען מיר ניט אָנווענדן די „ביד־חזקה" מעטאָדן. מ'דאַרף קאָאָפּערירן. די אַרבעט דאַרף געטאָן ווערן בשותפות, אי פאַר אונדז און אי פאַר דער זאַך אַליין. מיר באַאַרבעטן דעם באָדן, מיר אַקערן, בראָנעווען, זייען, איריגירן, יעטן. מיר גיבן אַכטונג אויף דעם שטיקל פעלד, מיר האַלטן עס אין אָרדענונג. און דאָך זיינען עס ניט אונדזערע כוחות אינגאַנצן, וועלכע מאַכן, אַז די זריעה זאָל נעמען ארויסשפּראָצן, אַז די תבואה זאָל וואַקסן, אַז די פלאַנצונג זאָל זיך צונעמען. דער לעצ־טער וואָרט געהערט צו דעם באָדן און צו דעם זוימען. מיר פּראָדוצירן ניט אונדזער ווייץ און קאָרן, ווי מיר מאַכן, למשל, נעגל. מיר טוען וואָס מיר קענען און דאָס איבעריקע לאָזן מיר איבער צו דער מוטער־ערד און צו דער נאַטור. אין דעם תחום פון קולטיווירונג געפינען מיר ניט קיין „עקזעמפּלאַרן". אויף צו־להכעיס אונדזער אינטערווענציע, אונדזער אריינמישן זיך אין די אַנגעלעגנהייטן פון דעם קיניגרייך פון די געוויקסן, בלייבט דאָרט אַ רעשטל פון אויטאָנאָמישקייט, פון אומאָפּ־הענגיקער עקזיסטענץ. מ'קען דאָרט געפינען אַן אומבאַרירטן מינימום פון דער „זאַך אין זיך אַליין" און פאַר זיך אַליין. אין דעם לפני ולפנים פון דעם געוויקס, פון דעם וועגעטאַציאָנעלן זעלבסט קענען מיר ניט אריינקריכן. דאָרטן בלייבן די שיריים פון אַן אינדיווידואַליטעט. אין דעם דאָזיקן מלכות הערשט די גאַטונג, ניט דער „עקזעמפּלאַר".

סאָציאָלאָגיע איז נאָך ווייניקער צוטרעטלעך. זי טאָלערירט ניט קיין מעכאַניזאַציע, קיין רעגימענטאַציע, בכדי מיר זאָלן קענען דערגרייכן צו גלייכהייט אין די הייכע ספערן פון סאָציאָלאָגיע, וואָלטן מיר באַדאַרפט, אַלס א פאַרבאַדינג, עטאַבלירן עגאַליטאַריזם, אין דעם תחום פון פיזיאָלאָגיע, דערנאָך, אין תחום פון פסיכאָלאָגיע, און ערשט צום סאַמע סוף וואָלטן מיר געקענט אָנקומען מיט אונדזער ניוועלירונג־ארבעט צו דער ספערע פון סאָציאָלאָגיע. דאָס מאַכן די אָפּעראַציע אויף דעם סאָציאַלן קערפער ניט האָבנדיק, פאַר דעם, געמאַכט ענלעכע אָפּעראַציעס אויף דעם פיזיאָלאָגישן קערפער און נשמה — וואָלט ניט געבן קיינע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן.

דער אמת איז, אז קיינער וויל גאָר ניט איינפירן אָט־די אזוי הייך געלויבטע און גערימטע גלייכהייט. עס זיינען כמעט ניטאָ אזעלכע כירורגען, — אויסער די הונדערט פּראַצענטיקע נאַאיוויסטן, — וואָס וואָלטן וועלן מאַכן אָט־די עקוואַליזאַציע־אָפּעראַציע און אויסשניידן די אומגלייכהייטן־געדערים... דער אמת איז, אז דאָס דרש׳ענען און מגיד׳ע־ווען מכוח גלייכהייט איז ניט מער ווי פּוסטע פּלאַפּלעריי. קיינער כמעט פון די וואָס היצן זיך אזוי וועגן עגאַליטאַריזם מיינען ניט עס איינצופירן. די סאָציאַלע רעפאָרם ווי די סאָציאַלע רעוואָלוציע זיינען קיינמאָל ניט געגאַנגען אין דער־דאָזיקער ריכטונג. וואָרט און טאַט האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין שלום־בית אין דער ספערע פון סאָציאַלער בוי־מייסטעריי. זיי ריידן ניט איינער צום אַנדערן. זיי זיינען צעקריגט. איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער רעקאָרדירטער געשיכטע האָט דאָס וואָרט געדינט אלס א שפּיז, אַלס א געפעדערלעכער וואפן, וועלכן מ׳האָט געברויכט קעגן די קעגנווערטיקע הערשער, אלס א כלי־זיין און כלי־משחית פאר אָפּעגסיווע צוועקן און אלס א מיטל פון פאַרטיידיקונג פון די הערשער קעגן דער דערוואַרטעטער אָפּענסיווע פון די מאַסן, וועלכע ווערן געפירט און קאָמאַנדירט פון די פּראָספּעקטיווע שררות. בשעת די טאַטן האָבן תמיד ארויסגעוויזן איין טענדענץ און דאָס איז צו פאַרניינען די פאַר־דעם־ארויסגעזאָגטע ווערטער. זיי זיינען אַלעמאָל געגאַנגען כנגד דער לייז־צונגענדיקער פריידיקעריי.

6

# גלייכהייט־אידעאַל און אומגלייכהייט־רעאַל

טהאָמאַס קאַרלייל שרייבט:

„איך פיר ניט קיין מחלוקת מיט 'פרייהייט און גלייכהייט', מיט דעם גלויבן, אַז אַזוי ווי עס איז אוממעגלעך צו האָבן קלוגע מענטשן, וועט זיין גוט ווען מיר וועלן האָבן אָן א שיעור נאַראָנים. דאָס איז געווען אַ נאַטירלעכער גלויבן, דעמאָלט אין יענער צייט; 'פרייהייט און גלייכהייט', מ'דאַרף מער ניט קיין אויטאָריטעט, העלדן־קולט־אָפּשיי פאַר אַזעלכע אויטאָריטעטן האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פאַלש, איז די פאַלשקייט אַליין; מער דאַרף מען ניט; מיר האָבן געהאַט אַזעלכע פעלשונגען; מיר וועלן איצט קיינעם ניט טרויען." (27)

קאַרלייל נעמט אויף די לאָזונגען פון 'פרייהייט און גלייכהייט' אין דעם נאַאיוון אויסטייטש. ער איז קעגן זיי. ער פאַרשטייט אַז מ'קען זיי ניט דורכפירן אין לעבן. זיין נאַאיווקייט באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס ער מיינט, אַז די וועלכע פריידיקן 'פרייהייט און גלייכהייט' ווילן טאַקע רעאַליזירן אָט־די באַשטרעבונגען. היסטאָריש־קריטיציסטיש פאַרשטאַנען זעט די גאַנצע זאַך אויס אַנדערש לגמרי.

די לערעס און ריידערייען מכוח גלייכהייט זיינען בלויז א צייגעניש, אַז די אומגלייכהייט האַלט אין וואַקסן, און אַז די סאָציאַלע גרופּירונג, וועלכע שטעלט פאַר מיט זיך די מאַניפעסטאַציעס פון דער דאָזיקער אומגלייכהייט, וויל דעם דאָזיקן פאַקט פאַרהוילן פון די אויגן פון די נאַאיווע מאַסן. אָט־די אַלע דרשות זיינען קאַמאָפלאַזש. זיי זיינען א שלייער אַדער א מלבוש פון ווערטער, מיט וועלכן מ'דעקט צו די נאַקעט־קייט, די שאַנדע פון דער פּאָליטישער קערפּערשאַפט. די לאָזונגען און דאָקטרינעס זיינען אידעאָלאָגישע שיינע יום־טוב'דיקע בגדים אין וועלכע מ'וויל אָנטאָן דעם „בשר־ודם" פון דער מיאוסער וואָכעדיקער ווירקלעכ־קייט. פּסעוודאָ־רעליגיע באַטראַכט אומגלייכהייט פאַר א זינד, א פאַר־ברעכן קעגן מאָראַל. פּסעוודאָ־רעליגיע זעט אין דעם פאַרצייטנס עפּעס הייליקס, פאָלקומענעס. די לאַנג־פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, די אַלטע גרויע געוועזנהייט, די קדמונים'דיקע מנהגים, די אָפּגעלעבטע שטייגערס, די עבר ובטל'דיקע פאָלקס־וועגן זיינען א הייליקטום, זיינען קדוש וטהור. דעריבער איז זי אַזוי אויפגעבראַכט, זי שיט פעך און שוועבל אויף די נייסן, אויף די אינאָוואַציעס, וועלכע ווערן איינגעפירט דורך די אויפ־געקומענע דיסציפּלינען אויף וועלכע זי קוקט קרום. 'ראשי חדשים לעמך

נתת׳ — נייענקע קעפּעלעך האָבן זיך באַוויזן צווישן פּאָלק, ׳זמן כפּרה׳ — עס איז צייט זיי זאָלן אַ כפּרה ווערן׳, פּלעגט דונערן דער קעלמער מגיד, און מיט אים אַלע מגידים פון אַלע פעלקער און אַלע צייטן אויף זייערע פאַרשיידענע שפּראַכן, ציטירנדיק און טייטשנדיק פאַרשיידענע טעקסטן. דער האַס צו דאָס נייע, צו דעם ׳חדש׳, פון וועלכן מ׳טאָר ניט געניסן, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פּסעוודאָ־רעליגיע בכלל, פאַר דעם קאָנסער־וואַטיזם אין אַלגעמיין. בכדי צו באַרואיקן איר אויפגערודערט געוויסן, אום צוצולייגן אַ באַלזאַם צו אירע פאַרלעצטע געפילן, פלעגט פּסעוודאָ־רעליגיע כסדר האַלטן אין צוזאָגן, אַז אַט־אַט און מיר וועלן זיך אומקערן צו דעם פּרימיטיוון צושטאַנד, צו אַ מילעניום פון עפּעס אַ באַזונדער מין. זי פלעגט אַלעמאָל פאַרזיכערן אַז זי וועט העלפן אַ קירעווע טאָן דעם וואָגן פון לעבן אויף צוריק אַזוי, אַז די גוטע אַלטע פאַרלעסלעכע צייטן וועלן באַלד קומען צוריק און עס וועט זיין אַ ׳חדש ימינו כקדם״. די אַלטע צייטן זיינען געווען פשוטע צייטן און דעריבער וואוילע און גוטע צייטן. וואָס ווייטער און טיפער דער פּראָצעס פון דיפערענציאַציע גייט אוועק, אַלץ העכער און קוויטשנדיקער ווערט דער געשריי פון פּסעוודאָ־עטיק אין איר מגידות מכוח גלייכהייט. איצט שרייט זי שוין אַראָפּ פון די דעכער פון די הייזער, אין וועלכע עס וואוינען די סאָציאַל־פּרומאַקעס.

אָבער וואָס פאַר אַ ווערדע האָט די־דאָזיקע פּלאַפּלעריי! וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן אַט־די וואַקאַלע איבונגען, אַט־די נאַאיווע וואויל־מיינענדיקע, גוטהאַרציקע שרה־בת־טובים־תחינה׳דיקע אויסערונגען!

אין איבערגאַנג־עפּאָכעס, אין צייטן ווען די אַלטע בנינים ברעכן צוזאַמען און נייע געביידעס ווערן אויפגעריכט, ווען די אומגלייכהייט־עלעמענטן האַלטן אין איין שטייגן, ווען די אומגלייכהייט פאַרכאַפּט נייעם באָדן, נעמט צעאַקערן אַ שטיק נייעם פעלד — דעמאָלט הערט מען גאָר ניט אויף צו גראַגערן און גאַגאַטשען מכוח דער הייליקייט, חשיבות, טייערקייט, נויטווענדיקייט פון גלייכהייט. די נייע פאָרמען פון אומ־גלייכהייט, דערפאַר וואָס זיי זיינען ניי און דער עולם איז צו זיי ניט צוגעוואוינט, ציען צו צו זיך צופיל אויפמערקזאַמקייט. מ׳דאַרף זיי מהאי טעמא צודעקן מיט אַ דיקן וואָאַל. מ׳דאַרף זיי פאַרשלייערן אין אַלטע ווייכהאַרציקע פראַזן. די סאָציאַלע פאַרקערפּערונג פון אַט־די נייע פאַר־מען, די גרופּע, וועלכע שטעלט פאַר מיט זיך די־דאָזיקע חידושים, די נייע פּלענער און רעגולאַציע־מעטאָדן וואָס מ׳האָט אַנוסטן איינגעפירט, באַשטייט פון אויפגעקומענע שררות. זיי פילן זיך אומבאַקוועם. זיי שעמען זיך צו קוקן די מאַסן גלייך אין די אויגן אַריין. חוץ דעם האָבן זיי טאַקע מורא, זיי אַנטיציפּירן די אַנטריסטונג פון דער באַפעלקערונג. זיי זעען

פאַרויס די פּראָטעסטירונגען פון דעם המון־עם. דעריבער איילן זיי זיך אָנצונעמען מיטלען קעגן אָן איבערפאַל אויף זייערע פּאָזיציעס. זייער נייער מצב איז דערוויל נאָך ניט פארפעסטיקט, ניט פּאָרטיפיצירט, ניט פאַרהייליקט דורך טראַדיציע, דורך געוואוינהייט. איינער פון די ווירק־זאַמסטע מיטלען, וועלכע זיי געברויכן, איז צוצודעקן זייער מאַיעסטע־טישן פנים, וואָס שטראַלט פון גדולה און גליק, מיט א מאסקע וועלכע איז אינגאַנצן פארשריבן מיט די הייליקע שמות, השבעות און צירופים, פון די מלאכים וואָס זיינען ממונה אויף גלייכהייט, מיט הייליקע יעראָ־גליפן פון עניוות און באשיידנקייט.

גלייכהייט, ווי אויבן שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, איז א פּסעוודאָ־רעליגיעזע פאָדערונג, א קוואזי־עטישע גאַרונג, א בענקעניש נאָך דעם גאָלדענעם צייטאַלטער, ווען עס האָט געהערשט א צושטאַנד פון א פארהעלטענישמעסיקער גלייכהייט, ריכטיקער, ווען עס איז געווען וויי־ניקער אומגלייכהייט ווי אין אונדזער נייער צייט. מיר קענען ריידן וועגן א גרעסערער אדער א קלענערער מאָס פון אומגלייכהייט. מיר קענען, אָבער, בשום אופן ניט באהויפּטן, אז עס איז געווען א צייט, ווען דער גלייכהייט־צושטאַנד איז געווען א שטיק ווירקלעכקייט אין סאָציאַלן לעבן. דערפאַר וואָס גלייכהייט, ריכטיקער די שוואכערע פאָרמען פון אומגלייכ־הייט זיינען פון א פארצייטיקן אָפּשטאַם, דעריבער ווערן זיי באַטראַכט אַלס ווינטשנסווערט. אומגלייכהייט, איר נייע אויסערונג, די צוגעקומענע טיילן אירע זיינען יינגער, א פּראָדוקט פון אונדזערע צייטן און קעגן זיי זעצט מען אויס אמשטאַרקסטן. מ׳פארקרימט זיך ביטערלעך ווען זיי באווייזן זיך. מ׳קען זיי ניט אָנקוקן. בכדי צו פארקלענערן די רייבונגען און אָפּשוואכן אויף וויפיל עס איז נאָר מעגלעך דעם ווידערשטאַנד, וועלכן די מאסן ווייזן ארויס צו דעם נייעם איינשטעל, דעם נייעם רעזשים פון פארשקלאַפונג, דיסציפּלינירונג, איינאָרדענונג — וואַרפט מען זיי אונטער, ווי א בייז, די בשורה טובה פון גלייכהייט. די נייע סיסטעם פון סאָציאַלער אונטעריאָכונג, דעם נייעם איינפיר פון שעבוד, די רעגו־לירונג פון די פארהעלטענישן צווישן די הייכע ספערן און די נידעריקע, די נייע סאָציאַלע מעכאַניזמען און אָפּאַראַטן באשרייבט מען, בשעת זייער אינסטאַלירונג, אַלס אינסטרומענטאַליטעטן וועלכע זיינען מוכשר און מסוגל צו ברענגען דעם גואל־צדק פון גלייכהייט, צו רעסטאַווירן דעם פאַר־צייטיקן אוועקשטעל.

די נייע הערשער מאַסקעראַדעווען. זיי גייען ארום קרוע־בלואה. עס פּאַסט זיך אזוי, מ׳דארף אזוי. עס איז בלויז פאר א קורצער צייט, ביז דער געוויטער פון די געמיטער וועט זיך איינשטילן, „עמך" וועט זיך צו־

געוואוינען צו רעספּעקטירן די נייע אדונים גדולים. מיט אָט־דער סטראָ־טעגיע געווינען זיי די נאַאיווע מענטשן פאַר די נייע פּראָיעקטן און סכעמעס פון א נייעם סאָציאַלן רעזשים. דער אויפקומענדיקער אָרגאַני־זירנדיקער קלאַס, אָט־דער וועלכער פירט איין נייע פאָרמען פון אומ־גלייכהייט באַמיט זיך מיט כל־הכוחות צו פאַרבאַהאַלטן זיינע אומגלייכ־הייט־טענדענצן און מיט דעם צוועק פאַרדולט ער, פאַרטויבט און באַ־רוישט ער דעם עולם־גולם מיט זיין שירות־ותשבחות זינגען פאַר דער גרויסער אַלמעכטיקער געטין פון גלייכהייט.

נייער ווייַן ווערט אריינגעגאָסן אין אלטע לאָגלען, וועלכע ווערן פאַרבונדן מיט אלטע שטריקלעך. נייע סיסטעמען טרעטן אריין אין סאָציאַלן לעבן. זיי זיינען אבער פאַרמאַסקירט. עס איז א פּורים־שפּיל אין וועלכן א נייער המן שפּילט די ראָלע פון אן אלטן מרדכי און ושתי פאַרשטעלט זיך פאַר אסתרן...

בלויז ויזתה איז דער אמת׳ער, אין זיין אייביקער ראָל...

## 7

# די פּריידיקער פון גלייכהייט — איינפירער פון אומגלייכהייט

ראָדבערטוס אין זיין ווערק „דאָס קאַפּיטאַל" שרייבט:

„דער אלגעמיינער אינסטינקט פון פאָלק פאַרניינט דעם גלייכהייט־קאָמוניזם אין יעדער הינזיכט." (28)

גלייכהייט ווערט געפּריידיקט אויף די ווינקלען פון די גאַסן, אויף די פּלאַטפאָרמעס, אויף די בינעס. ווער פּריידיקט עס אזוי געשמאַק, מיט אַזאַ פייער און ברען? דאָס טוט דער קלאַס, וועמענס עובדא עס איז, היסטאָריש באטראכט, איינצופירן א נייע פאָרם פון אומגלייכהייט, דורכ־צואַקערן אין סאָציאַלן פעלד א דיפערענציאַציע־מעזשע וועלכע וועט זיין טיפער, ווי די וואָס עקזיסטירט היינט־צו־טאָג. אָט־דעם אויפקומענדיקן קלאַס רוף איך „אָרגאַניזאַטאָרן־טיפּ". ער איז עס, אין אונדזער עפּאָכע, וועלכער פאַרשפּרייט דעם יעוואַנגעליום פון גלייכהייט צווישן די מאַסן, צווישן די נידעריקע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, צווישן די יעניקע וועלכע זיינען סאָציאָלאָגיש הינטערשטעליק, אָפּגעשטאַנען. פאַר זיי האָט אַזאַ אידייע א באַזונדער צויבער, מחמת דעם וואָס זיי זיינען סאָציאַל־אומשולדיק, אומבאַרירט, רוי ווי שטרוי. דער פּראָצעס פון דיפערענ־ציאַציע האָט זיי, פון אינעווייניק, כמעט ווי אויסגעמיטן.

די אידייע פון גלייכהייט האָט אויסגענומען ביי די שקלאַפן, אין אַלטערטום — דער קריסטנטום אין פוילס אויסטייטשונג איז איר אויסדרוק — און ביי די לייבאייגענע און כדומה אינדיווידן, אין דער צייט פון פעאָדאַליזם. דאָס זיינען אַלץ קאַנטיגענטן וועלכע האָבן ניט געפירט קיין סאָציאַל־אַקטיוון לעבנסשטייגער.

אַט־די אידייע פון גלייכהייט אַפּעלירט צו אַ געווויסן טייל פון אַר־בעטער־קלאַס מחמת דעם אייגענעם טעם. צווישן די האָרעפּאַשניקעס גייט אָן דער דיפערענציאַציע־פּראָצעס מיט אַ לאַנגזאַמען טעמפּאָ. די גאַמע פון דיווערגענצן אין זיין סביבה איז זייער אַ נידעריקע. די־דאָזיקע עלעמענטן האָבן נאָך ניט טועם־געווען פון עץ־הדעת, סאָציאָלאָגיש גע־רעדט. זיי זיינען אומרייף, קינדערש־נאַאיוו. זיי כאַפּן זיך אָן אָן יעדן שטות. זיי זעען אַ ווערימל — נעמען זיי עס אין מויל אריין, זיי פאַר־דעכטיקן ניט אז עס איז דאָ אַ ווענדקע און „פישער פון מענטשן". אפילו די סאָלידאַריטעט וועלכע עס ווייזן אַרויס, אין אַ נעבאַכדיקער מאָס, די אַרבעטנדיקע מאַסן איז אויך פון אַ ספּעציפישן כאַראַקטער. אַט־די אחדות־האַנדלונגען פאַרדינען מ׳זאָל זאָגן וועגן זיי אַ גוט וואָרט, ווייל ווי קליין און נישטיק זיי זאָלן ניט זיין, שטייגן זיי דאָך אַריבער די יד־אחת־פירונגען וועלכע עס צייגן די קלאַסן וואָס זיינען ווייניקער באַ׳עוולה׳ט. אָבער אַט־די איינזעעניש דאַרף אונדז ניט שטערן צו דערקלערן די־דאָזיקע דערשיינונג. דער כוח פון דער סאָלידאַריטעט ליגט אין דער טרויעריקער מערכה פון די לוין־אַרבעטער, געפינט זיך אין דעם פאַקט וואָס זיי, ס׳רוב, האָבן ניט קיין פאַרמעגן־טייל אין די פּראָדוקציע מיטלען, וועלכע זיי געברויכן בשעת זיי אַרבעטן. אַזוי אַז די אַרבעטער דערזעען זיך אַלס גלייכע אין אַ צרה׳דיקן מצב פון גאַרניט האָבן, זייער גלייכהייט און סאָלידאַריטעט איז געבויט אויף אַ נעגאַטיוו. זאָל דער פּראָלעטאַריאַט קריגן עפּעס פּאָזיטיוועס, עפּעס וועגן וואָס מ׳קען זיך געשמאַק אָפּעסן, קריגן זיך מכוח דער איינטיילונג און אויסטיילונג, און ער וועט גלייך, אָן שהיות, נעמען אַרויסווייזן זיין פּאָטענציעלע מסוגל׳דיקייט צו דיווערגענץ, דיגרעסיע און דיפערענציאַציע. דאָס איי־גענע האָט פּאַסירט מיט דעם בירגערטום. מ׳האָט אים גערופן „דער דריטער שטאַנד". ער האָט זיך צעמענטירט אין אַן איינהייט דורך דעם באַוואוסטזיין פון זיין באַרויבט־זיין פון אַלע די פּריווילעגיעס וועלכע עס געניסן די אַנדערע צוויי שטאַנדן, נעמלעך דער פּריסטערטום און דער איידלטום. ווי אַ. שפּענגלער שרייבט: „דער אמת׳ער בירגער קומט אויף ווען די פונדאַמענטאַלע אונטערשיידונג צווישן שטאָדט און דאָרף האָט געבראַכט די ׳ צעכן־פאַמיליעס׳, אויף צו־להכעיס זייער אַנדערש־וואו

קענטעוודיקער פיינטשאַפט איינע צו דער צווייטער, צו אַ געפיל פון איינהייט וויז־א־וויז דעם אלטן איידל־שטאַנד, דער פעאָדאַלער סיסטעם בכלל און דער פעאָדאַלער פּאָזיציע פון דער קירך. דער באַגריף פון דעם „דריטן שטאַנד" (צו געברויכן אַ שלאַגוואָרט פון 1789) איז וועזנט־לעך געווען אַ איינהייט פון ווידערשפּרוכן, וועלכע מ'האָט ניט געקענט דעפינירן דורך אַ פּאָזיטיוון אינהאַלט." (29) דער מיטלקלאַס האָט גע־שאַפן אַ איינהייט, וועלכע האָט זיך באַזירט ניט אויף סתירות, נייערט אויף נעגאַטיוון, אויף ניט־האָבעניש און ניט־פּאַרגינעניש, אויף קנאה און שנאה צו די אַנדערע פּאַרפונדעוועטע און מעכטיקע שטאַנדן. ווי נאָר אַט־דער קלאַס איז געוואָרן אַ הערשנדיקע קערפּערשאַפט, אַזוי האָט ער זיך גלייך גענומען פאַנאַנדערלייגן. וואָס מיינט עס? דאָס מיינט פשוט, אַז ער האָט גענומען וויזן סימנים פון אַנטוויקלונג. פון אַ פּרימיטיוון צושטאַנד פון איינפאָרמיקייט, איינאַרטיקייט איז ער אַריבער צו אַ צושטאַנד פון פילפאָרמיקייט און פאַרשיידנאַרטיקייט, דיווערסיטעט. דאָס הייסט, ער האָט גענומען אַנטבלויזן די פאַרהוילענע אַנטאַגאָניזמען, די יעקבֿ'ס און עשו'ס און זייערע ויתרוצצו'ס, וועלכע ער האָט געטראָגן די גאַנצע צייט אין זיין טראַכט דורך דעם גאַנצן אָנפאַנגלעכן פּעריאָד פון שוואַנגערשאַפט.

דער פּראָלעטאַריאַט, לויט דעם זעלביקן געזעץ, מוז דיסאינטעגרירן און פאַנאַנדערפאַלן אויף טיפּן: דער פלאַנירנדיקער, רעגולירנדיקער, באַפעלנדיקער אָרגאַניזירנדיקער טיפּ און דער פאָלגער, דער אָרגאַני־זירטער. אַט־דער פּראָצעס פון דיסאינטעגראַציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט און זיינע אַרבעטער־פּאַרטייען האָט זיך שוין לאַנג אָנגעהויבן. ער ווערט פאַרשנעלערט אין די יעניקע לענדער וואו דער „פּראָלעטאַריאַט" האָט פאַרכאַפּט די מאַכט ווי אויך אין אייניקע פון די וואו ער האַלט נאָענט צו ווערן אַ דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין עקאָנאָמיק און פּאָליטיק. בלויז מענטשן וועלכע זיינען בלינד בכוונה, לשמה, לשם יחוד פון דער דאָגמע, זעען עס ניט.

8

## די אילוזיעס פון גלייכהייט

אין אַ משנה אין סנהדרין אָנהויב פרק י"א לייענען מיר: כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא. „יעדער איד האָט אַ טייל אין דער וועלט וואָס וועט קומען". (30) דאָס מיינט, אַז אין דער צוקונפט וועלט, אין

פרינציפּ, אין טעאָריע זיינען אַלע גלייך. דאָס איז א מין פּראָקלאַמירונג פון א שותפות־סיסטעם בנוגע עולם־הבא אָנגעלעגנהייטן. עולם־הבא איז א סאָרט אַקציעס־געזעלשאַפט, אין וועלכער יעדער מיטגליד פון פאָלק ישראל פאַרמאָגט אַמווייניקסטן איין אַקציע, עס איז א מאָראַל־גייסטיקער באַנק אין וועלכן יעדער איד האָט עפּעס א שטיקל דעפּאָזיט.

אין פּוילס עפּיסטלען צו די גאַלאַטער לייענען מיר: „עס איז ניטאָ קיין איד און עס איז ניטאָ קיין גריך, עס איז ניטאָ קיין זכר און עס איז ניטאָ קיין נקבה, ווייל אַלע זיינען איינס אין ישו, דעם משיח.״ (31)

דאָ ווערט דערקלאַרירט אַז די גאַנצע מענטשהייט איז איין איך־אידענטיטעט, און אַלע מחיצות פון פאָלק, ראַסע און אפילו געשלעכט ווערן מאָראַליש אָפּגעשאַפן.

קריין ברינטאָן אין זיין אַרטיקל „גלייכהייט״ אין דער „ענציקלאָפּעדיע פון די סאָציאַלע וויסנשאַפטן״ שרייבט:

„צו האָבן א חלק אין גאָט איז צו האָבן א חלק אין דעם אַבסאָלוט, וואו מער אָדער ווייניקער איז גאָר ניט שייך. אין די פּאַטריסטישע שריפטן פון דעם 4טן יאָרהונדערט קען מען באַמערקן א דערנעענטערונג צו די אידייען פון די סטאָאיקער מכוח דער גלייכהייט פון מענטשן.״ (32)

די פּאַטערס פון דער קירך האָבן דערקלערט גלייכהייט פאַר גאָט, פאַר דעם קוואַל פון געזעץ, פאַר אַלע געזעצן צוזאַמענגענומען.

נאָעל ברייל־ספּאַרד שרייבט:

„ליבעראַליזם האָט זיי (די מענטשן) דערקלערט צו זיין גלייך, גלייך פאַר דעם געזעץ.״ (33) אַלעקסאַנדער טשיטיק אין זיין ווערק „סאָציאַלע עוואָלוציע״ שרייבט: „אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך פאַר דעם געזעץ איז א הייך־קלינגענדיקע פראַזע אָפּצוגאַרן די אומפּאַרזיכטיקע.״ (34)

וואָס אונדז אינטריגירט איצטער איז ניט דער אַנדייט פון די אָפּנאַר־עלעמענטן, וועלכע געפינען זיך אין דער גלייכהייט־אידייע, נייערט דאָס באַגרייפן ווי אַזוי ווערט אָט־דער „אָפּנאַר״ רעאַליזירט. דער אמת איז, אַז אַן אילוזיע פון גלייכהייט ווערט געשאַפן. מענטשן זעען די גלייכהייט פאַרווירקלעכט, דעריבער גלויבן זיי אין אָט־דער פיקציע.

ווי אַזוי ווערט די אילוזיע פון גלייכהייט געשאַפן? וואָס גיט דעם איינדרוק אַז דער־דאָזיקער פּסעוודאָ־רעליגיעזער וואונטש ווערט דערפילט? מיין ענטפער איז: דער דורכגעגאַנגענער וועג, די פּעריאָדן וועלכע געהערן צו דער פאַרגאַנגענהייט, זיי זיינען עס די שעפער פון אָט־דער אילוזיע. זיי זיינען עס די עדות־זאָגער מכוח דער פאַרווירקלעכונג פון אָט־דעם אוטאָפּיסטישן טרוים. און די אַבערגלויבערישע מאַסן ווי אויך די פאַרפלעגטע נאַאיוויסטן צווישן דער אינטעליגענציע ציען פון

אָט־די רעטראָגראַדישע פאָרמען זייער פאַלש־עטישע און אומזיניק אינטע־לעקטועלע באַפרידיקונג. די עטלעכע פּראָקלאַמירטע און רעאַליזירטע גלייכהייטן זיינען „פה־נטמנ׳ס״, זיי זיינען מצבות־אויפשריפטן וואָס שטייען און היטן אַלטע קברים אין וועלכע עס ליגן שוין לאַנג ווערים־צעעסענע מתים. די „גלייכהייטן״ ליגן אין דעם שקט ושלוה, אין דער רו און שטילקייט פון דעם בית־עולם וואָס הייסט געשיכטע.

גלייכהייט פאַר גאָט האָט מען פאָרמולירט און זי איז אריין אין קראַפט דעמאָלט, ווען מ׳האָט דעקלאַרירט אז שמים־שמים ליהוה, ווען גאָט איז ארויף אויף דעם פּראַכטפולן הימל און האָט כמעט אינגאַנצן זיך אָפּגעשיידט פון דער זינדיקער ערד, האָט פאַרלאָזן די פאַלשע וועלט און ארויסגייענדיק האָט ער, אין מאַיעסטעטישן גרימצאָרן, א קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר. אין דער צייט, ווען דער גלענצנדיקער זעלבסט־הערשער פון דעם אוניווערס, דער מלך מלכי המלכים איז אוועק מיט דער דעה זיך ניט אומצוקערן צו זיין קיניגרייך וואָס געפינט זיך אין יאָמער־טאָל, דעמאָלט, ניט פאַר דעם, איז ארויסגעגעבן געוואָרן דער מאַניפעסט אין וועלכן עס ווערט בפירוש געזאָגט, אז אלע אונטערטאַנען, אָן אויסנאַם, זיינען גלייך פאַר זיין גרויסן גנאָד, אלע, אלע זיינען גלייך פאַר דעם האל הגדול הגבור והנורא... אבער וואו זיינען דעמאָלט געווען זיינע גבורות, וואו איז געווען זיין גרויסקייט? וואו איז געווען זיין פאַרכט־באַרקייט? וואו איז געווען דעמאָלט דער אלמעכטיקער? און וואָס איז ער געווען? ער איז געוואָרן אין יענער צייט א בלויזער גייסט. ער האָט פאַרנומען דעם העכסטן שטאַפּל אין דעם יעראַרכיע־לייטער, וועל־כער איז געשטאַנען מחוץ פון אלע דימענסיעס, מחוץ פון אלע אוממיטל־באַרע ערדישע ענינים.

אין אלטערטימלעכן געצנטום איז גאָט געווען אלצדינג. ער האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דער מאַטעריעלער וועלט, מיט דעם אָנגע־קליבענעם רייכטום, מיט דעם לאַנד, מיט א שטיק געאָגראַפיע, מיט דעם וואוינונגס־פּלאַץ, וועלכער האָט באלאנגט צו דעם שבט, און טאָקע מיט דעם שבט אליין.

ריימאָנד ג. געטטעלל אין זיין ווערק „די געשיכטע פון פּאָליטישן געדאַנק״ שרייבט:

„די געטער, אויסער דעם פאַל פון די אידן, זיינען געווען אסאָצי־אירט מיט באַשטימטע פּלעצער, און א פאָלק וואָס האָט עמיגרירט אדער איז טראַנספּערירט געוואָרן צו א פרעמד לאַנד האָט געמוזט פאַרלאָזן זיינע געטער און אויפנעמען דעם קולט פון די געטער פון דער נייער היים.״ (35)

פרידריך ענגעלס שרייבט:

„די געטער וועלכע יעדער שבט האָט אנטוויקלט זיינען געווען נאַציאָנאַלע געטער, וועמענס מאכט איז ניט געגאנגען ווייטער פון באַשיצן די נאַציאָנאַלע טעריטאָריע.״ (36)

מער ווי דאָס, די געטער זיינען געווען בפועל־ממש אידענטיפיצירט מיט דעם לאנד פון די עלטערן, מיט דער „נאַציאָנאַלער טעריטאָריע״. יעדע פאַמיליע האָט זיך פארמאָגט איר גאָט. יעדע שטאָט, יעדע געגנט האָט זיך געהאט איר אייגענע גאָטהייט, איר לאָקאלן בעל־הבית, איר אָרטיקן „מרא דאתריה״.

סעמועל דילל אין זיין ווערק „די רוימישע געזעלשאפט״ שרייבט:

„איר אלטער קולט איז ניט געווען אָפּטיילבאר פון דער עצם אידענטיטעט פון רוים. דער גוטער רוימער... האָט געקראָגן בירושה דעם עכסט־פארצייטיקן גלויבן פון זיין ראַסע אז די געטער פון דער שטאָט נעמען אן אנטייל אין איר גוטער מערכה.״ (37)

ניט נאָר די שטאָט, יעדעס הויז האָט פארמאָגט א גאָט וועלכער האָט זיך אינגאנצן אידענטיפיצירט מיט דעם הויז און הויזגעזינט. אין מיטן שטוב איז געווען א קאַמין אהינצו פלעגן זיך צונויפקומען די געטער פון דעם הויז. דאָ איז געשטאַנען דער אלטאר, אויף וועלכן מ׳האָט מקריב געווען די קרבנות. א שקלאַף האָט ניט פאַרמאָגט קיין גאָט. לויט די אויפפאַסונגען פון די פארצייטיקע מענטשן האָט ער ניט געקענט פאר־מאָגן קיין גאָט, ווייל א גאָט האָט פערסאָניפיצירט מיט זיך די פאַמיליע, דאָס לאנד און הויז. און דער שקלאַף האָט ניט פארמאָגט אָט־די עלעמענ־טאַרע נויטווענדיקייטן פון קאָמונאַלן און פריוואַטן לעבן.

פוסטעל דע קולאַנדזש אין זיין ווערק „די פארצייטיקע שטאָט״ שרייבט:

„יעדע פאַמיליע האָט געהאט איר קאַמין און אירע אורעלטערן, צו אָט־די געטער האָט געמעגט דינען בלויז די פאַמיליע, און די געטער האָבן באַשיצט בלויז דעם הויזגעזינט. די געטער זיינען געווען דער אייגנטום פון דער משפחה.״ (38)

ג. גלאָטץ אין זיין ווערק „די גריכישע שטאָט״ שרייבט:

„צו בלייבן אָן א קאַמין האָט געמיינט צו זיין אָן א פראטרי, אָן דעם שוץ, וועלכן טהעמיס האָט פארזיכערט דעם מענטשן, ניט צו האָבן קיין שום סאָציאַלן ווערט און, פאָלגלעך, זיך צו געפינען מחוץ פון געזעץ.״ (39)

דער שקלאַף וויבאַלד ער האָט ניט געהאָט קיין גאָט, האָט ניט געקענט האָבן אפילו קיין נשמה, קיינע מיטלען פון קאָמוניקאציע, פון פארזעלביקונג מיט דער גאָטהייט. ער האָט פארלאָרן זיינע פסיכישע

אייגנשאַפטן, זיינע יורידישע פּייאיקייטן. ער איז געווען אויס „מענטש", אויס סוביעקט פון רעכט. אן אַרימאַן, אן איינצלנער וועלכער האָט ניט פאַרמאָגט קיין אייגנטום, האָט ניט געקענט האָבן קיין גאָט, מחמת באזיץ און רייכטום זיינען געווען דער עצם מהות, די הויפּט אטריבוטן פון דער דיוויניטעט. עלנט, מפּלות, רדיפות, פּורעניות און גאָטהייט זיינען געווען אַנטינאָמיעס, האָבן זיך קעגנזייטיק אויסגעשלאָסן, לויט די געזונטע אלטערטום באַגריפן מכוח דער געטלעכקייט. גאָט איז געווען א סינאָנים מיט געזונט, כוח, פארשטאנד, קלוגשאפט און, איבער אלץ, עקאָנאָמישע זיכערקייט און פּאָליטישע גדולה. ווען איינער האָט געהאט א גאָט, האָט ער געהאט אלע פּאָזיטיווע זאכן, סיי ערדיש־מאַטעריעלע, סיי קערפּער־לעכע און סיי גייסטיקע. אזוי האָט געטראכט דער פארצייטיקער געצנ־דינער, דער פול־גלוביקער, דער אמת'ער מאמין באמונה שלמה, דער אומקאָמפּראָמיסלעכער גאָט־האָבער און געטרייער גאָט־דינער, אָן חכמות.

דער קריסטנטום האָט ארייגעבראכט אן איבערקערעניש אין אָט־די אלע השגות.

דהורדזשאטי פּראָסאַד מוקערדזשי שרייבט:

„די יעניקע, וועלכע מ'האָט ניט צוגעלאָזן זיי זאָלן געניסן פון די רעכט, האָבן אָבער געדאַרפט דערפילן די פליכטן פון ציווילן געזעץ... פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין די קאַטאַקאָמבן, וואו אלע זיינען געווען גלייך אין גלויבן, האָפענונג און בארמהערציקייט". (40)

זיי זיינען געווען גלייך, אין וואָס? אין האָפענונג? וואָס איז עס פאר א מין גלייכהייט אין גלויבן? אויף וואָס טויגן אזעלכע גלייכהייטן? וואָס פאר א ממשות האָט געקענט האָבן א גלייכהייט, ניט אין פארמעגן, אין בארמהערציקייט?!

דער קריסטנטום האָט געשאָנקען גלייכהייט פאר גאָט, האָט אויסגע־טיילט די גאָטהייט־אָקציעס צווישן אלע פאַרצייטיקע שקלאַפן. אָבער ער האָט פארמאָגט געגוג פּראַקטישן שכל און איידער ער האָט זיך אזוי צע'פּזרנ'ט, האָט ער, אלס פּאַרבאַדינג, אויסגעליידיקט דעם באַגריף פון גאָטהייט פון יעדן קאָנקרעט־ממשות'דיקן, מאַטעריעלן אינהאלט. ער האָט אויסגעשאָקלט פון דעם אלץ וואָס האָט געקענט האָבן א דירעקטע שייכות צום געוויינטלעכן טאָג־טעגלעכן לעבן.

אָט וואָס פּויל לאַפאַרג שרייבט:

„דאָס וואָרט 'בעאטוס', מיט וועלכן דער געצנדינער האָט באַצייכנט דעם רייכן און וועלכן וואַרראָ דעפינירט אלס 'דער וועלכער באַזיצט פילע גיטער"... איז געוואָרן אין קירכן־לאטיין 'דער וועלכער באַזיצט גאָטס גנאָד' — —'בעאַטיטוד', וואָס פּעטראָניוס און די שריפטשטעלער פון

דער דאַקאַדענץ־צייט האָבן געברויכט צו באַצייכענען מיט דעם רייכ־טימער, מיינט אונטער דער פּען פון היילינקן יעראָם הימלישע גליקזעלי־קייט" (41) די קריסטן האָבן געברויכט אַלטע ווערטער. זיי האָבן, אָבער, אריינגעלייגט אין די דאָזיקע ווערטער אַזעלכע באַגריפן וועלכע האָבן מיט די ווערטער געהאַט א קנאַפּע שייכות. זיי האָבן פאַרביטן די קאָנ־קרעטע זאַכן אויף אַבסטראַקטע השגות. ווען איך וואָלט געברויכן א מאָדערנע אַנאַלאָגיע וואָלט איך זאָגן, אַז בשעת זיי האָבן צעטיילט די אַקציעס און עס געשאָנקען יעדן, ווער עס האָט נאָר גאָט אין האַרצן, האָבן זיי אַזוי פאַרוואַסערט דעם סטאַק, אַז די אַקציעס האָבן פאַרלאָרן יעדן ווערט אויף דער בירזשע, און דערפאַר האָבן די ערשטע קריסטלעכע אידעאָלאָגן זיך מיט זיי אַרומגעוואָרפן, אַוועקגעגעבן זיי בחינם אָדער בחצי־חנם. „די שטאָט פון גאָט איז געוועז אָפּגעשיידט פון דעם ערדישן שטאָט" (42). ישעיה'ס באַצייכענונג פון יהוה אַלס איינעם, וואָס וואוינט מיט דעם נידערגעשלאָגענעם און גייסטיק־שפּל'ן"(43) וואָלט קלינגען אין די אויערן פון א פאַרצייטיקן געצנדינער ווי גאָטלעסטערונג אָדער ווי גלאַט פלוידעריי. וואָס איז עס פאַר א מין גאָט? גאָט מוז זיין רייך און מעכטיק און ער מוז זיין דער פריינט און חבר פון די רייכע און מעכטיקע. ער געהערט זיך אָן צו זיינס גלייכן און פאַרקערט מיט זיין קלאַס. בלויז אַן אָרימער גאָט וואָלט האָבן צו טאָן מיט אָרימעלייט. אָבער אַן אָרימער גאָט איז קיין גאָט ניט, ווי דער אָרימער און מאַכטלאָזער מלך אביון פון די קאָרטן איז קיין מלך ניט... דער קריסטנטום האָט ניט אָפּגעטאָן דעם שפּיצל מיט דער בייזער כוונה אָפּצונאַרן די אומ־גליקלעכע, די שווער־באַלאַדענע, די נאַריש־אַלצגלויביקע שקלאַפן. ניין. דער שווינדל איז פאַרגעקומען אומשולדיק, אויף א נאַטירלעכן שטייגער. ער האָט זיך באַקומען אַלס א פּועל־יוצא פון ניט גענוגנדיקן אַנאַליטישן דענקען. און אַנאַליטיש־קריטיש דענקען איז אַן אייגנשאַפט, וואָס אפילו אין אונדזער צייט איז א יקר־המציאות. קיינער האָט עס ניט אָנגעוואָרן אין גאַס אַז מ'זאָל קענען ארויס אויף א שפּאַציר און עס געפינען, אויפ־הייבן גלייך פון ברוק. די היינטיקע גאַס ווי די אַמאָליקע גאַס טראַכט כסדר אין טערמינען פון נאַאיוויטעט. אין וואָס איז באַשטאַנען דער טעות? עס איז א פאַל פון נעמען א באַשטימטע סיטואַציע און ענדערן זי לגמרי, רעוואָלוציאָניזירן זי דורך־און־דורך, אָבער צו דער אייגענער צייט, ניט־קוקנדיק אויף אַלע דראַסטישע שינויים וואָס ווערן אין איר געמאַכט, פאָרטזעצן צו באַטראַכטן זי אין טערמינען פון א סטאַטוס־קוואָ. די זאַך איז אַזוי: ווען די גאָטהייט־אויפפאַסונג וואָלט אויפגעהאַלטן געוואָרן אין איר אַלטער פול־מאָסיקער געצנדינערישער אויסטייטשונג, מיט אַלע אירע

אלטערטימלעכע קאָנקרעטע אַטריבוטן און, צו דער אייגענער צייט, וואָלטן געמאַכט געוואָרן ענדערונגען בלויז אין אירע דיסטריבוטיווע אייגנשאַפטן, ד. ה. מ׳וואָלט זי בלויז אנדערש פארטיילן, דעמאָלט וואָלט מען געקענט דערגרייכן דעם דערוואַרטעטן רעזולטאַט. דאָס הייסט דעמאָלט וואָלט גלייכהייט פאַר גאָט געבראַכט מיט זיך אמת׳ע ראַיעלע מאַטעריעל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע גלייכהייט. אבער אזוי האָט מען דאָך ניט געקענט האַנדלען. מ׳קען דאָך ניט זיין אויף איין מאָל און אין דער זעלביקער צייט אי העכסט ראַדיקאַל און אי טיף קאָנסערוואַטיוו. אַזאַ מין סאָציאָלאָגישער „קונץ״ וואָלט פאָדערן א סטאטישע רעוואָלוציע, וואָס איז ניט ווייניקער א ווידערשפּרוך אין טערמינען ווי א וואַרימע קעלט. די מאַסן כאַפּן אויף די אידייע און פּראַקטיק פון דער רעוואָלוציע. זיי באַגרייפן אז דראַסטישע ענדערונגען קענען פאָרקומען בלויז אויף א דראַסטישן שטייגער. זיי פארגעסן בשעת מעשה צוויי זאכן. ראשית: פאַר די מאַסן טויג קיין רעוואָלוציע ניט. זיי זיינען לויט זייער עקאָנאָמיש־פּאָליטישן סטאַטוס הינטערשטעליק, אָפּגעשטאַנען. רעוואָלוציעס לויפן פאָרויס. און די מאַסן קענען זיי בשום אופן ניט נאָכהאַלטן. אַ רעוואָלוציע איז גוט פאַר א נייעם קלאַס, א יונגן קלאַס, וואָס ווערט ערשט איצט רייף. אבער וואָס קען דערוואַרטן פון א רעוואָלוציע, וואָס איז א מין סאָציאלער קימפּעט, אָדער א סאָציאָלאָגיש חופּה־שטעלן, אַן אלטע פאַרדאַרטע, פאַרקוואַרטע באָביצע? וואָס האָט זי מיט דעם צו טאָן?! קינדלען קען זי ניט און צו דער חופּה וועט מען פירן א יונג ווייבל אדער א בתולה, אָבער ניט א זקנה. די מאַסן, די אונטערדריקטע זיינען דאָך ניט קיין פּנים חדשות אין דער געשיכטע. זיי געהערן דאָך צו דעם גאָר אלטן רעזשים, צו די אָפּגעלעבטע פאָרמען פון לעבן. רעוואָלוציעס קענען זיין נוצלעך פאר די נאָר וואָס אויפגעקומענע סאָציאלע פאָרמאַציעס. דאָס איז איינס אוועק. והשנית: בשעת די רעוואָלוציע ווערט געמאכט ווערן דאָך די אלטע שטייגערס און אינסטיטוציעס אָפּגעשאַפט, און מיט זיי פארלירן זייער ווערט די צוזאָגענישן, וועלכע מ׳האָט געגעבן פאַר דער רעוואָלוציע און וועלכע מ׳האָט דאָך אויסגעארבעט, פאָרמולירט, דורכגעטראַכט לויט די אלטע השגות, לויט דעם אלטן איינשטעל, על־פּי דער אלטער סביבה און אלטע לעבנס־פאָרמען. אין דער נייער אומגעבונג מיט די שפּאָגל־נייע באַדינגונגען האָבן זיי, די אַלטע אָנווייזונגען, וועלכע מ׳האָט ארויסגעגעבן אויף די אלטע בענק, קיין שום ממשות ניט. זיי זיינען שיר־המעלות׳ן. אָט־די אלטע רעמאָנט־פּלענער זיינען דאָך געשריבן געוואָרן טעאָרעטיש־ספּעקולאַטיוו אין אלטע טערמינען וועלכע זיינען איצטער, אונטער די נייע אומשטענדן אַנאַכראָניזמען. מ׳קען זיי ניט

אָנווענדן צו די אויפגעקומענע אומדערוואַרטע סיטואַציעס פון סאָציאַלן לעבן, וועלכע די רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן.

גלייכהייט פאַר גאָט וואָלט באַזיצן אַ גרויסע סאָציאָלאָגישע וויכטיקייט, ווען דער גאָט וואָלט געבליבן דער זעלביקער וואָס פאַר דעם, ווען דער גאָט בלייבט אַ געצנדינערישער. אָבער פאַר יענעם פּאַגאַניסטישן רעאַליסטישן גאָט האָט מען קיין גלייכהייט ניט געקענט דערקלערן, ווייל אַזאַ דעקלאַראַציע, ווען זי ווערט אַדורכגעפירט אין לעבן, וואָלט מיינען צעטיילן דעם גאַנצן רייכטום און הערשאַפט פון לאַנד צווישן דעם פאָלק. די גלייכהייט פאַר גאָט וואָס דער קריסטנטום האָט פּראָקלאַמירט האָט ניט געקענט ברענגען די דערוואַרטע רעזולטאַטן פּשוט דערפאַר, וואָס דער קריסטנטום האָט אָפּגעשאַפט דעם געצנדינערישן גאָט, ד. ה. דער 'הייליקער אַלטער' האָט אויפגעהערט, אונטער דעם איינפלוס פון דעם קריסטנטום, צו שפּילן יענע וויכטיקע ראָלע אין ממשות'דיקן לעבן וועלכע ער האָט געשפּילט אונטער דעם פּאַגאַניסטישן רעזשים. גאָט איז בינתיים געוואָרן אויס בעל־גוף, אויס שאַלטער און וואַלטער פון די בפועל־ממש'דיקע ערדישע מערכות. ער האָט זיך אויסגעהויכט, אויסגעאַבסטראַהירט. ער איז געוואָרן אַ דק מכל דק ונעלם מכל נעלם...

דאָס געזאָגטע איז אַנגעמאָסטן אויך בנוגע דער גלייכהייט פאַרן געזעץ, ווייל גלייכהייט פאַרן געזעץ איז די אייגענע קריסטלעכע גלייכהייט פאַר גאָט בלויז אויסגעדריקט מיט אַנדערע ווערטער אין אַן אַנדער קאַטעגאָריע. דאָרטן האָבן מיר געהאַט צו טאָן מיט טעאָלאָגיע, דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט יוריספּרודענץ. דער תוך איז אָבער דער אייגענער און די אילוזיע איז די אייגענע. ווי מאַקס שטירנער זאָגט: „'גלייכהייט פון רעכט' ווי די רעוואָלוציע האָט זי דעקלאַרירט איז דאָך בלויז אַן אַנדער נאָמען פאַר דער „'קריסטלעכער גלייכהייט'". (44)

דזש. ס. מאַקענזיע אין זיין ווערק „סאָציאַלע פילאָזאָפיע" שרייבט:

„גלייכהייט פאַרן געזעץ איז, פאַרשטייט זיך, אַריינגעפלאָכטן אין דער אידייע פון גערעכטיקייט... און דאָס מיינט בלויז, אַז ווען די געגעבענע אומשטענדן זיינען די אייגענע, וועט באַהאַנדלונג זיין די אייגענע." (45)

אָבער די אומשטענדן זיינען קיינמאָל ניט די זעלביקע און, לכן, קען די באַהאַנדלונג ניט אויסקומען די זעלביקע. ווען דאָס געזעץ האָט רעגולירט דאָס גאַנצע לעבן אין אַלע זיינע פאַרצווייגונגען, דעמאָלט איז קיין גלייכהייט פאַרן געזעץ ניט פּראָקלאַמירט געוואָרן. ווען איז עס געטאָן געוואָרן? ווען דאָס געזעץ איז געוואָרן אַ שטיק עבר ובטל, ווען די יורידישע נאָרמע איז פאַרדרענגט געוואָרן, ווען זי האָט אויפגעהערט

צו שפּילן די ערשטע פידל אין אָרקעסטער פון סאָציאַלן לעבן. ווען דיווירקלעכקייט, די דע־פאַקטא האָט זיך געשאַפן, אַזוי צו זאָגן, אויטאָ־מאַטיווע רעגולאַטאָרן, ווען דאָס רעכט האָט אויפגעהערט צו זיין דער כל־וכל אין דעם געמיינשאַפט לעבן, ווען זיין מאָנאָפּאָל איז געבראָכן געוואָרן, ווען דאָס פאַקטישע האָט געוואונען די אויבערהאַנט איבער דאָס יורידישע, דעמאָלט האָט מען דעקלאַרירט „גלייכהייט פון רעכט".

ה. דזש. לאַסקי אין זיין ווערק „די געפאַרן פון פאָלגעניש" שרייבט:

„עס איז פאַראַן, באמת, אַ גלייכהייט פאַרן געזעץ בלויז דאָרטן, וואו די צדדים האָבן אַ גלייכהייט פון רייכטום; און די מאָס פון גערעכטיקייט וואָס זיי ווערן קריגן איז גאַנץ אָפט אַ פונקציע פון דעם באַלאַנץ אין באַנק." (46)

לאַסקי איבערטרייבט. גלייכע חלקים אין די געזעץ־געלעגנהייטן ווערן צעגעבן אויף רעכטס און לינקס. מ'זשאַלעוועט ניט קיין רעכט. יע באַנק־ביכל, ניט באַנק־ביכל, יע באַלאַנץ, ניט באַלאַנץ, אַזוי לאַנג ווי דער בירגער איז אַ נאָרמאַלער, פולבלוטיקטער סוביעקט פון רעכט איז ער גלייך פאַרן געזעץ מיט יעדן אַנדערן. אָבער די־דאָזיקע גלייכהייט האָט ניט קיין גרויסע חשיבות. פאַרוואָס? ווייל אָט־די גלייכהייט פאַרן געזעץ האָט מען געשאַנקען דורך אַ רעטראָגראַדישן פּראָצעס, דורך אַ צוריקפאַלוס פון דעם היסטאָרישן שטראָם. מ'האָט געשאָנקען גלייכהייט פאַר יענע פאַקטאָרן און אַגענצן, וועלכע האַלטן אין צעשמאָלצן ווערן, אין אָפּשטאַרבן, אין פאַרשווינדן, וועלכע געהערן צו דער פאַרגאַנגענהייט. עס איז אַ גלייכהייט פאַר יורידישע קאַטעגאָריעס, וועלכע גייען אַרום איבער די גאַסן ווי עולם־התהו'ניקעס, ווי פאַרבלייכטע שאָטנס.

דזשאָרדזש בראַדריק שרייבט:

„אַלס איינער פון די וויכטיקסטע פּרינציפּן פון ליבעראַליזם דאַרף פאַררעכנט ווערן... די אידייע פון גלייכהייט... פאַר דעם געזעץ צו וועלכן אַלע אונטערטאַנען... האָבן אַזאַ רעכט, ווי אַלע בירגער פון דער גריכישער רעפּובליק." (47)

די פעאָדאַלע סיסטעם האָט זיך באַזירט אויסשליסלעך אויפן געזעץ. דאָס לעבן איז געווען איינגעשנורעוועט אין יורידישע נאָרמעס. יעדער טריט און שריט איז געווען רעגולירט דורך דעם 'כתוב'. די פּריווי־לעגיעס פון די העכערע שטאַנדן זיינען געווען פאַרקערפּערט אין חוקים ומשפּטים, אין כאַרטיעס. גלייכהייט פאַרן געזעץ אונטער דעם פעאָדאַ־ליסטישן רעזשים וואָלט מיינען אַן אמת'ע סאָציאַלע איבערקערעניש. אָבער בכדי איינצופירן אַזאַ קאָלאָסאַלן תיקון, אַזאַ וואָרצלדיקע ענדערונג ווי 'גלייכהייט פאַרן געזעץ', האָט מען געמוזט, אַלס אַ פאָרבאַדינג,

צעשמעטערן דעם גאַנצן איינשטעל, מחמת די פּעאָדאַלע אָרדענונג וואָלט קיינמאָל ניט שלום געמאַכט מיט אזא איננאָוואַציע, מיט אזא אויפבראָך. אבער דער צוזאַמענבראָך פון פעאָדאלן רעזשים האָט באַגראָבן אונטער זיינע רואינען די סאמע חשיבות פון געזעץ און רעכט בכלל צוזאַמען מיט די פּריווילעגיעס פון די העכערע שטאנדן, וועלכע האָבן זיך געהאלטן אויף די אָפּגעלעבטע יורידישע נאָרמעס. און ווען דאָס האָט פּאַסירט, האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז די בשורה טובה פון יורידישער גלייכהייט האָט פאַרלאָרן איר ממשות מחמת די ענדערונגען, וועלכע זיינען בינתיים געמאַכט געוואָרן אין דער עצם סטרוקטור פון דער געזעלשאפט און געזעלשאפטלעכן פארקער. די גרויסע רעפאָרם האָט מען אָפּגעשאצט לויט דעם אַלטן קורס פון דער אלטער וואַלוטע, און דאָס האָט זיך גאָר גיך געמוזט ארויסשטעלן פאר א טעות. קאַפּיטאַליזם איז ניט פארפונדעוועט אין יורידישע קאַטעגאָריעס, ווייל ער איז, ווי זיינע טאדלער און ליבער זאָגן, אַן „אנארכיע פון פּראָדוקציע", און דאָרטן וואו עס הערשט אנארכיע, האָט דאָס געזעץ ניט קיין גרויסע דעה. און עס איז קלאָר געוואָרן פאר אלע רעכטדענקענדיקע מענטשן, אז אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים איז ׳גלייכהייט פאר׳ן געזעץ ׳ זייער וויט פון צו זיין בכוח צו שאַפן אַן עקאָנאָמישע גלייכהייט, און די וואָס באַהויפּטן אז זי קען עס באַווייזן מאכן זיך און יענעם צום נאַר, זיינען אדער לצים, אפשפּעטער אדער לועג־לרש׳ס...

איצטער האַלטן מיר ווידער ביי מאכן א שריט פאָרויס, און די גלייכהייט־פריידיקער פּאַרטויבן ווידער די אויערן מיט זייערע הבטחות וועלכע ווערן געמאַכט אין נאָמען פון סאָציאַליזם־קאָמוניזם.

וואָס טוט דער קאָמוניזם? ער וויל נאָכטאָן דעם קריסטנטום און דעם נאָכמאָכער פון קריסטנטום, דעם ליבעראַליזם. ער וויל כאַפּן די זעלביקע נאַרישע פויגל מיט די זעלביקע פּאָר קערנדלעך וואָס ער צעוואַרפט, מעשה נדבן, אין פראָנט פון זיין ציגעלנע פאַסטקע.

מאקענזי שרייבט:

„גלייכהייט פון באַזיץ פריידיקן אייניקע פון די וועלכע רופן זיך קאָמוניסטן אדער סאָציאַליסטן. עס איז א שטאַנדפּונקט וועלכער פאַר־קניפּט זיך נאַטירלעך מיט דער אויפפאַסונג פון ברודערשאפט." (48)

קאָמוניזם פּראָקלאַמירט גלייכהייט פארן באַזיץ און צו דער אייגענער צייט פאַרנעמט ער זיך מיט ארונטעררייסן די עצם אינסטיטוציעס פון באַזיץ. ער שאַפט אָפּ די יורידישע קאַטעגאָריע פון פּריוואַט־אייגנטום

רעכט. ער נארט אָפּ דעם עולם אויף דעם אלטן שטייגער: ער פּראָ־קלאמירט גלייכהייט פאר אן אינסטיטוציע, וואָס מ׳לייגט אריין אין קבר, פאר א „פּה־נטמן.״

דזשאפרי סיינסבורי שרייבט:

„אויב אונטער עקאָנאָמיק פארשטייען מיר עפּעס וואָס פּראקטיש עקזיסטירט עס צוזאמען מיט די לעבנס־רעאַליטעטן, דעמאָלט מיינט עקאָנאָמישע גלייכהייט זייער פיל. זי מיינט א טעגלעכע פולשטענדיקע גלייכהייט אין יעדער הינזיכט. מיט אנדערע ווערטער, א פולע מאָס פון סטאַנדאַרדיזאציע. אויב אבער עקאָנאָמיק ווערט גענומען אין א באַגרענעצטן אויסטייטש, דעמאָלט ווערט די פראזע צעשוואומען, און אויב זי ווערט רעדוצירט צו זייער א באגרענעצטן פּשט, דעמאָלט וועט די פראזע מיינען גלאט גאָרניט.״ (49)

די זאך איז וואָס גלייכהייט ווערט תמיד, אויף איינעם אדער אן אנדערן אופן, רעדוצירט צו גאָרניט. זי גייט איבער, אזוי איז איר שוין באַשערט, אין איר היפּוך. אין בעסטן פאַל, ווען עקאָנאָמיק זאָל מיינען אַלץ־מיט־אַן־אנדער וואָלט פון דער עקאָנאָמישער גלייכהייט גאָרניט געוואָרן און „די פולע מאָס סטאַנדאַרדיזאציע״ וואָלט זיין אומווירקזאם אין דער אונטערנעמונג אָפּצושטעלן דעם וואוקס פון דער „אומגלייכ־הייט״. דער טעם דערפאר איז אן איינפאכער. סטאַנדאַרדיזאציע וואָלט אליין ווערן א גורם פון אומגלייכהייט, ווייל זי שיקט פאָרויס די עקזיס־טענץ פון א מינדערהייט וועלכע איז זיך מתעסק מיט דעם, וואָס זי סטאנדארדיזירט דאָס סאָציאלע לעבן, די מאָדוסן פון אויפפיר פון דער גאנצער באפעלקערונג. און אָט־די פונקציע פון סטאנדארדיזירן וואָלט זיי, די מיטגלידער פון דעם דאָזיקן מיעוט, אוועקשטעלן העכער איבער די מאסן, איבער אלע יענע, וואָס ווערן סטאַנדאַרדיזירט. עס וואָלט זיך באקומען א שפּאלטונג אויף סטאנדארדיזירער און סטאַנדארדיזירטע. מיט אנדערע ווערטער, די פּראקטיק פון גלייכהייט טראָגט אין זיך א ווידערשפּרוך. גלייכהייט פאַרלאַנגט א גלייכמאַכונג, אן אקט פון איינ־שטעלן, איינפירן אָט־דעם נייעם רעזשים. אָט־דער אקט שיקט פאָרויס דעם אויפקום פון א גרופּע, וועלכע האָט צו דערפילן א ספּעציעלע פונקציע, א גרופּע פון גלייכשטעלער, פון ׳עקוואַליזאטאָרן׳. און דאָס וואָלט מוזן ארויסרופן א צעטיילונג אין דער געזעלשאפט, וועלכע וואָלט זיך שפּאלטן אויף צוויי לאַגערן, א מיעוט פון עקוואַליזאטאָרן און א רוב פון עקוואַלי־זירטע. דאָ ליגט אן אינערלעכע סתירה פון וועלכער מ׳קען זיך ניט ארויס־דרייען, ווי מ׳זאָל זיך ניט קליגן.

דאָס איז אלץ גערעדט בנוגע גלייכהייט אין אלגעמיין. וואָס איז שייך גלייכהייט פאר אייגנטום — איז עס א פשוטער אָפּנאַר, א היסטאָ־רישער שווינדל. ווען אייגנטום ווערט אָפּגעשאפט, ווען מ׳וואַרפט אים אַריין אין מיסטקאַסטן פון דער געשיכטע, דעמאָלט, ניט פריער, דער־קלערט מען אז אלע זיינען גלייך פאר אָט־דער גרויסער אינסטיטוציע. גלייכהייט פאר דעם היסטאָרישן שמיעטניק! דאָס איז די איראָניע פון דער געשיכטע פון אלע גלייכהייט־פּראָיעקטן.

די נאַאיוויסטן פון אלע מינים און קאָלירן זעגלען מיט א גרינגן הארצן און פוסטן מוח פארביי אָט־די אלע היסטאָרישע שיפּברוכן. די תמימים באמערקן ניט די פּגרים פון די צעבראָכענע אילוזיעס. ווי די בורבאָנער פארגעסן זיי ניט קיין זאַך ניט און לערנען גארניט פון די פארגאנגענהייט־דערפארונגען און עקספּערימענטן. אין זייער בלינדער פארריסנקייט און טויבער טעמפּקייט גייען זיך ארום איבער די גאסן אָט־די פּראָגרעס־שמשים אין די פינצטערע נעכט און די פריע פארטאָגן, זיי קלאַפּן אין די לאָדן און שלעפּן די פּראָלעטאריער פון די בעטן ארויס און רופן זיי צו עבודת הבורא, צו דינען דעם אָפּגאָט פון גלייכהייט. זיי באַגרייפן ניט, אַז די עם־הארצים וואָס ווילן דווקא זיין סאָציאַלע חסידים, אז די גלייכהייטן זיינען בלויז מיילשטיינער וועלכע שטייען אויפן דרך המלך פון פּראָגרעס און ציינן בלויז די שטרעקעס וועלכע מ׳איז שוין אָפּגעפאָרן, דעם מהלך וועלכן מ׳האָט איבערגעלאָזן הינטער זיך. יעדע גלייכהייט פון אָט דעם סאָרט זאָגט קלאָר און דייטלעך צו יעדן וואָס האָט ניט קיין פארשטאָפּטע קאָפּ, אז די פונדאַמענטאַלע אומגלייכהייט פון דער פאָרדעמדיקער עפּאָכע איז געוואָרן אזוי אינטעגרירט, אזוי מאַכט־פול אז זי איז אַריין אין סאמע געוועב און נערוועגשטאָף פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, אז זי האָט באַוויזן צו ווערן אינקאָרפּאָרירט אין דעם עצם געבוי פון דער געזעלשאפט.

די אומגלייכהייט, אָט די מאַיעסטעטישע זיגעריך, ווען זי מארשירט פאָרויס, ווען זי גייט און נעמט איין נייע וועלטן, גיט זי אוועק ברייט־הארציק איין געגנט נאָך דער צווייטער צו איר יינגערער שוועסטער, דער בעל־מקנא׳צע, גלייכהייט. זי טוט עס מיט אַזאַ גרויסהאַלטעריי ווי איינער וואָס פאַרט אין א קאַרעטע וואַרפט ארויס דורך דעם אָפענעם פענצטערל א פּאָר פּייאימס צו א בעטלער וואָס שטייט מיט אן אויס־געשטרעקטער האַנט און ווערט שיער ניט דערשטיקט פון די וואָלקנס־שטויב וואָס די פערד און די רעדער הויבן אויף.

איך וועל נוצן אן אנדער פארגלייכעניש וועלכע וועט זיך נאָך בעסער פּאַסן.

די אומגלייכהייט איז געגליכן צו דעם נגיד וואָס גיט אוועק זיין אָפּגעטראָגענעם מלבוש צו זיין אָרימען קרוב...

די אומגלייכהייט אָקופּירט די הויכע ספערן. די פּאַרפּעסטיקטע פּאָזיציעס, זי טרעט אויף די קאַרגן פון די שניי־באַדעקטע בערג און זי עוואקואירט אָן פּאַראַדוס און אָן הימ־בענקעניש די טאָלן פון לעבן און די פלאַכן פון שטרייט און שטרעבן...

# מראה־מקומות

## א

## I

1. August Comte, Positive Philosophy, vol. I, pp. 1-2. London, 1896.

2. Herbert Spencer, Education, p. 71. London, 1929.

3. Herbert Spencer, Essays, vol. II, pp. 150-151. London, 1891.

3*a*. W. Gordin, Socio-Magic and Socio-Technics (Russian). Moscow, 1918.

4. Pitirim Sorokin, Contemporary Sociological Theories, p. 759. London, 1928.

5. August Comte, Positive Philosophy, Book VI, Social Physics. — A. Quetelt, Sur l'homme et le development de ses faculties, ou Essay de Physique sociale.

6. August Comte, Positive Philosophy, vol. II, p. 309.

7. Die Neue Zeit, vol. I, p. 239, 1883. — V. G. Simkovitch, Marxism Vers. Socialism, p. 247, footnote.

8. V. G. Simkovitch, Marxism Vers. Socialism, p. 187.

9. Prof. A. Schaeffle, Quintessence of Socialism, p. 16. The Humbolt Library, March 25, 1880.

10. Bertrand Russel, Proposed Roads to Freedom, p. I. New York, Blue Ribbon Book Publ.

11. Charles Fourier, Selections from the Works, with an introduction by Charles Gide, p. 18, footnote. London, 1901.

12. Tugan Baranovsky, Theoretische Grundlagen des Marxismus. Leipsic, 1905.

13. John Spargo, Socialism, p. 232. New York, 1909.

14. Edward Bernstein, Evolutionary Socialism, pp. 213-14. New York, 1909.

15. Tugan Baranovsky, Modern Socialism, p. vi. London, 1910.

16. F. Engels, Principles of Communism, Appendix F. Communist Manifesto of K. Marx and F. Engels with an introduction and expl. notes by D. Ryazanov, p. 334. New York, Intern. Publ.

17. Charles Gide, Introduction to the Selection from the Works of Fourier, pp. 22-23.

18. Ch. Fourier, Oeuvres, vol. VI, p. 276, IVth ed. Paris, 1870.

19. Karl Marx, Das Kapital 4th ed., vol. III, part II, p. 144.

20. Ferdinand Lassalle, Speeches, p. 84. New York, 1927.

21. Robert Owen, The Inauguration of the Millennium, p. iii and iv. London, 1855.

22. Robert Owen, The New Existence of Man Upon Earth, Part VI, p. lxxxiii. London, 1855.

23. Robert Owen, Address to the Working Classes, New Lanark, March 29, 1819, in a New View of Society, p. 154.

24. Robert Owen, Manifesto to the Civilized World. New York, 1847, April 6.

25. Charles Gide, De la co-operation et des transformation qu'elle est appelle a realisier, p. 17.

26. Alexander de Tocqueville, L'ancient régime et la revolution, liv. I, c. 3.

27. Thomas Paine, Common Sense, Complete Works, vol. II, p. 19. Chicago, 1879.

28. Thomas Paine, The Rights of Man, p. 165. Everyman's Library.

29. Ibid. p. 214.

30. David P. Berenberg, Socialist Fundamentals, p. 92. New York, 1932.

31. Charles Fourier, Social Destinies, p. 141, Sociological Series no. I, part II. New York, 1876.

32. P. J. Proudhon, System of Economic Contradictions, p. 30. Boston, 1888.

33. Karl Marx and F. Engels, Communist Manifesto, p. 47, Essentials of Marx.

34. Karl Marx, Capital, vol. I, p. 786.

35. F. Engels, Anti-Duehring, p. 121.

36. L. N. Tolstoy, The Slavery of Our Time, p. 34, Works, vol. XII, p. II. Boston, 1905.

37. Thomas Hobbes, Leviathan, English Works ed. by William Molesworth, vol. III, p. 159. London, 1839.

38. Thomas Hobbes, De Corpore Politico, English Works, vol. IV, pp. 121-22. London, 1840.

39. Samuel von Pufendorf, The Law of Nature and Nations, done into English by Basil Kennett, pp. 639-40. London, 1729.

40. John Locke, On Civil Government, p. 224. Everyman's Library.

41. J. J. Rousseau, Social Contract tr. by Harrington, p. 22.

42. Wells, The Life and Public Service of Samuel Adams, vol. I, p. 502.

43. Sir William Blackstone, On the Laws of England, Commentaries, p. 46. Chicago, 1872.

44. Jeremy Bentham, On Government ed by Francis Charles Montague, p. 154. Oxford, 1891.
45. David Hume, Essays, Part II, p. 455. London, 1904.
46. Ibid. p. 457.
47. Immanuel Kant, Principles of Politics ed. and tr. by W. Hastie, p. 53. Edinburgh, 1891.
48. Seneca, Epistle XC, vol. II, pp. 126-27. London, 1786.
49. Seneca, Octav. Act II, ver. 402.
50. Seneca, Hippolyte, Act II, ver. 525 seq.
51. Virgil, Georgics I, 126, Dryden.
52. Virgil, Georgics I, 125-29 tr. by Alexander Falconer Murison. London, 1932.
53. Tibullus, Eleg. Bk. I, 41.
54. Tibullus, I, 3, 35, tr. by George Gilbert Ramsay, Selections from Tibullus and Propertius, p. 7. Oxford, 1895.
55. Ovid, Met. I, ver. 135, Iron Age.
56. Horace, Lib. II, Sat. 2, ver. 129 seq.
57. Horace, Lib. II, Ep. 2, ver. 171 ff.
58. Justin, Lib. XLIII, c. i.
59. W. E. Hartpole Lecky, Democracy and Liberty, vol. II, p. 190. London, 1896.
60. Oper. St. Basilii, II, 725-26. — Ibid. p. 192.
61. Thomas Aquinas, Summa Theologica, Part II (Second Part), Q. 32, Art. 5, R. O. 2, pp. 418-19. New York, 1917.
62. Ibid. Q. 32, art. 7, R. O. i., p. 423.
63. Teachings of Twelve Apostles, IV, 8. — Ep. of Barnaba, XIX, 8.
64. Justin Martyr, First Apol. XIV, cf. LXVII. — Tertulian Apol., 39.
65. St. Cyprian, De Op. et Eleem., 25.
66. Ambrosiaster, Com. on Cor. IX, 9.
67. St. Zeno of Verona, Tractatus, I, 3, 6. — R. W. Carlyle and A. J. Carlyle, History of Medieval Political Theory in the West, vol. I, pp. 132-38. London, 1903.
68. P. J. Proudhon, System of Economic Contradictions, vol. I, p. 79.
69. J. Arthur Thomson, What Is Man? p. 204, 2nd ed.
70. Franklin H. Giddings, Studies in the Theory of Human Society, p. 292. New York, 1922.
71. Morris Ginsberg, Studies in Sociology, p. 137. London, 1932.

72. Pitirim Sorokin, Contemporary Sociological Theories, p. 757. New York, 1928.

73. Herbert Spencer, The Study of Sociology, p. 246.

74. Robert Owen, Manifesto to the Civilized World, p. 5. New York, 1847, April 14.

75. William Samuel Lilly, A Century of Revolution, p. 49. London, 1889.

76. Emile de Laveleye, Communism, Contemporary Review, March, 1890.

77. A. W. Humphrey, The Modern Case for Socialism, p. 56. London, 1928.

78. Ernest Poisson, The Cooperative Republic, p. 4. Manchester, 1925.

79. Ibid.

80. Ibid. pp. 223-24.

81. George Lacy, Liberty and Law, pp. 160-61. London, 1884.

82. Karl Marx, Capital, vol. I, Preface to First ed., p. 15. Chicago, 1918.

83. Marx and Engels, Communist Manifesto, Essentials of Marx, p. 53.

84. Michael Bakounine, Oeuvres, Tome VI, p. 126. Paris, 1913.

85. Schmoller, Small's Unpubl. trans., p. 17. — Albion W. Small, Origins of Sociology, p. 250. Chicago, 1924.

86. Arthur Wallace Calhoun, The Social Universe, p. 157. New York, 1932.

87. Michael Bakunin, God and the State, p. 20. New York, Mother Earth Publ.

88. Eugenio Rignano, Essays in Scientific Synthesis, pp. 195-196. Chicago, 1918.

89. G. V. Portus, Marx and Modern Thought, p. 62. Melbourne, 1921.

90. Karl Marx, Poverty of Philosophy, p. 100.

91. Karl Dannenberg, Karl Marx — Constructive Elements of Socialism, pp. 61-62.

92. J. Novikov, War and Its Alleged Benefits, p. 147. London, 1912.

93. H. G. Wells, The Work, Wealth and Happiness of Mankind, vol. II, p. 805. New York, 1931.

94. Charles Fourier, Social Destinies, p. 154, Sociological Series no. I, part II. New York, 1876.

95. Allison J. Thompson, Man, Nature and Civilization, part II, pp. 22-23. Cleveland, 1931.

96. Peter Kropotkin, Modern Science and Anarchism, p. 40. London, 1923.

97. Wilson D. Wallis, Culture and Progress, p. 440. New York, 1930.

98. Karl Marx, Capital, vol. I, Preface to 2nd ed., p. 26. Chicago, 1918.

99. Nicholas Petrescu, Principles of Comparative Sociology, p. 129. London, 1924.

100. F. Engels, Anti-Duehring, p. 27.

101. F. Engels, Feuerbach, p. 97. Chicago, 1906.

102. N. Bukharin, Historical Materialism, p. 67. N. Y., 1925.

103. F. Engels, Socialism, Utopian and Scientific, pp. 79-85. Chicago, 1908.

104. F. Engels, Anti-Duehring, p. 31.

105. Morris Hillquit and John A. Ryan, Socialism Promise or Menace? p. 241. New York, 1920.

106. Max Adler, Verhandlungen des fierten Deutschen Soziologentages, p. 200, 1925.

107. Wilhelm Windelband, Introduction to Philosophy, pp. 38, 45, 179.

108. Joseph K. Hart, Social Life and Institutions, p. 388. New York, 1924.

109. L. N. Tolstoy, The Kingdom of God Is Within Us, vol. XI, pp. 252-54.

110. Grove Samuel Dow, Society and Its Problems, p. 476, 3rd ed. New York, 1929.

111. Herbert W. Schneider, Making the Fascist State, p. 4. New York, 1928.

112. M. Tugan Baranovsky, The Theoretical Foundations of Marxism, p. 216, 2nd Russian ed. St. Petersburg, 1905.

113. Karl Marx, The Eighteenth Brumaire, p. 58. N. Y., 1926.

114. Ibid. p. 25.

115. George P. Murdock, art. "Ethnocentrism" in Enc. of Soc. Sciences, vol. V, p. 613.

116. Ferdinand Lassalle, From Arbeiter-Program, p. 80. New York, 1927.

117. Robert Owen, Address to the Working Classes, New Lanark, March 29, 1819, in a New View of Society and Other Writings, p. 155. London, 1927.

118. F. Engels, Anti-Duehring, pp. 23-24.

119. Benjamin Franklin, Complete Works, vol. III, p. 416. London, 1806.

120. Albert N. Gilbertson, art. "Slavery" in Enc. of Religion and Ethics, vol. XI, p. 597b.

121. Malvin M. Knight, art. "Slavery" in Enc. of Soc. Sciences, vol. XIV, p. 80.

122. Aristotle, Politics, tr. by Benjamin Jowett, Bk. I, 5-6. Oxford, 1885.

123. August Comte, Positive Philosophy, vol. III, Bk. VI, p. 50.

124. Ibid. p. 51.

125. Herbert Spencer, Principles of Sociology, vol. III, p. 464.

126. F. Engels, Anti-Duehring, p. 206.

127. Edward Westermarck, The Origin and Development of Moral Ideas, vol. I, p. 24. London, 1906.

128. John Locke, On Civil Government, p. 224.

129. Ulysses G. Weatherly, Social Progress, p. 30. London, 1929.

130. G. Glotz, The Greek City, pp. 259-60. London, 1929.

131. J. K. Ingram, History of Slavery and Serfdom, p. 262. London, 1895.

132. Marc Bloch, art. "Feudalism" in Enc. of Soc. Sc., vol. VI.

133. Oswald Spengler, The Decline of the West, vol. II, p. 340. New York, 1932.

134. Herbert Spencer, Principles of Sociology, vol. III, p. 525.

135. E. T. Campagnac, Society and Solitude, p. 175. Cambridge, 1922.

136. Karl Marx, Contribution to the Critique of Political Economy, preface, tr. by N. J. Stone, p. 13. Chicago, 1904.

## II

1. Karl Marx, Capital, vol. I, p. 195.

2. Karl Jaspers, Man in the Modern Age, pp. 174-75. London, 1933.

3. G. Plekhanov, Fundamental Problems of Marxism, ed. by D. Ryazanov, p. 85. London, 1929.

4. F. Engels, Die Entwicklung des Sozialismus von der Utopie zur Wissenschaft, 5th ed., p. 51. Berlin, 1907.

5. F. Engels, Socialism, Utopian and Scientific, p. 135.

6. F. Engels, Anti-Duehring, p. 318.

7. F. Engels, Socialism, Utopian and Scientific, p. 134.

8. Hyman Segal, The Law of Struggle, p. 13. New York, 1918.

9. Ibid. p. 160.

10. Algernon Sidney, Discourses on Government, p. 163, vol. II. New York, 1805.
11. Niccolo Machiavelli, The Prince, p. 35. Oxford, 1913.
12. Henry Brougham, Monarchical Government, p. 3. London.
13. P. J. Proudhon, De la justice dans la Révolution, Oeuvres Complétes, vol. I, p. 416. Paris, 1930.
14. Edmund Burke, The Inherent Evils of All State-Governments, p. 5, London. Orig. ed. 1755.
15. Ibid. p. 7.
16. Ibid. p. 14.
17. Ibid. Note by the editor.
18. Laster F. Ward, Pure Sociology, p. 267, 2nd ed. New York, 1911.
19. Voltaire, Philosophical Dictionary, art. "Government".
20. J. Arthur Thomson, What Is Man? p. 151, 2nd ed. London, 1924.
21. Michel Bakounine, Oeuvres, vol. I, p. 3. Paris, 1907.
22. Bernard Mandeville, The Fable of the Bees, vol. I, pp. 344-45. Oxford, 1824; London, 1732.
23. J. R. Buchanan, Society as It Should Be, p. 44. Cincinnati, 1846.
24. E. J. Urwick,A Philosophy of Social Progress, p. 178, 2nd ed. London, 1920.
25. J. Arthur Thomson, What Is Man? p. 204.
28. P. J. Proudhon, De la justice dans la Révolution, vol. III, pp. 545-47.
29. Henry Noel Brailsford, Property or Peace, p. 329.
30. Benedict de Spinoza, Tractatus Politicus, p. 287. London, 1900.
31. Thomas Aquinas, Contra Gentiles, Bk. III, chap. 31.
32. Benjamin Franklin, Complete Works, vol. III, p. 417.
33. Spinoza, Tractatus Politicus, p. 289.
34. Michel Bakounine, Oeuvres, vol. I, p. 137.
35. Samuel von Pufendorf, The Law of Nature and Nations, p. 637.
36. Ulysses G. Weatherly, Social Progress, p. 330.
37. John Stork, Man and Civilization, p. 154, 2nd ed. New York, 1927.
38. William Godwin, Thoughts on Man, p. 195. London, 1831.
39. Josiah Warren, Equitable Commerce, p. 25. N. Y., 1825.

## III


1. Goethe, Vorklage.
2. Voltaire, The White Bull.
3. Joseph Dietzgen, The Positive Outcome of Philosophy, tr. by Ernest Untermann. Chicago, 1906.
4. Charles Fourier, Theory of Social Organization, Part II, p. 169. New York, 1876.
5. F. Engels, Socialism, Utopian and Scientific, p. 136.
6. Henry Noel Brailsford, Property or Peace, p. 95. New York, 1934.
7. Herbert W. Schneider, Making the Fascist State, p. 276. New York, 1928.
8. Immanuel Kant, Principles of Politics, p. 10.
9. Samuel van Pufendorf, The Law of Nature and Nations, p. 363-d.
10. Benedict de Spinoza, Tractatus Politicus, p. 288.
11. Bernard Mandeville, Nature of Society, p. 428, 5th ed. London, 1732.
12. Stuart Chase, The Economy of Abundance, p. 302. New York, 1934.
13. Bernard Mandeville, The Fable of the Bees, p. 4.
14. Karl Marx, Capital, vol. III, part I, p. 375, French tr.
15. Alexis de Tocqueville, France Before the Revolution of 1789, p. 38. London, 1856.
16. Immanuel Kant, Principles of Politics, p. 15.
17. Samuel von Pufendorf, The Law of Nature and Nations, pp. 629-30.
18. Bernard Mandeville, The Fable of the Bees, p. 426.
19. Machiavelli, The Prince, p. 3.
20. Thomas Paine, Rights of Man, p. 221.
21. Dante, De Monarchia, Bk. III, Ch. 6.
22. Ibid. Bk. I, Ch. 4.
23. Ibid. Ch. II. — James P. Lichtenberger, Development of Social Theory, p. 116. London, 1923.
24. Sir Walter Raleigh, Works, vol. I, p. 4. London, 1751.
25. Thomas Hobbes, De Corpore Politico, pp. 165-66, English Works, vol. IV.
26. Arthur Schopenhauer, Essays, Government, p. 49. Willey Book Comp.
27. William R. Greg, Essays on Political and Social Science, vol. I, p. 468. London, 1853.

## IV

1. E. V. Zenker, Anarchism, p. 5. New York, 1897.
2. Karl Jaspers, Man in the Modern Age, p. 227.
3. A. G., Instead of a Program, Clarion, October, 1932, N. Y.
4. Seneca, Epistles XC, tr. by Thomas Morell, vol. II, p. 127. London, 1786.
5. Ibid. p. 128.
6. L. N. Tolstoy, Popular Legends, Works, vol. IX, pp. 448-51. Boston, 1904.
7. F. Engels, Nachlass, vol. I, p. 464.
8. J. J. Rousseau, Emile, p. 1.
9. L. Levison, The Menace of Socialism, p. 3. Edinburgh, 1919.
10. Benjamin Kidd, Social Evolution, p. 251. New York, 1894.
11. Robert Owen, The Revolution in Mind and Practice of the Human Race, p. 65.
12. Ibid. p. 120. London, 1849.
13. Herbert Spencer, Essays, vol. III, p. 454. N. Y., 1916.
14. Jose Ortega y Gasset, The Revolt of the Masses, pp. 103-04.
15. P. J. Proudhon, The General Idea of the Revolution, p. 133.
16. Hannibal Gerald Duncan, Backgrounds for Sociology, p. 775. Boston, 1931.
17. Josaiah Warren, Equitable Commerce, p. 19.
18. The Code of Hammurabi, King of Babylon, tr. by Robert Francis Harper, prologue, pp. 3-9. London, 1904.
19. Ibid. p. 101.
20. P. J. Proudhon, General Idea of the Revolution, pp. 245-46. London, 1923.
21. Richard Hildreth, Theory of Politics, p. 267. N. Y., 1853.
22. Benjamin Kidd, Social Evolution, pp. 10, 55, 300.
23. George Brooks, Industry and Property, p. 225. London 1895.
24. Victor Catherine, Socialism, p. 311, 3rd Amer. ed. 1904.
25. Edgar L. Heermance, Chaos and Cosmos, p. 325. New York, 1922.
26. G. S. Brett, The Government of Man, p. 127. London, 1913.
27. Laster F. Ward, Applied Sociology, pp. 97-98. Boston, 1906.

## V

1. Joyce O. Jeltzler, "Unsocial Trends" in Sociology and Social Research, XII, pp. 520-23.

2. Immanuel Kant, Critique of Pure Reason tr. by J. M. D. Meikeljohn, Preface, pp. xvii-iii. London, 1901.

3. Descartes, The Philosophical Works, vol. I, p. 219. Cambridge, 1911.

4. Charles Fourier, Social Destiny of Man, p. 4.

5. Francis Bacon, Novum Organum, ed. by Joseph Dewey, p. 43. New York, 1902.

6. Herbert Spencer, Education, p. 97. New York, 1864.

7. Charles Fourier, Social Destiny of Man, pp. 2-3.

8. Benjamin de Casseres, Clarion, November, 1932, New York.

9. Leon Samson, The New Humanism, p. 105. New York, 1930.

10. Herman Finer, art. "Electors" in Enc. Brit., vol. VIII, pp. 138-39.

## ב

## INTRODUCTION

1. Joseph Dietzgen, The Positive Outcome of Philosophy, p. 418. Chicago, 1906.

## I

1. E. J. Urwick, A Philosophy of Social Progress, p. 233. London, 2nd ed., 1920.

2. Nicholas Petrescu, Principles of Comparative Sociology, p. 131. London, 1924.

3. Ernest R. Groves, Sociology, p. 39. London, 1931.

4. August Comte, Positive Philosophy, vol. II, pp. 245-46. London, 1896.

5. Thomas Carlyle, Past and Present, pp. 231-32. Boston, de Wolfe, Fiske Pub.

6. Walter Bagehot, Physics and Politics, p. 19. N. Y., 1899.

7. Adam Ferguson, An Essay on the History of Civil Society, p. 327. Basil and Paris, 1789.

8. E. J. Urwick, A Philosophy of Social Progress, pp. 239-40.

9. Rudolf Eucken, Socialism, An Analysis, p. 165. New York, 1922.

## II

1. Goethe, Die Weisen und die Leute.
2. Gilbert Cannan, Anatomy of Society, p. 54. New York, 1919.
3. P. L. Lavrov, Historical Letters, 4th ed. Petersburg, 1906 (Russian).
4.Sir William Temple, Of Popular Discontents, Works, vol. III, pp. 31-33. London, 1814.
5. Edmund Burke, Works, vol. I, p. 157. New York, 1860.
6. William Godwin, On Man, pp. 102-3. London, 1831.
7. Berton Braley, Survey, February 8, 1913, vol. 29, p. 647.
8. Arthur James Todd, Theories of Social Progress, p. 4. New York, 1934.
9. Allan L. Benson, The Truth About Socialism, p. 43. New York, 1913.

## III

1. John Masefield, The Seekers.
2. Nicholas Berdyaev, The End of Our Time, p. 203. London, 1933.
3. Max Stirner, The Ego and His Own, p. 484. New York, 1915, Tucker's ed.
4. John Stuart Mill, Principles of Political Economy, p. 208. London, 1923.

## IV

1. Robert S. Hamilton, Social Science, p. 2. New York, 1874.
2. Max Stirner, The Ego and His Own, p. 152.
3. Ibid. pp. 417-18.
4. L. N. Tolstoy, The Working People, p. 164, Works, vol. XII, part II. Boston, 1905.
5. Karl Marx and F. Engels, Communist Manifesto, Essentials of Marx, p. 39. New York, 1926.
6. George Pellew, The Life and Correspondence of Henry Addington, p. 80, footnote, vol. III. London, 1847.
7. Art. "Luddites" in Encycl. Brit., 11th ed.
8. Spencer Walpole, History of England, p. 424, vol. I. London, 1878.
9. D. Ryazanov, Explanatory Notes to the Communist Manifesto of Marx and Engels, pp. 110-111. New York Intern. Pub.

10. Samuel Smiles, Men of Invention and Industry, p. 55. London, 1884.

11. George Makepeace Towle, Heroes and Martyrs of Invention, p. 15. Boston, 1890.

12. Ibid. pp. 40-41.

13. Ibid. p. 73.

14. Ibid. p. 75.

15. Ibid. pp. 85-86.

16. Ibid. p. 92.

17. G. K. Chesterton, The Outline of Sanity. New York, 1927.

17*a*. Benjamin Tucker, Individual Liberty, Vanguard Press, New York, 1926.

18. Edward Carpenter, England's Ideal, p. 66. London, 1909.

19. Avesta: the Religious Books of the Parsees tr. by Arthur Henry Bleeck, vol. III, Khorda-Avesta, p. 165. Patent—Frani 6, Hertford, 1864.

20. Leonid Andreyev, Sava, Play.

21. Josiah Warren, Equitable Commerce, p. 22. N. Y., 1852.

22. Stephen Pearl Andrews, The Constitution, p. 69. New York, 1853.

## V

1. Franklin H. Giddings, Studies in the Theory of Human Society, pp. 79-80. New York, 1922.

2. Adam Ferguson, An Essay on the History of Civil Society, p. 30. Basil and Paris, 1789.

3. George Sorel, Matteriaux d'une theorie du proletariat, p. 67. Paris, 1919.

3*a*. George Sorel, Decomposition du Marxism, p. 60. Paris, 1910.

3*b*. Daniel de Leon, Reform or Revolution, p. 12, The People Library, vol. II, no. 2, November, 1899.

4. Michael Bakunin, God and the State, pp. 8-12.

5. E. V. Zenker, Anarchism, pp. 163-69. London, 1897.

6. Henri See, art. "Agrarian Movements" in Encyclopedia of Social Sciences, vol. I, p. 497.

7. Ibid. p. 498.

8. Ibid. p. 495.

9. Ibid. p. 508.

10. Smoller's Reply to Treitschke, Small's Unpublished Translation, p. 7; Albion W. Small, Origins of Sociology, p. 249. Chicago, 1924.

11. Arthur Wallace Calhoun, The Social Universe, p. 156. New York, 1932.

12. Sir Walter Raleigh, Works, vol. II, p. 54. London, 1751. Ludwig Gumplovicz, Der Rassenkampf, Insbruck, 1883; Rasse und Staat. Vienna, 1875.

13. Grove Samuel Dow, Socity and Its Problems, p. 475, 3rd ed. New York, 1929.

14. Algernon Sidney, Discourses on Government, vol. II, p. 119. New York, 1809.

15. Thucydides, tr. by B. Jowett, vol. I, p. 64. Oxford, 1881.

16. Theodor Mommsen, History of Rome, tr. by W. P. Dickson, vol. III, pp. 76-77. Everyman's Library.

17. Ibi. pp. 52-53.

18. Ibid. pp. 130-35.

19. Plutarch's Lives, tr. by John Longhorne and William Longhorne, vol. IV, pp. 404-09. New York, 1841. — A. H. Beesly, The Gracchi, Marius and Sulla, p. 60. — Charles Oman, Seven Roman Statesmen of the Later Republic, pp. 53-86, 3rd impression, Longman's, Green Pub.

20. T. Rice Holmes, The Roman Republic, pp. 156-61, vol. I. Oxford, 1923.

21. Theodor Mommsen, The History of Rome, vol. IV, p. 84. London, 1876.

22. Victor Duruy History of Rome. vol. III p. 99. Boston, 1883.

23. Theodor Mommsen, History of Rome, vol. III, pp. 75-76. Everyman's Library.

24. Paul Van Dyke, The Story of France, pp. 196-97. New York, 1928.

25. Victor Duruy, History of France, p. 213. New York, 1929. Charles Seignobos, A History of the French People, p. 226. London, 1933.— J. R. Green, A Short History of the English People, pp. 486-91. London, 1893. — K. H. Vicker, England in the Later Middle Ages, p. 259. London, 1913. — John Lingard and Hilaire Belloc, History of England, vol. III, p. 294. New York, 1912.

26. Wolfang Menzel, History of Germany, pp. 236-244, vol. II. London, 1849.

27. Cambridge Modern History, vol. II, pp. 223-27. New York, 1918.

28. Bernard Pares, A History of Russia, pp. 153-54. New York, 1928.

29. Ibid. pp. 249-50. — D. M. Wallace, Russia, pp. 413-14. New York, 1905.

30. James Edward le Rossingol, What Is Socialism? pp. 185-86. New York, 1921.

31. Eden and Cedar Paul, Creative Revolution, p. 147. New York, 1920.

32. Kyung Durk Har, Social Laws, p. 143. University of North Carolina Press, 1930. — E. A. Ross, Principles of Sociology, pp. 135-36.

33. Pitirim A. Sorokin, The Sociology of Revolution, p. 157. London, 1925.

34. Sir Walter Raleigh, Works, vol. II, p. 54. London, 1751.

35. Karl Marx, Address to the Communist League, 1850, Labor Monthly, vol. III, September, 1922, London.

36. Henry Thomas Buckle, History of Civilization, vol. II, pp. 119-20. New York, 1903.

37. Franklin H. Giddings, Sovereignty and Government, Political Science Quarterly, vol. XXI, p. 17, March, 1906, N. Y.

## VI

1. F. Nietzsche, The Anti-Christ, p. 222, Complete Works, vol. 16. London, 1911.

2. Dhurjati Prasad Mukerji, Basic Concepts in Sociology, p. 41. London, 1932.

3. W. Beveridge, art. "Ebionism" in Encyclopedia of Religion and Ethics, vol. V, p. 139-d.

4. E. V. Zenker, Anarchism, pp. 14-15.

5. Antonio Labriola, Socialism and Philosophy, p. 135. Chicago, 1912.

6. Leon Levison, The Menace of Socialism, p. 2. Edinburgh, 1919.

7. Karl Marx, Nachlass, vol. II, pp. 442-43.

8. John, X, 16.

9. Stanley Alfred Mellor, Liberation, p. 37. London, 1929.

10. John, III, 3-5.

11. Saint Simon, Oeuvres Choisies, p. 269, vol. II, 1813.

12. Thomas Carlyle, Heroes and Heroworship, p. 17.

13. Thomas Erskin, World's Best Orations, vol. VI, p. 2049.

## VII

1. Aristotle's Politics, III, 7. Oxford, 1905.
2. Pericles, Funeral Oration, 431 B.C. World's Best Orations, vol. VIII, p. 3170. St. Louis, 1901.
3. Thomas Carlyle, Past and Present, p. 233.
4. John Stuart Blackie, What Does History Teach? pp. 28-29. New York, 1886.
5. Edward F. Murphy, St. Thomas' Political Doctrine, Introduction, p. II.
6. H. J. Laski, Dangers of Obedience, p. 234. London, 1930.
7. H. N. Brailsford, Property or Peace, pp. 24-25, footnote. New York, 1934.
8. Leon Trotzky, Lenin, pp. 133-39. New York, 1925.
9. V. I. Lenin, On Organization, p. 209. Chicago, 1926.
10. George Sorel, Reflections on Violence, pp. 213-14.
11. Ibid. p. 295.
12. Ibid. p. 89.
13. W. Schneider, Making the Fascist State, p. 260. New York, 1929.
14. Ibid. p. 287.
15. Ibid. p. 351.
16. Ibid. p. 356.
17. Sir Robert Filmer, Patriarcha, pp. 65-67. London, 1679.
18. Graham Wallas, Our Social Heritage, p. 254, footnote. Yale University Press, 1921.
19. Abbott Lawrence Lowell, Conflict of Principles, p. 43. Cambridge, 1932.
20. Richard J. Cooke, Russia Under the Soviets, p. 113. New York, 1924.
21. Boris L. Brasol, Socialism vs. Civilization, pp. 7-8. New York, 1920.
22. Alison's Essays, vol. I ,p. 115. — Sir Guilford Molesworth, The Curse of Socialism, p. 23. London, 1918.
23. Leon Trotzky, Dictatorship vs. Democracy, p. 58.

## VIII

1. Babeuf's Manifesto of the Equals.
2. P. J. Proudhon, System of Economic Contradictions, pp. 283-84.

3. Dhurjati Prasad Mukerji, Basic Concepts of Sociology, p. 40.
4. Crane Brinton, art. "Equality" in Encyclopedia of Social Science, vol. V, p. 575.
5. Matthew Arnold, Mixed Essays, Equality, p. 69. New York, 1879.
6. Thomas Aquinas, Summa Theologica, 2a, 2ae, Q. CIV, a. 5.
7. Thomas Aquinas, 2 Sent., d. 6 Q. I, a. 4, 5.
8. Archives Parliamentaires ed. by Madival and Laurent, Paris, 1867-75, vol. VI, p. 69. — Beatrice Fry Hyslop, French Nationalism in 1789. New York, 1934.
9. Frank Allen Peake, The Riddle of the Ages, p. 28. Boston, 1929.
10. Peter Kropotkin, Conquest of Bread, p. 32. London, 1929.
11. Michael Bakunin, God and the State, p. 43, footnote.
12. Nicholas Murray Butler, True and False Democracy, p. 15. New York, 1907.
13. Benjamin de Casseres, Mencken and Shaw, pp. 117-18. New York, 1930.
14. William Samuel Lilly, A Century of Revolution, p. 120. London, 1889.
15. Papers Between Clarke and Leibnitz, p. 95. — William Godwin, Thoughts on Man, p. 198. London, 1831.
16. Kyung Durk Har, Social Laws, p. 26. University of North Carolina Press.
17. F. Nietzsche, Joyful Wisdom, sec. 354.
18. John A. Hobson, Rationalism and Humanism, p. 42. London, 1933.
19. Franklin H. Giddings, Studies in the Theory of Human Society, p. 78. New York, 1922.
20. F. Nietzsche, Human, All Too Human, p. 44. Chicago, 1919.
21. Lothrop Stoddard, The Revolt Against Civilization, pp. 30-31. New York, 1922.
22. A. Schaeffle, The Impossibility of Social-Democracy, p. 183. London, 1892.
23. Enrico Ferri, Socialism and Modern Science, pp. 20-21. New York, 1904.
24. E. T. Campagnac, Society and Solitude, pp. 159-61. Cambridge, 1922.
25. Robert Owen, Rational System of Society, p. I. London, 1872.

26. August Comte, Positive Philosophy, p. 155, vol. II. London, 1896.
27. Thomas Carlyle, Heroes and Herö-worship, pp. 191-92.
28. Rodbertus, Das Kapital, p. 96, 1884.
29. O. Spengler, Decline of the West, vol. II. New York, 1932.
30. סנהדרין פרק י"א, משנה א'.
31. Galatians, III, 28.
32. Crane Brinton, art. "Equality" in Encyclop. of Soc. Sc.
33. Henry Noel Brailsford, Property or Peace, p. 69.
34. Alexander Chittick, Eocial Evolution, p. 24, Peora, 1919.
35. Raymond G. Gettelle, History of Political Thought, p. 25. New York, 1924.
36. F. Engels, Feuerbach, p. 119. Chicago, 1906.
37. Samuel Dill, Roman Society in the Last Century of the Western Empire, I, c. i.
38. Fustel de Coulange, The Ancient City, pp. 78-79. Boston, 1874.
39. G. Glotz, The Greek City, p. 36. London, 1929.
40. Dhurjati Prasad Mukerji, Basic Concepts in Sociology, p. 41. London, 1932.
41. Paul Lafargue, Social and Philosophical Studies, p. 164. Chicago, 1906.
42. H. J. W. Hetherington and J. H. Muirhead, Social Purpose, p. 294. London, 1918.
43. ישעיה נ"ז, ט"ו.
44. Max Stirner, The Ego and His Own, p. 246. London, 1915.
45. J. S. Mackenzie, Outlines of Social Philosophy, p. 177. London, 1918.
46. Herold Joseph Laski, Dangers of Obedience, pp. 219-20. London, 1930.
47. George C. Brodrick, Political Studies, p. 221. London, 1879.
48. J. S. Mackenzie, Outlines of Social Philosophy, p. 175.
49. Geoffry Sainsbury, p. 59. London, 1933.